STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03888

DI MISHPOHE POLANETSKI

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

די משפחה פאלאנעצקי

יידיש: יונה שפעט

פארלאַג ח. בזשאַזאַ
ווארשע, 1926.

הילע בעצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי שיקאָרא און מילנער, נאַוואָליפּקי 6.

RODZINA POŁONIECKICH
H. SIENKIEWICZA
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. Sikora i Milner, Nowolipki 6.

צװײטער טײל

I.

בשעת די אַלע עגמת־נפשן, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט איבערגעלעבט, האָבן די געשעפטן פון האַנדלס־הויז דאָך זיך גוט אַנטוויקלט. אַ דאַנק ביגעלס געזונטן שכל, פלייסיקייט און וואַכזאַמקייט, זענען אַלע לויפנדיקע ענינים תמיד גלייך געוואָרן פּינקטלעך דערליידיקט, און דאָס האָט באַזייטיקט יעדע מעגלעכקייט פון אַנטוישונג, אומצופרידנקייט, באַקלאָגן זיך מצד די קונים פון הויז. דאָס האָט פון טאָג צו טאָג געקריגן אַ גרעסערן נאָמען, פּאַמעלעך און בהדרגה פאַרברייטערט זיין טעטיקייט, געוואַקסן אין די פעדערן. פּאָלאַניעצקי האָט, איבעריקנס, נישט געאַרבעט טאָקע מיט דער אַמאָליקער רויקייט, אָבער נישט ווייניקער פון ביגעלן. די פרימאָרגן־שעהן פלעגט ער טאָג־טעגלעך פאַרברענגען אין ביוראָ. און וואָס גרעסער עס זענען געווען זיינע גייסטיקע דאגות, וואָס טיפער עס זענען אַלץ געוואָרן די מיספאַרשטענדנישן צווישן אים און מאַרינאַין, זינט זי איז געקומען קיין וואַרשע, אַלץ פלייסיקער האָט ער געאַרבעט. דידאָזיקע אַרבעט, מערסטנטיילס אַ שווערע און וואָס האָט צייטנווייז געפאָדערט אַפילו אַ גענויג אָנגעשטרענגט טראַכטן, וואָס איז אָבער נישט געשטאַנען אין קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס עס האָט אים ווי געטון און וואָס

האָט קיין אינערלעכע דאגות נישט געקענט צו שאַנסן, איז ענדלעך באַ אים געוואָרן אַ מין האַפן, אין וועלכן ער האָט זיך באַהאַלטן פאַר דעם שטורעם. פּאָלאַניעצקי האָט זי אָנגעהויבן ליב האָבן. „דאָ, לכל-הפּחות, ווייס איך וואָס איך טו און צו וואָס איך שטרעב — האָט ער געזאָגט צו ביגעלן; — דאָ איז מיר אַלץ קלאָר: אויב איך וועל קיין גליק נישט געפינען, וועל איך לכל-הפּחות געפינען די פאַרברייטונג צום לעבן, און די פרייהייט, וואָס עס גיט דאָס געלט און אויב כ'וועל מסוגל זיין זיך צו באַגנוגן, איז אַזוי וויל צו מיר". די לעצטע געשעענישן האָבן אים בלויז פאַרפעסטיקט באַ דער דאָזיקער מיינונג. באמת טאַקע, כּצד די געפילן, זענען אויף אים געקומען אויסערגעוויינטלעכע עגמת-נפשן. די דאָזיקע זר'יעה האָט געגעבן אַ ביטערן שניט, בעת די דערפאָלגן, וואָס ער פלעגט האָבן, און וואָס שטאַרקן, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, און באַשיצן אין לעבן פון אומגליקן, האָט אים גאָר געגעבן דאָס האַנדלס-הויז. פּאָלאַניעצקי אַליין האָט דאָס געטראַכט מיט אַ געוויסער פאַרוווּנדערונג, אַז אַזוי איז עס, אָבער אַזוי איז עס נישט נישט געווען. ער אַליין האָט געפילט די נישטיקייט פון דער דאָזיקער באַפרידיקונג, וואָס דאָס הויז האָט געקענט געבן; אָבער גלייכצייטיק האָט ער געזאָגט צו זיך, אַז אויב עס איז אַנדערש נישט מעגלעך, דאַרף מען און ס'איז געזונטער זיך מיט דעם צובאַגנוגן, מחמת ס'איז בעסער צו זיין אויסשליסלעך אַ סוחר, וועלכן עס גייט, ווי צו זיין אַ ראָמאַנטיקער, וועלכן עס גייט נישט כּסדר. פון ליטקאַס טויט אָן האָט ער נאָך אוודאי געהאַט באַשלאָסן צו דערשטיקן אין זיך די אַלע אויפברויזן, וואָס די ווירקלעכקייט האָט נישט אַנטשפּראָכן און אים, אַ חוץ צרות, קיין שום זאַך נישט געברענגט. פאַרשטייט זיך, אַז ביגעלן האָט הנאה געטון פון דעם שותּפס דאָזיקער שטימונג, וואָס האָט דעם הויז געקענט ברענגען נאָר נוצן.

פּאָלאַניעצקי איז אָבער נישט בכּוח געווען אין משך פון עטלעכע וואָכן צו ווערן גלייכגילטיק צו דעם אַלעם-צו, וואָס זיין האַרץ איז אַמאָל געווען צוגעבונדן. צוליב דעם, האָט ער פון צייט צו צייט געפלעגט באַזוכן ליטקאַן, וואָס איר מצבה האָט אין

די פרימאָרגנס זיך שוין באַדעקט מיט אַ ווייסן ווינטער-הויך. צוויי מאָל האָט ער אויפן בית-עולם זיך געטראָפן מיט עמיליאַן און מאַריניאַן. איינמאָל האָט ער זיי אָפּגעפירט אין שטאָט אַריין, און דאַמאָלס האָט פרוי עמיליאַ אים אָנגעהויבן דאַנקען פאַר זיין געדענקען אָן דער קליינער. פאָלאַניעצקי האָט באַמערקט, אַז זי האָט עס געטון לפי-ערך רויק, ער האָט אָבער פאַרשטאַנען די רויקייט, בשעת זי האָט אים באַם געזעגענען אַ זאָג געטון: „איך טראַכט איצט כסדר, אַז זי, לעבנדיק אַליין אין דער אייביקייט, האָלט דאָס צעשיידן זיך פאַר אַזאַ קורצס, ווי אַן אויגנבליק — און איר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ נחמה דאָס איז, אַז זי בענקט כאָטש ניט.” פאָלאַניעצקי האָט אַ זאָג געטון צו זיך אין האַרץ: „מילאָ, אַז איך ווייס ניט, ווייס איך ניט! פונדעסטוועגן האָט די טיפע איבערצייגונג, מיט וועלכער די פרוי עמיליאַ האָט גערעדט, געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק: „אויב דאָס זענען אילוזיעס — האָט ער אַ טראַכט געטון — קיים זענען זיי בכוח אַפילו פון קבר-קעלער אַרויסצוציען זאַפטן פאַרן לעבן — זענען דאָס לעבנס-אילוזיעס...”

מאַריניאַ האָט, איבעריקנס, באַשטעטיקט, בשעת דעם ערשטן שמועס מיט פאָלאַניעצקין, אַז פרוי עמיליאַ לעבט נאָר מיט דעם געדאַנק. דאָס איינע האָט געלינדערט איר צער. גאַנצע טעג פלעגט זי מיט מאַריניאַן וועגן קיין אַנדער-ע זאַך ניט רעדן און האָט כסדר פאַרעקשנט אַלץ געחזרט, אַז דער טויט, געזען פון דער זייט פון גאָט, איז אַ צעשיידונג אויף איין אויגנבליק, אַז דידאָזיקע עקשנות האָט אָנגעהויבן באַאומרויקן מאַריניאַן.

— זי רעדט אויך וועגן ליטקאַן — האָט ענדלעך אַ זאָג געטון פריילין פּלאַוויצקאַ — ווי דאָס קינד וואָלט ניט האָבן געשטאָרבן און ווי זי וואָלט מאָרגן זי געקעגנט זען.

— דאָס איז נאָך אַ גליק — האָט געענטפערט פאָלאַניעצקי — וואַסקאָווסקי האָט איר געטון אַן אמתע טובה. אַזאַ טשוואָק אין קאָפּ טוט ניט וויי.

— זי איז דאָך גערעכט, ווייל אַזוי איז עס דאָך...

— איך וועל זיך ניט שפּאַרן.

מאַר־ביאַן האָט לעולם דאָס עקשנות, מיט וואָס עמיליאַ פלעגט זיך אומקערן כסדר צו איין געדאַנק באַאומרויִקט; פון דער צווייטער זייט אָבער האָט זי אַליין אויך נישט אַנדערש געקוקט אויפן לעבן, דעריבער האָט דער שאָטן פון סקעפּטיציזם, וואָס איז קענטיק געווען אין פּאָלאַניעצקיס ווערטער, זי אַ ביסל באַאומרויִקט און ווי געטון.

נישט וועלנדיק פונדעסטוועגן זיך מיט דעם אויסגעבן, האָט זי איבערגעביטן דעם שמועס.

— כ'האָב געלאָזט פאַרגרעסערן ליטקאַס פאָטאָגראַפיע — האָט זי אַ זאָג געטון — נעכטן האָט מען מיר געבראַכט דריי עקזעמפּלאַרן. איינעם האָב איך געגעבן עמילקאַן. כ'האָב פריִער מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל זי נישט צופיל דערשיטערן, אָבער איצט זע איך, אַז מען מעג עס. אדרבה: ס'וועט איר זיין זייער אָנגענעם.

זאָגנדיק דאָס, איז זי אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו די פּאָליצעס מיט ביכער, אויף וואָס עס זענען געלעגן איינגעוויקלט אין ביבולע די פאָטאָגראַפיעס, דערנאָך האָט זי זיך געזעצט לעבן פּאָלאַניעצקין באַם קליינעם טישל און אָנגעהויבן זיי אויפוויקלען.

— עמילקאַ האָט מיר דערציילט — האָט זי אַ זאָג געטון — וועגן אייערס אַ שמועס, קורץ פאַר דער קליינערס טויט, וואָס ליטקאַ האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן, איר דריי זאָלט זיין בעריאָזעס און וואַקסן איינס לעבן דעם אַנדערן. געדענקט איר דעם שמועס?

— יאָ, איך דערמאַן מיך. זי האָט זיך געחידושט, וואָס ביימער לעבן אַזוי לאַנג, בעכּדעם האָט זי געטראַכט, וואָס פאַראַ זי וואָלט געוואָלט זיין, איז איר צום בעסטן געפעלן אַ בעריאָזע.

— יאָ. און איר האָט געזאָגט, אַז איר וואָלט אויך וועלן וואַקסן דערלעבן. . . וואָלט איך אַרום דער פאָטאָגראַפיע, אויף אַ פּאַספּאַרטו וועלן אויסמאָלן בעריאָזעס. אָט, זעט איר, דאָ האָב איך אָנגעהויבן, אָבער עס גייט עפּעס נישט, ווייל ראשית האָב איך

שוין לאַנג קיין פאַרבן נישט געהאַט אין האַנט; שנית, קען איך פון קאָפּ נישט מאָלן.

זאָגנדיק דאָס, האָט זי אַרויסגענומען איינע פון די פאָטאָגראַפיעס און אָנגעהויבן ווייזן פּאָלאַניעצקין די מיט אַ קוואָרעל צוגעמאָלטע בעריאָזעס. היות אָבער זי איז געווען אַ ביסל קורצזיכטיק, האָט זי זיך איינגעבויגן איבער איר אַרבעט אַזוי, אַז איר שלייף האָט אַקעגן אַ ווײַלע זיך געפונען לעבן פּאָלאַניעצקיס שלייף.

זי איז שוין נישט געווען בײַ אים די אַמאָליקע מאַרינייאַ, וועגן וועלכע ער האָט געטרוימט, ווען ער פלעגט אָוונטצײַט זיך אומקערן פון פרוי עמיליאַן, וואָס האָט אים דאַמאָלס די גאַנצע נשמה זײַנע אויסגעפילט. די צײַט איז אַוועק. זײַנע רעיונות זענען אַוועק אין אַן אַנדערע ריכטונג. מאַרינייאַ האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו זײַן אַ פּרויען-טיפּ, וואָס מאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן שטאַרקן רושם אויף זײַנע מאַנסבילישע נערוון. און איצט, בשעת איר שלייף האָט כמעט אָנגערירט זײַנע, בשעת ער האָט מיט איין בליק אַרומגענומען איר גאַנץ געזיכט, אירע אַ ביסל פאַרויטלטע באַקן און די אַריבערגעבויגענע איבערן געמעל — פיגור, האָט ער דערפילט די גליסטונג מיט דער אַמאָליקער קראַפט און דאָס שטראָמיקע בלוט האָט גענומען אויך אָניאָגן שטראָמיקע געדאַנקען אין קאָפּ אַרײַן.

„ווען איך זאָל איצט אָנהייבן קושן אירע אויגן און ליפּן — האָט ער צו זיך געזאָגט — אינטערעסאַנט, וואָס וואָלט זי געטון?“

און ס'האָט אים אַן אויגנבליק אָנגעכאַפּט אַ חשק עס צו טון, ווען אפילו ער זאָל מיט דעם באַליידיקן אויף טויט מאַריניאַן. פאַר דעם לאַנגן אָפּשטויסן אים, פאַר אַזוי פיל אומרו, דאגות און עגמת-נפש, וואָלט ער וועלן האָבן אַזאַ רגע שכר און — אפשר אגב-אורחא — אויך נקמה.

— היינט ווייזט עס זיך מיר אויס נאָך ערגער, ווי נעכטן. צום אומגליק, האָבן די ביימער איצט נישט קיין בלעטער און איר וועל קיין מאָדעל נישט קענען געפינען.

— ניין — האָט אַ זאָג געטין פּאָלאַניעצקי — ס'איז גאָנישט קיין שלעכטע גרופּע. אויב די ביימער אָבער דאַרפן פאָרשטעלן מיט זיך פרוי עמיליאַן, ליטקאַן און מיך — פאַרוואָס זשע האָט איר געמאַכט פיר בעריאָזעס?

— די פירטע, בין איך — האָט מיט אַ געוויסער אומדרייסט קייט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — איך וואָלט אויך וועלן אַמאָל וואַקסן אַזוי צוזאַמען...

פּאָלאַניעצקי האָט שנעל אויף איר אַ קוק געטון, זי ווידער, פאַרוויקלענדיק צוריק די פאָטאָגראַפיעס, האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי זי וואָלט זיך איילן:

— אַזוי פיל זאַכן האָבן זיך פאַר מיר פאַרבינדן מיט דער דערמאָנונג וועגן דעם קינדלעב... כ'בין די לעצטע צייט כמעט כסדר געווען מיט איר און מיט עמילקאַן... עמילקאַ איז פאַר מיר היינט איינע פון די נאָענטסטע פערזאָנען אויף דער וועלט... איך האָב פונקט אַזוי געהערט צו זיי, ווי איר... כ'ווייס נישט, ווי זאָל איך דאָס זאָגן... מיר זיינען געווען פיר, איצט זענען מיר געבליבן דריי — צוזויפגעקניפט דורך ליטקאַן... ווייל זי האָט אונדז צוזויפגעקניפט... איך טראַכט איצט פון עמילקאַן און פון אייך, ווי וועגן איר... דעריבער האָב איך באַשלאָסן אויפצומאָלן פיר בעריאָזעס, און איר זעט דאָך, אַז איך האָב דריי פאָטאָגראַפיעס: איינע פאַר עמילקאַן, איינע פאַר מיר און איינע פאַר אייך.

— אַ דאַנק אייך — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי, אויסציענדיק צו איר די האַנט.

מאַריניאַ האָט זי אים זייער האַרציק אַ דריק געטון און געזאָגט:

— צוליב דעם דאַרפן מיר פאַרגעסן אָן אַלע אַמאָליקע תרעומותן זונדזערע.

— דאָס איז שוין געשען, — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — וואָס שייך צו מיר, האָב איך געוואָלט, אַז עס זאָל שוין זיין אַזוי נאָך לאַנג פאַר ליטקאַס טויט.

— האָט זיך פֿון דאַמאָלס אָן, הייסט עס, אָנגעהויבן מײַן שולד, וואָס איך בעט מיר מוחל זײַן.

און זי האָט ווידער דערלאַנגט די האַנט. פּאָלאַניעצקי האָט זיך געוואַקלט אַ ווײַלע, צי זאָל ער זי צוטראָגן צו די ליפּן, האָט עס אָבער נישט געטון, נאָר אַ זאָג געטון:

— אַלזאָ, שלום?

— און פֿרײַנטשאַפֿט! — האָט געענטפֿערט מאַריניאַ.

— און פֿרײַנטשאַפֿט.

אין אירע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ טיפֿע, רויִקע פֿרייד, וואָס האָט באַשטראַלט איר גאַנץ געזיכט מיט אַ מילדן שײַן. זי האָט איצט געהאַט אין זיך אַזוי פֿיל גוטסקייט און צוטרוי, אַז פּאָלאַניעצקין איז נישט ווילנדיק געקומען אויפֿן געדאַנק די אַמאָליקע מאַריניאַ, וועלכע ער האָט געזען אין קרעמיען, ווען זי איז געזעסן אויפֿן גאָרטן-גאַנעק, אין שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון.

דאָך איז ער פֿון ליטקאַס טויט אָן געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז ער פֿלעגט אַזעלכע מחשבות האַלטן פֿאַר אומווירדיק, דעריבער האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און גענומען זיך געזעגענען.

— איר וועט נישט בלײַבן מיט אונדז אַ גאַנצן אָוונט? — האָט אַ פֿרעג געטון מאַריניאַ.

— ניין, פֿרײַלין, איך מוז אַוועק.

— איך וועל זאָגן עמילקאַן, אַז איר גייט אַוועק — האָט זי אַ זאָג געטון, צוגייענדיק צו דער שכנותדיקער טיר.

— זי טראַכט איצט אָדער וועגן ליטקאַן, אָדער איז מתפּלל, אַנישט וואָלט זי געוווּן אַליין אַרײַנגעקומען. רײַסט איר נישט איבער, איך וועל דאָך סײַ ווי מאָרגן קומען.

דערויף האָט זיך מאַריניאַ דערנענטערט צו אים און קוקנדיק אים מיט גרויס האַרציקייט אין די אויגן, האָט זי אַ זאָג געטון:

— מאָרגן און יעדן טאָג. נישט אמת? געדענקט, אַז איר זײַט איצט פֿאַר אונדז „הער סטאַך".

זינט ליטקאַס טויט האָט מאַריניאַ צום צווייטן מאָל אים

אַנגעריִן אַזוי, גייענדיק דעריבער אַהיים צו זיך, האָט פּאָלאַניעצ-קי געטראַכט:

— איר באַציִונג צו מיר האָט זיך לחלוטין געענדערט. זי פילט פּשוט, אַז זי געהערט צו מיר, מחמת זי האָט זיך אויף דעם מתחייב געווען דורך איר הבטחה, וואָס זי האָט געגעבן דעם שטאַרבנדיקן קינד. זי איז אפילו גרייט זיך צו פאַרליבן אין מיר און וועט זיך נישט דערלויבן זיך נישט צו פאַרליבן... מיר האָבן אַזעלכע אויפן טיץ.

און ער האָט פּלוצלינג זיך אָנגעהויבן בייזערן:

— איך קען די פיש-נאַטורן מיט די קאַלטע הערצער און עקזאַלטירטע קעפּ, וואָס זענען פול מיט די אָזויגערופענע פּרינ-ציפּן. אַלץ לשם פּרינציפּ, אַלץ לשם חוב — קיין שום זעלבסט-שטענדיקס נישט אין האַרץ! איך וואָלט געקענט פּגרן בײַ אירע פיס און גאָרנישט מאַכן; ערשט אַז די פּליכט הייסט זי מיך ליב האָבן, וועט זי אפילו אויף אַן אמת ליב קריגן.

משמעות, אַז פּאָלאַניעצקי איז אינם גרונד זיין זייענדיק אין אויסלאַנד, געוווינט געווען צו אַן אַנדער מין פרויען; לכל-הפּחות האָט ער וועגן אַנדערע זיך אַנגעלייענט אין די ביכער. היות אָבער ער האָט געהאַט אַ ביסל אין זיך אַ געזונטן פאַרשטאַנד אויך, האָט אים דערדאָזיקער פאַרשטאַנד אָנגעהויבן דרשענען:

— הער, פּאָלאַניעצקי — (האָט ער אַ זאָג געטון) — דאָס זע-נען דאָך טאַקע אויסדערוויילטע נאַטורן, אומגעהייער זיכערע, אויף וועלכע מען קען שטעלן, אויף וועלכע מען קען אָנשפּאַרן דאָס לעבן, ביסט משוגע געוואָרן! דו האָסט דאָך געוואָלט אַ ווייב, נישט קיין פאַרביילויפנדיקע ליבע-אַוואַנטורע.

פּאָלאַניעצקי האָט אָבער נישט אויפגעהערט זיך צונויפצו-קאָרטשען און געענטפערט דעם שכל:

— אויב איך דאַרף זיין געליבט, וויל איך זיין געליבט צו-ליב זיך אַליין.

דער שכל האָט אים געפּרווט אויסטייטשן נאָך, אַז ס'איז אַלציינס, ווי אַזוי די ליבע הייבט זיך אָן, ווייל שפּעטער קען ער סיי-ווי אַנדערש נישט געליבט ווערן, ווי פאַר זיך אַליין, אין דעם

פֿאַל ווידער, נאָך די אַלע געטועכצן און אויפֿרעגונגען, איז עס אַ זאַך אַ נאַטירלעכע און גלייכצייטיק כמעט אַ נס, כמעט מן השמים, אַז ס׳איז געשען אַזוינס, וואָס האָט מיטאַמאָל צעבראָכן די שלעסער. פֿאָלאַניעצקי האָט אָבער אַלץ זיך נישט אויפֿגעהערט צו בלאָזן.

דעם שכל איז ענדלעך געקומען צו הילף אויך די גליסטונג און די סימפּאַטיעס צו מאַרינ־יאַן, צוליב וואָס פֿאָלאַניעצקי האָט אין איר געזען מער חן, ווי אין יעדער אַנדערער פֿרוי, די דאָזיקע גליסטונג האָט אים נאָכדעם געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט, צי דו האָסט זי ליב, צי נישט, אָבער היינט, ווען זי האָט זיך מיט אַקסל און געזיכט דערנענטערט צו דיר, ביסטו שיִער פֿון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען. פֿאַרוואָס לויפֿט דיר נישט דורך אַזאַ שוידער, ווען דו זיצסט מיט אַן אַנדערע פֿרוי? באַטראַכט נאָר דעם חילוק!

פֿאָלאַניעצקי האָט אָבער אויף דעם אַלעם געענטפֿערט:

— אַ פֿיש! אומבאַדינגט אַ פֿיש!...

און ווידער איז אים געקומען אַ געדאַנק: „כאַפּ־זשע זי, קוים ווילסטו דאָס מין מער, ווי אַן אַנדערס. מענטשן האָבן פֿונדעסטוועגן חתונה, און אויף דיר איז שוין אויך צייט. וואָס ווילסטו מער אויסזוכן? ביסטו אַליין דען פֿון דעם מין ליבע, וואָס ביסט דער ערשטער גרייט אויסצולאַכן... דיין ליבע איז פֿאַרלאָשן געוואָרן — גוט! געבליבן איז אָבער די גליסטונג און די איבערצייגונג, וואָס דו האָסט פֿונדעסטוועגן, אַז זי איז אַן ערלעכע און זיכערע פֿרוי״.

— יאָ — האָט ער ווייטער געטראַכט — אָבער פֿון ליבע, נאַרישע, צי קלוגע, שטאַמט ווילן, צי האָב איך אים דען איצט? נײַן, וואָרן איך וואַקל זיך, בשעת פֿריִער האָב איך זיך נישט געוואַקלט. שנית, דאַרף מען אָפּוועגן, וואָס ס׳איז בעסער; פֿריילין פּלאַוויצקאַ, צי „דעבעט״ און „קרעדיט״, אינם הויז אונטער דער פֿירמע ביגעל און פֿאָלאַניעצקי. געלט גיט קראַפֿט און פֿרייהייט. געניסט מען צום בעסטן דאַמאָלס, ווען מען טראָגט נישט קיינעם נישט אויף די אַקסלען, נישט אין האַרץ.

אַזוי טראַכטנדיק, איז ער צוהיימגעקימען און זיך געלייגט שלאָפן. באַנאַכט האָבן זיך אים געחלומט בעריאָזעס אויף זאַמדן, רויקע האָר, בלויע אויגן און אַ שטערן אָן אַרומגעזיימטער מיט שוואַרצע האָר, פון וואָס עס האָט געשפּרודלט מיט וואַרעמקייט.

II.

אין עטלעכע טעג אַרום, אײנדערפרי, אײדער ער איז אַוועק אין ביוראָ, איז צו אים געקומען מאַשקע.

— איך קום צו דיר מיט אַ טאָפּלטן ענין — האָט ער אַ זאָג געטון — איך הייב אָבער אָן וועגן דעם געלט-ענין, כּדי דיר צולאָזן די פרייהייט צו זאָגן: „יאָ, אָדער ניין".

— מיין טייערער, די געלט-ענינים דערליידיק איך אין ביוראָ, הייב-זשע דעריבער אָן פונם צווייטן.

— דאָס איז נישט קיין ענין פון אייער הויז, נאָר אַ פּריוואַטער, דעריבער וואָלט איך ליבערשט וועלן רעדן וועגן אים פּריוואַט. דו ווייסט, כ'האָב חתונה, דאַרף איך געלט. הוצאות האָב איך, ווי האָר אין קאָפּ, דערביי צאָלונגען אָן אַן ערך. עס רוקט אונטער דער טערמין צו צאָלן די ערשטע ראַטע פון דעם חוב אויף קושעמיען, וואָס איך האָב באַ דיר אָפּגעקויפט. צי קענסטו מיר נישט אָפּלייגן דעם טערמין אויף נאָך אַ קוואַרטל?

— כ׳וועל מיט דיר זיין אויפריכטיק — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — איך קען, נאָר כ׳וויל נישט.

— מילא, וועל איך אויך זיין אויפריכטיק און פרעגן זיך: וואָס וועסטו טון, אַז כ׳וועל דיר נישט באַצאָלן?

— דאָס טרעפט זיך אויך אויף דער וועלט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — אָבער דאָסמאָל האַלטסטו מיך פאַר מער שוטה, ווי כ׳בין, ווייל כ׳ווייס, אַז דו וועסט באַצאָלן.

— פונוואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער?

— האָבנדיק חתונה און צו דעם נאָך רייך, קענסטו דיך נישט אַריינלייגן אין אַ שם פון אַן אַנזעצער. וועסט פון אונטער דער ערד אַרויסבאַקומען און צאָלן וועסטו.

— פון לײדיקן וועט שלמה המלך אַליין נישט צוגיסן.

— ווייל ער האָט בײַ דיר קיין לעקציעס נישט גענומען, מיין טייערער, קיינער הערט דאָך אונדז נישט, וועל איך דיר זאָגן, אַז דאָס גאַנצע לעבן טוסטו נישט עפּעס אַנדערש.

— ביסטו, הייסט עס, זיכער, אַז כ׳וועל צאָלן?

— יאָ.

— ביסט גערעכט. כ׳האָב געוואָלט פון דיר אַ טובה, אויף וואָס איך האָב קיין רעכט נישט, נאָר ענדלעך פיל איך זיך שוין אויך פאַרמאַטערט פון דעם... דאָ זיך מעקן, דאַרט זיך שטעלן — אייביק לעבן אין אַזאַ מין קאָפּ-דרייעניש — עס שטייגט סוף-כּל-סוף איבער די מענטשלעכע כּוחות!... איך קום כּלומרשט שוין צו צו אַ ברעג, זיין צוויי חדשים אַרום וועל איך שטיין אויף די פיס, אָבער דערווייל שווים איך צו מיטן רעשט בּ כּל דאַמף... קענסט נישט, מילא!... פאַרהאַן אַ ביסל וואַלד אין קושעמיען — וועל איך עס אויכהאַקן און באַצאָלן, אויב מען קען אַנדערש נישט.

— וואָס פאַר אַ וועלדער דאַרט אין קושעמיען! דער אַלטער האָט עס אָפּגערייניקט, וויפיל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט.

— פאַרהאַן אַ גרויסער דעמבענער וואַלד הינטער דעם הויף צו ניעדזיאַלקאָווצע.

— אמת. פאַרהאַן.

— כ׳ווייס, אַז דו מיט ביגעלן מאַכסט אַמאָל אַזעלכע גע־שעפטן אויך. קויפט באַ מיר אָפּ דעם דעמבּבענעם וואַלד. עס וועט מיר פאַרשפּאָרן צו זוכן אַ קונה, און איר קענט האָבּן ריווח.

— כ׳וועל אַ שמועס טון פון דעם מיט ביגעלן.

— זאָגסטו מיר פאָרויס נישט אָפּ?

— ניין. אויב וועסט פאַרקויפן ביליק... וואָלט איך אפשר אליין אויך... אָבער באַ אַזעלכע עסקים דאַרף איך אויסחשבונען די מעגלעכע ריווחים און היזקות. כ׳וויל אויך וויסן דיינע תנאים. באַרעכן זיך אויך. שיק מיר אַן אויסווייז, וויפל ס׳איז פאַרהאַן — און וואָס פאַר אַ שטיקער, איך געדענק עס נישט.

— אין אַ שעה אַרום וועל איך עס דיר צושיקן.

— אויב אַזוי, וועל איך דיר אין אָוונט געבּן אַ תשובה.

— איין תנאי רעד איך מיך לכתחילה אויס: וועסט נישט האָבּן קיין רעכט צו שניידן דעם וואַלד פריער, ווי אין צוויי חדשים אַרום.

— פאַרוואָס?

— ווייל קזשעמיען פאַרלירט אַ סך אָן דער באַש׳ינונג, וועל איך דיר נאָך דער חתונה פאַרלייגן צוריק צו קויפן, פאַרשטייט זיך מיט אַ געהעריקן ריווח.

— מיר וועלן זען.

—אַ חוץ דעם האָב איך אין קזשעמיען אַ מערגל. געדענקסט, אַז דו האָסט עס מיר אַליין דערציילט. פלאַוויצקאַ האָט עס גע־שאַצט אין די מיליאָנען — אָבער דאָס זענען שטותים — נאָר אין די הענט פון געשיקטע מענטשן, קען עס אַמאָל זיין נישט קיין שלעכט געשעפט. גיב אַ טראַכט מיט ביגעלן אויך וועגן דעם. איך וואָלט אייך אַריינגענומען פאַר שותפים.

— אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ גוט געשעפט; איז עס דאָך אויף דעם אונדזער הויז, אַז עס זאָל מאַכן גוטע געשעפטן.

— וועלן מיר, הייסט עס, אַ שמועס טון וועגן דעם שפּע־טער, און איצט לאָמיר זיך אומקערן צום דעמבּבענעם וואַלד. די ראשי־פּרקים פון אונדזער אָפּמאַך זאָל זיין אַזאַ, אַז אַנשטאָט

די ראַטע, וואָס עס קומט דיר, גיב איך דיר דעם וואַלד, אָדער אַ טייל, לויטן חשבון; איך גיב דיר אים פאַר אַ משכון, דו ווידער וועסט זיך מתחייב זיין נישט אויסצוהאַקן אים פאַרן ערשטן קוואַרטל.

— דאָס קען איך טון — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — פאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער וועלן גיין אַזעלכע פראַגן, ווי דאָס צושטעלן די דעמבעס צו דער באַן א. אַז. וו., וועגן וואָס מיר וועלן רעדן באַם אָפּשרייבן זיך, אויב מיר וועלן בכלל זיך אָפּשרייבן.

— הייסט עס, איין משא לכל־הפּחות איז אַראָפּ פון קאָפּ! — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ, רייבנדיק מיט דער האַנט דעם שטערן. — שטעל דיר פאָר, אַז כ׳האָב אַזעלכע מינים צען־פופצען אַ טאָג, נישט רעכנענדיק די שמועסן מיט פרוי קרעצ־לאַווסקאַ, וואָס זענען שווערער פאַר אַלץ, און דאָס דינען דער כּלה, וואָס...

דאָ האָט מאַשקאָ זיך אַ ביסל פאַרהאַקט, אָבער פּלוצלינג האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און צוגעגעבן:

— וואָס איז אויך נישט קיין לייכטע זאַך...

פּאָלאַניעצקי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט פאַרוווּנדע־רונג. אין מאַשקאָס אויגן, וועלכער האָט אַזוי אָפּגעהיטן די וועלט־לעכע מנהגים אין יעדן וואָרט, איז עס געווען אַן אומדערהער־טע זאַך.

מאַשקאָ האָט ווייטער גערעדט:

— אָבער דאָס זענען שטותים. געדענקסט, ווי פאַר ליט־קאָס טויט איז צווישן אונדז שוין נישט געקומען צו אַ קריגע־ריי... איך האָב זיך נישט גערעכנט מיט דעם, אַז דו האָסט זייער ליב געהאַט די קליינע, אַז דו ביסט געווען אומרויִק, צערייצט, און כ׳האָב גראָב געהאַנדלט... די שולד איז אינגאַנצן געווען אויף מיין זייט, איך בעט דיך דעריבער איבער.

— כ׳האָב שוין פאַרגעסן אין דעם — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— כ׳האָב זיך דערמאַנט אין דעם דערפאַר, ווייל כ׳דאַרף

דיך בעטן אַ טובה. די מעשה איז אַזוי: כ׳האָב נישט קיין גוטע פריינט; קרובים, צו כ׳האָב נישט, צי כ׳האָב יאָ אַזעלכע, מיט וועלכע עס לוינט זיך נישט פאַרצושטעלן. איצט מוז איך זוכן אונטערפירערס און אויף מיין וואָרט, כ׳ווייס נישט, צו וועמען זיך צו ווענדן... דו ווייסט, כ׳האָב געהאַט אין די הענט געשעפטן פון פאַרשידענע פריצימלעך... אָבער בעטן אַ ליאַדע לץ, ווייל ער האָט אַ טיטל — לאָזט זיך נישט און עס גלוסט זיך נישט. עס גייט אין דעם, כ׳זאָל האָבן אונטערפירערס אָרנטלעכע מענטשן, און כ׳וויל דיר זאָגן אָפן — אָרנטלעכע פאַמיליע-נעמען... דאַמען קוקן אויך אויף דעם שטאַרק אַלזאָ ביסטו מסכים צו זיין אַן אונטערפירער?

— כ׳וואָלט עס דיר נישט אָפּגעזאָגט, ווען דו זאָלסט צו מיר קומען באַ אַנדערע אומשטענדן, כ׳וועל דיר זאָגן, ווי די זאַך איז. קוק: איך טראָג נישט קיין קרעפּ אויפן היט, נישט קיין ווייסע שנירלעך באַם סורדוט. בין איך הייסט עס נישט קיין אבל, דאָך, גיב איך דיר מיין וואָרט, אַז כ׳בין מער אבל, ווי ס׳וואָלט באַ מיר אַן אייגן קינד געשטאָרבן...

— יאָ, כ׳האָב דאָס נישט באַרעכנט — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ — אַנטשולדיק מיר.

פּאָלאַניעצקין האָבן די לעצטע ווערטער גענומען:

— איבעריקנס, אויב עס גייט דיר שטאַרק אין דעם... אויב דו וועסט באמת עמעצן אַנדערש נישט געפינען — זאָל זיין, ווי דו ווילסט, כ׳זאָג דיר אָבער ערלעך, אַז נאָך אַזאַ לוויה איז מיר שווערלעך צו זיין אויף אַ חתונה.

פּאָלאַניעצקי האָט טאַקע נישט געזאָגט: „אויף אַזאַ חתונה“, מאַשקאָ אָבער האָט געכאַפּט זיין געדאַנק.

— באַ דעם — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — איז פאַרהאַן נאָך אַ טעם. האָסט אוודאי געהערט, אַז ס׳איז געווען איינער, אַ דאָקטאָר נעבעך... וואָס איז געווען אויף טויט פאַרליבט אין דיין כלה. זי האָט אים געמעגט נישט ענטפערן מיט ליבע, און קיינער קען איר קיין פאַרוואורף נישט מאַכן. יענער אָבער איז אַוועק ערגעץ, ווו דער שווארצער פעפער וואַקסט, און דער רוח

האָט אים געגומען... פאַרשטייסט? — איך בין געווען זיינס אַ פריינט, האָט ער פאַר מ׳ר אָנגעטרויט זיין אומגליק און האָט אין מיין בוזעם אריינגעווייגט — פאַרשטייסט? ... באַ אַזעלכע באַדינגונגען עמעצן אַנדערש איינטערפירן — זאָג דו אַליין?

— און יענער טאַקע איז באמת געשטאָרבן פון ליבע צו מיין כלה?

— האָסט נישט געהערט פון דעם?

— נישט בלויז נישט געהערט, נאָר די אויערן מיינע נישט געגלייבט...

— ווייסט וואָס, מאַשקאַ, דאָס חתונה האָבן מאַכט נישט בלויז אַנדערש דעם מענטש, נאָר איך זע, אַז אַפילו דאָס זיין אַ חתן, איך דערקען דיך ממש נישט.

— ווייל, ווי כ׳האָב דיר געזאָגט, כ׳בין אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ס׳פעלט מיר שוין אויס אָטעם, און אין אַזעלכע פאַלן פאַלט די מאַסקע אַראָפ.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— איך מיין, אַז עס זענען פאַרהאַן צווייערליי מינים מענטשן: אַזעלכע, וואָס מאַכן זיך פון קיין זאַך גאָרנישט און פאַסן צו זייער האַנדלונג צו יעדן אומשטאַנד באַזונדער, אַנדערע ווידער האָבן אַ סיסטעם, באַ וואָס זיי האַלטן זיך מער אָדער ווייניקער קאָנסעקווענט. איך געהער צום צווייטן מין. איך בין געווינט אָפּצוהיטן דאָס אויסערליכע אויסזען, באַכמער, כ׳האָב זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם, אַז ס׳איז ענדלעך געוואָרן אַ צווייטע באַטור. זעסטו, ווען מען וואַנדערט למשל איינער אַליין אין אַ גרויסע היץ — דאַמאָלס קען אויף דעם עלעגאַנטסטן מענטש אַפילו קומען אַזאַ מינוט, ווען ער וועט זיך נישט בלויז דעם סורדוט, נאָר אַפילו דאָס וועסטל צעקנעפּלען.

— דאָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז איך בין ממש פאַרחידושט פון דער ידיעה, אַז עמעץ האָט זיך געקענט פאַרליבן אין מיין כלה, וואָס איז, ווי דו האָסט מיר אַמאָל אין כעס געגעבן אָנצוזוגעהערן: קאַלט, שטייף און אַזוי מעכאַניש אין אירע באַוועגונגען, ווער-

טער און געדאַנקען, ווי זי וואָלט זיין אָנגעדרייט מיט אַ שליסל. דאָס אַלץ איז לחלוטין אמת — און איך באַשטעטיק עס. כ'וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיך האַלטן פאַר אַ גרעסערן גאַרנישט, ווי כ'בין. איך האָב זי נישט ליב און מיין חתונה האָבן וועט זיין פונקט אַזוי קאַלט און שטייף, ווי מיין כלה גופא. כ'האָב ליב געהאַט פריילין פלאַוויצקאַ, וועלכע האָט מיך אָפּגע-שטויסן. פריילין קרעסלאָווסקאַ נעם איך צוליבן געלט. אויב דו וועסט זאָגן, אַז דאָס איז אַ געמיינהייט, וועל איך דיר ענטפערן, אַז די געמיינהייט זענען באַגאַנגען און באַגייען טויזנטער פון די אַזוי גערופענע אָרנטלעכע לייט, וועלכע דו דערלאַנגסט די האַנט און וועלכע, נאָכמער רבותא, דאָס לעבן זייערס רינט נישט און שווימט נישט אין נחת, אָבער אויך נישט, ווי אַ טראַגעדיע. עס הינקט אונטער, אָבער עס גייט... שפּעטער העלפט אונטער דאָס צוגעוווינען זיך, די אָפּגעלעבטע יאָרן, וואָס ברענגען עפּעס אַ צוגעבונדנקייט. קינדער, וואָס ווערן געבוירן — און עס גייט ווי נישט איז! דאָס רוב שידוכים זענען אַזעלכע, מחמת דאָס רוב מענטשן, ווילן ליבערשט גיין אויף דער ערד, איידער קריכן אויף שפּיץ בערג. צייטנווייז זענען אַנדערע שידוכים אפילו ערגער — ווייל למשל, ווען אַ פרוי וויל לויפן און דער מאַן קריכן, אָדער פאַרקערט — איז קיין אויסזיכטן אויף קיין הככם נישטאָ. וואָס שייך מיר, האָב איך זיך אָנגעאַרבעט, ווי אַן אָקס. שטאַמענדיק פון אַ געפאַלענער משפּחה, האָב איך געוואָלט אַרויסשווימען — כ'בין זיך אין דעם מודה. כ'זאָל געווען וועלן בלייבן אַן אומבאַוווסטע אַדוואָקאַט און בלויז מאַכן געלט, וואָלט איך עס געווען אפשר געמאַכט און פאַר מיין קינד געווען גע-עפנט ברייט די טויערן צום לעבן. איך האָב אָבער נישט ליב מיי-נע קינדער איידער נאָך זיי קומען אויף דער וועלט — כ'האָב אַליין געוואָלט נישט בלויז האָבן געלט — נאָר זיין עפּעס, באַ-דייטן עפּעס, פאַרנעמען עפּעס אַן אָרט, האָבן וואָג, ווי מען קען נאָך בײַ אונדז פאַרנעמען, לפּחות אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער סוף איז געווען, אַז וואָס דער אַדוואָקאַט האָט פאַרדינט, האָט דער גרויסער מאַן פאַרשלונגען. די שטעלונג פאַרפליכטעט. דע-

ריבער האָב איך קיין געלט נישט. עס האָט מיר דערעסן דאָס צעשליידערן זיך, וואָס באַשטייט אינעם מאַכן אַ לאָך אויף איין אָרט און צו פאַרשטופּן מיט דעם אַ צווייטס — און דעריבער נעם איך פריילין קרעסלאָווסקאַ, וועלכע האָט ווידער מיט מיר חתונה צוליב דעם, ווייל זי נישט אינדערמאָתן, בין איך אויסערלעך אַ גרויסער פּריץ, אָדער ריכטיקער, כ'מאַך דעם אָנשטעל פון אַ גרויסן פּריץ, וועלכער שפּילט זיך מיט אַדוואָקאַטעריי... דער שידוך איז אַ גלייכער, קיינער האָט קיין עוולה נישט און איינער דעם אַנדערן גענאַרט נישט, אָדער ווען דו ווילסט, נאַרן מיר זיך ביידע גלייך. אָט איז דער גאַנצער אמת, און איצט, אויב דו ווילסט, קענסטו מיך פאַראַכטן.

— אויף מיין וואָרט, אַז איך האָב דיך קיינמאָל אַזוי נישט געשעצט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — ווייל איצט באַוווּנדער איך נישט בלויז דיין אויפריכטיקייט, נאָר אויך דיין דרייסטקייט.

— איך נעם צו דעם קאָמפּלימענט פאַר אַן אמת, אָבער אין וואָס זעסטו די דרייסטקייט.

— אין דעם, אַז האָבנדיק אַזוי ווייניק אילוזיעס בנוגע פריילין קרעסלאָווסקאַ, האָסטו דאָך מיט איר חתונה.

— ווייל כ'בין קלוגער, ווי נאַריש. כ'האָב געזוכט געלט. — דאָס איז אמת, מיינסטו אָבער, אַז צוליב געלט וואָלט איך חתונה געהאַט מיט אַ ליאַדע מיידל, וואָס פאַרמאָגט עס? באמת נישט, מיין טייערער. איך נעם פריילין קרעסלאָווסקאַ און ווייס, וואָס איך טו. פריילין קרעסלאָווסקאַ האָט אירע גרויסע מעלות, וואָס זענען נייטיק אין די באַדינגונגען, באַ וואָס איך נעם זי, און אין וואָס זי האָט מיט מיר חתונה. פריילין קרעסלאָווסקאַ וועט זיין אַ קאַלט, אומאָנגענעם, זויער ווייב, אפילו אַ פאַראַכטנדיקע, אויב זי וועט פאַר מיר קיין מורא נישט האָבן. פריילין קרעסלאָווסקאַ אָבער, פּונקט ווי איר מוטער, האָט אַ רעליגיעזן יראת הכבוד פאַר אויסערלעכקייט, פאַר דעם, וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט נישט, און בכלל פאַר דער אַזוי גערופענער אָנשטענדיקייט. דאָס איז איינס. ווייטער פאַרמאָגט זי נישט אין זיך קיין איין קערנדל,

פון וואַז עס וואַקסן אויס אַוואַנטוריסטינס — און דאָס לעבן מיט איר, ווי אומאָנגענעם עס זאָל נישט זיין, ווערט עס זיך קיינמאָל מיט קיין סקאַנדאַל נישט ענדיקן. דאָס איז צווייטנס. דריטנס, איז זי אין אַלעם אַ פּעדאַנטין, הן אין פּרומקייט, הן אין דערפילן אירע אַלע התחייבותן, וואָס זי נעמט אויף זיך. דאָס איז שוין באמת אַ גרויסע מעלה. גליקלעך וועל איך מיט איר נישט זיין, אָבער רויק וועל איך קענען זיין, און ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט דער מאַקסימום, וואָס מע קען אין לעבן פאָדערן. כ׳זאָג דיר, מיין טייערער, אַז דו וועסט נעמען אַ ווייב, טראַכט קודם-כל וועגן דער קומענדיקער רו. אין אַ געליבטער זוך דיר, וואָס דו ווילסט: וויץ, טעמפּעראַמענט, פּאָעטישע שטימונג, פּילבאַרקייט, צבער מיט אַ ווייב דאַרף מען לעבן יאָרן — זוך דעריבער אין איר דאָס, וואָס מען קען זיך דערויף אָנשפּאַרן — זוך פרי. ציפּן.

— איך האָב דיך קיינמאָל פאַר קיין נאַר נישט געהאַלטן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — כ׳זע אָבער, אַז דו האָסט מער שכל, ווי כ׳האָב געמיינט.

— ווייל, פאַרשטייסטו מיך, אונדזערע פרויען למשל פון די געלט-קרייזן, בילדן זיך טאַקע אויפן פראַנצויזישן ראָמאַן, ווייסטו אָבער, וואָס עס קומט פון דעם אַרויס?

— מער אָדער ווייניקער ווייס איך, ביסט אָבער היינט אַזוי — עלאָקווענט, אַז איך וועל מיט הנאה אויסהערן דיין דעפעניציע.

— אָט דאָס, וואָס די פרוי ווערט אַליין פאַר זיך אַ גאָט און מיט רעכט.

— און פאַרן מאַן?

— אַ כאַמעלעאָן און אַ דראַמע.

— דאָס מאַכט זיך אַ ביסל אַזוי אין דער גרויסער געלט-וועלט, וואָס האָט נישט קיין שום טראַדיציעס. דאָרט איז אַלץ אויסערלעכקייט און טואַלעט, אונטער וואָס עס זיצט נישט קיין נשמה, נאָר מער אָדער ווייניקער אַן עלעגאַנט חיהלע.

— אָבער די רייכע און שטאַלטנע וועלט, וואָס ווילט זיך, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַרטיסטישן, ליטעראַרישן און אפילו

רעליגיעזן דילעטאַנטיזם, האַלט דאָס דיריגענטן־שטעקעלע און פירט אָן מיטן כאָר.

— בא אונדז נאָך נישט.

— בא אונדז נישט אינגאַנצן. איבעריקנס, אויב עס זענען פאַרהאַן אויסנאַמען אפילו אין דער וועלט, מוזן זיי אוודאי זיין אויסער איר. יאָ, בא אונדז זענען פאַרהאַן אַנדערע פרויען, למשל, פריילין פּלאַוויצקאַ. אָך, סאַראַ ווײַקייט, סאַראַ זיכערקייט, און בא דעם סאַראַ שיינקייט צו לעבן מיט אזא, ווי זי! ליידער — איז זי נישט פאַר אַזעלכע ווי איך!

— מאַשקאָ! פלינקייט בין איך באין־ברירה גרייט געווען צו אָנערקענען אין דיר, כ'האָב אָבער נישט געוווסט, אַז דו פאַרמאָגסט אויך ענטוזיאַזם.

— וואָס ווילסטו: כ'האָב זיך אין איר געליבט, און איצט האָב איך חתונה מיט פריילין קרעסלאָווסקאַ!

די לעצטע ווערטער האָט מאַשקאָ אַרויסגעזאָגט, ווי מיט עפעס אַ כעס. דערנאָך איז אַנטשטאַנען אַ רגע פון שווייגן.

— צליזאָ ווערטו נישט נעמען בא מיר דאָס אונטערפירן? — האָט אַ פרעג געטון מאַשקאָ.

— גיב מיר צייט זיך צו באַטראַכטן.

— אין דריי טעג אַרום פאָר איך אַוועק.

— וווהין?

— קיין פעטערבורג, כ'האָב דאָרט געשעפטן. כ'וועל דאָרט פאַרברענגען אַ וואָכן צוויי.

— וועל איך דיר נאָך דיין קומען געבן אַ תשובה.

— גוט. היינט וועל איך דיר שיקן אַן אויסווייז פון מיינע דעמבעס אין דריי מאָסן... אַבי די ראַטעס נישט צו צאָלן!

— און אויך די באַדינגונגען, אויף וועלכע איך וועל זיי קויפן.

דאָ האָט מאַשקאָ זיך געזעגנט און איז אַוועק, תיכף נאָך אים איז פּאָלאַניעצקי אַוועק אין ביוראָ אַריין. נאָכן אָפּהאַלטן אַן עצה מיט ביגעלן, האָט ער באַשלאָסן, אַז אויב די זאַך וועט זיך אויסווייזן פאַר מעגלעך און נוצלעך, וועט ער דעם וואַלד קויפן

אויף אייגענעם חשבון. ער האָט זיך אַליין נישט געקענט קיין חשבון אָפּגעבן, פאַרוואָס ער האָט עפּעס אַ מאָדנעם חשק באַקומען זיך אָנצוטשעפּען אָן קושעמיען. נאָך די ביורא־שעהן האָט ער אויך געטראַכט וועגן דעם, וואָס מאַשקאָ האָט געזאָגט וועגן פרײַלין פלאַוויצקאַ. ער האָט אויסגעצייכנט געפילט, אַז ער זאָגט אמת — און אַז מיט אַזאַ מין פרוי קען דאָס לעבן זיין נישט בלויז זיכער, רויִק, נאָר אפילו פול מיט שיינקייט. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז אין זיינע מחשבות גיט ער גיכער אָפּ רעכט בלויז דעם טיפּ פרוי, וואָס מאַריניאַ איז אייגע פון אים, אָבער נישט מאַריניאַן אַליין. ער האָט אויך באַמערקט טויזנטער נישט קאָנסעקווענטע זאַכן אין זיך. וויל אָט איז געווען אין אים עפּעס אַן אַפּאַטיע, אפילו אַ כעס קעגן ליב האָבן עמעצן אָדער עפּעס, קעגן דעם אַרייַנטרייבן דאָס האַרץ אין עפּעס פאַרבינדונגען און קניפּן, וואָס זענען אָפּטמאָל אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז עס טוט אויש וויי. בלויז באַם געדאַנק וועגן דעם פלעגט ער זיך צעבייזערן און אין האַרץ באַ זיך חזרן: „כ׳וויל נישט! כ׳האָב עס שוין גענוג! — דאָס איז אַן אומגעזונט ברויזן, וואָס פאַרפירט נאָר מענטשן אַראָפּ פון וועג און פאַרשאַפט זיי יסורים". גלייכצייטיק אָבער האָט ער געהאַלטן פאַר אַן עוולה, למשל, פון מאַריניאַן, וואָס זי האָט זיך נישט פאַרליבט אין אים מיט עפּעס אַ ברויזנדיקער אומגעהייערער ליבע, נאָר האָט ערשט דאַמאָלס אָנגעהויבן עפּעס פאַר אים דאָס האַרץ, ווען עס האָט אין אַ געוויסע מאָס איר געבאָטן די פליכט. ווייטער, נישט פאַרלאַנגענדיק קיין ליבע, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געחידושט, אַז זי האָט אַזוי שנעל אָנגעהויבן באַ אים וועלקן און אַז ער האָט אַ סך גיכער געוואָלט מאַריניאַן, בשעת זי האָט אים נישט געוואָלט, ווי איצט, בשעת זי האָט זיך ארויסגעוויזן ווילגעבייגטער. „סוף־כל־סוף — האָט ער געטראַכט — פירט דאָס אַלץ צו דעם, אַז אַ מענטש ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וויל און באַ וואָס זיך צו האַלטן, דאָס הייסט: צו אַ מצב, אַז דער רוח זאָל עס כאַפּן! פרײַלין פלאַוויצקאַ האָט מער מעלות, ווי זי איז זיך אַליין משער, פרײַלין פלאַוויצקאַ איז אַ פליכטפולע, ערלעכע, שטילע, שיינע. מיינע חושים ציִען מיך צו פרײַלין

פלאָוויצקאַ. גלייכצייטיק פיל איך, אַז פריילין פלאָוויצקאַ איז פאַר מיר נישט דאָס, וואָס זי איז געווען, און אַז עס האָט עפּעס אין מיר דער רוח געגומען".

— וואָס אָבער?

— אויב די פעיקייט ליב צו האָבן — האָט ווייטער צו זיך גערעדט פלאָוויצקי — איז, היות כ'בין געקומען צום באַשלוס, אַז די ליבע איז על־פּי־רוב אַ שטות, און איבעריק ליב האָבן איז תּמיד אַ שטות, וואָלט איך לעולם באַדאַרפט זיין צופרידן — דער־ווייל בין איך גאָר אומצופרידן.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז דאָס איז בלויז אַזאַ מין אָפּגעשוואַכטקייט, וואָס קומט, למשל, נאָך אַן אָפּעראַציע, אָדער נאָך אַ קראַנקהייט און אַז אַ פּאָזיטיוו לעבן וועט מיט דער צייט אויספילן די פּוסטקייט, וואָס ער פילט.

דאָס פּאָזיטיווע לעבן ווידער איז געווען בײַ אים „דאָס האַנדלס־הויז".

קומענדיק אויף מיטאָג, האָט ער געטראָפן וואַסקאָווסקין מיט צוויי באַדינטע, וואָס האָבן געוווינקען צו זיך, זעענדיק, ווי דער אַלטער הייבט אויף מינוטנווייז דעם גאָפּל מיט אַ שטיקל פלייש אינדערהייך און פאַרטראַכט זיך אויף טויט, אָדער רעדט מיט זיך אַליין. פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי האָט פון אַ צייט אָן גע־רעדט מיט זיך און דערצו אַזוי הויך, אַז מענטשן פלעגן אויף דער גאַס אים נאָכקוקן. זיינע בלויע אויגן האָבן איצט אומבאַוווסט־זיניק געקוקט אויף פּאָלאַניעצקין, דערנאָך האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט, ווי פון שלאָף און געענדיקט דעם אָנגעהויבענעם געדאַנק אין קאָפּ בזה־הלשון:

— זי זאָגט, אַז דאָס וועט זי דערנענטערן צום קינד.

— ווער זאָגט? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

— פרוי עמיליאַ.

— ווי אַזוי וועט עס דערנענטערן?

— ווייל זי וויל ווערן אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער.

פּאָלאַניעצקי איז אַנטשוויגן געוואָרן אונטערן אייבדריק פון

ד״ר ידיעה. ער האָט געקענט טראַכטן, וואָס נאָר ס'איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, כאַרטרייבן פון זיך די סענטימענטאַליטעט, פילאָזאָפירן וועגן אומגעזונטע אויפברויזן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט געלעבט — אין האַרץ בײַ זיך האָט ער געהאַט אָבער עפּעס צוויי הייליקייטן: ליטקאַן און פרוי עמיליאַן. ליטקאַ איז געווען שוין בלויז אַ טייערע דערמאַנונג — פרוי עמיליאַן האָט ער ליב געהאַט מיט אַ לעבעדיק, ברידערלעך און האַרציקסטן געפיל, וואָס ער האָט אין זייגע מחשבות קיינמאָל נישט אָנגערירט.

האָט ער טאַקע אַ געוויסע צייט נישט געקענט ענטפערן, שפּעטער אָבער האָט ער שטרענג אַ קוק געטון אויף וואַסקאָווסקין און געזאָגט:

— איר, פּראָפעסאָר, רעדט זי אָן צו דעם. איך וויל זיך דאָרט נישט גריבלען אין אייער מיסטיציזים און אין אייערע אידעען פון אונטער די הרי־חושך, ווייסט אָבער, אַז איר נעמט אויף אייער געוויסן איר לעבן, ווייל זי האָט פּשוט קיין כוח נישט צו זיין אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער און וועט נאָך אַ יאָר שטאַרבן — איר פאַרשטייט?

— מיין טייערער — האָט געענטפערט וואַסקאָווסקי — אָט האָסטו מיך פאַרמשפּט מיט אַ שנעל־געריכט, און נישט אויסגעהערט אַפילו. האָסטו זיך אַמאָל פאַרטראַכט, וואָס עס הייסט אַזעלכעס דער אויסדרוק: „אַ בעל־יושר״?

— ווען עס גייט אין עפּעס אַ גאַנצן, לאָך איך פון אויסדרוקן.

— זי האָט עס מיר נעכטן אומגעריכט געזאָגט און איך האָב זי אַ פרעג געטון: „מיין קינד, וועסטו דען האָבן גענוג כוח צו דעם, ווייל דאָס איז אַ שווערע אַרבעט?״ דאַמאָלס האָט זי אַ שמייכל געטון צו מיר און האָט אַזוי געזאָגט: „רעדט מיך נישט אָפּ, ווייל דאָס איז מיין מקום־מקלט און מיין גליק. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז כ'האָב קיין כוח נישט, וועט מען מיך נישט אָננעמען, און אויב מען וועט אָננעמען און די כוחות וועלן נישט קלעקן, וועל איך פריער קומען צו ליטקאַן, און איך

בענק אַזוי !" וואָס האָב איך געזאָלט זאָגן אויף אַזאַ ווילן און אַזאַ פּשטות ? וואָס וואָלטו צו דעם געזאָגט ? ווער, אפילו אַ נישט גלויביקער. וואָלט געוואַגט צו זאָגן, אַז אפשר איז ליטקאַ גאָר נישטאָ און אַז לעבן אין אַרבעט, אין צדקה, אין קרבנות, און שטאַרבן ערלעך פירן נישט צו ליטקאָן ? טראַכט אויס פאַר איר אַן אַנדערע טרייסט, אָבער וואָס פאַראַ וועסטו אויסטראַכטן ? גיב אַן אַנדערע האָפנונג, הייל מיט עפּעס אַנדערש, אָבער מיט וואָס וועסטו היילן ? וועסט דאָך זי זען — זאָג-זשע אויפריכטיק: וועסט וואַגן זי אָפּצורעדן ?

— ניין — האָט קורץ פּאָלאַניעצקי געענטפערט.

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער צוגעגעבן.

— קיין זאַך נישט, נאָר עגמת-נפש פון אַלע זייטן.

— איינס וואָלט מען געקענט -- האָט ווייטער געזאָגט וואַסקאָווסקי — צורעדן זי, אַז אָנשטאָט באַרמהאַרציקע שוועסטער, וואָס באַזיי איז דאָ אַרבעט איבער די כוחות, זאָל זי זיך אויסקלייבן עפּעס אַ רעליגיעזן אָרדן. פאַראַן אַזעלכע, ווו דער אָרימער מעטשלעכער אָטעם ווערט צעגאַנגען אַזוי אין דבקות, אַז ער הערט אויף צו לעבן, און הערט אַלזאָ אויף אויך צו ליידן. . .

פּאָלאַניעצקי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איך בין אויף די זאַכן קיין מבין נישט — האָט ער שאַרף אַ זאָג געטון — און איך לאָז זיך אין דעם נישט אַרײַן.

— כ'האָב דאָ ערגעץ אַן איטאַליעניש ביכל וועגן די נאַזאַרעטינס — האָט אַ זאָג געטון וואַסקאָווסקי, צעקנעפּלנדיק דעם סורדוט — כ'ווייס נישט, ווו ס'איז מיר אַהינגעקומען. . . אַרויסגייענדיק, האָב איך עס ערגעץ באַהאַלטן.

— וואָס גייען מיך דאָרט אָן אייערע נאַזאַרעטינס ?

וואַסקאָווסקי אָבער האָט נאָכן סורדוט אויפגעקנעפּלט, זוכנדיק אויך אין וועסטל, דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט און אַ זאָג געטון :

— וואָס האָב איך עס געזוכט ? אהאַ ? כ'ווייס, דאָס אי-

טאַליענישע ביכעלע. אין אַ פּאָר טעג אַרום פּאָר איך קיין רוים — אויף לאַנג, אויף זייער לאַנג. געדענקסט, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּרוזדור צו יענער וועלט ? ס׳איז שוין צייט אין גאָטס פּאָרהויז אַריינצוגיין. איך וואָלט עמיליאַן שטאַרק צוגערעדט, זי זאָל פּאָרן קיין רוים, זי וועט אָבער פונם קינד נישט אַוועקפּאָרן, זי וועט דאָ בלייבן אַלס באַרמהאַרציקע שוועסטער. אפשר וואָלטן איר געפעלן — טאַקע די תקנות פון די באַזאַרעטינס. . . זיי זענען אַזוי לויטער און פשוט, ווי דאָס ערשטע קריסטנטום. . . איך פּאָר איינגיכן. . . נישט מיטן קאָפּ, מײַן טייערער, ווייל דאָרט ווייסט מען בעסער, באַ וואָס זיך צו האַלטן, נאָר מיטן האַרץ — אַ קליינער, אָבער ליבהאָבנדיקער.

— זאָל דער פּראָפעסאָר צוקנעפּלען דאָס וועסטל — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

— גוט, כ׳וועל פאַרקנעפּלען. איך, פאַרשטייסטו מיך, האָב עפּעס אויפן האַרץ און כ׳וואָלט דיר דערציילט, הגם, דו ביסט אַ גיכער, ווי וואַסער, האָסט אָבער אַ נשמה. . . זעסטו, דאָס קריסטנטום נישט נאָר עס ענדיקט זיך נישט, ווי עס דאַכט זיך אַ טייל פילאָזאָפירנדיקע הייך-קעפּ, נאָר עס האָט ערשט דורכגעמאַכט העלפט וועג. . .

— ליבער פּראָפעסאָר — האָט מילדערער אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — איך וועל אויסהערן, וואָס איר ווילט מיר זאָגן, גערן און געדולדיק, נישט אָבער הייַנט, ווייל הייַנט טראַכט איך בלויז וועגן פרוי עמיליאַן און דאָס כאַפּט מיך פשוט אָן פאַרן גאָרגל. . . דאָס איז דאָך אַן אומגליק!

— פאַר איר, נישט. דאָס לעבן וועט איר צונויף קומען — אָבער דער טויט אויך.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אָנגעהויבן מרוטשען:

— אויף מײַן וואָרט, נישט בלויז יעדער שטאַרקער געפיל, נאָר אַפילו פריינטשאַפט ענדיקט זיך מיט צרות. . . קיינמאָל נאָך האָט צוגעבונדנקייט נישט געבראַכט מיר מער, ווי עגמת-נפש. בוקאַצקי איז גערעכט. . . פון אַלגעמיינע צוגעבונדנ=

קייט — צרות, פון פערזענלעכע. — צרות, און גיי לעב אין אזא סביבה! ...

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן, ריכטיקער, זיך פאַרוואַנדלט אין פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקיס אַ מאָנאָלאָג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פירן מיט זיך אַ שמועס וועגן רוים און קריסטנטום. באַכן מיטאָג זענען זיי ביידע צוזאַמען אַרויס אויף דער גאַס, וואָס איז פול געווען מיטן געקלאַנג פון שליטן-גלעקלעך און מיט פריילעכער ווינטערדיקער באַוועגונג, מחמת דעם טאָג איבערפריער איז געפאַלן אַ גרויסער שניי און אָוונט איז געוואָרן שיין, רויק און פראָסטיק.

— פאַרקנעפּלט-זשע זיך אַמאָל, פּראָפעסאָר, דאָס וועסטל — האָט פלוצלינג אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי, באַמערקנדיק וואַסקאָווסקיס צעקנעפּלטן אַנצוג.

— גוט, כ'וועל פאַרקנעפּלען — האָט געענטפערט וואַסקאָווסקי.

און ער האָט אָנגעהויבן ציען די לעכלעך פונם וועסטל צו די קנעפּלעך פון סורדוט.

— כ'האָב פונדעסטוועגן ליב דעם וואַסקאָווסקין — האָט אַ זאָג געטון צו זיך פּאָלאַניעצקי, אומקערנדיק זיך אַהיים, — ווען איך זאָל זיך געווען צו אים צוגעוויינען, וואָלט אים אוודאי דער רוח גענומען, ווייל מיין מזל איז שוין אַזעלכער, צום גליק, איז עס מיר ביז איצט גאַנץ עגאַל.

זאָגנדיק דאָס, האָט פּאָלאַניעצקי איינגערעדט זיך אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט לחלוטין נישט, מחמת ער איז געווען פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקיס אַן אמתער גוטער פריינט, און ער איז צו זיין גורל נישט געווען גלייכגילטיק.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט באַם אַריינגאַנג אַ שמייכל געטון צו אים ליטקאַס פּנימל פון דער גרויסער פאָטאָגראַפיע אַראָפּ, וואָס מאַריניאַ האָט אין זיין אַפוועזנהייט אים צוגעשיקט. דאָס דערזען זי האָט פּאָלאַניעצקין טיף צערודערט. ער האָט, איבעריקנס, אָפט געפילט אַזאַ מין צערודערונג, ווען ער פלעגט פלוצלינג זיך דערמאָנען ליטקאַן, אָדער באַמערקט אייגנס

פון אירע פאָרטרעטן. ס'האָט זיך אים דאַמאָלס אויסגעדאַכט, אַז די ליבע צו דעם קינד, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ, האָט פּלוצלינג אויפגעלעבט מיט דער אַמאָליקער קראַפט, דורכנעמענדיק זיין גאַנץ וועזן מיט גרויס האַר- ציקייט און גרויס צער. דאָס אויפפרישן דעם צער איז געווען אפילו אַזוי ווייטיקלעך, אַז ער פלעגט עס אויסמיידן, ווי אַ מענטש מיידט געוויינטלעך אויס אמתע יסורים. איצט אָבער איז אין דער צערודערונג געווען עפעס זיס. ליטקאַ האָט געשמייכלט צו אים באַם שיין פונם לאָמפּ, ווי זי וואָלט אים וועלן זאָגן: „הער סטאָך". אַרום דעם קעפּל אויף אַ ווייסן זוים, האָבן זיך געגרינט פיר בעריאָזעס, וואָס זענען געווען געמאָלט פון מאַריניאַן.

פּאָלאַניעצקי איז געשטאַנען און אַ לאַנגע צייט געקוקט, ענדלעך האָט ער אַ טראַכט געטון:

— איך ווייס אין וואָס עס קען זיין דאָס גליק פון לעבן — אין קינדער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָבער צו זיך אַ זאָג געטון:

— איך וועל אָבער מיינע קיינמאָל אַזוי נישט ליב האָבן, ווי איך האָב זי געבעך ליב געהאַט.

דערווייל איז אַריין דער דינער און אָפּגעגעבן אים אַ בריוו פון מאַריניאַן, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דער פאָטאָגראַפיע. מאַריניאַ האָט געשריבן אָט-וואָס:

„דער טאַטע האָט מיר באַפוילן פאַרבעטן אייך אויף דעם אָוונט. עמילקאַ איז שוין היינט אַריבער צו זיך, און וויל, אַז מען זאָל צו איר היינט נישט קומען. איך שיק אייך ליטקאַס פאָטאָ- גראַפיע און בעט דורכויס צו קומען, מחמת כ'וויל מיט אייך רעדן וועגן עמילקאַן. דער טאַטע האָט געבעטן הער ביגעלן אויך, וועלכן ער האָט צוגעזאָגט תיילן, וועלן מיר אַלזאָ קענען רויק שמועסן".

פּאָלאַניעצקי האָט נאָכן איבערלייענען דעם בריוו זיך אָנגעטון און נאָכן לייענען אַ ביסל, אַוועק צו די פּלאַוויצקיס.

ביגעל האָט שוין געווײַלט דאָרט אַ פערטל שעה און גע- שפּילט מיט הער פּלאַוויצקין אין פּיקעט; מאַריניאַ איז געזעסן

פונדערוויטנס, בײַ אַ קלײן טישל, פּאַרנומען מיט עפּעס אַן אַרבעט. פּאָלאַניעצקי, האָט נאָכן באַגריסן זיך מיט אַלע, זיך אָוועקגעזעצט לעבן איר און אָנגעהויבן רעדן:

— איך דאַנק אײַך זײער פאַר אײער פּאָטאָגראַפיע. כ'האָב זי אומגעריכט דערזען, און ליטקאַ האָט זיך מיר אָוועקגעשטעלט פאַר די אויגן, אַזש איך האָב נישט געקענט צו זיך קומען. איר ווייסט, אַזעלכע מינוטן זענען די מאָס פון צער, פון וואָס דער מענטש גיט זיך אפילו קײן חשבון נישט אָפּ. איך דאַנק אײַך זײער! אויך פאַר די בריוו. . . וואָס שײַך פּרוי עמיליאַן, ווײס איך שוין וועגן אַלעם פון וואַסקאָווסקין. צי איז דאָס בלויז אַ כוונה, צי אַ פעסטער באַשלוס?

— גיכער אַ פעסטער באַשלוס. — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

— און וואָס זאָגט איר צו דעם?

מאַריניאַ האָט אויף אים אויפגעהויבן די אויגן, ווי זי וואָלט פון אים וואַרטן אויף אַן עצה.

— זי האָט נישט קײן כּוחות צו דעם — האָט זי ענדלעך געענטפערט.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער הילפלאָז צעשפּרײט די הענט.

— מיר האָבן פון דעם גערעדט מיט וואַסקאָווסקין — האָט ער אַ זאָג געטון — איך בין אויף אים אָנגעפאַלן, ווײַל כ'האָב געמיינט, אַז דאָס איז זײַן געדאַנק, ער האָט מיר אָבער געשוווירן, אַז ער האָט מיט קײן זאַך קײן השפעה נישט געהאַט. פאַרקערט, ער האָט געפרעגט, וואָס פאַר אַן אַנדער מין טרייסט מיר קענען פאַר איר אויסטראַכטן? — און כ'האָב נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. וואָס איז איר באמת נאָך געבליבן אין לעבן?

— יאָ — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

— און איר מיינט, אַז איך פאַרשטײ נישט, פונוואַנען דער באַשלוס האָט זיך גענומען? זי וויל נישט באַליידיקן מיט קײן זאַך אירע רעליגיעזע געפילן, און וויל פריער שטאַרבן. זי

ווייסט, אַז דאָס זענען פליכטן איבער אירע כוחות, און דעריבער בעמט זי זיי אויף זיך.

— יאָ — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

און האָט אַראָפּגעבויגן אַזוי דעם קאָפּ איבער דער אַר־בעט, אַז פּאָלאַניעצקי האָט בלויז געזען דעם שריינט פון די טונ־קעלע האָר אויף איר קליין קעפל. זי האָט פאַר זיך געהאַט אַ פול פּודעלע פּערל, וואָס זי האָט אַרויסגענייט אויף פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען באַשטימט געווען אויף אַ ווויל־טעטיקע לאָטער־יע, און איצט האָבן אין די פּערל אָנגעהויבן אַריינטריפן טרערן, וואָס זענען אַראָפּגערינען פון אירע אויגן.

— איך זע זייער גוט, אַז איר ווייגט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע פאַרווייבטע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „פאַר דיר וועל איך די טרערן נישט באַהאַלטן“ — און האָט געענטפערט:

— איך ווייס, אַז עמילקאַ טוט גוט — ס׳איז אָבער אַזאַ רחמנות! . . .

אויף דעם האָט פּאָלאַניעצקי, אַ ביסל פון אויפרעגונג, אַ ביסל דערפאַר, ווייל ער האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער האָט צו זאָגן, איר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ קוש געטון אין דער האַנט. די פּערל פון מאַריניאַס אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך געדיכטער צו שיטן, אַז זי האָט געמוזט זיך אויפהייבן און אַוועקגיין.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך דערנענטערט צו די שפּילנדיקע אין דער רגע, ווען פּלאַוויצקי האָט מיט זייער אַ העפלעכן טאָן געזאָגט צו זיין פאַרטנער:

— איין רוביקאָן נאָכן אַנדערן. נו, מילא! איר שטעלט מיט זיך פאַר די נייע צייט, איך — די אַלטע טראַדיציע, מוז איך דעריבער באַזיגט ווערן.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צום פּיקעט? — האָט רוזיק אַ פרעג געטון ביגעל.

מאַריניאַ איז אין אַ ווײַלע אַרום אַרײַן און מודיע געווען, אַז די טײַ איז גרייט. די אויגן אירע זענען געווען אַ ביסל רויט־לעך, אָבער דאָס פּנים ליכטיק און רויק. ווען ביגעל מיט הער פּלאַוויצקין האָבן זיך שפּעטער ווידער אַוועקגעזעצט צו די קאָרטן, האָט זי גערעדט מיט פּאַלאַניעצקין מיט אַזאַ שטילן, פּאַרטרוי־לעכן טאָן, ווי עס רעדן צווישן זיך זייער נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן אַ כּך שותּפותדיקע ענינים אין לעבן. אמת דידאַזיקע גע־מיינזאַמקייט האָט צווישן זיי געשאַפן ליטקאָס טויט און פּרוי־עמיליאַס אומגליק, דעריבער האָט זייער שמועס נישט געקענט זײַן קיין פרייליכער, אָבער, נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן די אויגן, אויב נישט די ליפּן, מאַריניאַס געשמייכלט צו פּאַלאַניעצקין, גלײַכ־צײַטיק טרויעריק און מילד.

שפּעט אין אָוונט, ווען פּאַלאַניעצקי איז אַוועק, האָט מאַ־ריניאַ, טראַכטנדיק וועגן אים, אין געדאַנק בײַ זיך אַנדערש אים נישט גערופן ; ווי „הער סטאַך".

פּאַלאַניעצקי איז אויך אַוועק אַהיים אין אַ סך אַ מילדערער שטימונג, ווי ער פלעגט ביז איצט זײַן זינט ליטקאָס טויט אָן. שפּאַנענדיק איבערן צימער, האָט ער אַלע ווײַלע זיך פאַר־האַלטן פאַר דער קליינערס בילד, קוקנדיק גלײַכצײַטיק אויף די פיר בעריאָזעס, וואָס זענען געווען געמאָלט פון מאַריניאַן און האָט געטראַכט, אַז דער קניפּ, וואָס ליטקאַ האָט פאַרבונדן צווישן אים און מאַריניאַן ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ענגער, פון זיך אַליין — ווי אָן עמעצנס ווילן און דורך אַ געהיימען כּוח־העניינים.

ער האָט אויך געטראַכט, אַז אויב עס פעלט אים שוין דער אמאָליקער חשק צו פאַרשטאַרקן דעם קניפּ — וואָלט אים כּמעט אויך אויסגעפעלט דרייסטקייט, דורכצושניידן אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל, בפרט נאָך אַזוי שנעל נאָך ליטקאָס טויט.

שפּעט בײַנאַכט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַ די אויס־מייזן, וואָס מאַשקאַ האָט אים צוגעשיקט. מינוטנווײַז אָבער האָט ער בעמאַכט טעותן אין די חשבונות, מחמת ער האָט כּאַר זיך גע־

זען מאַריבּיאַס קאָפּ אין אירע טרערן, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן
אין פּידעלע מיט די גלעזערנע פּאַטשערקעס. אויפצומאַרגנס האָט
ער נעקויפט דעם דעמבענעם וואַלד אין קושעמיען, — אַ בעריקנס,
זייער בינסטיק.

III.

מאַשקאָ איז אין צוויי וואָכן אַרום געקומען פֿון פּעטערבורג, גאַנץ צופֿרידן פֿון זיינע אייגענע קרעדיט־ענינים, און האָט געבראַכט וויכטיקע ידיעות, וואָס ער איז געוווּיר געוואָרן, ווי ער האָט געזאָגט, אויף אַ ריין פֿאַרטרויליכן אופֿן, און זענען קיינעם ביז איצט נישט געווען באַוווּסט. אַזוי ווי פֿאַראַיאָרן איז דאָס גערעטעניש אין גאַנצן לאַנד געווען זייער נישט קיין גוטס, דאָ און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן דאָס געשפּענסט פֿון הונגער, איז אָבער ליכט געווען צו טרעפֿן, אַז ביז פֿריילינג וועלן די רעזערוון זיך אויסלאָזן אין גאַנצע געגנטן, און אַז די הונגער־מגפֿה קען ווערן אַן אַלגעמיינע. צוליב דעם האָבן ניכטערע מענטשן אָנגעהויבן באָמקען וועגן דער מעגלעכקייט פֿון פֿאַרבאָטן דעם אַרויספֿיר פֿון תּבֿואה קיין אויסלאַנד — און אָטאָ די מיני קלאַנגען האָט מאַשקאָ געבראַכט צופֿירן, זייענדיק דערביי ערוב, אַז זיי זענען צו אים דערגאַנגען דורך זייער געניטע מענטשן. פּאָלאַניעצקין האָט די ידיעה אַזוי פֿאַרכאַפּט, אַז ער האָט זיך אויף עטלעכע טעג אָפּגעשלאָסן מיט דער בליישטיפֿט אין האַנט, דער־

נאָך איז ער אַוועק צו ביגעלן מיט אַ פאָרשלאַג, אַז אַלע מזומנים און קרעדיטן פונעם הויז זאָל מען פאַרווענדן אויף איינצוקויפן תבואה אויף הורט.

ביגעל האָט זיך אָפּגעשראָקן — אָבער ער האָט מיט דעם אָנגעהויבן יעדעס געשעפט זיינס. פּאָלאַניעצקי האָט, איבעריקנס, נישט פאַרבאָרגן פאַר אים, אַז דאָס וועט זיין אַן אָפּעראַציע אין גרויסן פאַרנעם, פון וועלכן עס קען ווערן אָפּהענגיק דער גורל פון זייער דערפאָלג אָדער דורכפאַל, אַ פולקאָמער דורכפאַל איז פונדעסטוועגן געווען ווייניקער מעגלעך, דער דערפאָלג אָבער האָט מיט איין קלאַפּ געקענט זיי מאַכן פאַר אמתע עשירים. מען האָט געקענט פאָרזען, אַז צוליבן מאַנגל פון תבואה, וועלן די מקחים אַלנפאַלס שטייגן — מען האָט אויך געקענט פאָרזען, אַז דאָס געזעץ וועט טאַקע באַגרענעצן די מעגלעכקייט פון שליטן אָפּמאַכן מיט אַנדערע סוחרים פון אַנדערע לענדער, עס וועט אָבער איבערלאָזן די אָפּמאַכן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן איידער דער פאַרבאָט איז געוואָרן פאָרעפנטלעכט; ווען דאָס זאָל אפילו דורכפאַלן, איז דאָס שטייגן פון די מקחים אין לאַנד גופא געווען כמעט זיכער. פּאָלאַניעצקי האָט אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען אין מענטשלעכן כוח, פאָרגעזען, אַלץ באַחשבונט. — און ביגעל, וואָס איז נישט קוקנדיק אויף זיין פאָרזיכטיקייט, געווען אַ מענטש אַ בעל־שכל, האָט געמוזט מודה זיין, אַז די אויסזיכטן אויף דערפאָלג זענען באמת גרויסע און אַז ס׳איז אַ שאָד דורכצולאָזן די געלעגנהייט.

נאָך עטלעכע באַראַטונגען, בשעת וועלכע ביגעלס אַקעגנשטעלן זיך איז וואָס אַמאָל מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז געקומען צו דעם, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט געוואָלט — און אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דער הויפּט-קאָמיסיאָנער פונעם הויז, אַבדולסקי, אָפּגעפאָרן מיט אַ כוח-הרשאה צו מאַכן קאָנטראַקטן אין נאָמען פון הויז, הן אויף גרייטע תבואה, הן אויף דער, וואָס דאַרף קומען פון צוקונפטיקן געראַטעניש.

תיכף נאָך אַבדולסקין איז קיין פּרייסן אָפּגעפאָרן אויך ביגעל. פּאָלאַניעצקי איז געבליבן איינער אַליין בראָש פונעם הויז

און האָט געאַרבעט פֿון אינדערפֿרי ביז אין אָוונט, צוליב וואָס ער האָט כּמעט אין ערגעץ זיך נישט געוויזן.

די צייט האָט אים אָבער זיך נישט געלאַנגווייליקט, מחמת ס'האָט אים לעבעדיק געמאַכט די האָפֿענונג פֿון גרויסע ריווחים און בעסערער צוקונפֿט אין דער טעטיקייט. פּאָלאַניעצקי האָט, וואַרפֿנדיק זיך אויף דער שפּעקולאַציע און אַריינציִענדיק אין איר ביגעלן, קודם-כּל עס געטון דערפֿאַר, ווייל ער האָט זי געהאַלטן פֿאַר אַ גוטע. ער האָט אָבער בײַ דעם געהאַט נאָך אַ מחשבה. דאָס האַנדלס-הויז, צוזאַמען מיט אַלע זיינע עניִנים איז געווען אַ צו ענג פֿעלד פֿאַר זיין פֿאַך-אויסבילדונג, פֿאַר זיינע פֿעיִקייטן און ענערגיע — פּאָלאַניעצקי האָט עס געפֿילט. סוף-כּל-סוף, אין וואָס איז דען געגאַנגען בײַ דעם מין געשעפֿטן, וואָס דאָס הויז האָט געפֿירט? קויפֿן ביליק, פֿאַרקויפֿן טייערער און באַהאַלטן דעם ריווח אין קאַסע אַריין — דאָס איז געווען דער איינציקער ציל. קניות אויף אייגענעם חשבון, אָדער מעקלעריי — נישט מער. פּאָלאַניעצקין איז געווען ענג אינם געשעפֿט. „כ'וואָלט געוואָלט עפּעס גראָבן אָדער עפּעס פֿאַבריצירן — האָט ער אַ זאָג געטון אין מינוטן פֿון אַפּאַטיע און אומווילן צו ביגעלן — מחמת מיר באַמיִען זיך בעצם נאָר וועגן דעם, אַז פֿונם שטראָם געלט, וואָס קוועלט פֿון מענטשלעכע אומזאַצן, זאָל כאָטש אַ קליין שטראָמל זיך ווענדן אין אונדזער קעשענע אַריין, אָבער מיר פּראָדוצירן גאָרנישט". און דאָס איז געווען אַן אמת. פּאָלאַניעצקי האָט געשטרעבט צו קומען צו אַ פֿאַרמעגן, צו מאַכן געלט, און שפּעטער זיך צו נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט, אַ גרעסערע, וואָס זאָל פֿאַר אים עפֿענען אַ ברייטער פֿעלד צו אַרבעטן און שאַפֿן.

די געלעגנהייט האָט זיך אים געדאַכטן קומט אונטער, האָט ער זיך אין איר אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

— שפּעטער וועל איך אַ טראַכט טון וועגן אַלע אַנדערע זאַכן — האָט ער געזאָגט צו זיך.

„אַלע אַנדערע" האָט ער געמיינט זיינע עניִנים פֿון נשמה און האַרץ, זיין באַציִונג צו דער אמונה, צו מענטשן, צו ערד, צו

פרוּװען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז װעלנדיק זיין אין לעבן רויִק, מוז מען דידאָזיקע באַציִונגען קלאָר מאַכן און פעסטשטעלן זיך אויף די פיס. ס'זענען פאַראַן מענטשן, װעלכע װייסן נישט דאָס גאַנצע לעבן, װאָס זיי זענען לגבי די יסודות און װאָס אַ ליאַדע װינטל קערט אין אַן אַנדערע זייט. פּאָלאַניעצקי האָט געפילט, אַז אַזוי טאָר נישט זיין. אין זיין איצטיקער שטימונג האָט ער פאַרגעסן, אַז די אַלע פראַגן קענען װערן דערליידיקט אויף אַזאַ ניכטערנעם און טרוקענעם אופן, אַזאַ פּאָזיטיװן, אַז ער איז אַזש מאַטעריאַליסטיש, און בכלל נעגאַטיװ; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דערליידיקט מוזן זיי װערן.

— איך װיל קלאָר װיסן, צי איך דאַרף עפּעס, צי ניין — האָט ער צו זיך געזאָגט.

בינו-לבינו האָט ער געאַרבעט אין מענטשן געזען װייניק. באַזייטיקן זיך פון זיי לגמרי האָט ער אָבער נישט געקענט. ער האָט זיך איבערצייגט אויך, אַז די פערזענלעכסטע פראַגן קענען נישט װערן באַשלאָסן בלויז אינערלעך, בלויז אינם אייגענעם מוח און האַרץ, װאָס איז פאַרמאַכט אויף פיר ריגלען, נאָר אַז מערסטנטייל יאָגן צו עפּעס אויסערלעכע השפּעות, עפּעס װייטערע, צי נענטערע מענטשן הן באַם סוף פון די מחשבות, הן באַ באַשלוסן, װאָס זענען אַ פועל-יוצא פון די מחשבות. געשען איז דאָס באַם געזעגענען זיך מיט פרוי עמיליאַן, װאָס האָט איצט טאָגטעגלעך און כמעט פיבערדיק געקירצט דעם טערמין אויף אַריינטרעטן אין באָװיצאַט אַריין פון די באַרמהאַרציקע שװעסטער.

פּאָלאַניעצקי האָט נישט אויפגעהערט אינמיטן פון זיינע אַרבעטן צו גיין צו איר, ער האָט אָבער עטלעכע מאָל זי נישט געטראָפן אינדערהיים. איינמאָל אָבער האָט ער דאָרט געפונען פרוי ביגעל, און צוזאַמען מיט איר, פריילין קרעסלאָװסקאַ, װאָס זייער אָנװעזנהייט האָט אים זייער שטאַרק זשעגירט. שפּעטער, װען מאַריניאַ האָט אים מודיע געװען, אַז פרוי עמיליאַ הייבט אָן אין עטלעכע טעג אַרום איר באָװיצאַט, כדי זיך מיט איר צו געזעגענען.

ער האָט זי געטראָפן אַ רויִקע און כמעט אַ פריילעכע. דערזעענדיק זי, האָט אים אָבער פאַרקלעמט באַם האַרצן. איר פּנים איז געווען דורכזיכטיק, ערטעווייז ווי געמאַכט פון פערל־מאַטע; די בלויע אָדערן האָבן זיך דורכגעזען באַ די שלייפן דורך דער הויט. זי איז געווען זייער שיין, כמעט נישט ערדיש. פּאָלאַניעצקי האָט אָבער אַ טראַכט געטון: „איך געזעגן זיך מיט איר אויף פעסט, ווייל זי וועט קיין חודש אויך נישט אויסהאַלטן. מיט איין צוגעבונדנקייט מער — מער מיט איין צער און אומגליק!

זי האָט אָנגעהויבן מיט אים רעדן וועגן איר באַשלוס, ווי וועגן דער פּשוטסטער זאַך, וואָס איז פון זיך פאַרשטענדלעך און איז אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון דעם, וואָס ס׳איז געשען, אַ נאַטירלעך אַנטלויפן פאַרן לעבן, וואָס האָט נישט קיין שום יסוד. פּאָלאַניעצקי האָט פאַרשטאַנען, אַז אָפּרעדן זי פון דעם וואָלט פון זיין זייט געווען נישט ערלעך און לחלוטין נאַריש.

— איר וועט דאָ בלייבן? אין וואַרשע? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— יאָ. ווייל כ׳וואָלט וועלן זיין לעבן ליטקאַן — און די מוטער, די פּאַרוואַלטערין, האָט עס מיר צוגעזאָגט. פריער וועל איך זיין אינדערהיים און שפּעטער, אַז כ׳וועל שוין זיך אויסלערנען עפּעס, וועל איך זיין אין איינעם פון די היגע שפּיטעלער. סיידן עס זאָל פאָרקומען עפּעס אומגעווינטלעכע פאַרפאַלן, כּל־זמן איך וועל זיין אינדערהיים, וועל איך יעדן זונטיק מעגן באַזוכן ליטקאַן.

פּאָלאַניעצקי האָט פאַרביסן די ציין און געשוויגן; ער האָט געקוקט בלויז אויף פּ־ני עמיליאַס איידעלע, עטוואָס וואַקסענע הענט, טראַכטנדיק באַ זיך:

— זי וויל מיט דיזאָזיקע הענט באַנדאַזשירן תולאים?...

גלייכצייטיק האָט ער תופס געווען, אַז זי מיינט קודם־כּל עפּעס אַנדערש. אונטער איר מילדקייט און יאוש האָט ער געפילט אַן אומגעהייערן ווייטיק, וואָס איז געווען שטאַרק, ווי דער טויט און וואָס שרייט וועגן טויט מיט אַלע כּוחות פון דער נשמה

און הארץ. זי האָט בלויז געוואָלט, אַז דער טויט זאָל קומען, אַן איר שולד, נישט ווי אירס אַן עבֿרה, נאָר ווי אַ פאַרדינסט, וואָס דער שכר פאַר דעם האָט באַדאַרפט זיין דאָס פאַרייניקן זיך מיט ליטקאָן...

איצט האָט פּאָלאַניעצקי ערשט פאַרשטאַנען דעם חילוק צווישן איין ווייטיק און דער אַנדערער, צווישן איין צער און דעם אַנדערן. ער האָט אויך ליב געהאַט ליטקאָן, אָבער בײַ אים איז אַ חוץ דעם צער נאָך איר, אַ גאַנץ געדעכעניש נאָך עפּעס געוועזן, אַ מין לעבנס-אינטערעס, עפּעס אַ נייגעריקייט בנוגע דער צוקונפט, עפּעס פאַרלאַנגען, מחשבות, שטרעבונגען. פרוי עמיליאַן איז קיין זאַך נישט געבליבן, ווי זי וואָלט צוזאַמען מיט ליטקאָן געשטאָרבן, און אויב עס האָט זי נאָך אינטערעסירט עפּעס אין לעבן, אויב זי האָט ליב געהאַט די, וואָס זענען איר געווען נאָענט, איז עס בלויז צוליב ליטקאָן, דורך ליטקאָן און אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי זענען געווען מיט איר פאַרבונדן.

פּאַר פּאָלאַניעצקין זענען די באַזוכן און דאָס געזעגענען זיך געווען שווער. ער האָט זיך געהאַט טיף צוגעבונדן צו פרוי עמיליאַן, און איצט האָט ער געפילט, אַז דער פאָדעם, וואָס האָט זיי צונויפגעבונדן, איז אויף אייביק געפּלאַצט אין אַז די וועגן זייערע צעשיידן זיך פון דער מינוט אָן, מחמת ער גייט ווייטער מיטן לעבנס-וועג, זי ווידער וויל, אַז דאָס לעבן אירס זאָל וואָס גיכער אויסברעכן, און זי קלייבט זיך אויס אַן אַרבעט — טאַקע אַ הייליקע — אָבער איבער אירע כּוחות, כּדי צוצויאָגן דעם טויט.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל. די לעצטע מינוט אָבער, האָט די צוגעבונדנקייט, וואָס ער האָט פון לאַנג צו איר געהאַט, גובר געווען, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אמתער אויפרעגונג, קושנדיק איר האַנט:

— טייערע מאַדאַם, זייער טייערע! זאָל אייך גאָט היטן און טרייסטן!

דאָ האָט אים אויסגעפּעלט ווערטער, זי אָבער האָט גיכט
עפּלאָזנדיק זיין האַנט, אַ זאָג געטון:

— ביזן טויט וועל איך אייך נישט פאַרגעסן, וואָס איר האָט אַזוי ליב געהאַט ליטקאַן. איך ווייס פון מאַריניאַן, אַז זי האָט אייך פאַרייניקט און דעריבער ווייס איך, אַז איר וועט זיין גליקלעך ווייל אַנישט וואָלט דער רבונו-של-עולם נישט געווען איר אַריינגעגעבן דעם רוח-הקודש. וויפיל מאָל איך וועל אייך זען אין לעבן, אַזוי פיל מאָל וועל איך טראַכטן, אַז אייער גליק — איז ליטקאַס אַרבעט. זאָל-זשע איר ווילן וואָס גיכער דערפילט ווערן און זאָל דער אייבערשטער אייךביידע שיקן זיין ברכה.

פּאָלאַניעצקי האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז אומקערנדיק זיך אַ היים, האָט ער געטראַכט:

— ליטקאַס ווילן! זי לאָזט אפילו נישט צו דעם געדאַנק, אַז ליטקאַס ווילן קען אַמאָל נישט דערפילט ווערן — וואָס האָב איך איר געזאָלט זאָגן, אַז יענע איז פאַר מיר שוין נישט דאָס, וואָס זי איז געווען...

דאָך האָט ער וואָס אַמאָל קלאָרער געפילט, אַז לענגער דאַרף עס אַזוי נישט זיין און אַז די קניפּן, וואָס בינדן אים מיט מאַריניאַן, מוז מען אין משך פון אַ קורצער צייט אָדער ענגער מאַכן, אָדער איבעררייסן, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער משונהדי-קער לאַגע, צו די מיספאַרשטענדענישן און דאגות, וואָס קענען פון דעם אַרויסקומען; ער האָט געפילט, אַז מען דאַרף דאָס טון שנעל, כדי צו טון ערלעך. און עס האָט אים ווידער אַן אומרוי-קייט באַהערשט, מחמת אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווי ער זאָל נישט טון, וועט עס אים קיין גליק נישט ברענגען.

אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער געפונען אַ בריוו פון מאַשקאַן, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען, אַט-וואָס:

„כ׳בין געווען בא דיר צוויי מאָל. עפּעס אַ משוגענער האָט מיך באַליידיקט אינם קעגנוואַרט פון מיינע געהילפן, צוליב דעם דעמבעגעם וואַלד, וואָס כ׳האָב דיר פאַרקויפט. ער הייסט גאָנ-

טאָווסקי. כ'דאַרף מיט דיר רעדן און כ'וועל זיין בײַ דיר אינ־אָוונט".

ער איז געקומען צו לויפן פאַר דער באַשטימטער שעה און, נישט אראָפּנעמענדיק דעם פּאַלטאָ, האָט ער אָנגעהויבן פרעגן:

— דו קענסט דעם גאַנטאָווסקי?

— כ'קען אים. ס'איז די פּלאָוויצקיס אַ שכן און אַ קרוב. פון וואָס האָט עס זיך אָנגעהויבן און וואָס איז געשען?

מאַשקאָ האָט אַראָפּגענומען דעם פּאַלטאָ און אַ זאָג גע־טון:

— איך פאַרשטיי אפילו נישט, ווי אַזוי די ידיעה וועגן דעם פּאַרקויף האָט זיך געקענט צעגיין, ווייל איך האָב קיינעם פון דעם נישט געזאָגט און ס'איז מיר אפילו געגאַנגען אין דעם, אַז זי זאָל זיך נישט צעגיין.

— אונדזער אַגענט, אַבּדולסקי, איז געפאָרן קיין קושע מיען באַקוקן דעם וואַלד. גאַנטאָווסקי האָט זיך געמוזט בײַ אים דערוויסן וועגן פאַרקויף.

— הער־זשע, וואָס עס איז געשען. היינט ברענגט מען מיר אין ביוראָ אַריין גאַנטאָווסקיס אַ וויזיט־קאַרטל. נישט וויסנדיק ווער עס איז — נעם איך אים אָן. גייט אַריין עפּעס אַ שוויצערל און זאָגט צו מיר: צי איז אמת, אַז כ'האָב פאַרקויפט דעם וואַלד און וויל קאָלאָניזירן אַ טייל קושעמיען? פאַרשטייט זיך, אַז איך ענטפער אויך מיט אַ פראַגע: וואָס קען עס אים אָנגיין? יענער זאָגט, אַז כ'האָב זיך מתחייב געווען צו צאָלן דעם אַלטן פּלאַ־וויצקין אַ לעבנס־רענטע פון קושעמיען און אויב כ'וועל פירן אַ רויבערישעווירטשאַפט, וועל איך אַ תל מאַכן פון קושעמיען, און ס'וועט נישט זיין פון וואָס מיך צו מאָנען. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב אים דערויף געעצהט צו נעמען דעם הוט, זיך גוט צו פאַרקנעפּלען צוליבן פראָסט און גיין, פונוואַנען ער איז געקו־מען. דאַמאָלס האָט ער גענומען מאַכן קולות, אָנגערופן מיך אינם קעגנוואַרט פון די געהילפן שווינדלער, אַשוסט. צום סוף האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וווינט אין סאַסקי האָטעל — און איז

אוועק. האָסטו נישט קיין שליסל צו דעם ? קענסטו מיר נישט זאָגן, וואָס דאָס איז טייטש ?

— פאַרוואָס נישט ! ראשית, אַז דער גאָנטאָווסקי איז אַ באַגרענעצטער און אַ גראָבער יונג בטבע ; שנית : גאָנטאָווסקי איז יאָרנלאַנג פאַרליבט אין פרײלין פּלאַוויצקאַ און ס׳האָט זיך אים פאַרוואָלט זיין איר ריטער.

— ווייסט, איך האָב געגוג קאַלט בלוט, אָבער באמת טאַקע, מינוטנווייז, דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז אַ חלום. עמעץ זאָל זיך דערלויבן מיך צו באַליידיקן פאַר דעם, ווייל איך פאַר־קויף מיינס אַן אייגנטום — דאָס גייט שוין איבער די גרענעצן פון מענטשלעכן שכל.

— וואָס רעכנסטו צו טון ? גאָנטאָווסקין וועט דער אַלטער פּלאַוויצקי דער ערשטער אָנרייבן די אויערן און אים צווינגען ער זאָל דיך איבערבעטן.

אויף דעם האָט מאַשקאָס געזיכט באַקומען אַזאַ אויסדרוק פון קאַלטן און פאַרביסענעם כעס, אַז פּאַלאַניעצקי האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון :

— נו, „דאָס בערעלע” האָט פאַרקאַכט אַ קאַשע, וואָס ער האָט זיך נישט געריכט — און מוז זי אַליין אויפעסן.

— מיך האָט קיינער אין לעבן אומבאַשטראָפט נישט באַ־ליידיקט און וועט נישט באַליידיקן — האָט אַ זאָג געטון מאַש־קאָ — און דער מענטש האָט מיך נישט אַזוי ווייט באַליידיקט, ווי באַעוולט, אַז ער איז עס זיך גאָר אַליין נישט משער.

— דאָס איז אַ שוויצערל, פּשוט אַן אומפאַראַנטוואָרט־לעכס.

— אַ משוגענער הונט איז אומפאַראַנטוואָרטלעך, דאָך לאָזט מען אים אַ קויל אין קאָפּ אַריין. דו זעסט, איך רעד קאַלט, הער־זשע, וואָס איך כ׳וועל דיר זאָגן : ס׳האָט מיך גע־טראָפן אַן אומגליק, פון וואָס איך וועל זיך נישט אויפהייבן מער.

— דו רעדסט קאַלט, אָבער דער כעס שטיקט דיך, ביסט אַלזאָ מגזם.

— חלילה, זיי געדולדיק און הער מיך אויס ביזן סוף. די לאַגע איז אַזאַ: אויב איך וועל נישט חתונה האָבן, אָדער איך וועל די זאַך אָפּשלעפּן עטלעכע חדשים, וועט דער רוח צונעמען אי מיך, מיט מיין מצב, מיט מיין קרעדיט, מיט מיין קוששעמיע, און מיט אַלץ, וואָס איך האָב. כ'האָב דיר געזאָגט, אַז איך פֿאַר מיטן רעשט ביסל דאַמף — און כ'מוז בלייבן שטיין. פֿריילין קרעסלאָווסקאַ האָט נישט חתונה מיט מיר אויס ליבע, נאָר דערפֿאַר, ווייל זי איז אַלט ניין און צוואַנציק יאָר און איך זע באַ איר אויס, אויב נישט קיין אויסגעטרוימטער, איז לפּחות אַ גוטער שידוך. אויב עס וועט זיך נאָר אויסווייזן, אַז ס'איז נישט אַזוי, ווי זי מיינט, וועט זי איבעררייסן מיט מיר. אויב די דאַמען וואָלטן היינט זיך דערוווּסט, אַז כ'האָב פֿאַרקויפֿט דעם וואַלד אין קוששעמיען אויס נויט — לאָזט מען מאָרגן אָפּ דעם שידוך. איצט גיב אַ טראַכט: דער סקאַנדאַל איז געווען אַן עפּנטלעכער, ווייל אינם געגנוואַרט פֿון מיינע געהילפֿן. די זאַך וועט זיך נישט לאָזן באַהאַלטן. כ'וואָלט דאָס פֿאַרקויפֿן פֿון דעם וואַלד נאָך געקענט דערקלערן אפשר — איך בלייב אָבער באַ דעם אַ באַליידיקטער מענטש. ווען כ'זאָל גאָנטאָווסקין נישט אַרויסרופֿן, קענען זיי מיט מיר איבעררייסן, ווי מיט אַ שווינדלער אָן ערע, אויב איך וועל אים אַרויסרופֿן — געדענק, אַז דאָס זענען בוימלדיקע ווייבער, וואָס היטן אָפּ שטאַרק די אויסערלעכע מידות, ווי נישט קיינער — וועלן זיי מיט מיר איבעררייסן, ווי מיט אַן אַוואַנטוריסט. אויב איך וועל גאָנטאָווסקין שיסן, וועלן זיי מיט מיר איבעררייסן, ווי מיט אַ מערדער; אויב ער מיך, וועלן זיי איבעררייסן, ווי מיט אַ שלימזל, וואָס האָט זיך דערלויבט באַליידיקן און פֿאַרווונדן. ניין און ניינציק פּראָצענט וועלן זיי אַזוי טון. איצט פֿאַרשטייסטו, פֿאַרוואָס כ'האָב דיר געזאָגט, אַז דער רוח נעמט מיך, מיט מיין מצב, מיט מיין קרעדיט און צו דעם מיט קוששעמיען.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, מיטן גאַנצן נאַרישן עגאָיזם, מיט וועלכן עס קען זיך נאָר דערלויבן אפשר אַ מאַנסביל אין באַציִונג צום צווייטן, וואָס גייט אים אין תּוך גענומען ווייניק אָן.

— הער! — האָט ער אַ זאָג געטון — קזשעמיען וועל איך באַ דיר קויפן, אָבער די לאַגע איז אַ שווערע. וואָס-זשע רעכנסטו צו טון מיט גאַנטאַווסקין?

אויף דעם האָט מאַשקאָ געענטפערט:

— בין איצט צאָל איך חובות. האָסט נישט געוואָלט באַ מיר נעמען דאָס אונטערפירן, אפשר וועסטו וועלן זיין מיין עדות?

— דאָס זאָגט מען נישט אָפּ — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— אַ דאַנק. גאַנטאַווסקי וווינט אין סאַסקי האָטעל.

— מאָרגן וועל איך באַ אים זיין.

תיכף נאָך מאַשקאָס אַוועקגיין, האָט פּאָלאַניעצקי זיך גע-קליבן צו פאַרברענגען דעם אָוונט באַ די פּלאַוויצקיס. אויפן וועג האָט ער אַ טראַכט געטון:

— באַ מאַשקאָן איז קיין שפּאַס נישט פאַרהאַן, און די זאַך וועט אַזוי גלאַט זיך נישט ענדיקן; אָבער וואָס קען עס מיך אָנ-גיין? וואָס גייען זיי אַלע מיך אָן, אָדער איך — זיי? ווי איינ-זאַם, צו אַלדי שווארצע יאָר, דער מענטש איז אויף דער וועלט!

פּלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז דאָס איינציקע וועזן אויף דער וועלט, וועלכן ער גייט יאָ אַ ביסל אָן און וואָס טראַכט וועגן אים, נישט ווי וועגן סתם אַ זאַך, איז מאַריניאַ.

און באמת טאַקע, ווען ער איז אַריין אַהין, האָט ער בלויז אינם דריקן די האַנט דערקענט, אַז אַזוי איז עס; זי ווידער האָט צו דער באַגריסונג אים אַ זאָג געטון מיט איר מילדער און רו-קער שטים:

— כ'האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז איר וועט קומען. קוקט: ס'איז גרייט פאַר אייך אַ שעלעכל.

IV.

קומענדיק צו די פלאַוויצקיס, האָט פּאָלאַניעצקי דאָרט געטראָפן גאָנטאָווסקין. די יונגעלייט האָבן זיך תיכף באַגריסט מיט אַ באַמערקבאַרן ווידערווילן און קאַלטקייט, דעם טאָג איז אין דער גאַנצער וועלט קיין אומגליקלעכער מענטש פאַר גאָנטאָווסקין נישט געווען. דער אַלטער פלאַוויצקי האָט, ווי תמיד, געמאַכט פון אים חוזק, אפילו נאָכמער ווי תמיד, מחמת ער איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטן הומאָר צוליב זיין קרובה, נאָך וועלכער ער האָט זיך געריכט צו באַקומען די ירושה. מאַריניאַן האָט זיין אָנוועזנהייט זשענירט און זי האָט בחנם באַמיט זיך צו פאַרליישן דעם צוואַנג מיט העפלעכן באַגיין זיך און מיט גוטסקייט. ענדלעך האָט פּאָלאַניעצקי כמעט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט אים נישט. געווען איז אויך קלאָר, אַז גאָנטאָווסקי האָט אין קיין זאַך זיך נישט מודה געווען פאַרן אַלטן פלאַוויצקי און אַז ער ציטערט איצט, טאָמער וועט פּאָלאַניעצקי מאַכן עפּעס אַ באַמערקונג וועגן זיין אינצידענט מיט מאַשקאָן, אָדער ער זאָל וועגן אים נישט דערציילן.

פּאָלאַניעצקי האָט עס תּיכּף פאַרשטאַנען, ווי אויך דעם איבערגעוויכט, וואָס זיין שווייגן גיט צו „דעם בערעלע״; וועלנ-דיק אָבער דאָס אויסנוצן לטובת מאַשקאָן, האָט ער אַ צייט גע-שוויגן, ער האָט אָבער נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פונם חשק צו באַשטראָפן גאַנטאָווסקין אויף אַן אַנדערן אופן. אַ גאַנצן אָוונט האָט ער אַזוי געוויילט מאַריניאַן, ווי נאָך קיין איינמאָל נישט זינט ליטקאָס טויט, וואָס עס האָט מאַריניאַן דורכגענומען מיט אַ באַמערקבאַרער פרייד. איבערלאָזנדיק גאַנטאָווסקין באַם אַלטן פּלאַוויצקי, זענען זיי ביידע אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אין אַ פּאַרטרווילעכן שמועס, שפּעטער האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אונ-טער דער פּאַלמע, ווו פּאָלאַניעצקי האָט נאָך דער לוויה געזען פרוי עמיליאַן — און זיי האָבן גערעדט טאַקע וועגן איר אריינטרעטן צו די באַרמהאַרציקע שוועסטער. גאַנטאָווסקין אָבער האָט זיך מינוטנווייז געדאַכט, אַז אַזוי קענען נאָר רעדן חתן-כּלה, און ער האָט געפילט דאָס, וואָס עס מוז פילן די נשמה נישט אין עולם-הטהרה, ווייל די עולם-הטהרהדיקע האָט נאָך פאַר זיך אַ האָפנונג, נאָר אַ עלנט, וואָס טרעט איבער דעם טויער מיטן אויפשריפט: „Lasciate ogni speranza“ *). זעענדיק זיי אַזוי צו-זאַמען, האָט ער זיך אויך פאַרגעשטעלט, אַז פּאָלאַניעצקי האָט אפשר געקויפט דעם דעמבענעם וואַלד צוזאַמען מיט דער ערד, כּדי אָפּצוקויפן כאָטש אַ טייל קזשעמיען פאַר מאַריניאַס וועגן, און דעריבער מיט איר ווילן און איר ידיעה. און באַ דעם איינעם געדאַנק, ווי ווייט ער איז אין דעם פאַל פאַרזונקען, מאַכנדיק מאַשקאָן אַ סקאַנדאַל, האָבן זיך אים די האָר קאַפּויר געשטעלט; פּלאַוויצקי ווידער, הערנדיק זיינע האַלב-באַוווסטזיניקע, אָדער לחלוטין נישט צו דער זאַך ענטפערן, האָט זיך וואָס אַמאָל בעס-סער געוויילט אויפן חשבון פונם „פּראָווינצער“, וואָס פאַרלירט

*) וואַרפט אָוועק יעדע האָפנונג אַלע, וואָס קומען דאָ אריין — (אויפשריפט איבערן גיהנום אין דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״).

אין ערטאָט דאָס רעשט ביסל שכל. דער פּלאַוויצקי האָט זיך געהאַלטן שוין פאַר אַ מוסטער פון אַ „קרויגשטאַטישן" מענטש.

ס'איז אָבער געקומען אַ ווײַלע, ווען מאַריניאַ האָט זיך פאַרנומען אין צווייטן צימער מיט טיי, און דער פּלאַוויצקי איז אַוועק צו זיך נאָך ציגאַרן, און די יונגעלייט זענען געבליבן אויג אויף אויג; דאַמאָלס האָט פּאָלאַניעצקי זיך געווענדט צו גאַנטאָווסקין און אַזוי געזאָגט:

— לאָמיר נאָך דער טיי אַרויסגיין צוזאַמען; איך וויל מיט אייך אַ שמועס טון מכח אייער אינצידענט מיט דער מאַשקאָן.

— אדרבה — האָט מרה־שחורהדיק געענטפערט גאַנטאָווסקי, פאַרשטייענדיק, אַז פּאָלאַניעצקי איז מאַשקאָס אַן עדות.

דערווייל האָט מען באַדאַרפט נאָך בלייבן אויף טיי און דערנאָך געגוג לאַנג נאָך אָפּזיצן, מחמת דער אַלטער דער פּלאַוויצקי האָט נישט ליב געהאַט זיך פרי צו לייגן און האָט גאַנטאָווסקין פאַרבעטן אויף אַ פּאַרטיע שאַך. בשעת דער פּאַרטיע זענען מאַריניאַ מיט פּאָלאַניעצקין ווידער געזעסן באַזונדער און לעבהאַפט געשמועסט צו דעם „בערעלעס האַרציקע" פּיין.

— הער גאַנטאָווסקיס קומען — האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — מעג אייך זיין אָנגענעם, ווייל ער האָט אייך דערמאַנט אַן קושעמיען.

דורך מאַריניאַס געזיכט האָט דורכגעשלייכט אַ פאַרוואונדערונג, וואָס פּאָלאַניעצקי דערמאַנט דער ערשטער קושעמיען. זי האָט גערעכנט, אַז אויפן גרונט פון אַ שווייגנדיקן אָפּמאַך, וועט אַן אייביק שוויגן פאַרדעקן דעם ענין. אין אַ רגע אַרום האָט זי אָבער געענטפערט:

— איך טראַכט שוין מער נישט וועגן קושעמיען.

און זאָגנדיק דאָס, האָט זי געזאָגט אַ ליגנט, ווייל אין דער טיף פון האַרץ איז איר האַרציק אַ שאַד געווען דאָס אָרט, וווּ זי האָט זיך אויפגעצויגן, הן די עטלעכע יאָר אַרבעט, הן די חרוב געמאַכטע האָפנונגען; זי האָט אָבער גערעכנט, אַז אַזוי

הייסט איר רעדן, הן די פּליכט, הן דאָס געפיל צו פּאָלאַניעצקין, וואָס וועקט זיך אין איר וואָס אַמאָל שטאַרקער.

— קזשעמיען — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ ביסל אַן אופגע-רעגטער שטים — איז געווען די סיבה פון אונדזער קריגערייַ, און איך וויל איצט שלום און שלום אויף אייביק.

זאָגנדיק דאָס, האָט זי געקוקט פּאָלאַניעצקין אין די אויגן אַריין מיט אַ זיסער קאָקעטישקייט, אויף וואָס עס פאַלט אַן אויס-געלאָסענע פרוי אַלעמאָל, און אַן ערלעכע בלויז דאַמאָלס, ווען זי הייבט אָן ליב האָבן; פּאָלאַניעצקי אָבער האָט אַ טראַכט געטון:

— דאָך איז זי זייער אַ גוטע.

און ער האָט תיכף הויך אַ זאָג געטון:

— איר וואָלט געהאַט קעגן מיר אַן אויסגעצייכנט פּלי-זיין, ווייל מיך קען מען מיט גוטסקייט אין גיהנום אַריינטרייבן...

און זי האָט געענטפערט:

— אַהין וועל איך אייך נישט פירן.

און אַלס סימן, אַז זי וויל נישט, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל שאָקלען מיט איר קונקל, שיין קעפּל, און פּאָלאַניעצקי האָט איר געקוקט אין פּנים אַריין, אין די לאַכנדיקע אַ ביסל צו ברייטע ליפּן, און האָט אין האַרץ בייַ זיך געזאָגט:

— איך האָב זי ליב, צי נישט, אָבער קיין שום אַנדערע ציט מיך נישט אַזוי מיט די אויגן.

זי האָט אים נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געגומען און אַזוי נישט געפעלן, אפילו דאַמאָלס, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין שאָטן פון ספק, און ווען ער האָט מיט דעם געפיל געקעמפט.

ער האָט זיך דאָך אָנגעהויבן געזעגענען, מחמת ס'איז גע-וואָרן שפּעט און ער מיט גאַנטאָווסקין האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס.

דאַמאָלס האָט פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון היציקייט, פאַרהאַלטן דאָס אומגליקלעכע „בערעלע“ און האָט עס אַ פרעג געטון כמעט אויף אַ חוצפהדיקן אופן:

— איר האָט געוווסט, אַז דעם וואַלד האָב איך גע-קויפט?

— כ'האָב געוווסט — האָט גאַנטאָווסקי געענטפערט — ווייל אייער קאָמיסיאָנער, דער, וואָס זאָגט, אַז ער שטאַמט פון טאַ־טאַרן... כ'האָב פאַרגעסן, ווי ער הייסט דאָרט!... איז געווען בײַ מיר אין יאַלבזשיקאָוו און געזאָגט מיר, אַז איר.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר געמאַכט הער מאַשקאָן דעם סקאַנדאַל, נישט מיר?

אויף דעם האָט גאַנטאָווסקי געענטפערט:

— דריקט מיך נישט צו אַזוי צו דער וואַנט, ווייל כ'האָב עס נישט ליב. אַ סקאַנדאַל האָב איך געמאַכט יענעם פּאַרשוין, נישט אייך, ווייל פון אייך קומט די פּלאַוויצקיס גאָרנישט, און יענער איז מחויב זיי צו צאָלן יערלעך פון קושעמיען אַזוי פיל, וויפיל ער האָט זיך מתחייב געווען, און אַז ער וועט אַ מאָל מאַכן פון קושעמיען, וועט ער נישט האָבן פון וואָס. איר האָט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס כ'האָב יענעם אָנגעזידלט, ווייסט איר.

פּאָלאַניעצקי האָט אין האַרצן געמוזט מודה זיין, אַז גאַנ־טאָווסקיס תשובה, איז אַ ביסל אַ גערעכטע, דעריבער האָט ער אָנגעהויבן תיכף דעם שמועס פון אַן אַנדערע זייט.

— הער מאַשקאָ האָט מיך געבעטן זיין אַן עדות — האָט ער אַ זאָג געטון — דעריבער מיש איך זיך אין דעם ענין. אַלס עדות, וועל איך זיין בײַ אייך מאָרגן, הייַנט ווידער קען איך אַלס פּריוואַטער מענטש און אַלס הער פּלאַוויצקיס אַ קרוב, הגם אַ ווייטער, זאָגן בלויז דאָס: איר האָט געטון די גרעסטע רעה הער פּלאַוויצקין און אויב ער מיט פריילין מאַריניאַן וועלן בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט, וועלן זיי עס האָבן אייך צו פאַר־דאַנקען. אַזוי איז עס!

גאַנטאָווסקיס אויגן זענען אינגאַנצן קיילעכדיק גע־וואָרן.

— אָן אַ שטיקל ברויט?... מיר וועלן זיי האָבן צו פאַר־דאַנקען?...

— אַזוי איז עס — האָט איבערגעחזרט פּאָלאַניעצקי — זאָרט־זשע מיט קאָפּ. אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַראַ ס'וועלן זיין די רעזולטאַטן פון דעם אינצידענט... זענען די אומשטענדן

אַזעלכע, אַז זיי קענען ברענגען די שרעקלעכסטע זאַכן. איך זאָג עס אייך אונטער אַן ערנוואָרט: איר האָט אוודאי אַ תּל געמאַכט פון הער פלאַוויצקין און צוגענומען פון אים, הן פון דער טאַכטער דעם אופן, ריכטיקער, די מיטלען צום לעבן.

אויב גאַנטאַוואָסקי האָט באמת נישט ליב געהאַט, ווען מען האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט ער איצט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זיין עקל. גאַנטאַוואָסקי אָבער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם קאָפּ און איז אַ דערשראָקענער מיט אַן אָפן מויל געבליבן שטיין, נישט קענענדיק געפינען קיין ענטפער, און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבן:

— וואָס? ווי אַזוי? אויף וואָס פאַר אַן אופן? זיי זיכער, אַז צו דעם וועט נישט קומען, איך זאָל אפילו דאַרפן אָפּגעבן יאַלבזשיקאָוו.

פאַלאַניעצקי אָבער האָט איבערגעריסן:

— הער גאַנטאַוואָסקי, ס'איז אַ שאָד די רייד! איך קען אייער בעגנט פון קינדהייט אויף. וואָס איז יאַלבזשיקאָוו? און וואָס האָט איר אין יאַלבזשיקאָוו?

דאָס איז געווען אמת. יאַלבזשיקאָוו איז געווען אַ דערפל פון ניין וולוק, און דערביי האָט גאַנטאַוואָסקי געהאַט, ווי דאָס מאַכט זיך, געירשנט חובות אויף יאַלבזשיקאָוו, איבער די אויערן — זעבען אים די הענט אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן.

אים איז אָבער אײַנגעפאַלן, אַז אפשר איז די זאַך גאָרנישט אַזוי, ווי עס שטעלט זי פאָר פּאַלאַניעצקי און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק, ווי אָן אַ רעטונגס־ברעט.

— איך בין דאָס נישט משיג, וואָס איר זאָגט — האָט ער זיך אָפּגערופן — איין גאָט איז אַן עדות, אַז מיר וואָלט ליבערשט געווען מיין אונטערגאַנג, ווי דער אונטערגאַנג פון די פלאַוויצקיס, און ווייסט, אַז כ'וואָלט מיט פאַרגעניגן אַרונטערגעדרייט הער מאַשקאָן דעם קאָפּ, אַז מען דאַרף אָבער, אויב עס גייט אין די פלאַוויצקיס, זאָל מיך פריער דער רוח נעמען. איך בין תּיכף נאָכן אינצידענט געווען בײַ הער יאַמישן, וואָס איז איצט דאָ אויף אַ

סעסיע, און כ׳האָב זיך אין אַלעם מודה געווען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳האָב געטון אַ שטות, און האָט מיך אויסגעזידלט — דאָס איז אמת! ווען עס זאָל גיין וועגן מיר — אַ דאגה מיר! וואָלט איך די הענט אין קאַלטן וואַסער אַריין נישט געטון; אויב ס׳איז אָבער עפּעס אַנדערש, איז וואָס הער יאַמיש וועט מיר זאָגן, וועל איך טון, ווען עס זאָל מיך שפּעטער אפילו דער רוח כאַפּן. הער יאַמיש וווינט אין סאַסקי האָטעל און איך אויך.

מיט דעם האָבן זיי זיך צעשיידט און גאַנטאַוואָסקי איז אַוועק צו זיך אין האָטעל אַריין, שילטנדיק מאַשקאָן, זיך און פּאָלאַניעצקין. ער האָט געפילט, אַז עס האָט געמוזט זיין, ווי פּאָלאַניעצקי האָט געזאָגט, אַז עס איז געשען עפּעס אַן אומגליק, וואָס מען קען עס נישט פאַריכטן און אַז ער האָט שטאַרק באַעוולט די זעלבע פריילין מאַריאַ, פאַר וועלכער ער וואָלט דעם לעצטן טראָפּן בלוט אָפּגעגעבן; ער האָט געפילט, אַז סוף־כל־סוף, אויב ער האָט נאָך געהאַט עפּעס אַ שטיקל האָפנונג, האָט ער פון דעם אַ תל געמאַכט. פּלאַוויצקי וועט פאַר אים די טיר פאַרמאַכן, פריילין מאַריאַ וועט חתונה האָבן מיט פּאָלאַניעצקין — סיידן ער אַליין וועט זי נישט וועלן. אָבער ווער וואָלט זי נישט וועלן? גלייכצייטיק האָט גאַנטאַוואָסקי קלאָר דערזען, אַז צווישן די, וואָס וואָלטן געקענט בעטן איר האַנט, איז ער געווען דער לעצטער, מיט וועלכן זי וואָלט מסכים געווען חתונה צו האָבן. „וואָס פאַרמאָג איך דאָרט? — גאָרנישט. — האָט ער צו זיך געזאָגט — דאָס פאַרשיווע יאַלבזשיקאָו און מער נישט: נישט קיין שכל, נישט קיין געלט. יעדער איינער ווייסט עפּעס, איך — קיין זאַך נישט. אַזאַ פּאָלאַניעצקי האָט אי וויסן, אי געלט, א״ איך האָב זי ליבער — קומט מיר אַרויס פון דעם, פּונקט ווי איר, קוים בין איך אַזאַ שוטה, אַז איך ברענג איר נאָך היזק, נישט קיין הילף.“

פּאָלאַניעצקי, אומקערנדיק זיך אַ היים, האָט דאָס זעלבע געטראַכט וועגן גאַנטאַוואָסקין און האָט בכלל נישט געהאַט צו אים אַפילו קיין פּונק מיטגעפיל. אינדערהיים האָט ער געטראָפן

מאשקאָן, וואָס האָט אויף אים געוואַרט אַ שעה צייט און וואָס האָט אים באַגריסנדיק אַ זאָג געטון:

— דער צווייטער עדות וועט זיין קרעסאָווסקי.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַ ביסל פאַרקרומט און האָט געענטפערט:

— כ׳האָב געזען גאַנטאָווסקין.

— נו, וואָס?

— אַ שוטה.

— קודם־כל. האָסטו אים געזאָגט עפּעס אין מיין נאָמען?

— אין דיינעם קיין זאַך נישט. כ׳האָב אים געזאָגט אַלס הער פּלאַוויצקיס קרוב, אַז ער האָט אים געטון די גרעסטע רעה.

— האָסט קיין שום דערקלערונגען נישט געגעבן?

— קיינע. הער, מאַשקאָ, דיר גייט אין פולקומער סאַטיספאַקציע; מיך אַרט עס אויך זייער קנאַפּ, וואָס איר וועט אייך שיסן אין די קעפּ אַריין. אויפן גרונט פון דעם, וואָס כ׳האָב גאַנטאָווסקין געזאָגט, איז ער גרייט מסכים צו זיין אויף אַלע באַדינגונגען. צום גליק איז ער אַוועק צום ראָטגעבער יאַמיש און דאָס איז אַ מענטש אַ געלאַסענער און אַ בעל־שכל, וואָס פאַרשטייט אויך, אַז גאַנטאָווסקי האָט געטון ווי אַ שוטה, און וועט אים געבן אַ זאָג.

— גוט — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ — גיב מיר אַ פּען און אַ שטיקל פּאַפּיר.

— אָט האָסטו אויפן ביוראָ־טיש.

מאַשקאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן שרייבן און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער דערלאַנגט דאָס באַשריבענע בייגעלע פּאָלאַניעצקין.

פּאָלאַניעצקי האָט אָט־וואָס געלייענט:

„איך דערקלער מיט דעם, אַז כ׳בין שיכורערהייט פאַרפאַלן מאַשקאָן, אין אומבאַוואוסטזיניקן צושטאַנד, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דעם, וואָס איך רעד. היינט, אַן אויסגעניכטערטער, אָנערקען איך פאַר מיינע עדות און פאַר הער מאַשקאָס

עדות, אויך פאַר די פּערזאָנען, וואָס זענען געווען באַ דעם, — דעם טאַט מיינעם פאַר גראָב און גאַריש, און מיטן גרעסטן עגמת־נפש און הכנעה, אַפּעליר איך צום איינזען און חסד פון העד מאַשקאָן, בעטנדיק אים, ער זאָל מיר מוחל זיין, און איך דער־קלער עפנטלעך, אַז זיין באַגיין זיך איז געווען און איז אין אַלץ העכער פאַר דער מיינונג פון מענטשן, וואָס זענען ענלעך צו מיר".

—גאָנטאָווסקי דאַרף דאָס דעקלאַמירן, אונגאָכדעם חתמענען— האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ.

— דאָס איז דאָך טייוולאָניש־אומברחמנותדיק. אויף דעם וועט קיינער נישט מסכים זיין.

— דו אָנערקענסט, אַז דער לץ איז זיך באַגאַנגען מיט מיר אומדערהערט?

— איך אָנערקען.

— דו פאַרשטייסט, וואָס פאַראַ רעזולטאַטן דער סקאַנדאַל קען מיט זיך ברענגען?

— דאָס קען מען נישט וויסן.

— דאָס ווייס איך — כ׳וועל דיר זאָגן בלויז דאָס: די דאַמען באַדויערן אין האַרץ, וואָס זיי האָבן זיך פאַרבונדן און זיי וועלן זיך באַנוצן מיט אַ ליאַדע תירוץ, וואָס וועט זיי פאַר־ענטפערן פאַר דער וועלט. דאָס איז זיכער. איך בין פאַרלוירן, כמעט אָן רעטונג.

— צו אַלדע רוחות!

— דו פאַרשטייסט איצט, אַז דאָס וואָס מיך עגבערט מוז אויסגיין צו עמעצן — און אַז גאָנטאָווסקי מוז אַזוי, צי אַזוי פאַר דער עוולה באַצאָלן.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען.

— איך נעם זיך פאַר אים אויך נישט דאָס לעבן. זאָל זיין אַזוי.

— קרעסאָווסקי וועט קומען צו דיר מאָרגן גיין אַ זייגער.

— גוט.

— אַלזאָ צום ווידערזען. אָבער! אויב דו וועסט זען פּלאַוויצקין, זאָג אים, אַז אין ווין איז געשטאָרבן זיין קרובה, די פּלאַשאָווסקאַ, נאָך וועלכער ער האָט זיך גערעכנט אויף אַ ירושה. די צוואה איז דאָ געווען באַם רעיענט פּאָדוויני, און דאַרף מאָרגן געעפנט ווערן.

— גוט, פּלאַוויצקי ווייסט שוין פון דעם, ווייל זי איז געשטאָרבן מיט עטלעכע טעג צוריק.

פּאָלאַניעצקי איז געבליבן אַליין. אַ צייט האָט ער געטראַכט וועגן זיין חוב, נישט פאָרזעענדיק קיין אופן, ווי אַזוי אים אַרויסצובאַקומען פונם באַנקראָטירטן מאַשקאָן — און דער געדאַנק האָט אים באַאומרויקט. ער האָט זיך אָבער דערמאַנט, אַז דער חוב האָט נישט געקענט ווערן אויסגעשטראָכן פון דער היפּאָטעק, איידער ער ווערט אינגאַנצן נישט אָפּגעצאָלט, אַז ער וועט אין לעצטן פאַל בלייבן, ווי פריער, דער בעל-דבר פון קזשעמיען. לעולם איז קזשעמיען נישט געווען קיין בעסערער בעל-חוב פאַר מאַשקאָן, ס'איז דעריבער נישט געווען קיין גרויסע טרייסט — דערווייל האָט מען אָבער זיך געמוזט מיט דעם באַגנוגענען.

שפּעטער איז אים איינגעפאַלן עפּעס אַנדערש. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערמאַנען אָן ליטקאַ, אָן פרוי עמיליאַן, אָן מאַריניאַן, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס דער מין פרויען-וועלט איז אַ ריין-געפיליקע, וואָס דער הויפּט אינטערעס זייערער באַשטייט אין ליב האָבן, אינם גליק פון די נאָנטע, אַנדערש איז די מאַנסבילישע וועלט, וואָס איז פול מיט קאָנקורענץ, מיט קאַמף, מיט רייסן זיך, כעס, דועלן, באַמיונגען צו מאַכן אַ פאַרמעגן און פאַרמערן זיך, און ער האָט אין דער רגע אָנערקענט דאַס, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט אַז אויב אויף דער וועלט איז פאַראַן רו, גליק, היילונג, דאַרף מען עס זוכן בײַ אַ לעבעדיקער פרוי. דאָס איז געווען אַ פונקט פאַרקערטע געפיל פון דער פילאָזאָפיע פון זיינע לעצטע טעג, פאַר דעם האָט עס אים באַאומרויקט. פאַרגלייכנדיק אָבער די צוויי וועלטן, האָט ער זיך אָבער נישט געקענט אַקעגנשטעלן די אָנערקענונג, אַז די

פרייליכע, די לעבעדיקע, האָט איר פרינציפּ און זכות־הקיום.

ווען פּאָלאָניעצקי זאָל געווען בעסער קענען די ביבל, וואָלטן מסתּמא איס געקומען אויפן רעיון די ווערטער: „מריא האָט דאָס בעסערע חלק אויסדערוויילט".

V.

קרעסאָווסקי האָט צומאָרגנס זיך פאַרשפעטיקט אויף א שעה. דאָס איז געווען, לויט דער באַקאַנטער דעפיניציע באַ אונדז, איינער פון די פאַרוואַלטערס איבער די פרישע לופט אין שטאָט, דאָס הייסט, איינער פון די לייט, וואָס טוען גאָרנישט. ער האָט געהאַט אַ גאַנץ באַקאַנטן פאַמיליע-נאָמען און האָט פאַרלוירן אַ גאַנץ היבש פאַרמעגן. אויף די ביידע יסודות האָט ער געלעבט, געקומען אומעטום און אָנערקענט געווען איבעראַל פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטש. ווי אַזוי די אויבנדערמאַנטע טיט-לען קענען קלעקן אויף דעם אַלעם, איז דער סוד פון דער גרוי-סער שטאָט; גענוג איז צו זאָגן, אַז קרעסאָווסקיס מצב איז נישט בלויז געווען אָנערקענט און געזיכערט, נאָר מען האָט אים צו דעם נאָך געהאַלטן פאַר אַ מענטש, צו וועלכן מען קען אין איי-דעלע פראַגן גאַנץ זיכער זיך ווענדן. אין ערנגעריכטן פלעגט מען אים נעמען פאַר אַ בורר, באַ דועלן פאַר אַן עדות. די הויכע פינאַנצקרייזן האָבן אים מיט פאַרגעניגן געפלעגט פאַרבעטן אויף מיטאָגן, חתונות, טויפונגען און אַנדערע ענלעכע פייערונ-

גען, מחמת ער האָט געהאַט אַ פּאַטריצישע ליסינע און אַ שטאַרק פּויליש אויסזען, האָט ער דעריבער אויסגעצייכנט באַשיינט דעם טיש.

דאָס איז געווען אַ מענטש אין תּוך גענומען אַ שטאַרק אַנטוישטער אין לייטן, אַ ביסל אַ שווינדזיכטיקער און זייער אַ גרויסער קפּדן, ער האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ ביסל הומאָר, וואָס האָט אים דערלויבט צו זען די קאָמישע זייטן פון זאַכן, דער עיקר פון זייַנע קליינע, מיט וואָס ער האָט אַ ביסל דער-כאַנט אַן בוקאַצקין. — אין פלעגט חוזק מאַכן פון זיין אייגע-נער קפּדנות, ער האָט אויך אַנדערע דערלויבט פון דעם חוזק צו מאַכן, אָבער מיט אַ מאָס ווען מען האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, פלעגט ער זיך פלוצלינג טון אַ גלייך אויס און צודריקן די מענטשן, אָבער שוין צופיל, אַז מען פלעגט אים דעריבער האַלטן פאַר אַ געפערלעכן מענטש. מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז אין עטלעכע פאַלן, האָט ער געפונען אין זיך דרייסטקייט דאָרט, ווו אַנדערע וואָלטן עס נישט געקענט און אַז בכלל האָט ער גע-קענט „הויך טראָגן די נאָז“. ער האָט קיינעם און קיין זאַך נישט געשוינט, אַ חוץ זיין אייגן באמת זייער איידל פּנים, ער האָט דער-הויפּט נישט געשוינט קיין צייט, מחמת אומעטום און אייביק פלעגט ער זיך פאַרשפּעטיקן.

אַרייַנגייענדיק איצט צו פּאָלאַניעצקין האָט ער תּיכף נאָך דער באַגריסונג אָנגעהויבן פאַרענטפערן זיין פאַרשפּעטיקן זיך.

— האָט איר נישט באַמערקט — האָט ער געזאָגט — אַז ווען אַ מענטש אײַלט זיך שטאַרק און עס גייט אים שטאַרק אין שנעלקייט, גייען אים דווקא פאַרלוירן די בייטיקסטע זאַכן, ווי זיי וואָלטן אין וואַסער אַריין. דער דינער זוכט דעם הוט — נישטאָ דער הוט, זוכט די קאַלאָשן — נישטאָ די קאַלאָשן, זוכט דאָס בייטעלע — נישטאָ דאָס בייטעלע, איך געוועט זיך, תּמיד!

— עס מאַכט זיך שוין אַזוי — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַ-ניעצקי.

— איך האָב אפילו געפונען צו דעם אַן עצה. ווען עס פאַלט מיר עפּעס ווי אין וואַסער אַריין, זעץ איך זיך אַוועק,

שמייכל און זאָג הויך: „כ׳האָב אַזוי מוראדיק ליב צו פאַרלירן אַמאָל; אַ מענטש זוכט, ווערט לעבעדיק, רירט זיך, פילט אויס די צייט — דאָס איז אומגעהייער געזונט און אָנגענעם. וואָס זאָגט איר דערצו?! דאַמאָלס געפינט מען תיכף, וואָס עס איז פאַרלוירן געגאַנגען.״

— מען וואָלט געקענט אַרויסנעמען אַ פּאַטענט אויף אַזאַ דערפינדונג — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — לאָמיר אָבער רעדן וועגן מאַשקאַס ענין.

— מיר דאַרפן גיין צום ראָטגעבער יאַמיש. מאַשקאַ האָט מיר צוגעשיקט דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר גאָנטאָווסקיס וועגן. ער וויל קיין וואָרט נישט ענדערן — דאָס איז אָבער אוממעגלעך, צו שאַרף — דאָס קען נישט ווערן אָנגענומען... איך פאַרשטיי, אַז עס וואָרט אויף אונדז אַ דועל, נישט מער — קיין אַנדערן אויסוועג זע איך נישט.

— גאָנטאָווסקי האָט זיך מיט אַלעם פאַרלאָזט אויף הער יאַמישן און ער וועט אַלץ טון, וואָס הער יאַמיש וועט אים הייסן, און הער יאַמיש איז ראשית, אויך אויפגעבראַכט אויף גאָנטאָווסקין, שנית, אַ מענטש אַ קראַנקער, אַ געלאַסטענער, אַ רויקער, אַזוי, אַז ווער ווייסט, צי ער וועט אפילו אַזעלכע באַדינגונגען נישט אָננעמען.

— הער יאַמיש איז אַ שטרוי-זאַק — האָט געענטפערט קרעסאָווסקי — אָבער לאָמיר גיין, ס׳איז שפּעט.

זיי זענען אַוועק. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער שליטן פאַרהאַלטן פאַרן סאַסקי האָטעל. הער יאַמיש האָט געוואַרט אויף זיי, אָבער צוגענומען זיי אינם שלאָפראָק, מחמת ער איז באמת נישט געזונט געווען. קרעסאָווסקי, קוקנדיק אין זיין אינטעליגענט, אָבער ליידנדיק און אָנגעגעסן געזיכט, האָט אַ טראַכט געטון:

— דער איז טאַקע גרייט אויף אַלץ מסכּים צו זיין.

— זעצט אייך, מייַנע הערן — האָט אַ זאָג געטון הער יאַמיש — ערשט דריי טעג בין איך הי — און הגם איך פיל מיך נישט גוט, בין איך צופרידן, ווייל אפשר וועט זיך איינגעבן

דעם סקאַנדאַל צו פאַרגלעטן. גלייבט מיר, אַז כ׳האָב דער ערשטער אָנגעריבן די אויערן דעם היצקאָפ מיינעם.

דאָ האָט ער אָנגעהויבן צוקן מיט די אַקסלען, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו פּאָלאַניעצקין און געפרעגט:

— וואָס הערט מען דאָרט באַ די פּלאַוויצקיס? כ׳בין ביז אַהער נישט געווען דאָרט, און ס׳בענקט זיך מיר נאָך מיין גאָלדענער מאַריניאַ...

— פריילין מאַריאַ איז געזונט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

— און דער אַלטיטשקער?...

— מיט עטלעכע טעג צוריק איז געשטאָרבן זיינס אַ ווייטע קרובה, זייער אַ רייכע. ריכט ער זיך אויף אַ ירושה. נעכטן האָט ער מיר דאָס געזאָגט, כ׳האָב אָבער געהערט, אַז זי האָט דאָס גאַנצע פאַרמעגן אָפּגעשריבן אויף צדקה־צוועקן... די צוואה וועט הייַנט, אָדער מאָ־גן ווערן געעפנט...

— גאָט זאָל איר האָבן אַריינגעגעבן רוח־הקודש, אַז זי זאָל מאַריניאַן האָבן עפּעס אָפּגעשריבן. אָבער לאָמיר צוגיין צום ענין. מיינע הערן, איך דאַרף דאָך אייך נישט זאָגן, אַז אונדזער חוב איז זיך צו וועגדן, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, בכי־טוב.

קרעסאָווסקי האָט זיך פאַרנייגט. עס האָבן אים געלאַנגווייליקט ענלעכע הקדמות, וואָס ער האָט שוין געהערט, גאָט ווייסט, וויפיל מאָל אין לעבן, דעריבער האָט ער איבערגעריסן:

— מיר זענען מיט דער פליכט טיף דורכגעדרונגען!...

— איך האָב זיך טאַקע גערעכט — האָט גוטמוטיק געענטפערט הער יאַמיש — איך אַליין בין זיך מודה, אַז הער גאָנטאָווסקי האָט נישט געהאַט דאָס קלענסטע רעכט צו האַנדלען אַזוי, ווי ער האָט געהאַנדלט; איך אָנערקען אויך פאַר ריכטיק, אַז ער זאָל ווערן באַשטראָפט, וועל איך אַלזאָ זען אים צורעדן אפילו צו זייער באַוויי‌טנדיקע הנחות, וואָס קענען הער מאַשקאָן פאַרזיכערן די געהעריקע סאַטיספאַקציע.

קרעסאָװסקי האָט אַרױסגענומען פֿון קעשענע דעם אײנגעלײגטן בױגן פּאַפּיר און האָט מיט אַ שמײכל אים דערלאַנגט הער יאַמישן, זאָגנדיק בײַ דעם:

— הער מאַשקאָ פֿאַרלאַנגט נישט מער, װי הער גאָנטאָװסקי זאָל פֿריִער איבערלײענען דאָס קלײנע דאָקומענטל פֿאַר זײַנע און יענעמס עדות, אױך פֿאַר זײַנע געהילפֿן, װאָס האָבן בײַגעװױנט דעם סקאַנדאַל, און נאָכדעם זאָל ער אונטערשרײַבן אונטער דעם זײַן גערעכטן פֿאַמיליען-נאָמען.

הער יאַמיש, אָפּזוכנדיק צװישן זײַנע פּאַפּירן די ברילן, האָט זײ אָנגעטון אױף דער נאָז און אָנגעהױבן לײענען. אָבער װאָס מער ער האָט געלײענט, אַלץ רױטער איז זײַן פּנים געװאָרן, נאָכדעם בלאַס, שפּעטער האָט ער אָנגעהױבן סאָפּען, ענדלעך האָבן פּאָלאַניעצקי און קרעסאָװסקי זײערע אײגענע אױגן נישט געװאָלט גלײבן, אַז דאָס איז דערזעלבער הער יאַמיש, װאָס איז מיט אַ װײַלע פֿריִער גרײט געװען צו גײן אױף כּלערלײ הנחות.

— מײַנע הערן — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים — הער גאָנטאָװסקי איז זיך באַגאַנגען װי אַ היצקאָפּ, אַ כּעסן, אָבער הער גאָנטאָװסקי איז אַ... שליאַכטשיץ און אָט װאָס איך ענטפֿער אין זײַן ענפֿער הער מאַשקאָן.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער צעריסן דאָס בױגעלע פּאַפּיר אױף פֿיר שטיקער און עס אַ שמיץ געטון אָן דער ערד.

די זאַך האָט מען געקענט פֿאָרױסזען. קרעסאָװסקי האָט זיך אָנגעהױבן מײשב זײַן, צי האָט הער יאַמיש דורך זײַן האַנדלונג אים נישט פּוגע-בכּבוד געװען אַלס עדות און דאָס פּנים האָט אין אײן רגע אָנגעהױבן װערן פֿאַרגלײװערט און אײַנצױען זיך, װי בײַ אַ בײזן הונט; פּאָלאַניעצקי אָבער, װאָס האָט הער יאַמישן ליב געהאַט, איז דער פֿאַרדרוס געפֿעלן געװאָרן.

— הער ראַטגעבער — האָט ער אַ זאָג געטון מיט באַטאָנונג — הער מאַשקאָ איז באַעװלט אױף אַזאַ אומדערהערטן אופֿן, אַז װײניקער פֿאַרלאַנגען קען ער נישט, איך אָבער און הער

קרעסאָווסקי האָבן אייער תּשובה פאַרגעזען און זי פאַרגרעסערט בלויז דעם דרך-ארץ, וואָס מיר האָבן פאַר אייך.

דער ראַטגעבער יאַמיש האָט זיך געזעצט — און זייענדיק אַ ביסל אַן אסטמאַטיקער, האָט ער אַ צייט שווער אָפּגעאָטעמט; נאָכדעם האָט ער זיך באַרויִקט און האָט אַ זאָג געטון:

— איך וואָלט געקענט אייך פאָרלייגן אַן אַנטשולדיקונג מצד הער גאַנטאָווסקין, אָבער גאָר אין אַנדערע אויסדריקן; איך זע אָבער, אַז מיר וואָלטן בלויז פאַרלוירן צייט, לאָמיר-זשע בעסער רעדן וועגן אַ באַפרידיקונג מיט געווער אין דער האַנט. אין אַ ווייַלע אַרום וועט אַהער קומען הער ווילקאָווסקי, גאַנטאָווסקיס צווייטער עדות, און אויב איר קענט וואַרטן, וועלן מיר תּיכּף באַשטימען די באַדינגונגען.

— דאָס הייסט גלייך צו גיין צו דער זאַך — האָט אַ זאָג געטון קרעסאָווסקי, וואָס האָט אינגאַנצן שלום געשלאָסן מיט הער יאַמישן.

— מען גייט אָבער אויס נויט און צו דעם אויס טרויעריקער נויט — האָט געענטפערט הער יאַמיש.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל:

— איך מוז עלף אַ זייגער זיין אין ביוראָ — האָט ער אַ זאָג געטון — אָבער אויב דער הער ראַטגעבער וועט דערלויבן, וועל איך זיך אַהער אַרייַנכאַפּן אַ זייגער אייגס, כּדי דורכצוקוקן און אונטערהתמענען די באַדינגונגען.

— גוט. איך בין אייך נתרה פאַרויס, אַז איך פאַרשטיי, דאָס די באַדינגונגען קענען נישט צונויפגעשטעלט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין צו לייטיש געלעכטער, איך רעכן אָבער אויף דעם, אַז הן הער קרעסאָווסקי, הן איר, הער פּאָלאַניעצקי, וועט נישט וועלן זיי דערפירן ביזן לעצטן גבול.

— ניין. איר מעגט זיין זיכער, אַז איך מיין נישט צו זיין צופיל היציק אויפן חשבון פון אַ פרעמד לעבן.

זאָגנדיק דאָס, איז פּאָלאַניעצקי אַרויס, און איז אַוועק אין ביוראָ, וווּ עס האָבן געוואַרט אויף אים עטלעכע וויכטיקע ענינים, וועגן וועלכע ער האָט געמוזט אַליין באַשליסן צוליב ביגעלס אָפּ-

חעזנהייט. מיטאָג-צייט האָט ער אונטערגעשריבן די באַדינגונגען, וואָס זענען געווען ערנסטע, אָבער נישט צופיל שאַרפע. נאָכדעם איז ער אַוועק אויף מיטאָג, מחמת ער האָט זיך געריכט אין רעסטאָראַן צו טרעפן מאַשקאָן.

מאַשקאָ אָבער האָט משמעות געמוזט זיין בײַ די קרעסלאָווסקיס; פאַר דעם איז די ערשטע פּערזאָן, וועלכן ער האָט דערזען, געווען הער פלאַוויצקי, וואָס איז ווי אַ עמאָל, געווען זאָרגפעלטיק אָנגעטון, אָפּגעראַזירט, פאַרקנעפּלט, אָפּגעפרישט, אָבער מרה-שחורהדיק, ווי די נאַכט.

— וואָס טוט דאָ דער געערטער פעטער? — האָט אַ פרעג געטון פאָלאַניעצקי.

— אַז כ'האָב עפּעס אַן עגמת-נפש, עס איך נישט געוויינטלעך אינדערהיים, כדי נישט אָנצוטון קיין צער מאַריניאַן — האָט געענטפערט הער פלאַוויצקי — איך גיי זיך ערגעץ אַוועק און אָט — אַ פליגעלע קאַפּ-האָן, אַ לעפּעלע קאָמפּאָט — דאָס איז אַלץ, וואָס איך באַדאַרף. זעץ זיך, אויב דו וועסט נישט געפינען קיין פריילעכערע געזעלשאַפט.

— וואָס איז געשען? — האָט אַ פרעג געטון פאָלאַניעצקי.

— די אַלטע טראַדיציעס גייען לאיבוד — אָט וואָס ס'איז געשען!

— האָ! דאָס איז נישט בלויז דעם פעטערס פּערזענלעך אומגליק.

הער פלאַוויצקי האָט אויף אים אַ קוק געטון אַי מרה-שחורהדיק, אַי פייערלעך און געזאָגט:

— היינט האָט מען געעפנט די צוואה.

— נו, וואָס?

— וואָס? מען רעדט איצט אין וואַרשע: זי האָט געדענקט אָן די ווייטסטע קרובים! שיין געדענקט! מאַריניאַן האָט זי אָפּגעשריבן — יאָ? אָבער ווייסט וויפיל? פיר הונדערט רובל לעבנסרענטע. און דאָס אַ מיליאָנערין!! אַ דינסטמיידל לאָזט מען איבער אַזאַ ירושה, נישט קיין קרובה.

— און דעם פעטער?

— מיר גאָרנישט. דעם פּאַרוואַלטער האָט זי אָפּגעשריבן פּופּצענטויזנט רובל און מיר קיין אָפּגעריבענעם דרייער נישט.

— וואָס זאָל מען טון?

— די אַלטע טראַדיציעס גייען לאיבוד! וויפיל מענטשן זענען עס אַמאָליקע צייטן געקומען דורך צוואות צו פאַרמעגנס, און װאָרוואָס? ווייל ס'האָט עקזיסטירט ליבע און סאָלידאַריטעט אין די משפחות.

— היינט אפילו קען איך נאָך אַזעלכע, וואָס זיי זענען טויזנטער אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ פון צוואות.

— יאָ. פאַרהאַן אַזעלכע. פאַרהאַן! פאַרהאַן אַ וועלט אַזאַ. אָבער איך געהער נישט צו זיי.

הער פּלאַוויצקי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און פון זיין מויל איז אַרויס. פּעס אַ מאָנאָלאָג:

— אַז אַלעמאָל און אומעטום, ערגעץ, עמעצן, ווער, עפּעס...

דאָ האָט ער אַ זיפץ געטון און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— און מיר קיינמאָל, אין ערגעץ, קיינער, גאָרנישט...

און פּאָלאַניעצקין איז פּלוצלינג געקומען אַן אכזריותדיקער, אָבער פוסטער געדאַנק אין קאָפּ אַריין, כדי פריילעך צו מאַכן הער פּלאַוויצקין, און ער האָט אַ זאָג געטון:

— ע, זי איז געשטאָרבן אין רוים, און די היגע צוואה איז פריִער געשריבן, פאַר דעם, ווי כ'האָב געהערט, איז געווען גאָר אַן אַנדערע. ווער ווייסט, צי פון רוים וועט נישט אָנקומען עפּעס א הוספה-צוואה און צי דער פעטער וועט זיך נישט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפכאַפּן אַ מיליאָנער.

— ס'וועט נישט קומען — האָט געענטפערט הער פּלאַוויצקי.

פּאָלאַניעצקיס ווערטער האָבן אים אַ נעם געטון; ער האָט אָנגעהויבן אויף אים קוקן, געגומען זיך דרייען, ווי די שטול, אויף וואָס ער איז געזעסן, וואָלט געווען אַ מאַדעניש בעלעגער — ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטון:

— און דו האַלטסט, אַז דאָס איז מעגלעך?

פּאָלאַניעצקי האָט געענטפערט מיט אַן אנתדיק ממוריש; צרנסט:

— איך זע נישט אין דעם קיין שום אוממעגלעכס.

— ווען דער ליבער נאָמען וויל...

— עס קען אויך זיין.

הער פּלאַוויצקי האָט אַ קיק געטון אויפן זאַל: זיי זענען געווען אַליין, פלוצלינג האָט ער אָפּגערוקט די שטול און אַ זאָג געטון, אַנווייזנדיק אויפן ווענטל:

— בחור! קום אַהער...

פּאָלאַניעצקי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, וואָס הער פּלאַוויצקי האָט אַ קוש געטון, זאָגנדיק בײַ דעם גערירט:

— האָסט מיר צוגעגעבן האָפנונג, האָסט מיך געשטאַרקט... זאָל זיין ווי דער אייבערשטער וויל, האָסט מיך אָבער געשטאַרקט. איך וועל זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז כ'האָב צו איר געשריבן. גאָרנישט, נאָר דערמאָנט בלויז, אַז מיר לעבן. כ'האָב געפרעגט, ווען עס ענדיקט זיך דער טערמין פון אַרענדע בנוגע איין גוט. כ'האָב, פאַרשטייסטו מיך, נישט בדעה געהאַט צו נעמען אין אַרענדע דאָס גוט, אָבער אַ תירוץ איז עס געווען אַ גוטער... זאָל דיר דער אייבערשטער באַצאָלן, וואָס דו האָסט מיך געשטאַרקט... די צוואה האָט געקענט געמאַכט ווערן פאַר מיין בריוו, באַכדעם איז זי געפאָרן קיין רוים, אויפן וועג האָט זי געמוזט טראַכטן פון מיין בריוו, אַלזאָ וועגן אונדז — און — זאָגסטו, אַז עס קען זיין?... זאָל דיר גאָט באַצאָלן!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיין פּנים אָנגעהויבן אײַנגאַנצן שײַנען; פּלוצלינג האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף פּאָלאַניעצקיס קני און אַ קנאַק טוענדיק מיט דער צונג, האָט ער אויסגעשריגן:

— ווייסט וואָס, בחור? אפשר האָסטו עס אַרויסגעזאָגט אין אַ גליקלעכע שעה! מיר זאָלן אַזוי אויסטרינקען אַ פלעשל מוטאָן-ראָטשילד, אויפן חשבון פון דער הוספה-צוואה — האַ?

— אויף מיין וואָרט, איך קען נישט — האָט אַ זאָג געטון

פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט זיך אַ ביסל אָנגעהויבן שעמען פון זיין המציאה, — איך קען נישט און וועל נישט.

— דו מוזט.

— אויף מיין וואָרט, איך קען נישט. כ'האָב אַ וועלט מיט אַרבעט און כ'וועל זיך נישט דעם קאָפּ פאַרטשאַדען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

— אַן איינגעשפּאַרטער באָק, אַ ריינער באָק! וועל איך אַליין אויסטרינקען אַ האַלבע אין אַ גליקלעכער שעה.

און ער האָט געהייסן דערלאַנגען, נאָכדעם האָט ער אַ פרעג געטון:

— וואָס האָסטו אַזעלכעס פאַר אַן אַרבעט?

— פאַרשידענע זאַכן. תיכף נאָכן עסן מוז איך זיין בײַ פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשוין דער וואַסקאָווסקי?

— יאָ, אמת — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — אויף אים איז אויך אַראָפּגעפאַלן עפּעס נאָך אַ ברודער, וואָס איז געווען אַ באַרג-מאַן, אַ פאַרמעגן, און צו דעם אַ היבשס, אָבער ער צעטיילט עס אינגאַנצן אָרימעלייט.

— צעטיילט עס אָרימעלייט און גייט אין אַ פיינעם רעסטאָראַן, כ'האָב ליב אַזעלכע נדבנים! איך, ווען כ'זאָל האָבן עפּעס צוצעטיילן אָרימעלייט, וואָלט איך זיך פון אַלעם אָפּגעזאָגט.

— ער האָט לאַנג געקרענקט, און דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן עסן געזונטע זאַכן, אָבער ער עסט דאָ בלויז דאָס, וואָס עס קאָסט ביליקער. ער וווינט אין אַ לאָך און האָדעוועט פייגל, און בײַ דעם האָט ער צוויי צימערן — און ווייסט דער פעטער, ווער עס נעכטיקט דאָרט? — די קינדער, וואָס ער קלויבט צונויף אויף די גאַסן.

— מיר האָט זיך טאַקע געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס דאָ!...

דאָ האָט הער פּלאַוויצקי אָנגעהויבן מיטן פינגער קלאַפּן אין שטערן.

וואַסקאָווסקין האָט פּאָלאַניעצקי נישט געטראָפן, איז ער

דעריבער גאָכן זען זיך מיט מאַשקאָן, אַן ערך פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג, אַריין צו מאַריניאַן, מחמת דאָס געוויסן האָט אים גע־פייניקט צוליב די שטותים, וואָס ער האָט אָנגערעדט פּלאַוויצקין. „דער אַלטער — האָט ער געזאָגט צו זיך — וועט טרינקען טייערע ווייבען אויפן חשבון פון דער הוספה־צוואה, בשעת זיי לעבן לויט מיין מיינונג אַזוי אויך שענער, ווי זיי זענען בכוח. מען טאָר נישט, דער שפּאַס זאָל צו לאַנג דויערן”.

מאַריניאַן האָט ער געטראָפן אינעם הויז. זי האָט געזאָלט גיין צו די ביגעלס, זי האָט אים אָבער פאַרהאַלטן, היות ער איז אַזוי אויך לאַנג נישט געקומען, איז ער פאַר־בליבן.

— איך גראַטוליר אייך מיט דער ירושה — האָט ער אַ זאָג געטון.

— איך בין אויך צופרידן — האָט זי געענטפערט — ווייל דאָס איז אַ זיכערע זאַך און בײַ אונדזער מצב, איז עס אויך אַן ענין. איבעריקנס, וואָלט איך געוואָלט זיין ווי צום רייכסטן.

— פאַרוואָס ?

— געדענקט איר, וואָס איר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז איר וואָלט וועלן האָבן אַזוי פיל געלט, אַז איר זאָלט קענען גרינדן אַ פאַבריק און נישט פירן קיין האַנדלסהויז. איך האָב מיר דאָס גענומען אין קאָפּ אַריין, און היות יעדער האָט זיך זייבע פאַר־לאַנגען, וואָלט איך אויך געוואָלט האָבן אַ סך, אַ סך געלט.

טראַכטנדיק, אַז זי האָט דאָ צופיל אָנגערעדט און צו קלאָר, האָט זי אָנגעהויבן זיך פאַריכטן די פאַלדן פון איר קלייד, ווייל דאָס האָט איר דערלויבט אַראָפּצובייגן איר קאָפּ.

— איך קום נאָך אייך איבערבעטן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — כ'האָב היינט צו מיטאָג אָנגערעדט הער פּלאַ־וויצקין נאַרישקייטן, אַז פריילין פּלאָשאָווסקאַ האָט אפשר געענ־דערט די צוואה, און אים אָפּגעשריבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן. אומ־גערעכט פאַר מיר האָט ער עס אָנגענומען פאַר ערנסט, כ'וואָלט נישט וועלן אַז ער זאָל זיך נאַרן, און אויב איר וועט דערלויבן,

וועל איך תּיכּף אַרייַנגיין צו אים אין צימער, ווי עס איז, די זאַך אויפצוקלערן.

מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— איך האָב שוין אויפגעקלערט — האָט ער מיך אַנגעוידלט, און צו דעם שטאַרק! זעט איר, וואָס איר האָט אָנגעמאַכט. איר האָט באמת פאַרוואָס איבערצובעטן.

— בעט איך אַלזאָ איבער.

און אָנכאַפּנדיק זי פאַר דער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן זי באַדעקן מיט קושן, און זי האָט אינגאַנצן זי איבערגעלאָזט בא אים, חזרנדיק, כלומרשט מיט שפּאַס, אָבער געדעכט:

— אַ, נישט גוטער הער סטאַך, נישט גוטער הער סטאַך!

פּאָלאַניעצקי האָט דעם טאָג געפילט אויף די ליפּן, אַזש ביזן שלאָף, די וואַרעמקייט פון מאַריניאַס האַנט און האָט קיין רגע נישט געטראַכט, נישט וועגן מאַשקאָן, נישט וועגן גאַנטאָווסקין, נאָר געחזרט זיך מיט גרויס עקשנות:

— שוין צייט צו מאַכן אַ סוף...

VI.

קרעסאָווסקי מיטן דאָקטאָר און מיט אַ פּודלע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען די פּיסטאָלעטן, זענען געזעסן אין איין עקיפּאַזש און פּאָלאַניעצקי מיט מאַשקאָן אינם צווייטן — און זיי זענען געפאָרן אויף די ביעליאַנעס. דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער און אַ פראָסטיקער, וואָס איז אונטן פול געווען מיט אַ ראָזן נעפּל. די רעדער האָבן סקריפּענדיק זיך געדרייט איבערן פאַרפרוירענעם שניי, פון די פערד איז געגאַנגען אַ פּאַרע און עס האָט זיי באַדעקט אַ הויך; אויף די ביימער איז געלעגן אַ געדיכטער גליווער.

— אַ פראָסט, שוין איינמאָל אַ פראָכט — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ — די פינגער הערן אונדז גאָפרוירן ביז די קנאָכן

— אַ געשמאַקע זאַך איצט אַראָפּצונעמען די פוטערס.

— דערבאַרעמט זיך דעריבער און מאַכט נישט קיין לאַנגע שהיות, מיין טייערער, זאָג קרעסאָווסקין, ער זאָל תיכּף צוטרעטן צום ענין.

דאָ האָט מאַשקאָ אָנגעהויבן ווישן די פאַרהויכטע ברילן און האָט צוגעגעבן:

— איידער מיר וועלן צופאָרן, וועט די זון אויפגיין און עס וועט זיין אַ גרויסער אָפּשיין אויפן שניי.

— דאָס וועט זיך גיך ענדיקן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — קוים איז קרעסאָווסקי געקומען צו דער צייט, וועלן מיר אויף יענע נישט וואַרטן, ווייל זיי זענען געוווינט פרי זיך אויפצוהייבן.

— ווייסט, וואָס ס'איז מיר די רגע איינגעפאַלן? — האָט אַ זאָג געטאָן מאַשקאָ — פאַרהאַן אויף דער וועלט איין פּאַקטאָר, מיט וועלכן קיינער רעכנט זיך נישט אין זיינע פּלענער און אין זיינע מעשים און צוליב וועלכן אַלץ קען צעקלאַפּט ווערן, פונאַנדערפאַלן, קאַליע ווערן — דאָס איז מענטשלעכע טפשות. לאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב צען מאָל אַזוי פיל שכל, וויפיל כ'האָב אינדעראמתן, אַז כ'האָב נישט הער מאַשקאָס אינטערעסן אויפן אויג, נאָר כ'בין למשל, עפּעס אַ גרויסער פּאָליטיקער, אַ ביסמאַרק אָדער קאַוווּר, וואָס דאַרף מאַכן אַ פּאַרמעגן, כדי דורכצופירן זיינע פּלענער און וואָס גערעכנט יעדן שריט, יעדער וואָרט — איז וואָס? קומט צו גיין אַזאַ בהמה, וואָס קיין שום מוח קען נישט אויסרעכענען — און פון אַלץ ווערט אַ תל. דאָס איז עפּעס מעשי־פּלאָים! ער וועט מיך יאָ דערשיסן, צי נישט דערשיסן, דאָס איז אַ קלייניקייט, אָבער די בהמה האָט מיר אַ תל געמאַכט פון דער אַרבעט און מיין גאַנץ לעבן.

— ווער קען דאָס אויסרעכענען? — האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי — פונקט, ווי אַ דאַכלקע וואָלט דיר געפאַלן אין קאָפּ אַריין.

— דעריבער טאַקע נעמט דער רוח פון כעס.

— וואָס שייך דאָס, ער זאָל דיך דערשיסן, לאָז צורו.

מאַשקאָ איז געוואָרן אָפּגעקילט, ער האָט ווידער אויסגעווישט די ברילן און אָנגעהויבן רעדן:

— מיין טייערער, איך זע, אַז זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן באַטראַכטסטו מיך עפּעס, און איצט ווילסטו מיר צוגעבן מוט.

וואָס איז אויך נאַטירלעך. פון מיין זייט מוז איך דיך אויך באַרויקן און כ'בין דיר ערוב מיט מיין וואָרט, אַז כ'וועל אייך קיין בושה נישט פאַרשאַפן. דאָס איז אַ פשוטע זאַך, וואָס איך פיל זיך אַ ביסל אומרויִק, אָטאָ־דאָ אונטן, אָבער ווייסטו פאַרוואָס? דאָס, וואָס עס איז אַ סכנה פאַרן לעבן, דאָס שיסן צו זיך גופא, איז גאָרנישט! לאָמען מיר און אים געבן ביקסן, לאָמען אונדז לאָזן אין וואַלד אַריין, אויף מיין וואָרט, כ'וועל אַ האַלבן טאָג קנאַלן אין דעם שוטה אַריין און וועל אַ האַלבן טאָג אויסהאַלטן זיינע קוילן. כ'האָב שוין געהאַט אַמאָל אין לעבן אַ דועל און ווייס, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. דאָס באַאומרויִקט אַזוי די קאָמעדיע דעם מענטש, די הכנות, די עדות, דער געדאַנק, אַז מען וועט אויף דיר קוקן און די מורא, ווי אַזוי דו וועסט זיך האַלטן, ווי אַזוי דו וועסט אויסזען. דאָס איז פשוט אַן עפנטלעכער אַרויסטריט — און אַ פראַגע וועגן אייגנליבע — מער נישט. פאַר נערוועזע נאַטורן — אַן אמת איבערלעבעניש. איך בין אָבער נישט איבעריקס נערוועז. איך פאַרשטיי אויך, אַז אין דעם פּרט שטיי איך העכער פונם קעגנער, ווייל כ'בין מער געוווינט צו מענטשן, ווי ער, אַזאַ אייזל האָט לעולם ווייניקער פאַנטאַזיע און איז נישט מסוגל זיך פאָרצושטעלן, למשל, ווי אַזוי ער וועט אויסזען אַלס בר־מינן, ווי ער וועט אָנהייבן פוילן און אַזוי ווייטער. אָבער הערשן איבער זיך וועל איך פונדעסטוועגן ניכער קענען. בײַ דעם וועל איך דיר זאָגן נאָך אָט וואָס: מילא פילאָזאָפיע איז זיך פיל אָזאָפיע, אָבער אין אַזעלכע פאַלן איז דער עיקר טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט. מיך פירט דער דועל צו גאָרנישט, איז פון קיין זאַך נישט מציל, פאַרקערט, ער קען מיך אַריינטרייבן אין דאגות, דאָך קען איך זיך פון אים נישט אָפּזאָגן... ס'האָט זיך מיר אַזוי פיל פאַרדרוס אָנגעזאַמלט אין דער נשמה, כ'האָב אַזוי פיינט דאָס אייזל, כ'וואָלט אים אַזוי וועלן צעקוועטשן, צעטרעטן, אַז איך הער שוין אויף אינדעם פאַל צוחשבונען. מעגסט זיין זיכער, אַז תיכף, ווי כ'וועל נאָר דערזען דאָס באַלוואַנישע פנים זיינס, וועל איך פאַרגעסן אָן דער אומרויִקייט, וועל פאַרגעסן אָן דער קאָמעדיע און וועל זען נאָר אים.

— כ'פאַרשטיי עס זייער גוט — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי.

אויף מאַשקאָס פּנים האָבן זיך די פלעקן זייניג פאַרגרעסערט און זענען געוואָרן בלוין און בלוי פון פראָסט, בײַ דעם האָט ער אויסגעזען פונקט אַזוי פאַרביסן ווי מיאוס.

בינו-לבינו זענען זיי אָנגעקומען. גלייכצייטיק כמעט האָט אַ סקריפּ געטון דער עקיפּאַזש, וואָס האָט געפירט גאָנטאַווסקין, הער יאַמישן און ווילקאָווסקין, וואָס האָבן אויסשטייגנדיק אָנגעהויבן זיך נייגן צו די קעגנער, נאָכדעם זענען זיי זאַלבע זיבן, שוין אַריינגערעכנט דעם דאָקטאָר, אַוועק אין דער טיף פון וועלדל, אויפן אָרט, וואָס איז אַ טאָג פריער געווען אָפּגעקוקט דורך קרעסאָווסקין.

די פורמאַנעס, קוקנדיק אויף די פּאַלטאָס, וואָס האָבן זיך שוואַרץ משונהדיק געמאָלט אויפן שניי, האָבן אָנגעהויבן צו זיך צו ברוגען:

— איר ווייסט, וואָס דאָ וועט זיין? — האָט איינער אַ פרעג געטון.

— דאָס איז מיר דען דאָס ערשטע מאָל? — האָט געענטפערט דער צווייטער.

— זאָל זיך די וועלט אויסאיידלען, זאָלן זיך טפשים שלאָגן!

דערווייל האָבן יענע, טאָפּטשענדיק מיט די שוואַרצע קאָלאָשן און אַרויסוואַרפנדיק פון די נאָזלעכער זיילן ווייסע פּאַרע, זיך דערנענטערט צום צווייטן עק וועלדל. אויפן וועג האָט הער יאַמיש, אַ ביסל קעגן די תקנות, וואָס זענען חל בײַ ענלעכע אומשטענדן, זיך דערנענטערט צו פּאָלאָניעצקין און אָנגעהויבן רעדן:

— כ'האָב אמתדיק געוואָלט, אַז מיין צד זאָל איבערבעטן הער מאַשקאָן, אָבער בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איז עס אוממעגלעך.

— איך האָב אויך פאָרגעשלאָגן מאַשקאָן, ער זאָל ווייכער מאַכן דאָס, וואָס ער האָט געשריבן — האָט ער נישט געוואָלט...

— איז טאַקע נישטאָ קיין אויסוועג. דאָס אַלץ איז זייער נאַריש, אָבער קיין אויסוועג איז נישטאָ!

פּאָלאַניעצקי האָט נישט געענטפערט און זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. הער יאַמיש האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— אָבער! כ'האָב געהערט, אַז מאַריניאַ פּלאַוויצקאַ האָט עפּעס אַ ירושה.

— אַ קליינע, אָבער זי האָט.

— און דער אַלטער?

— איז בייז, וואָס מען האָט גאָר אים נישט אָפּגעשריבן.

הער יאַמיש האָט זיך אַ קלאַפּ געטון מיט דער הענטשקע איבערן שטערן:

— ער האָט אַ ביסל דאָ, הער פּלאַוויצקי.

נאָכדעם, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— מיר גייען עפּעס צו ווייט.

— מיר וועלן תיכף זיין אויפן אָרט.

און זיי זענען ווייטער געגאַנגען. די זון האָט זיך אויפגעהויבן איבער די גראָזן. פון די ביימער האָבן אויפן שניי זיך געלייגט בלוילעכע שאָטנס, אָבער וואָס אַמאָל מער שוין אַריינגעדרונגען אין וואַלד אַריין. די ראָבן און קראָען, וואָס זענען געווען ערגעץ באַהאַלטן אויף די שפּיץ־ביימער, האָבן אַראָפּגעטרייסלט טרוקענעם, ווי פּוך, שניי, וואָס האָט אָן אַ שאָרך זיך אַראָפּגעשיט אויף דער ערד, מאַכנדיק אונטער די ביימער קליינע שפּיציקע בערגלעך. אומעטום איז געווען אַ גרויסע רו און שטילקייט. די מענטשן האָבן זיי בלויז געשטערט, כדי צו זיך צו שיסן.

ענדלעך זענען זיי געקומען צום עק וואַלד, ווו ס'איז געווען ליכטיק. הער יאַמישס קורצע רעדע וועגן דער העכערקייט פון שלום איבער מלחמה האָט מאַשקאַ און גאַנטאַווסקי אויסגעהערט מיט אויערן פאַרדעקטע פון די פוטער־קאָלנער; נאָכדעם, ווען קרעסאַווסקי האָט אָנגעלאָדן די ביקסן, האָבן זיי זיך אויסגעקליבן און אַראָפּ[illegible] פון זיך די פוטערס, האָבן זיי זיך געשטעלט איינער קעגן דעם אַנדערן, מיט די ליופּעס געווענדט איבערהויך.

גאַנטאַווסקי האָט שנעל געאָטעמט, דאָס פּנים זיינס איז רויט

געווען און די וואָנסן מיט צעפּלעך אייז. פון זיין גאַנצער פיגור און געזיכט האָט מען געזען, אַז די זאַך טוט ער בעל-כּרחו, אַז ער האַלט זיך כּמעט בושה, אָן ווילנסקראַפט, און ווען ער זאָל נאָכגיין דעם נאַטירלעכן אויפברויז פון די מינוטלעכע געפילן, וואָלט ער ליבערשט זיך אַ וואָרף געטון אויפן קעגנער מיט דער קאָלבע פון פּיסטאָלעט, אָדער לכל-הפּחות מיט דער פויסט. מאַשקאָ, וואָס האָט פריער געהאַט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט אים נישט, האָט איצט געקוקט אויף אים מיט אַ פּנים פול שנאה, גאַלט און פאַראַכטונג. די באַקן זיינע זענען אינגאַנצן געווען מיט פלעקן. ער האָט אָבער געהערשט איבער זיך מער פון גאַנטאָווסקין און — צוגעטון אין אַ לאַנגן סורדוט, אין אַ גרויסן הוט אויפן קאָפּ, מיט זיינע לאַנגע באַקנבערד — האָט ער אויסגעזען שוין צופיל שטייף, שוין צופיל ענלעך צו אַן אַקטאָר, וואָס שפּילט די ראָל פון אַ דועלירנדיקן דזשענטלמאַן.

— ער ווייס דאָס בעסער׳ע דערשיסן, ווי אַ הונט — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי:

עס האָבן זיך דערהערט ווערטער פון קאָמאַנדע און צוויי שאָס האָבן אויפגערודערט די וואַלד-שטילקייט, נאָכדעם האָט מאַשקאָ זיך געווענדט צו קרעסאָווסקין און אַ זאָג געטון קאַלט:

— איך בעט אָנלאָדן די פּיסטאָלעטן.

גלייכצייטיק אָבער האָט זיך באַ זיינע פּיס באַוויזן אויפן שניי אַ העלער בלוט-פלעק.

— איר זענט פאַרווונדעט — האָט אַ זאָג געטון דערנענטערנדיק זיך דער דאָקטאָר.

— ס׳קען זיין. .. ביטע אָנלאָדן.

און אין דער רגע האָט ער זיך אַ וואַקל געטון, מחמת ער איז טאַקע געווען פאַרווונדעט. די קויל האָט אים אַראָפּגעשאָסן דאָס סאַמע שפּיץ-ביינדל פון דער קני.

דער דועל איז געוואָרן איבערגעריסן. גאַנטאָווסקי בלויז איז אַ צייט נאָך געשטאַנען אויף איין אָרט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, אַ פאַרחידושטער פון דעם, וואָס עס איז געשען.

נאָכן ערשטן באַנדאַזש האָט ער זיך אָבער דערנענטערט, אַ צוגעשטופּטער דורך הער יאַמישן, צו מאַשקאָן און האָט פּונקט אַזוי אומגעלומפּערט, ווי אויפריכטיק, אַ זאָג געטון:

— איצט בין איך מודה, אַז כ'האָב נישט געהאַט קיין רעכט אייך צו באַפאַלן — און איך רוף אָפּ אַלץ, וואָס כ'האָב געזאָגט און אַנטשולדיק זיך, איי איר זענט פאַרוואונדעט, האָב איך עס נישט געוואָלט.

און אין אַ רגע אַרום, ווען ער איז אַוועק מיט הער יאַמישן און ווילקאָווסקין, האָט מען געהערט, ווי ער האָט געזאָגט:

— אויף מיין באמנות, ס'איז אַ פּשוטער צופאַל — דאָס זענען די פּיסטאָלעטן אַזעלכע, ווייל איך האָב געוואָלט שיסן איבערן קאָפּ...

מאַשקאָ האָט דעם טאָג דאָס מויל נישט געעפנט — אויפן דאָקטאָרס פרעגע, צי די וווּנד טוט אים שטאַרק וויי, האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

ביגעל, וואָס איז מיט אַ טאָג פריער געהאַט צוריקגעקומען פון פרייסן מיט פולע קעשענעס קאָנטראַקטן, האָט, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, אַ זאָג געטון צו פּאַלאַניעצקין:

— מאַשקאָ איז דאָך מכלומרשט אַן אינטעליגענטער מענטש, אויף מיין וואָרט, צווישן אונדז האָט יעדער איינער עפּעס אַ משוגעת... אָט למשל: ער איז אָנגענומען, האָט אַ וועלט אויסגעצייכנטע פּראָצעסן; ער האָט געקענט האָבן גרויסע הכנסות, מאַכן אַ פאַרמעגן! נישט אמת! וואַרפט ער זיך בעסער, ציט אויס דעם קרעדיט ביזן לעצטן גבול, קויפט גיטער, מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גרויס־באַזיצער, אַ לאָרד, וויל זיין, גאָט ווייסט ווער, אַבי נישט דער, וואָס ער איז. ווי מאָדנע דאָס אַלץ איז און נאָך מאָדנער, וואָס ער איז אַזוי אַלגעמיין! טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס לעבן איז בעצם נישט שלעכט, אָבער אַלע מאַכן דאָ אַ תל פון דעם דורכן אויספּעלן גלייכגעוויכט אין די מוחות און מיט דער טייוולאָנישער פאַנטאַזיע עפּעס, מיטן משוגעת, וואָס יעדער האָט אונטערן קראַגן. ווייל איך פאַרשטיי, אַ מענטש וויל האָבן מער

וויפיל ער האָט און באַטייטן מער, וויפיל ער באַטייט, אָבער זאָל ער נישט שטרעבן צו דעם אויף אַ פאַנטאַסטישן אופן. איך אָבער קען דער ערשטער אין מאַשקאַן הן פלינקייט, הן ענערגיע, אָבער נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט — אויף מיין וואָרט, אַז ער מוז עפּעס האָבן דאָ!

דאָ האָט ביגעל עטלעכע מאָל זיך אַ קלאַפּ געטון מיטן פינגער אין שטערן.

מאַשקאַ האָט דערווייל געליטן מיט פאַרביסענע ציין, מחמת די ווונד זיינע, נישט זייענדיק קיין געפערלעכע פאַרן לעבן, איז אָבער געווען אומגעהיירע ווייטיקלעך. אין אָוונט איז ער עטלעכע מאָל געפאַלן אין חלשות אין פאַלאַגיעצקיס אָנוועזנהייט, שפּעטער איז געקומען אַן אָפּגעשוואַכטקייט, בשעת וואָס די האַרטקייט פון דער נשמה, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג אונטערגעהאַלטן דעם יונגן אַדוואָקאַט, האָט זיך איינגאַנצן אויסגעשעפּט. נאָכן באַנדאַזש, ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק, איז ער אַ צייט נאָך געלעגן רויק, באַלד דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטון:

— האָב איך עס אַ גליק!

— טראַכט נישט וועגן דעם — האָט געענטפערט פאַלאַגיעצקי — ווערסט קריגן אַ העכערע טעמפּעראַטור.

מאַשקאַ האָט ווייטער גערעדט:

— אַ באַליידיקטער, אַ פאַרוווּנדעטער, אַ רויִנירטער — אַלץ מיטאַמאָל!

— איך חזר דיר איבער, אַז פון דעם איז נישט די צייט צו טראַכטן.

מאַשקאַ האָט זיך אָנגעלענט מיטן עלנבויגן אָן קישן, אַ סיק געטון פון יסורים און געזאָגט:

— לאָז צורו. דאָס איז מיין לעצטע צייט, וואָס איך קען זיך אויסשמועסן מיט אַן אָרנטלעכן מענטש. אין אַ וואָך צוויי אַרום וועל איך געהערן צו די מענטשן, וואָס מען ווייכט... וואָס גייט מיך דאָרט אָן די היץ, פאַרהאַן דאָ עפּעס אומדערטרעגלעכס אין דער פולקומער רוין, איבם צעפאַלן כמעט מענטשלעכן ווילשטאַנד, דהיינו, אַז שפּעטער וועט אַ ליאַדע אידיאָט, אַ ליאַדע באַדנז זאָגן: „כ'האָב עס שוין לאַנג געוווּסט" — „כ'האָב עס פאָרויס-

געזען.״ יאָ! אַלע זעען אַלעמאָל אַלץ פאַר... נאָכן פאַקט — און פון דעם מענטש, אין וועלכן ס׳איז אַריין אַ דונער, מאַכט מען נאָך צו דעם אַ שוטה אָדער אַ משוגענעם.

פאָלאַניעצקי האָט זיך דערמאָנט אין דער רגע אָן ביגעלס ווערטער. מאַשקאָ ווידער, האָט דורך אַ מאָדנעם צופאַל גערעדט ווייטער אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן ענטפערן:

— מיינסטו, איך האָב מיר נישט אָפגעגעבן קיין חשבון, אַז איך בין געגאַנגען צו שאַרף, אַז איך האָב מיך צו ראַש געריסן, אַז כ׳האָב געוואָלט זיין עפעס מער, ווי כ׳בין, אַז כ׳האָב צו הויך געהאַלטן די נאָז... אין דעם וועט מיר קיינער קיין גערעכט נישט אָפגעבן, דו ווייסט אָבער פון דעם. אַז דיר האָב איך עס געזאָגט... כ׳האָב זיך אָבער אגב געזאָגט: מען דאַרף אַזוי — דאָס איז דער איינציקער וועג אַרויסצושווימען — נו, וואָס? — אפשר זענען די פאַרבינדונגען קרומע, אפשר גייט דאָס גאַנצע לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָבער דאָך, ווען נישט דער אומדערהערט־נאַרישער, נישט פאַרגעזעענער און נישט באַרעכנטער סקאַנדאַל, וואָלט איך געווען אַרויסגעשווומען — דווקא דערפאַר, ווייל כ׳בין אַזעלכער געווען, ווי כ׳בין געווען... ווען כ׳זאָל געווען זיין אַ באַשיידענער מענטש, וואָלט איך נישט באַקומען פריילין קרעסלאָווסקאַ... בא אונדז מוז מען אַלעמאָל מאַכן עפעס אַן אַנשטעל — און אויב דער רוח נעמט מיך, איז עס נישט צוליב מיין גאווה, נאָר דורך יענעם שוטה.

— דו קענסט דאָך, צו אַלדי רוחות, אָבער אויף זיכער נישט וויסן, צי דיין חתונה וועט נישט צושטאַנד קומע

— מיין ליבער, דו קענסט נישט די פרויען, זיי האָבן מסכים געווען אויף הער מאַשקאָן, ווייל ס׳האָט זיי אויסגעפּצלט אַן אַנדערער, ווייל הער מאַשקאָן איז גוט געגאַנגען... ווען עס וועט פאַלן אַ ליאַדע שאָטן אויף מיין פאַרמעגן, אויף מיין מצב, אויף מיין אָרט — וועלן זיי מיך אומבאַרחמנותדיק אַוועקוואַרפן, און שפעטער וועלן זיי וואַרפן אויף מיר בערג, כדי זיך צו פאַרענטפערן פאַר דער וועלט... וואָס ווייסטו וועגן זיי? פריילין קרעסלאָווסקאַ איז נישט פריילין פלאַוויצקאַ.

עס איז אַנטשטאַנען אַ רגע פון שווייגן, שפּעטער האָט מאַשקאַ ווייטער גערעדט מיט וואָס אַמאָל אַ שוואַכערער שטים:

— זי האָט מיך געקענט מציל זיין... כ׳וואָלט צוליב איר געווען אַוועק אויף אַן אַנדערן רוזיקערן וועג... קוששעמיען וואָלט בײַ די באַדינגונגען געווען געראַטעוועט... ס׳וואָלט מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן איר חוב. פּלאַוויצקיס רענטע... כ׳וואָלט געווען אַרויס־געקראָכן... דעריבער ווייסטו, אַז כ׳האָב זיך געליבט אין איר, ווי אַ סטודענט?... אָט, ס׳איז געקומען, כ׳ווייס נישט פון וואַנען... זי האָט אָבער געוואָלט בעסער אויף דיר זיין ברוגז, ווי מיך ליב האָבן... איצט פאַרשטיי איך עס. צו דעם איז קיין עצה נישטאָ...

פּאָלאַניעצקי, וואָס דער שמועס איז אים גאָרנישט געווען געשמאַק, האָט אים איבערגעריסן און אַ זאָג געטון מיט אַ שאָטן פון אומגעדולדיקייט:

— מיר חידושט זיך, אַז אַ מענטש מיט דיין ענערגיע האָלט אַלץ פאַר געפּטרט. בשעת אַלץ איז נישט געפּטרט, פריילין פּלאַוויצקאַ, דאָס איז פאַרגאַנגענהייט, איבער וואָס דו האָסט אַליין געשטעלט אַ צלם, דורכן בעטן די האַנט בײַ פריילין קראַסלאַווסקאַ. וואָס שייך דער געגנוואַרט — ביסטו געוואָרן באַפאַלן — אמת, האָסט זיך אָבער דועלירט; ביסט פאַרוווּנדעט אָבער אַזוי, אַז אין אַ וואָך אַרום וועסטו זיין פולקום געזונט — סוף־כל־סוף האָבן דאָך די דאַמען דיר נאָך נישט דערקלערט, אַז זיי רייסן איבער. כל־זמן דאָס וועט נישט זיין שוואַרץ אויף ווייס, האָסט דו נישט קיין רעכט צו רעדן... דו ביסט קראַנק און דעריבער מאַכסטו איבער זיך אַ הזכרה פאַר דער צייט. און איך וועל דיר זאָגן עפּעס צבדערש, מען דאַרף יענע דאַמען צו וויסן געבן, וואָס עס איז געשען. ווילסטו, כ׳זאָל מאָרגן גיין צו זיי? זיי וועלן טון באַכדעם, וואָס זיי וועלן וועלן, זאָלן זיי אָבער האָבן די ידיעה פונם מויל פון אַן עדות, נישט פון די שטאָט־רכילותניקעס.

מאַשקאַ האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטון און געזאָגט:

— איך האָב אַזוי אויך געוואָלט שרייבן צו מיין כלה, אָבער אַז דו וועסט גיין, וועט זיין בעסער, איך האָף גאָרנישט, זי זאָל מיר בלייבן געטריי — מען דאַרף אָבער טון, וואָס עס גע־

הער צו זיין. איך דאַנק דיר. דו וועסט מסוגל זיין די זאַך אָוועק־צושטעלן פון דער בעסטער זייט. . . אָבער קיין איין וואָרט נישט וועגן דאגות עפּעס. . . פונם פּאַרקויפן דעם וואַלד מוזטו מאַכן אַ גאָרנישט — פאַר אַ טובה, וואָס כ׳האָב דיר געוואָלט טון. . . איך דאַנק דיר אמתדיק. זאָג, אַז גאָנטאַוואָוסקי האָט מיך איבערגעבעטן...

— האָסט עמעצן, ווער ס׳זאָל לעבן דיר זיצן?

— מיין דינער מיט זיין ווייב. דער דאָקטאָר וועט נאָך קו־מען און ברענגען מיט זיך אַ פעלדשער. מיר טוט דאָס שרעק־לעך וויי, אָבער כ׳פיל מיך נישט שלעכט.

— אַלזאָ, צום ווידערזען.

— זיי געזונט. איך דאַנק דיר, דו ביסט. . .

— שלאָף גוט.

און פּאַלאַניעצקי איז אַוועק. אויפן וועג האָט ער געטראַכט וועגן מאַשקאָן און געטראַכט מיט אַ געוויסן כעס: „דער איז דאָך נישט קיין ראָמאַנטיקער — שוין גאָר גאָרנישט — דאָך פילט ער אויך דאָס באַדערפעניש צו מאַכן אַן אָנשטעל פון אַזעלכן. . . פריילין פּלאַוויצקאַ! ער האָט זי ליב געהאַט. . . ער וואָלט אויך אַוועק אויף אַן אַנדערן וועג. . . זי האָט אים געקענט מציל זיין. . . אָט איז צינז. וואָס ווערט געצאָלט דעם ראָמאַנטיזם — און צו דעם מיט אַ פאַלשער מטבעה, ווייל אין אַ חודש אַרום האָט ער געבעטן די האַנט פון יענער צוליב געלט. אפשר בין איך אַ נאַ־רישער, אָבער דאָס בין איך נישט משיג און אין דער אויפריכ־טיקייט פון אַזעלכע מינים אַנטוישונגען, וואָס געפינען אַזוי שנעל אַ טרייסט, גלייב איך נישט. . . ווען איך זאָל איינע ליב האָבן און ווערן אַנטוישט, וואָלט איך מיט אַ צווייטער אין אַ חודש אַרום נישט חתונה געהאַט. זאָל מיך דער רוח נעמען, צי כ׳וואָלט עס געטון! ער איז אָבער גערעכט, אַז מאַריניאַ איז פון אַן אַנדערן מין, ווי די קראַסלאַווסקאַ. . . ס׳איז קיין דמיון נישט. . . גאָר אַן אַנדערער! גאָר אַן אַנדערער! . . .“

און דער געדאַנק איז אים געווען געוואַלטיק אָנגענעם. אַהיימקומענדיק, האָט ער געפונען בוקאַצקיס אַ בריוו פון איטאַליע און מאַריניאַס אַ בריוול פול מיט אמרוּיקייט און פראַגן צוליב

דער ידיעה וועגן דועל. געווען איז אין דעם אַ בקשה צו צושיקן איר ידיעות אויפֿצומאַרגנס אינדערפֿרי: וואָס איז געשען און וואָס ס'איז דער עיקר געגאַנגען וועגן דער ידיעה. צי אַלץ האָט זיך באמת געענדיקט און צי עס דראָען נישט קיין שום נײַע אינצידענטן.

פּאָלאַניעצקי האָט אונטער דער השפּעה פֿון די געדאַנקען, אַז דאָס איז, „פֿון אַן אַנדער מין, ווי פֿרײַלין קראַסלאַווסקאַ“ — האָט געענטפֿערט האַרציקער, ווי ער אַליין האָט געוואָלט און אָפּגעגעבנדיק די תּשובה זײַן באַדינער, האָט ער געהייסן ברענגען אַזייגער אינדערפֿרי אויפֿצומאַרגנס דערלאַנגען. שפּעטער האָט ער זיך גענומען לייענען בוקאַצקיס בריוו, בײַ דעם האָט ער פֿון סאַמע אָנהייב אָן גענומען צוקן מיט די אַקסלען.

בוקאַצקי האָט געשריבן אָט וואָס:

„זאָל סאַקיאַ-מוני דיר אויסבעטן אַ געבענטשטע נישטיקייט. אַ חוץ דעם זאָג קאַפּלאַנערן, אַז ער זאָל די דרײַ טויזנט רובל, וואָס מיר קומט, זיי נישט שיקן קיין פֿלאָרענץ, נאָר פֿאַרהאַלטן בײַ זיך ביז מײַן דיספּאָזיציע. די טעג באַשליס איך אַ טראַכט צו טון וועגן (זעסט ווי קאַטעגאָריש דאָס איז?) ווערן אַ וועגעטעריאַנער. אויב דער געדאַנק וועט מיך נישט פֿאַרמאַטערן, אויב מײַן כּוונה וועט נישט ווערן קיין באַשלוס, און דער באַשלוס וועט נישט זײַן איבער מײַנע כּוחות, וועל איך אויפֿהערן צו זײַן אַ פֿלייש-פֿרעסערישע חיה און דאָס לעבן וועט מיך קאָסטן ביליקער. דאָס איז עס אינגאַנצן. וואָס שייך דיר, בעט איך דיך אין נאָמען פֿון אַלץ זאָלסט זיך באַרויִקן, מחמת דאָס לעבן איז נישט ווערט די מי.

ווייסט? כ'בין דערגאַנגען, פֿאַרוואָס די סלאַווען האַלטן בעסער פֿון סיגנטעז, ווי פֿון אַנאַליז, ווײַל זיי זענען לײַדיקגייערס און אַנאַליז איז אַ זאַך פֿון אַרבעט. סינטעזן קען מען שאַפֿן, רייכערנדיק נאָכמיטאָג אַ ציגאַר. איבעריקנס, זענען זיי גערן, וואָס זיי זענען לײַדיקגייערס. אין פֿלאָרענץ איז געווען וואַרעם, דערהויפּט אויף לונג-אַרנאָ. איך גיי מיר און מאַך אַ סינטעז פֿון דער פֿלאָרענטינישער שול. כ'האָב זיך דאָ באַקענט מיט איינעם אַ באַ-

קאַנטן אַקוואַרעליסט, אויך אַ סלאַוו, וואָס לעבט פון קונסט, נאָר דערווייזט, אַז קונסט איז אַ שווייבעריי. וואָס איז אַנטשטאַנען פון בירגערלעכן חשק צו געניסן און פון צופיל געלט, וואָס איין טייל מאַכט אויפן חשבון פון צווייטן. מיט איין וואָרט: די קונסט איז לויט זיין מיינונג נאָר נידערטרעכטיקייט און עוולה. ער איז מיך באַפאַלן, ווי אַ הונט, זאָגנדיק, אַז זיין אַ בודיסט און פאַרנעמען זיך מיט קונסט איז דער שפּיץ פון נישט קאָנסעקווענץ. איך בין אָבער נאָכמער אָנגעפאַלן אויף אים און האָב אים געענטפערט, אַז האַלטן קאָנסעקווענץ פאַר עפּעס בעסערס, ווי אומקאָנסעקווענץ, איז דער שפּיץ פון בירגערלעכן אָבסקוראַנטיזם, פון בירגערלעכע פאָראורטיילן און נידערטרעכטיקייט. דער מענטש איז נשתומם־געוואָרן און פאַרלוירן דאָס לשון. איך רעד אים אָן, ער זאָל זיך הענגען, אָבער ער וויל נישט. זאָג מיר, צי דו ביסט זיכער, אַז די ערד דרייט זיך טאַקע באמת אַרום דער זון און צי דאָס אַלץ איז נישט קיין לצנות? איבעריקנס, מיר איז עס אַלץ איינס! אין וואַרשע איז מיר דאָס קינד געווען אַ שאַד, וואָס ס'איז געשטאָרבן. דאָ טראַכט איך אויך אָפט פון דעם, ווי נאַריש דאָס איז! וואָס מאַכט פרוי עמיליאַ? מענטשן האָבן באַשטימטע ראָלן אויף דער וועלט, און אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן אַ ראָל מיט פליגל און ליידן. צי וואָס איז זי געווען צניעותדיק? איר וואָלט אַנדערש געווען פרייליכער, וואָס שייך דיר, מענטש אייבער, טו מיר איין טובה. כ'בעט דיך אין נאָמען פון אַלץ, האָב נישט חתונה. געדענק, אַז אויב דו וועסט חתונה האָבן, אויב דו וועסט האָבן אַ זון, אויב דו וועסט אַרבעטן, כדי אים צו לאָזן אַ פאַרמעגן, וועסטו עס טון רק צוליב דעם, כדי דער זון זאָל זיין דאָס, וואָס איך בין, איך ווידער בין זייער אַ ווילער בחור, אָבער כ'האָב געוויסע ספקותן — צי ס'איז אומבאַדינגט אַזוי. זיי געזונט, היציקע ענערגיע, זיי געזונט, האַנדלס־הויז, קאָמיס־שותפות, איבערגייענדיקע פאָרב, געוווינהייט־אַרבעט, געלט־אָנשטרענגונג, קומענדיקער פאָטער פון אַ פאַמיליע, דערציער פון קינדער און דאגות! נעם אַרום פון מיר וואַסקאָווסקין. ער איז אויך אַ סינטעטיקער. זאָל סאַקיאַ־מוני עפענען דיר די אויערן, זאָלסט זיך דערוויסן, אַז קעגן

דער זון איז וואַרעם, און אין שאָטן — קאַלט, און אַז ליגן איז בעסער, ווי שטיין. דיין בוקאַצקי״.

— אַ רויגן ! — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו זיך.

דאָס אַלץ איז געקינצלט, אַלץ איז נאַרן זיך אַליין דורך עפּעס אַ יאוש-זאַך. ווען דער מענטש געוויינט זיך אָבער צו צו דעם, ווערט עס באַ אים אַ שטיק טבע, דאַמאָלס כאַפּט דער רוח דעם שכל, די ענערגיע און די נשמה ווערט צעלייגט, ווי אַ ברי-מינן. מען קען זיך וואַרפן מיטן קאָפּ אין אַזאַ פּלאַנקע, ווי ס׳האָט זיך געוואָרפן מאַשקאָ, אָדער אין אַזעלכע, ווי בוקאַצקי. אין ביידע פאַלן גייט מען אונטערן אייז. וואָס, צו אַלדי רוחות ! עפּעס מוז דאָך פאָרט זיין אַ געזונט און נאָרמאַל לעבן — מען דאַרף בלויז האָבן אַ ביסל בוימאייל אין קאָפּ. אַזאַ ביגעלן איז פונדעסטוועגן נישט שלעכט אויף דער וועלט. ער האָט אַ ווייב, וואָס ער האָט ליב, קינדער, וואָס ער האָט ליב, ער אַרבעט, ווי אַן אָקס, ער האָט אָבער אין דער נשמה אַ גרויס צוגעבונדנקייט צום כלל און זיין וויאָלענטשעלע, אויף וואָס ער שפּילט באַם שיין פון דער לבנה, פאַרייסנדיק דעם קאָפּ צום סופיט. מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל זיין אַ מאַטריַליזירטער מענטש, ניין. און אים לעבט בשלום איינס מיט דעם צווייטן. און אים איז גוט !

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן זיך צו דרייען איבערן צי-מער און פון צייט צו צייט קוקן אויף ליטקאָס געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעלאַכט פון צווישן די בעריאָזעס אַפּער. די באַדערפעניש צוצוטרעטן צו אַ גענויען חשבון מיט זיך אַליין, האָט אים וואָס אַמאָל שטאַרקער באַהערשט. אַלס סוחר, האָט ער גענומען באַרוקן זיין „קרעדיט“ און „דעבעט“, וואָס עס איז איבעריקנס נישט געווען שווער. אין דער רובריק פון פּאָזיטיווע זייטן פון זיין לעבן האָט אַמאָל פאַרנומען דאָס הויפּט-אָרט זיין געפיל צו ליטקאַן. זי איז אים בשעתּה געווען אַזוי טייער, אַז ווען מען זאָל מיט אַ יאָר צוריק, למשל, אים געוועזן זאָגן: „נעם זי, ווי דיינס אַ קינד פאַר אַן אייגנטום“, וואָלט ער זי געווען גענומען און געוווסט, אַז ער האָט צוואָס צו לעבן. איצט אָבער אין די באַ-

ציִונג געווען בלויז אַ דערמאָנונג און איז פון דער רובריק פון גליק אַריבער אין דער רובריק פון אומגליק. וואָס־זשע איז אַלזאָ געבליבן? קודם־כל דאָס לעבן גופא, שנית, דער אינטעלעקטועלער דילעטאַנטיזם, וואָס איז סוף־כל־סוף אַ נחת, ווייטער די צוקונפט, וואָס אינטערעסירט, ווייטער דאָס מאַטעריאַלע געניסן און ענדלעך דאָס האַנדלס־הויז. דאָס האָט געהאַט זיין ווערט, פּאָלאַניעצקי האָט אָבער באַמערקט, אַז קיין תּכלית איז אין דעם נישטאָ. וואָס שייך דעם האַנדלס־הויז, זענען אים געפעלן די דערפאָלגן, וואָס ער האָט געהאַט און נישט דער מין אַרבעט, וואָס דאָס הויז האָט געפאָדערט. פאַרקערט: דער מין אַרבעט האָט אים נישט באַפרידיקט, און געווען פאַר אים צו ענג, צו נישטיק און האָט אים אַריינגעבראַכט אין כּעס. פון דער צווייטער זייט, דער דילעטאַנטיזם, די ביכער, די אינטעלעקטועלע וועלט, דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ באַטייטונג, ווי אַ באַשיינונג פון לעבן, ס'האָט אָבער נישט געקענט ווערן קיין יסוד פון דעם. „בוקאַצקי — (האָט געזאָגט צו זיך פּאָלאַניעצקי) — איז פאַרקראָכן ביז איבער די אויערן, געוואָלט מיט דעם לעבן — און האָט זיך אויסגעגליטשט, געוואָרן אַ לא־יצלח, אַן עובר־בטל. בלומען פאַר זיך זענען אַ גוטע זאַך, נאָר ווער עס וויל אויסשליסלעך געניסן פון זייער ריח, דער פאַרסמט זיך! און באמת, ער האָט נישט באַדאַרפט זיין קיין גרויסער חכם, כּדי צו באַמערקן אַרום זיך אַ וועלט אויסגעגליטשטע מענטשן, וואָס זייער גייסטיק געזונט האָט אונטערגעגראָבן כּמעט דער דילעטאַנטיזם, ווי מאָרפיום גראָבט אונטער דאָס פיזישע געזונט.

אים אַליין האָט ער אויך פאַרשאַפט שוין אַ סך היזק, שוין מיט דעם, וואָס ער האָט פון אים געמאַכט אַ סקעפּטיקער. פון אַ שווערער קראַנקהייט האָט אים מציל געווען בלויז זיין געזונטער אָרגאַניזם, וואָס האָט געפילט די ביטערע באַדערפעניש אַרויסצוגעבן פון זיך דעם איבערפלוס ענערגיע און אַרבעט! אָבער וואָס וועט זיין ווייטער — און צי קען עס אַזוי ווייטער גיין? אויף דער שאלה האָט ער זיך קאַטעגאָריש געענטפערט: ניין! קוים זענען די עניבים פון האַנדלס־הויז נישט מסוגל געווען אויסצופילן

זיין לעבן און קיום איז געווען ממש אוממעגלעך עס אויסצופילן מיט דעליטאַנטיזם, האָט מען באַדאַרפט אויספילן עס מיט עפּעס אַנדערש, זיך שאַפן נייע וועלטן, נייע פליכטן, עפענען פאַר זיך נייע האָריזאָנטן, און צו דעם איז געווען איין עצה — חתונה האָבן.

אַמאָל, ווען ער פלעגט זיך עס זאָגן, האָט ער געזען פאַר זיך עפּעס אַן אומבאַשטימטע פיגור, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע מאָראַלישע און פיזישע מעלות, אָבער אָן אַ גוף, אָן אַ נאָמען. איצט איז עס געווען אַן אמתע פיגור. זי האָט געהאַט רויקע בלויע אויגן, טונקעלע האָר, אַ ביסל אַ צו ברייט מויל, און האָט געהייסן מאַריניאַ פלאַוויצקאַ. וועגן עמעצן אַנדערש האָט אפילו קיין רייד נישט געקענט זיין, זי אָבער האָט פּאָלאַניעצקי זיך אַזוי רעאַל פאָרגעשטעלט, אַז די אָדערן אין די שלייפן האָבן אים אַזש אָנגעהויבן קלאַפּן. ער האָט אָבער אויסגעצייכנט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איצט האָט אויסגעפעלט עפּעס אין זיין געפיל צו מאַריניאַן, דהיינו דאָס, אַרום וואָס עס וויקלט זיך אַ טרוים, דאָס וואָס ער דערוועגט נישט צו פאַרלאַנגען קיין זאַך און ריכט זיך אויף אַלץ. דאָס, פאַרוואָס ער האָט מורא, פאַרוואָס ער ציטערט, פאַרוואָס ער קניט, וואָס זאָגט צו דער געליבטער פרוי: „צו דיינע פיס!" וואָס מאַכט פון דער ליבע, וועלכע איז אַ פאַרלאַנג גלייכצייטיק אַ קולט, וואָס איז יראת־הכבוד, וועלכע ברענגט אַריין עפּעס אַ מיסטישן אָפּשיין אין דער באַציונג צווישן מאַן און פרוי, מאַכט פונם מענטש נישט בלויז אַ ליבהאָבער, נאָר אויך אַ מאמין. דאָס איז אַוועק. פּאָלאַניעצקי, טראַכטנדיק איצט וועגן מאַריניאַן, האָט געטראַכט ניכטערן, כמעט חוצפּהדיק. ער האָט געפילט, אַז ער קען קומען, נעמען זי און האָבן און אַז ער וועט עס טון, איז עס מחמת צוויי טעמים: ראשית פאַר־דעם, ווייל מאַריניאַ איז פאַר אים די פרוי, וואָס ציט אים צו מער פון אַלע אַנדערע, שנית, ווייל דער שכל הייסט אים חתונה האָבן און חתונה האָבן דווקא מיט איר.

— ווייל זי — (האָט ער געטראַכט) — איז דאָך געהאַלטיק וויכער. נישטאָ אין איר קיין אויסגעלעבטע זאַך, קיין אויסגעטרוקנ-

טע. דער עגאָיזם האָט נישט דערהרגעט אין איר דאָס האַרץ — און דאָס איז זיכער, אַז אַזעלכע וועט נישט טראַכטן בלויז וועגן דעם, וואָס איר קומט. דאָס איז די פּאַרקערפּערטע ערלעכקייט, די פּאַרקערפּערטע פליכט — און אינם לעבן וועט מען דאָס אוודאי מוזן היטן, כּדי זי זאָל נישט טראַכטן צו ווייניק וועגן זיך. אויב דער שׂכל הייסט מיך חתונה האָבן, וואָלט איך געטון אַ שטות, ווען כ'זאָל זוכן אַן אַנדערע.

שפּעטער האָט ער געשטעלט זיך אַ שאלה: צי אָפּזאָגנדיק זיך פון מאַריניאַן, וואָלט ער נישט געטון גלייכצייטיק אַן אומערלעכקייט? ליטקאַ האָט זיי פאַרייניקט, עפּעס האָט אין זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן באַם בלויזן געדאַנק זיך אַקעגנצושטעלן דעם ווילן און דעם קרבן פון דעם טייערן קינד. ווען ער זאָל וועלן אָבער טון קעגן דעם ווילן, וואָלט ער אַזוי זיך באַדאַרפט האַלטן ביין. אין דעם פאַל וואָלט ער באַדאַרפט פון ליטקאַס טויט אָן זיך נישט צו ווייזן באַ די פּלאַוויצקיס, נישט זען מאַריניאַן, נישט קושן אירע הענט, נישט לאָזן זיך מיטכאַפּן פון דער כוואַליע, וואָס האָט געטראָגן, קען זיין צוליב די געשעענישן, אָבער אַזוי ווייט פאַרטראָגן, אַז ער וואָלט היינט מאַריניאַן פאַרפירט, ביז צו דער ראָל פון אַ מענטש, וואָס ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וויל, ווייל ער וואָלט באַדאַרפט זיין אַ בלינדער, נישט צו זען, אַז מאַריניאַ האָט זיך געהאַלטן פאַר זיין כּלה און אַז. אויב זי האָט אים נישט באַאומרויִקט ביז איצט מיט זיין שווייגן, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט עס צוגעשריבן זיין טרויער, וואָס ביידע האָבן אין האַרץ געטראָגן נאָך ליטקאַן.

קוקנדיק אַלזאָ פון דער זייט פון שׂכל, מוז מען חתונה האָבן — האָט געזאָגט צו זיך פּאָלאַניעצקי, — פונם קאָנסערוואַטיוון אינסטינקט — מוז מען, פון די חושים — מוז מען; פון ערלעכקייט — מוז מען! ובכן, איז וואָס? ובכן וואָלט ער געווען אַ של-ממזל און אַ שווינדלער, ווען ער זאָל זיך וואַקלען און נישט האַלטן די זאַך פאַר געענדיקט. דאָס איז אַ געענדיקטע זאַך.

נאָכדעם האָט ער אָפּגעאָטעמט און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. אונטערן לאָמפּ איז געלעגן בוקאַצקיס בריוו. פּאָ-

לאַניעצקי האָט אים געגומען און אָנגעהויבן לייענען פון דעם אָרט, אויף וועלכן ס'איז צופעליק געפאַלן זיין בליק:

„איך בעט דיך, אין נאָמען פון אַלץ, האָב נישט חתונה. געדענק, אַז אויב דו וועסט חתונה האָבן, אויב דו וועסט האָבן אַ זון, אויב דו וועסט אַרבעטן, כדי פאַר אים איבערצולאָזן אַ פאַרמעגן, וועסטו עס אויסשליסלעך טון פאַר דעם, כדי, דער זון זאָל זיין אַזאַ, ווי איך בין. . .״ —

— אַלזאָ, ליבער פלאַטער-קאָפּ מיינער — האָט געענטפערט מיט אַ געוויסן באַסט פּאַלאַניעצקי — כ'וועל יאָ חתונה האָבן און חתונה האָבן מיט מאַריניאַן פּלאַוויצקאַ; הערסט? כ'וועל מאַכן אַ פאַרמעגן, און איך וועל האָבן אַ זון, וועל איך פון אים נישט מאַכן קיין דעקאַדענט — פאַרשטאַנען?

און ער האָט געהאַט פון זיך הנאה.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ קוק געטון אויף ליטקאַן און דערפילט, אַז עס באַהערשט אים פּלוצלינג אַן אויפרעגונג. די כוואַליע פון צער און מיטגעפיל נאָך איר האָט זיך מיט אַ בייזע קראַפט אַ הייב געטון אין זיין האַרץ. ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיטן קינד, ווי מען רעדט געוויינטלעך אין די וויכטיקסטע מינוטן פון לעבן מיט טייערע פאַרשטאָרבענע.

— דאָס קעצל איז צופרידן? אמת? — האָט ער אַ פרעג געטון.

און זי האָט געלאַכט פון צווישן די בעריאָזעס אַפער, וואָס מאַריניאַ האָט אויסגעמאָלט; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי מרוגעט מיט די אויגן און ענטפערט:

— יאָ, הער סטאַך! יאָ!

בײַ פּאַלאַניעצקין זענען די אויגן פאַרגאַנגען מיט טרערן.

דעם אָוונט, איידער ער האָט זיך געלייגט אין בעט אריין, האָט ער אָפּגענומען באַם באַדינער דעם בריוו, וואָס האָט צומאָרגנס געזאָלט אָפּגעגעבן ווערן מאַריניאַן און ער האָט אָנגעשריבן אַ צווייטן, נאָך אַ האַרציקערן, בזה הלשון:

„טייער פריילין — גאַנטאָווסקי האָט מאַשקאָן געמאַכט אַן אומגעלומפּערטן סקאַנדאַל, צוליב וועלכן ס'איז געקומען צו אַ

דועל. מאַשקאָ איז לייכט פֿאַרוווּנדעט. דער קעגנער האָט אים איבערגעבעטן תיכּף אויפֿן אָרט. קיין ווייטערדיקע פֿאָלגן וועלן נישט זיין, סיידן דאָס, וואָס איך האָב זיך נאָכאַמאָל איבערצייגט, אַז איר זענט אַ גוטע, אַ זאָרגפֿולע, די בעסטע, און אַז מאָרגן, אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך קומען מיט דאַנק אַ קוש טון אייער טייערע און ליבע האַנט. כ׳וועל קומען נאָכמיטאָג, ווייל אינדער־פֿרי מוז איך, נאָכן ביוראָ, זיין באַ פּרוי קראַסלאַווסקאַ. נאָכדעם זיך געזעגענען מיט פּאַפּעטאָר וואַסקאָווסקי, הגם אויב מען זאָל קענען וואָלט איך ליבערשט דעם טאָג געוואָלט אָנהייבן נישט מיט וויי. פּאָלאַניעצקי".

נאָכן אויפֿשרייבן די עטלעכע ווערטער האָט ער אַ קוק געטון אויפֿן זייגער און הגם ס׳איז שוין געווען עלף, האָט ער געהייסן דעם בריוו אָוועקטראָגן נישט מאָרגן, נאָר תּיכּף.

— וועסט אַריינגעבן דורך דער קיך — האָט ער אַ זאָג געטון צום באַדינער — און אויב דאָס פֿריילין שלאָפֿט, זאָלסטו איבערלאָזן.

נאָכדעם, איבערבלייבנדיק אַליין, האָט ער צום מיידל געהאַלטן אַזאַ דרשה:

— דו וואָלסט סיידן שוין גאָר קיין תּפֿיסה נישט געהאַט, און דו זאָלסט זיך נישט משער זיין, גאָך וואָס כ׳וועל מאָרגן קומען.

VII.

פרוי קראַסלאַווסקאַ האָט אויפגענומען פּאַלאַני עצקין אַ שטאַרק פאַרחידושטע צוליב דער פרימאָרגן-שעה, דאָך האָט זי אים אָנגענומען, זייענדיק זיך משער, אַז ער קומט מיט עפּעס אַן אומגעווינטלעכן ענין. ער האָט אָן לאַנגע שהיות, דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען, זאָגנדיק באַ דעם אַזוי פיל ליגן ווי פיל מען דאַרף, כדי צו פאַרשטעלן מאַשקאָן פונם חשד וועגן באַנקראָט, אָדער שלעכטע געשעפטן.

ער האָט באַמערקט באַ דעם, אַז בשעת-מעשה האָט די אַלטע דאַמע געהאַלטן אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרינע, ווי פון שטיין אויסגעהאַקטע, אויגן אָן גלאַנץ און קיין איין מוסקול פון איר פּנים האָט נישט קיין ציטער געטון.

ערשט בשעת ער האָט געענדיקט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— פון דעם אַלעם פאַרשטיי איך נישט איין זאַך: פאַרוואָס האָט מאַשקאָ פאַרקויפט די דעמבעס? דאָס איז דאָך נישט קיין קליין באַשיינונג פאַר יעדער רעוידענץ.

— די דעמבעס געפינען זיך ווייט פון הויז — האָט גע־ענטפערט פּאָלאַניעצקי — און מאַכן קאַליע דאָס פעלד, ווייל אונטער זייער שאָטן וויל קיין זאַך נישט וואַקסן. און הער מאַש־קאָ איז אַ פּראַקטישער מענטש. איבעריקנס, כ׳זאָג אויפריכטיק, מיר זעגען אַלטע באַקאַנטע, און ער האָט עס געטון פאַר מיינעט־וועגן אויס פריינטשאַפט. איר ווייסט דאָך, איך בין אַ סוחר; איך האָב באַדאַרפט האָבן דאָמב, האָט מיר מאַשקאָ אָפּגעטרעטן, וויפיל ער האָט געקענט.

— פאַרשטיי איך נישט אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט יענער יונגערמאַן. . .

— אויב איר קענט דעם ראָטגעבער יאַמיש — האָט איבער־געריסן פּאָלאַניעצקי — וועט ער אַלס אַ באַנטער שכן פון קושעמיען און יאַלבזשיקאָוו אייך דערקלערן, אַז דער יונגערמאַן איז נישט באַם קלאָרן שכל — און שמט מיט דעם אויף דער גאַנ־צער געגנט.

— אויב אַזוי, האָט הער מאַשקאָ נישט באַדאַרפט זיך דוע־לירן.

— מאַדאַם — האָט מיט אַ שאָטן פון אומגעדולד געענט־פערט פּאָלאַניעצקי — אין אַזעלכע פאַלן האָבן מיר אַנדערע השגות, ווי די דאַמען.

— איר וועט דערלויבן, אַז כ׳וועל זאָגן עטלעכע ווערטער מיין טאָכטער.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ טראַכט געטון, אַז עס וואָלט צייט גע־ווען זיך אויפצוהייבן און צו געזעגענען, היות אָבער ער איז גע־קומען נישט ווי אויף אַן אויסשפּור און האָט געוואָלט ברענגען מאַשקאָן עפּעס אַ ידיעה, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אויב איר האָט עפּעס צו באַפעלן הער מאַשקאָן, גיי איך גלייך פון דאַנען צו אים.

— איין רגעלע — האָט געענטפערט פרוי קראַסלאַווסקאַ. פּאָלאַניעצקי איז געבליבן אַליין און גאַנץ לאַנג געוואַרט, אפילו צו לאַנג, ער האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. ענדלעך זענען די ביידע דאַמען קראַסלאַווסקאַס אַריין.

דאָס מיידל, אָנגעטון אין אַ ווייסע „שמיזעטקע״ מיט אַ מאַטראָזן־קראַוואַט און צוגעקעמט נישט זייער זאָרגפעלטיק, האָט אויסגעזען בײַ פּאָלאַניעצקין, נישט קוקנדיק אויפן לייכטן אויגן־אָנצינדונג און עטלעכע קרעצלעך אויפן שטערן, וואָס זענען גע־ווען באַשיט מיט פּודער, פאַר אַ גאַנץ שיינע. זי האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ צוציִענדיקע שווערעניש, פון וועלכן זי האָט צוליבן אויפהייבן זיך שפּעט נישט געקענט זיך אָפּטרייסלען, און עפּעס אַ צוציִענדיקע נאַכלעסיקייט. איבעריקנס, האָט אויף איר אַנעמיש גע־זיכט נישט געמאָלט זיך קיין שום אויפרעגונג.

נאָך די פאַרביַיגונגען מיט פּאָלאַניעצקין, האָט זי אַ זאָג גע־טון מיט אַ קאַלטער רויִקער שטים:

— זייט אַזוי גוט, זאָגט הער מאַשקאָן, אַז כ׳האָב געהאַט גרויס עגמת־נפש און זיך דערשראָקן. די וווּנד איז באמת אַ לייכ־טע?

— אומבאַדינגט.

— כ׳האָב געבעטן די מוטער, זי זאָל פאָרן אַכטונג געבן אויף הער מאַשקאָן, און איך וועל די מאַמען צופירן און וואַרטן אין דער קאַזש אויף אַ ידיעה. נאָכדעם ווידער וועל איך קומען נאָך דער מאַמען — אַזוי יעדן טאָג, ביז הער מאַשקאָ וועט נישט אינגאַנצן געזונט ווערן. די מאַמע איז אַזוי גוט אַז זי דערלויבט.

זאָגט עס הער מאַשקאָן.

דאָ האָט אַ לייכטער קוים באַמערקלעכער פלעק דורכגע־שלייכט דורך איר בלאַס געזיכט. פּאָלאַניעצקין, פאַר וועלכן די ווערטער אירע זענען געווען אַן אמתער סורפּריז און האָבן אים דורכגענומען מיט פאַרוווּנדערונג, האָט זי זיך איצט אויסגעוויזן אינגאַנצן אַ שיינע, און אין אַ רגע אַרום, גייענדיק צו מאַשקאָן, האָט ער געזאָגט צו זיך:

— נו, פרויען זענען פונדעסטוועגן בעסער, ווי עס דאַכט זיך... דאָס זענען דאָך אינגאַנצן צוויי קאַרפּינקעס געפּרווירן וואַ־סער, דאָך האָט דאָס מיידל אַ שטיקל האַרץ. מאַשקאָ האָט זי נישט משיג געווען און וועט האָבן אַן אָנגענעמע אַנטוישונג. די אַלטע וועט פאָרן צו אים, זענען דאָרטן אַלע ביסקופּן און קאַשטע־

ליאנער מיט די קרומע בעז, מיט וועלכע עס פלעגט זיך אזוי פרייען בוקאצקי, און וועט איבגאנצן נעמען גלייבן אין מאשקאס גדלות.

טראכטנדיק אזוי האט ער זיך געפונען אין מאשקאס דירה און געמוזט צוווארטן, מחמת ער איז געקומען פונקט צום באנדאזשירן, תיכף אבער, ווי דער דאקטאר איז אוועק, האט מאשקא געהייסן אים אריינבעטן — און נישט באגריסנדיק זיך אפילו, א פרעג געטון:

— וואס, ביסט געווען?

— וואס מאכסטו? ווי אזוי ביסטו געשלאפן?

— גוט. נארישקייטן... ביסט געווען?

— געווען. כ׳וועל דיר זאגן קורץ. אין א פירטל שעה ארום וועט די קראסלאווסקא קומען אויף דיר אכטונג געבן. דאס מיידל האט דיר געהייסן זאגן, אז זי וועט צופירן די מוטער און ווארטן אויף א ידיעה, וואס דו מאכסט. זי האט דיר געהייסן זאגן, אז זי האט זיך זייער איבערגעשראקן, איז שטארק אומגליקלעך, אבער דאנקט גאט, אז ס׳איז קיין ערגערס נישט געשען. ועסט, מאשקא!... כ׳וועל דיר נאך צוגעבן, אז זי איז א שיינע. אז זי האט מיך א נעם געטון — און איך גיי, ווייל איך האב קיין צייט נישט.

— דערבארעם זיך, ווארט א רגע. ווארט, מיין ליבער; איך האב נישט קיין היץ — און אויב דו זאגסט עס אויס מורא...

— ביסט א נודנער! — האט אים איבערגעריסן פאלאניעצקי — כ׳גיב דיר מיין ווארט, אז איך זאג אמת — און אז דו האסט צו פרי בארעדט דיין אייגענע כלה.

מאשקא האט אראפגעלאזט דעם קאפ אויפן קישן און א צייט געשוויגן, נאכדעם האט ער א זאג געטון צו זיך אליין:

— איך וואלט באמת גרייט געווען זיך צו פארליבן אין איר...

— איז גיט, — האט געענטפערט פאלאניעצקי — זיי געזונט! איך גיי זיך געזעגענען מיט וואסקאווסקין.

און אַנשטאָט צו וואַסקאָווסקין איז ער אַוועק צו די פּלאַוויצקיס, וועלכע ער האָט אגב נישט געטראָפן. פּלאַוויצקי איז קיינמאָל אינדערהיים נישט געזעסן, און וועגן מאַריניאַן האָט מען זים געזאָגט, אַז זי איז מיט אַ שעה צוריק אַוועק. אַלעמאָל ווען מען גייט צו אַ פרוי, וועלכע וועקט צו אַ לעבעדיקן אינטערעס, ווען מען טראַכט זיך אויפן וועג אָפּ, וואָס איר צו זאָגן און מען טרעפט זי נישט באַכדעם אינדערהיים, האָט מען אַ גאַנץ נאַרישע מינע. פּאַלאַניעצקי האָט עס געפילט און איז געווען בייז. ער איז פונדעסטוועגן אַריין אין אַ גערטנער־געשעפט און אָנקויפנדיק אַ סך בלומען, האָט ער זיי געהייסן שיקן צו די פּלאַוויצקיס. דער געדאַנק, מיט וואָס פאַר אַ גדולה מאַריניאַ וועט זיי צונעמען און מיט וואָס פאַר אַ האַרצקלאַפּעניש זי וועט וואַרטן אויפן אָוונט, האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ נחת־רוח, אַז אָפּעסנדיק אויפן וועג מיטאָג, איז ער אינבעסטן הומאָר אַריין צו וואַסקאָווסקין.

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיטן פּראָפעסאָר — האָט ער אַ זאָג געטון — ווען פאָרט דער פּראָפעסאָר?

— וואָס מאַכסטו, ליבער? — האָט געענטפערט וואַסקאָווסקי — כ'האָב געמוזט אָפּלייגן אויף עטלעכע טעג, ווייל, פאַרשטייסטו מיך, איך לאָז דאָ איבערוויגטע״ן עטלעכע קליינע חברה־לייט...

— יונגע אַריער, וואָס ציִען אין פרייע מינוטן אַרויס בייטעלעך פון די טאַשן?

— ניין... הייסט עס, פאַרשטייסטו מיך, דאָס זענען גוטע נשמות, אָבער אָן השגחה קען מען זיי נישט איבערלאָזן. כ'האָב געמוזט זען אַ פאַרטרעטער, וואָס וועט וויגען אויף מיין אָרט.

— ס'וועט זיך דאָ וועלכעס אָפּבראָטן. ווי קען דען דער פּראָפעסאָר אוסהאַלטן אין אַזאַ היץ?

— ווייל איך זיץ אָן דעם קורדוט און וועסט דערלויבן, כ'זאָל אים נישט אָנטון. ס'איז דאָ אַ ביסל וואַרעם, אָבער שוויצן

איז אַ געזונטע זאַך, און די געפליגלטע נפשלעך גייען שוין גאָר אויס פאַר אַ ביסל וואַרעמקייט.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך אַרומגעקוקט. אין שטוב איז געווען לכל-הפחות אַ האַלב טוץ גאָלדהאַמערס, מיסט-פייגל, פליִקלעך און טשיזשן, נישט רעכנדיק שוין קיין שפּערלעך, וואָס זענען משמעות געוווינט געווען צום קאָרמענען. קראָען האָבן מחנותווייז אַרײַנגעקוקט דורכן פענסטער. דער פּראָפעסאָר האָט אין שטוב געהאַלטן בלויז פייגל, וואָס ער פלעגט אויפקויפן באַ די פייגל-כאַפּערס, שפּערלען ווידער האָט ער נישט אַרײַנגעלאָזט, זאָגנדיק, אַז עס וואָלט קיין סוף נישט געווען, און עס וואָלט געווען אַן עוולה עטלעכע אַרײַנצונעמען און אַנדערע אָפּצוזאָגן. די שטוביקע האָבן געהאַט שטייגן, וואָס זענען געווען צוגעטשעפּעט צו די ווענט און צו דעם אינעווייניקסטן פּראַמוג פונם פענסטער, זיי פלעגן אָבער גיין בלויז באַנאַכט צו זיי, באַטאָג ווידער פלעגן זיי פּראַנק און פרײַ אַרומלויפן איבערן גאַנצן צימער, אָנפילנדיק זי מיט אַ טשוויטשערײַ און איבערלאָזנדיק שפּורן אויף די ביכער און כּתבֿ-ידן, וואָס זענען געווען אָנגעלייגט אויף די טישן און אין אַלע ווינקעלעך.

אַ טייל פון די פייגל, מער היימיש געוואָרענע, האָבן זיך אפילו געזעצט וואַסקאָווסקין אויפן קאָפּ, אויפן דיל האָבן געטרעשטשעט אונטער די פיס שאָלן פון קאַנאַפּליענע זוימען. פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט די דירה געקענט אויסגעצייכנט, האָט אַ ציי געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— אַלץ איז טאַקע זייער גוט, אָבער וואָס דער פּראָפעסאָר לאָזט זיי זיך רייסן פאַר די נעז, אָדער קריכן צו זיך אויפן קאָפּ, דאָס איז שוין, אויף מיין וואָרט, צופיל! אַ חוץ דעם איז דאָ אַ שטיקעניש.

— אין דעם איז דער הייליקער פראַנציסק פון אַסיזש שולדיק — האָט געענטפערט וואַסקאָווסקי — ווייל איך האָב פון אים זיך אויסגעלערנט ליב האָבן דאָס קליינוואַרג. כ'האָב אפילו עטלעכע טויבן אויך, אָבער דאָס זענען אונטערן אויוון-לייט.

— דער פּראָפעסאָר וועט מסתמא זיך זען מיט בוקאַצקין —

האָט אַ זאָג געטאָן פּאָלאַניעצקי — כ'האָב געהאַט פון אים אַ בריוו, אָט איז ער.

— מען קען איבערלייענען?

— אויף דעם גיב איך דאָך אים אייך.

וואַסקאָווסקי האָט איבערגעלייענט און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אים אַלעמאָל זייער ליב געהאַט דעם בוקאַצין, אַ מזג-טוב, אָבער... זעסטו... ער האָט דאָ אַ ביסל!

און וואַסקאָווסקי האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פינגער אין שטערן.

— דאָס הייבט מיך שוין אָן ווײַלן! — האָט אויסגעשריגן פּאָלאַניעצקי — מאָלט אייך, פּראָפעסאָר, אַז שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, ווי עמעץ קלאַפּט זיך אין שטערן און זאָגט וועגן עמעצן פון די באַקאַנטע: „ער האָט דאָ אַ ביסל", אַ ווילדע געזעלשאַפט!

— אַז ס'איז פּאָרט אַזוי אַ ביסל! ס'איז אַזוי אַ ביסל... — האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל וואַסקאָווסקי — ווייסט, וואָס דאָס איז? גאַנץ פּשוט, אַרישער אומרו פון גייסט, אין אונדז ווידער, אַלס סלאַוועז, איז עס פאַרהאַן מער, ווי אין מערב, ווייל מיר זענען די ייִנגסטע פון די אַריער, און דעריבער האָט נישט דער מוח, נישט דאָס האַרץ, נאָך נישט געפונען אין אונדז קיין גלייכגעוויכט. מיר, די ייִנגסטע פון די אַריער, פילן צום לעבעדיקסטן, מיר נעמען אַלץ צום מײַנסטן צום האַרץ און ווענדן עס אָן צו דער לעבנס-פּראַקטיק, ווי צום היציקסטן... איך האָב אַ סך געזען, איך האָב עס שוין לאַנג באַמערקט... וואָס פאַר אַ מאָדנע נאַטורן... אָט, למשל, דײַטשישע סטודענטן ליגן אין די קנײַפּעס — איז וואָס? — דאָס שאַדט זיי נישט פונדעסטוועגן צו אַרבעטן און אויסצואַרבעטן זיך אויף פּראַקטישע מענטשן. זאָל אָבער אַ סלאַוו פאַרכאַפּט ווערן פון אַ מאָדע און אָנהייבן ליגן אין די שענקען, איז ער פאַרלוירן, ער וועט זיך אַזוי פאַרשענקען אויף טויט! און אַזוי איז מיט אַלעם. אַ דײַטש וועט זיך זײַן אַ פּעסימיסט, שרײַבן בענדער, אַז דאָס לעבן איז פול יאוש — און וועט

טרינקען בײַ דעם ביר, דערציִען קינדער, מאַכן געלט, באַגיסן דעם גאָרטן און שלאָפן אונטער אַן איבערבעט. אַ סלאַוו וועט זיך הענגען, אָדער זיך פּטרן מיט ווילד לעבן, מיט זנות; ער וועט זיך דערשטיקן מיט בלאָטע, אין וועלכער ער וועט בכּיוון אַרײַנקריכן... איך, מײַן טײַערער, געדענק מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף טויט פֿאַרבײַראַניזירט... איך האָב אַ סך געזען... כ'האָב געזען מענטשן, וואָס ליב האָבנדיק למשל פֿויערן, האָבן זיי געענדיקט מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשיכּורט מיט בראָנפֿן אין די קרעטשמעס. מיר האָבן קיין מאָס נישט, ווײַל בײַ אונדז מישט זיך נאָך צו צו יעדער התלהבות בנוגע אַן אידעע, לײַכטזיניקייט און — ווייסט וואָס נאָך? גאווה. אָך, גאָט, וואָס פֿאַר אַ בעלי־גאוות מיר זענען! ווי מיר ווילן תּמיד זײַן רוקן יעדן פֿאָרויס, אַז מען זאָל אונדז זען און באַוווּנדערן! נעם אַזאַ בוקאַצקין; ער איז אַרײַנגעקראָכן — באמת אַרײַנגעקראָכן איבער די אויערן אין סקעפּטיציזם, פּעסימיזם, בודיזם, דעקאַדענטיזם — ווייס איך נאָך אין וואָס? — איצט הערשט דאָך אין דעם אויך תּוהו־ובוהו! — ער איז אַזוי טיף פֿאַרקראָכן, אַז די מיִאַזמען פֿאַרסמן אים באמת; מיינסטו אָבער, אַז ער מאַכט מיט דעם אַן אָנשטעל? חלילה! וואָס פֿאַר אַ מאָדנע נאַטורן! — אגב די אויפֿריכטיקסטע, מיטפֿילנדיקסטע, וואָס נעמען אַלץ צום שטאַרקסטן צום האַרץ — קאָמעדיאַנטישע. ווען מען טראַכט וועגן דעם, האָט מען עס ליב, אָבער גלײַכצײַטיק גלוסט זיך צו לאַכן און צו וויינען.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך דערמאַנט, ווי בשעת זײַן ערשטן מאָל זײַן אין קזשעמיען, האָט ער דערציילט מאַריניאַן וועגן זײַנע בעלגישע יאָרן, ווען, שפּילנדיק זיך בשותּפֿות מיט עטלעכע יונגע בעלגיִער אין פּעסימיזם, האָט ער ענדלעך באַמערקט, אַז ער נעמט די אַלע טעאָריעס אַ סך שטאַרקער זיך צום האַרץ, ווי זיי, און אַז מיט דעם גופֿא פּטרן זיי אים מער דאָס לעבן. — האָט ער אַלזאָ אַ זאָג געטון:

— דאָס, וואָס דער פּראָפֿעסאָר זאָגט, איז אַן אמת. כ'האָב אויך געזען אַזעלכע זאַכן — און דעריבער נעמט אונדז טאַקע אַלע דער רוח.

וואַסקאָווסקי אָבער האָט פאַרטיפט זײַנע מיסטישע אויגן אין די פאַרפרוירענע שויבן און האָט אַ זאָג געטון:

— ניין, אונדז אַלע וועט עמעץ אַנדערש בעמען. די היציקייט פון בלוט, די פעיִקייט זיך דורכצוגעמען מיט אַן אידעע, דאָס זענען גרויסע יסודות צו דעם שליחות, וואָס קריסטוס האָט פאַר דער סלאַווישער וועלט באַשטימט.

דאָ האָט וואַסקאָווסקי אָנגעוויזן אויפן פאַרפלעקטן דורך די פייגל כתב־יד און געהיימנישפול אַ זאָג געטון:

— זעסט, מיט דעם פאָר איך. דאָס איז די אַרבעט פון מיין לעבן... ווילסט כ'זאָל עס דיר דורכלייענען?...

— אויף מיין וואָרט, כ'האָב קיין צייט נישט. ס'איז שוין שפעט.

— אמת, עס פאַלט שוין צו דער אָוונט. וועל איך דיר זאָגן בקיצור... נישט בלויז איך טראַכט, נאָר איך גלייב טיף, אַז די סלאַוון האָבן אַ גרויסע שליחות צו דערפילן.

דאָ האָט וואַסקאָווסקי איבערגעריסן, אָנגעהויבן רייבן מיט דער האַנט דעם שטערן און אַ זאָג געטון:

— וואָס פאַר אַ מאָדנע ציפער: „דריי“!... פאַרהאַן אין דעם פונדעסטוועגן עפעס געהיימנישפולס!

— דער פּראָפעסאָר האָט געזאָלט רעדן וועגן דעם שליחות — האָט אומרויִק אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

— האָב קיין מורא נישט! איינס מיטן אַנדערן האָט אַ שייכות. ווייל פאַרשטייסטו מיך, פאַראַן דריי וועלטן אין אייראָפּע: אַ ראָמאַנישע, גערמאַנישע און סלאַווישע. יענע האָבן שוין דערפילט, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט דערפילן. די צוקונפט — געהער די דריטע.

— וואָס-זשע דאַרף די דריטע טון?

— די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, דאָס הייסט, די באַציִונגען פון איין מענטש צום אַנדערן, דאָס לעבן פון יחידים און דאָס, וואָס עס הייסט פּריוואַט-לעבן, איז סוף־כל־סוף, געשטיצט אויף דער קריסטוס־לערע, די מענטשלעכע פעלערן קומען זיך אויס, אָבער דאָך שטייט אַלץ אויף זיי. דאָס איז אָבער די ערשטע העלפט פון

דער אויפגאַבע דערפילט — דער פעריאָד !... פאַרהאַן מענטשן, וואָס מיינען, אַז דאָס קריסטנטום לאָזט זיך שוין אויס. ניין, דער צווייטער פעריאָד דאַרף זיך ערשט אָנהייבן, קריסטוס געפינט זיך אינם לעבן פון יחידים, אין געשיכטע איז עס אָבער נישטאָ — פאַרשטייסט ? אַריינפירן אים אין דער געשיכטע, באַגרינדן אויף אים די היסטאָרישע באַציונגען, שאַפן ליבע צום נאָענטן און זיין היסטאָרישן זין — אָט איז דאָס שליחות, וואָס די סלאַווישע וועלט דאַרף דערפילן... עס פעלט איר אָבער אויס באַוווסטזיניקייט און מען דאַרף אויף דעם שליחות איר עפענען די אויגן.

פאָלאַניעצקי האָט געשוויגן, ווייל ער האָט נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן. וואַסקאָווסקי ווידער האָט ווייטער גערעדט:

— אָט וועגן וואָס כ'האָב אַ גאַנץ לעבן געטראַכט — און דאָס האָב איך אַרויסגעזאָגט אין דעם ווערק... (דאָ האָט ער אָנגעוויזן אויפן כתב־יד). דאָס איז די אַרבעט פון מיין גאַנץ לעבן. דאָס איז דאָס אָנגעוויזענע שליחות.

— „אויף וועלכן די גאָלדהאַמערס דערווייל... — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי — און ס'וועט מסתמא לאַנג נאָך אַזוי זיין".

הויך אָבער האָט ער אַ זאָג געטון:

— און דער פּראָפעסאָר ריכט זיך, אַז ווען אַזאַ זאַך וועט אַרויס פון דרוק...

— ניין, איך ריכט זיך אויף קיין זאַך נישט. איך פאַרמאָג אַ ביסל ליבע, בין אָבער צו אַ נישטיקער מענטש, צו אַ געציינגער אינטעליגענט... דאָס וועט פאַרלוירן גיין, ווי עס וואָלט ווער געוואָרפן אַ שטיין אין וואַסער אַריין, אָבער כוואַליעס וועלן זיין, ס'וועלן זיין קרייזן... זאָל שפּעטער קומען עפּעס אַן אויסדערוויילטער... ווייס איך ?... וואָס באַשערט, דאָס באַווערט. זיי וועלן נישט בכוח זיין זיך אָפּצוזאָגן פון דעם שליחות, ווען אפילו זיי זאָלן עס אַליין וועלן... מענטשלעכע נאַטורן, פאַרשטייסטו מיך, טאָר מען נישט אָפּציען פון זייער מזל, און נישט ענדערן בעל־כרחו. דאָס, וואָס עס איז גוט ערגעץ אַנדערש, קען זיין שלעכט בײַ אונדז ! ווייל אונדז האָט דער אייבערשטער אויף עפּעס אַנדערש באַשאַפן. איבעריקנס, בחנם די אַרבעט. דו רעדסט דיר

אויך בח״ם איין, אַז דו ווילסט בלויז מאַכן גילט, דו מוזט אויך נאָכגיין די שטים פונם מזל און פון דער נאַטור...

— איך גיי אפילו, ווייל איך האָב חתונה... דאָס הייסט, איך וועל חתונה האָבן, אויב מען וועט מיך וועלן.

און וואַסקאָווסקי האָט אים אַרומגענומען ביז אין דער העלפט:

— זאָל דיך! דאָס איז אויסגעצייכנט. זאָל דיך דער אייבערשטער בענטשן... כ׳ווייס! דאָס האָט אייך געהייסן דאָס קינד־לעב. געדענקסטו, כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז זי האָט עפּעס צו דערפילן, אַז זי וועט נישט שטאַרבן, כּל־זמן זי וועט עס נישט דערפילן? זאָל איר דער אייבערשטער אַריינגעבן ליכט און אייך ביידע אַ ברכה... מאַרינאַ איז דאָך אַ גאָלד!...

— און דעם ליבן פּראָפעסאָר, אַ גליקלעכן וועג און אַ גליקלעך שליחות.

— און דיר, און דיר, — וואָס דו ווינטשסט דיר אַליין.

— איך? וואָס איך ווינטש זיך? — האָט פּריילעך אַ זאָג געטון פּאַלאַניעצקי — אַזוי אַ האַלב טוץ קליינע מיסיאָנערן...

— אַ לאַבוז! שטענדיק געווען אַ לאַבוז! — האָט געענטפערט וואַסקאָווסקי — נו, פלי, פלי, איך וועל דאָרט נאָך קומען צו אייך...

פּאַלאַניעצקי איז אַרויסגעפלויגן, אַריינגעפאַלן אין אַ דראָזשקע און געהייסן זיך פירן צו די פּלאַוויצקיס. אויפן וועג האָט ער באַטראַכט, וואָס ער וועט זאָגן מאַרינאַן, און צונויפגעשטעלט זיך אַ רעדע, מיט געפיל אין דער מאָס און ניכטערן אין דער מאָס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָזיטיוון מענטש, וואָס האָט טאַקע געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, וואָס האָט אָבער חתונה אויך דורך שכל.

מאַרינאַ האָט זיך משמעות געריכט אויף אים אַ סך שפּעטער, ווייל די לאָמפּן זענען אין די צימערן נישט געווען אָנגעצונדן, הגם אינדרויסן האָבן זיך אויסגעלאָשן די לעצטע בליאַסקן פון דער זון.

פּאַלאַניעצקי האָט באַם באַגריסן איר אָנגעהויבן קושן ביי־

דע הענט און פאַרגעסנדיק איינגעגלעצן אָן זיין קלוגער רעדע, האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ נישט זיכערער און געריררטער שטים:

— איר האָט באַקומען די בלומען מיטן בריוו?

— יאָ.

— איר זענט אייך משער, צוליב וואָס איך בין געקומען?

מאַריניאַס האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז זי דאָט אַזש נישט געקענט ענטפערן.

פּאַלאַניעצקי האָט ווייטער געפרעגט, וואָס אַמאָל מיט אַ מער אָפּגעהאַקטער שטים:

— איר זענט מסכים אויף ליטקאָס ווילן? איר ווילט מיך?

— יאָ — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

איצט האָט ער, פילנדיק, אַז עס פּאַסט איצט צו דאַנקען, בחנם געזוכט ווערטער. ער האָט בלויז שטאַרקער צוגעדריקט צו די ליפּן אירע הענט און האַלטנדיק זיי ביידע צוזאַמען, האָט ער זי לייכט צוגעצויגן, וואָס אַמאָל נענטער און נענטער. פּלוצלינג האָט אים אַ פלאַם אַרומגענומען; ער האָט זי אַרומגעקלאַמערט און מיט די ליפּן אָנגעהויבן זוכן אירע ליפּן, זי אָבער האָט אויס-געדרייט דעם קאָפּ אַזוי, אַז ער האָט בלויז געקענט קושן אירע האָר אויף די שלייפן. אַ ווײַלע, אין חשכות, האָט מען געהערט בלויז זייער שנעלן אָטעם, ענדלעך האָט מאַריניאַ זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט די דינסט אַריינגעבראַכט אַ לאָמפּ. פּאַלאַניעצקי, אָפּקילנדיק זיך, האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער דרייסטקייט און אָנגעהויבן אומרויק אַריינקוקן מאַ-ריניאַן אין די אויגן. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט זי באַ-לײדיקט און איז גרייט געווען זי איבערצובעטן. דערווייל האָט ער מיט באַוווּנדערונג באַמערקט, אַז אויף איר געזיכט איז נישט געווען קיין שום שפור פון כעס. אויגן האָט זי געהאַט אַראָפּגע-לאָזט, באַקן פלאַמעדיקע, האָר אַ ביסל אין אומאָרדנונג; קענטיק געווען, אַז זי איז צעטומלט און ווי פאַרשיכורט — אָבער דע-ריבער דורכגענומען בלויז מיט אַזאַ פילן פון מתיקותדיקן פחד באַ אַ

אַ פאַרליבטער פרוי, וואָס, האָט איבערטרעטנדיק די נייע שוועל, געפילט, אַז מען דאַרף שפּעס אויף אים הייליקן, אָבער, וואָס טרעט אים איבער און גיט זיך אונטער צוליב דעם, ווייל זי וויל אין האָט התחייבותן לגבי די רעכט, וואָס זי אָנערקענט פאַרן מאַנסביל.

פּאָלאַניעצקין אָבער האָט, זעענדיק זי, דורכגענומען אַ לעבעדיק געפיל פון דאַנקבאַרקייט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט איצט, אַז ער האָט ליב מאַריניאַן אַזוי, ווי ער האָט זי ליב געהאַט, אַמאָל, פאַר ליטקאַס טויט. ער האָט אויך דערפילט, אַז איצט קען ער נישט זיין צו איידל צו איר, נישט צו גרויסמוטיק, נעמענדיק דעריבער זי נאָכאַמאָל פאַר דער האַנט, האָט ער זי אויפגעהויבן צו די ליפּן מיט גרויס יראת-הכבוד, און האָט אַ זאָג געטון:

— איך ווייס, אַז איך בין אייך נישט ווערט — נישטאָ וואָס צו רעדן! אָבער גאָט זעט, אַז וואָס כ׳וועל זיין בכוח וועל איך פאַר אייך טון.

און מאַריניאַ האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט פייכטע אויגן:

— אַבי איר זאָלט זיין גליקלעך...

— מיט אייך קען מען דען נישט זיין? איך האָב עס געזען פון דער ערשטער רגע אָן אין קזשעמיען. אָבער שפּעטער, זעט איר, איז אַלץ קאַליע געוואָרן כ׳האָב געמיינט, איר וועט חתונה האָבן מיט מאַשקאָן, וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן!...

— דאָס בין איך געווען שלעכט און איך בעט אייך איבער... מיין טייערער — הער סטאַך!...

פּאָלאַניעצקי האָט אויסגעשריגן מיט גרויס התלהבות:

— היינט ערשט האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט: „מאַריניאַ איז גאָלד“! אמת! אַלע זאָגן עס — נישט נאָר אַ גאָלד, אַן אוצר — זייער אַ טייערער!

און אירע גוטע אויגן האָבן אָנגעהויבן לאַכן צו אים:

— אפשר אויך זייער אַ שווערער...

— זאָל אייך דער קאָפּ נישט וויי טון פון דעם; כ׳האָב

געבוג כוח און וועל אים קענען אויף די הענט טראָגן... איצט האָב איך לכל הנחות צוליב וואָס צו לעבן.

— איך אויך — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

— איר ווייסט, אַז כ׳בין שוין דאָ געווען? שפּעטער האָב איך געשיקט די כריזאַנטעמען. נאָכן געכטיקן בריוו אייערן האָב איך געזאָגט צו זיך: ס׳איז פּשוט אַ מלאך, און מען דאַרף קיין האַרץ נישט האָבן, נישט קיין בּינפּטע קלעפּקע, אויף לאַנג צו אָפּצושלעפּן.

— כ׳בין אַזוי אומרויִק געווען צוליבן דועל — און אומגליקלעך. אָבער ס׳האָט זיך שוין טאַקע געענדיקט?

— אויף מיין וואָרט — אינגאַנצן.

מאַריניאַ האָט זיך געוואָלט ווייטער אויספרעגן, ס׳איז אָבער אַריין הער פּלאַוויצקי; מען האָט אַ רגע געקענט הערן, ווי הוסטדיק אַ ביסל, האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם שטעקן און אַראָפּגענומען דעם פּאַלטאָ אין פּאַדערצימער, נאָכדעם האָט ער געעפנט די טיר און דערזעענדיק זיי אַליין, האָט ער אַ זאָג געטון:

— איר זיצט אַזוי זאַלבעצווייט?

מאַריניאַ, צולויפנדיק צו אים, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיינע אַקסל און, אונטערשטעלנדיק דעם שטערן צום קושן, האָט זי אַ זאָג געטון:

— ווי חתן-כלה, טאַטע.

הער פּלאַוויצקי האָט זיך אַ ציִ געטון צוריק און געפרעגט:

— ווי זאָגסטו?

— איך זאָג — האָט זי געענטפערט, קוקנדיק אים רויִק אין די אויגן אַריין — אַז הער סטאַניסלאַוו וויל מיך נעמען און כ׳בין זייער גליקלעך...

פּאַלאַניעצקי האָט זיך דערנענטערט, אַרומגענומען מיטן גאַנצן כוח הער פּלאַוויצקין און אַ זאָג געטון:

— איך וויל נעמען מיט דעם פּעטערס הסכּמה און דערלויבעניש.

פּלאַוויצקי האָט אָבער אויסגעשריגן: „קינד מיינס!“ און

צוגייענדיק מיט שווערע טריט צו דער סאָפע צו, האָט ער זיך שווער אויף איר אַנידערגעזעצט.

— דערלויבט... — האָט ער געזאָגט — געררטקייט... נישט דאָס. — קוקט נישט אויף מיר... מיינע קינדער!... אויב אייך איז עס נייטיק — בענטש איך אייך פון גאַנצן האַרץ...

און ער האָט געבענטשט. דעריבער האָט אים באַהערשט נאָך אַ גרעסערע געררטקייט, ווייל סוף־כּל־סוף, האָט ער מאַרינאַן אמתדיק ליב געהאַט. די שטים, איז אים אַלע ווײַלע געבליבן שטעקן אין גאָרגל, און ביידע יונגע מענטשן האָבן בלויז געהערט אָפּגעריסענע פראַזן אָדער אויסדרוקן, ווי למשל: „אַ שטיקל ווינקל בײַ אייך — פאַר אים, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט"... „אַן איינציק קינד"... „אַ יתומה"...

זיי ביידע ווידער האָבן אים באַרויִקט און אַזוי גוט באַרויִקט, אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט הער פּלאַוויצקי פּלוצלינג אים אַ קלאַפּ געטון, פּאַלאַניעצקין, איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— אַך, דו גזלן איינער! דאָס האָסטו געטראַכט וועגן מאַרינאַן, און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ ביסל...

און דאָס איבעריקע האָט ער איינגערוימט פּאַלאַניעצקין אויפן אויער, וועלכער איז פון כּעס רויט געוואָרן און האָט געענטפערט:

— ווי האָט עס דעם פעטער געקענט גאָר קומען אויפן רעיון! ווען עמעץ אַנדערש זאָל מיר דאָס זאָגן...

— נו, נו, נו! — האָט געענטפערט לאַכנדיק פּלאַוויצקי — נישטאָ קיין רויך אָן פייער.

דעם עלפן אָוונט נאָך, האָט מאַרינאַ, געזעגענענדיק זיך מיט פּאַלאַניעצקין, אַ פרעג געטון:

— איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן אין איין זאַך?

— וואָס איר וועט נאָר הייסן.

— איך האָב זיך שוין לאַנג געזאָגט, אַז אויב עס וועט קומען די מינוט, ווי איצט, וועלן מיר שפּעטער צוזאַמען גיין צו ליכטקאָן.

— אָ, מיין טייער פריילין! — האָט געענטפערט פּאָלאַ־ניעצקי.

און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט, וואָס מענטשן וועלן דאָרט זאָגן, אָבער וואָס גייט אונדז אָן די וועלט — נישט אמת?

— פאַרשטייט זיך! פאַרהאַן זיך וואָס אומצוקוקן אויף מענטשן! כ׳בין פון האַרץ און נשמה אייך דאַנקבאַר פאַר דעם געדאַנק. מיין טייער פריילין, מיין... מאַריניאַ.

— ווייל איך מיין, אַז זי קוקט אויף אונדז און איז מתפלל פאַר אונדז.

— יאָ, דאָס איז אונדזער קליינע באַשיצערין.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

— ביז מאָרגן.

— ביז מאָרגן — האָט ער אַ זאָג געטון, קושנדיק אירע הענט — ביז איבערמאָרגן, יעדן טאָג, און ביז...

דאָ האָט ער צוגעגעבן שטילערהייט:

— און ביז דער חתונה.

— יאָ — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

פּאָלאַניעצקי איז אַוועק. אין קאָפּ און אין האַרץ האָט ער געפילט אַ שרעקלעכן מיש־מאַש פון געדאַנקען, געפילן, איינדרוקן, איבער וועלכע עס האָט געהערשט איין עיקר־באַגריף, אַז ס׳איז געשען עפּעס אומגעהייער פּנסטס, אַז זיין גורל איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז די צייט פון ישוב־הדעת, וואַקלענישן און שנויים איז אַוועק און מען דאַרף אָנהייבן אַ ניי לעבן, און דאָס געפיל איז אים געווען אומאָנגענעם, און האָט אפילו געגרענעצט מיט אַ געוויסער שיכּרות, בפרט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געקושט מאַריניאַס שלייפן און האָר. דער עפּעס, וואָס האָט געפעלט אין זיין געפיל איז קלענער געוואָרן און פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם דערמאָנען זיך כּמעט אינגאַנצן — און פּאָלאַניעצקין האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט געפונען אַלץ, וואָס מען דאַרף האָבן צום גליק.

„מיט דעם וועל איך זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן!" — האָט ער בײַ זיך אַ טראַכט געטאָן און ס'האָט זיך אים פּשוט אויסגעדאַכט, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך! בײַ דעם האָט ער געטראַכט וועגן מאַריניאַנס גוטסקייט, וועגן דעם, וואָס פאַר אַ זיכערע זי איז, ווי אויף אַזאַ האַרץ און כאַראַקטער קען מען בויען, ווי אין לעבן קען מיט איר נישט דראָען קיין זאַך, ווי זי וועט אין אים קיין זאַך נישט צעטרעטן, גאָרנישט קאַליע מאַכן, ווי זי וועט אָננעמען פאַר גאָלד, וואָס ס'איז אין אים גאָלד, ווי זי וועט לעבן פאַר אים, נישט פאַר זיך — און טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער זיך געשטעלט אין האַרץ בײַ זיך די שאלה: וואָס האָט ער נאָך געקענט געפינען בעסערס? — און ער האָט זיך כמעט געחידושט אויף זײַנע אַמאָליקע וואַקלעניש.

דאָך האָט ער גלייכצייטיק געפילט, אַז דאָס, וואָס עס דאַרף קומען, איז אַ ריזיקע שנוי, עפּעס אַזעלכעס, אַ וואָס אַ קאַטעגאָרישס, אַז ערגעץ, אויפן דנאָ, אינעם טיפסטן ווינקעלע פון דער נשמה, האָט זיך געוועקט אין אים, ווי עפּעס אַן אומרויִקייט פאַר זײַן אומבאַקאַנטן גליק.

ער האָט זיך אָבער נישט געוואַקלט: „כ'בין נישט קיין כּח [illegible] נישט קיין שלימזל — האָט ער געטראַכט — מען דאַרף אײַ[illegible] שפּאַנען פאָרויס, און איך וועל שפּאַנען".

צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ליטקאַ און תּיכּף האָט זיך געעפנט פאַר אים, ווי אַ נײַער ליכטיקער האָ[ריזאָנט]. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער קען האָבן קינדער, אַזאַ ליכטיק, טײַער קעפּל — און צו דעם מיט מאַריניאַן! בײַם בלויזן געדאַנק וועגן דעם, האָט זײַן האַרץ גענומען שטאַרקער קלאַפּן — און צו דעם אויפברויז פון זײַנע חושים האָט זיך צוגעמישט עפּעס אַ לעבנס-האָפנונג, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג שוין נישט געפילט. ער האָט זיך געפילט כמעט אינגאַנצן גליקלעך. אַ קוק טוענדיק צופעליק אויף בוקאַצקיס בריוו, וואָס ער האָט בשעתן אויסטון זיך אַרויסגענומען פון קעשענע, האָט ער אָנגעהויבן אַזוי האַרציק צו לאַכן, אַז דער באַדינער האָט אַ פאַרחידושטער אַ קוק אַרײַן גע-

טון אין צימער. פּאָלאַניעצקי האָט חשק געהאַט אים צו זאָגן, אַז ער האָט חתונה.

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן ערשט פאַרטאָג, ער האָט זיך אָבער אויפגעהויבן אַ לעבעדיקער, אַן אויסגערוטער און אַנטוישעדיק זיך, איז ער אַ פולי געטון אין ביוראָ אַריין, כדי וואָס גיכער אָנצוזאָגן ביגעלן די בשורה.

ביגעל האָט אים אַרומגענומען, שפּעטער האָט ער מיט זיין געוויינטלעכער פּאַמעלעכקייט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם ענין און ענדלעך אַ זאָג געטון:

— נאָכן שכל נאָך, איז עס די קלוגסטע זאַך, וואָס דו האָסט אין לעבן ווען געטון.

נאָכדעם האָט ער אָנגעוויזן אויפן שרייב-טיש מיט פּאַפּירן און אַ זאָג געטון:

— די אָפּמאַכן זענען מחויב צו זיין גוטע — יענער אָבער איז נאָך אַ בעסערער.

— וואָס? נישט אמת? — האָט באַרימעריש אויסגעשריגן פּאָלאַניעצקי.

— איך פלי אָנזאָגן צו מיין ווייב — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — ווייל כ'קען נישט אויסהאַלטן, און דו, גיי זיך אויך געזונטערהייט אַוועק. כ׳וועל דיך פאַרטרעטן ביז דער חתונה און אין משך פונם האָניג-חודש.

— גוט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — איך לויף באַזוכן מאַשקאָן, נאָכדעם וועל איך מיט מאַריניאַן פאָרן צו ליטקאַן.

— דאָס קומט איר פון אייך.

פּאָלאַניעצקי האָט אויפן וועג הידער איינגעקויפט בלומען, צוגעלייגט צו זיי אַ ידיעה, אַז ער קומט תיכף צו גיין, און איז אַריין צו מאַשקאָן.

מאַשקאָ האָט זיך געפילט אונטער פרוי קרעסלאָווסקאַס השגחה אַ סך בעסער און געוואַרט, אַז אַ ליאַדע רגע וועט זי קומען. דערווייל, אויסהערנדיק די ידיעה, האָט ער מיט אַ געוויסער גערירטקייט געדריקט פּאָלאַניעצקין די האַנט און געזאָגט:

— כ'וועל דיר זאָגן בלויז איין זאַך: כ'ווייס נישט, צי זי וועט זיין מיט דיר גליקלעך — דו מיט איר זיכער.

— ווייל פרויען זעען בעסער פאַר אונדז — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — איך האָף, אַז נאָכדעם, וואָס עס האָט זיך געטראָפן, האַלטסטו זיך אויך בײַ דער מיינונג.

— כ'בין מודה, אַז איך קען מיך נישט אָנחידושן. זיי זענען גלייכצייטיק אי בעסער, אי געהיימנישפולער פאַר אונדז. מאָל זיך...

דאָ האָט מאַשקאָ איבערגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך וואַקלען, צי זאָל ער ווייטער רעדן.

— וואָס? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי.

— יאָ! דו קענסט האַלטן אַ סוד. בײַ דעם האָסטו אַרויסגעוויזן אַזעלכע סימנים פון פריינטשאַפט, אַז צווישן אונדז קען קיין סודות נישט זיין: שטעל זיך פאָר, אַז נעכטן, נאָך דײַן אַוועקגיין, האָב איך דערהאַלטן אַן אַנאָנימען בריוו — דאָ, ווי דו ווייסט, הערשט דער איידעלער מנהג צו שרייבן אַנאָנימע בריוו — מיט דער ידיעה, אַז קראַסלאָווסקאַס פאָטער לעבט, עקזיסטירט און פילט זיך גוט.

— אַ נייעס ווידער! אפשר איז עס אַ רכילות.

— עס קען זיין אָבער, אַז נישט. ער זאָל לעבן אין אַמעריקע. דעם בריוו האָב איך אָפּגעגעבן אין דער פרוי קראַסלאָווסקאַס געגנוואַרט. כ'האָב איר קיין זאַך נישט געזאָגט, אָבער אין אַ צייט אַרום, ווען זי האָט נאָכן באַטראַכטן די פּאָרטרעטן, מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, וועגן מיינע ווייטערדיקע משפּחה־פאַרבינדונגען, האָב איך זי אַ פרעג געטון תּיכּף: ווי לאַנג זי איז אַן אַלמנה? זי האָט מיר אויף דעם געענטפערט: „מיר זענען מיט דער טאָכטער ניין יאָר איינזאַם אויף דער וועלט, אָבער דאָס איז אַ טרויעריקע געשיכטע, וועגן וועלכער איך וויל הײַנט נישט רעדן.” גיב אַ קוק, אַז זי האָט מיר נישט גלייך געענטפערט, ווען דער מאַן איז געשטאָרבן.

— און וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— איך מיין, אַז אויב דער פאָטער לעבט, מוז עס

זיין אַזאַ מין פּאַרשוין, וועגן וועלכן מען רעדט נישט און אַז מ'קען באמת זיין אַ „טרויעריקע געשיכטע".

— דער סוד וואָלט שוין לאַנג נתגלה געוואָרן.

— די דאָמען זענען העכער צען יאָר געזעסן אין אויסלאַנד. ווער ווייסט? איבעריקנס, ענדערט דאָס לחלוטין נישט מיינע כוונות. אויב הער קראַסלאַווסקי געפינט זיך אין אַמעריקע און קומט נישט אַהער, מוז ער האָבן וויכטיקע סיבות צו דעם, איז עס אַלזאָ גלייך, ווי ער וואָלט נישט געווען. אדרבה, איצט באַקום איך ערשט מער האָפנונג, אַז מיין חתונה וועט צושטאַנד קומען, ווייל איך פאַרשטיי, אַז ווען מענטשן מוזן עפּעס באַהאַלטן, שטעלן זיי ווייניקער פאָדערונגען.

— אַנטשולדיק מיר מיין נייגעריקייט — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי, נעמענדיק דעם הוט — אָבער מיר גייט אין מיין חוב, און איצט וועגן די פּלאַוויצקיס; צי ווייסטו זיכער, אַז די דאָמען האָבן געלט?

— כ'וועל דיר זאָגן אָפן: דאַכט זיך אפילו, אַז גראָב-געלט, דאָך שפּיל איך אַ ביסל אויף אַ פאַרמאַכטער קאָרט. זיי האָבן, דאַכט זיך, אַ פיינע אַפּטיקא. די מוטער האָט מיר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז די טאָכטער דאַרף נישט קוקן אויפן מאַנס געלט, און איינערגע קאָסע האָב איך געזען. אַ הויז פירן זיי אַ ברייטס. כ'קען אין וואַרשע כמעט אַלע יידן און נישט-יידן, וואָס באַרגן זיך געלט און כ'ווייס אויף זיכער, אַז זיי זענען קיינעם קיין גראָשן נישט שולדיק. ווי דו ווייסט אַליין, האָבן זיי אַ ווילע אַ שיינע, נישט ווייט פון די ביגעלס. פון קרן לעבן זיי נישט, ווייל צו דעם זענען זיי צו קלוג.

— אָבער קיין באַשטימטע ציפערן ווייסטו נישט?

— כ'האָב געפּרוווט זיך אויספרעגן, אָבער פונדערווייטנס, נישט זייענדיק שטאַרק זיכער אין דער באַציונג צו זיי, האָב איך זיי צו שטאַרק נישט געקענט צודריקן. מען האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ צווי מאָל הונדערט טויזנט רובל וועט זיין, און מיט דער צייט מער אויך.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך געזעגנט, און גייענדיק צו די פּאָוויצקיס האָט ער געטראַכט:

— דאָס אַלץ זענען עפּעס אַזעלכע סודות, עפּעס פינסטערנישן, עפּעס ריזיקאַליש. מיר איז ליבער מאַריניאַ.

און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער מיט מאַריניאַן געפאָרן אויפן בית־עולם, צו ליטקאַן. דער טאָג איז געווען אַ וואַרימער, ווי פרילינגס־צייט, אָבער אַ גרויער; די שטאָט האָט אויסגעזען פינסטער און ברודיק. אויפן בית־עולם איז דער צעגייענדיקער שניי געפאַלן שטיקערווייז אויף דער ערד פון די קברים אַראָפּ און פאַרשטעלט דאָס געל געוואָרענע, האַלב־דורכגעפוילטע גראָז. פון די אָרעמס פון די צלמים און פון די אָנבלעטערדיקע צווייגן פון די ביימער זענען אַראָפּגעפאַלן גרויסע טראָפּנס, וואָס דאָס ווייען פונעם וואַרעמען ווינט, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט זיך אַ ריס טון, האָט געוואָרפן פּאָלאַניעצקין און מאַריניאַן אין פּנים אַריין. דאָסדאָזיקע ווייען האָט געריסן איר קלייד, אַז זי האָט עס געמוזט צונויפנעמען. ענדלעך זענען זיי שטיין געבליבן באַ ליטקאָס קבר.

דאָ איז אַלץ געווען נאַס, גליטשיק, מרה־שחורהדיק, האַלב אַנטבלויזט פונעם צעגאַנגענעם שניי. דער געדאַנק, אַז דאָס קינד, וואָס מען האָט אַמאָל אַזוי אָפּגעהיטן, אַזאַ ליבס און געפּעסטעטס, ליגט איצט אין דער פייכטקייט און קעלער־חשכות, האָט זיך באַ פּאָלאַניעצקין אין קאָפּ כמעט נישט געוואָלט אַרייננעמען. „דאָס אַלץ איז אפשר טאַקע נאַטירלעך — האָט ער געטראַכט — דאָך מיטן טויט שליסן שלום איז אוממעגלעך". און באמת איז אַזוי טאַקע געווען, וויפיל מאָל ער פלעגט באַזוכן ליטקאַן, פלעגט ער קומען פונעם בית עולם מיט אַ נישט איינגעהאַלטענעם בונט, מיט עפּעס אַ ליידנשאַפטלעכן פּראָטעסט אין דער נשמה. דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אָנגעהויבן אויך אין דער מינוט צו עקבערן; ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן פשוט שרעקלעך דאָס ליב האָבן ליטקאַן און דאָס שלום מאַכן מיטן געדאַנק אינם באַוווסטזיין, אַז מ'ט עטלעכע פיס־טריט נישטיקער ערד ליגט זי דאָרט אַ שוואַרצע און פוילנדיקע. „איך טאָר נישט אַהערקומען — האָט ער געזאָגט צו

זיך — ווייל כ'ווער דאָ משוגע און פאַרליר דעם קאָפּ מיט אַלע יסודות צום לעבן". קודם־כּל האָט ער זיך געפּייניקט, ווייל אויף וועגן טויט איז אוממעגלעך נישט צו טראַכטן, איז אויך אוממעגלעך אויסצוטראַכטן עפּעס, און דעריבער איז אַלץ, וואָס עס קומט אין קאָפּ אַריין וועגן אים, אויב דער מענטש ציט נישט אויס די האַנט צו דער פּשוטער אמונה, גלייכצייטיק יאושדיק און פלאַך, אויסגעדראָשן, פּראָסט. „מיר גייט דאָ מער, ווי אין דער עקזיסטענץ גופא, און ענטפערן קען איך זיך בלויז מיט אַ באַנאַליטעט. אַן אמת פאַרכישופטער קרייז!" דאָס איז אויך אמת געווען. אויב ער האָט למשל געטראַכט, אַז בײַ דער ערשטער דערמאָנונג וועגן טויט ווערט אַלץ רויק, און האָט געפילט, אַז ליידער איז עס אַזוי, האָט ער בײַ דעם געפילט, אַז טויזנטער מענטשן האָבן שוין פאַר אים משיג געווען דאָס און אַז קיינער האָט אין דעם קיין טרייסט נישט געפונען, נישט אפילו אַזאַ הנאה, וואָס עס גיט דאָס אַנטפּלעקן דעם אמת! אַלץ, וואָס ער האָט געקענט צו זיך זאָגן, איז געווען גלייכצייטיק שרעקלעך און קליינלעך. אים איז לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן, די אַלגעמיינע געשיכטע, אַלע מינים פילאָזאָפיעס זענען אין תוך גענומען בלויז אַ קאַמף מיטן אומאויפהערלעכן יאושדיקן, לגמרי פאַרשטענדלעכן און גלייכצייטיק אומפאַרשטענדלעך נאַרישן אַנציליקן טויט, מחמת ער איז פאָרויס פאַרלוירן. אָבער אַזאַ טראַכטן האָט אים קיין שום דערלייכטערונג נישט געקענט ברענגען, מחמת דאָס איז געווען בלויז אַ באַשטעטיקונג פון אַ ביַיעם פאַרכישופטן קרייז. „מחמת אויב דער איינציקער ציל פון אַלע מענטשלעכע באַמיִונגען איז לעבן און דער איינציקער רעזולטאַט — דער טויט, גייט דעריבער דער אומזין איבער דער מאָס און מען וואָלט אים פּשוט נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, ווען נישט די אומבאַרמהאַרציקע און געמיינע ווירקלעכקייט, וואָס מאַכט פון לעבעדיקע און געליבטע נפשות אַ פאַרפוילטע זאַך.

פּאָלאַניעצקי האָט בײַ יעדן מאָל זיין אויפן בית־עולם, זיך פאַרסמט מיט ענלעכע געדאַנקען. היינט, פאָרנדיק, האָט ער גערעכנט, אַז מאַריניאַס אַנוועזנהייט, וועט אים פון דעם באַפרייען,

דערווייל איז געשען פונקט דער היפך. ליטקאָס טויט, אַרונטער-רייסנדיק אין אים דעם גלויבן אינעם זין און אינעם מאָראַלישן תכלית פֿון לעבן, האָט אונטערגעגראָבן אין אים אויך די ערשטע אַמאָליקע ליבע צו מאַריניאַן, אַזאַ תמימותדיקע און אָן ספקות. איצט דעריבער, ווען ער איז צוזאַמען מיט מאַריניאַן געשטאַנען בײַ ליטקאָס קבר, ווען דער טויט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן זײַן בלויז אַ דערמאָנונג, איז ווידער געוואָרן עפּעס אַ זאַך כמעט אָנצורירן, האָט די פֿאַרסמנדיקע ווירקונג זיך ווידער פֿאַרשטאַרקט. ס'האָט זיך ווידער אויסגעדאַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, בכן אויך די ליבע, איז בלויז אַ משוגעת, און די באַמיִונגען אין לעבן פֿאַר עפּעס זײַנען לחלוטין אײַטל און נישטיק. אויך איבערן לעבן איז נישטאָ קיין שכל, נישט קיין רחמנות — צוואָס-זשע אַ נחת-רוח זיך אָנטון, צוואָס לעבן, צוואָס חתונה-האָבן? שוין-זשע צוליב דעם, כּדי צו האָבן קינדער, צוצובינדן זיך צו זיי מיט יעדן טראָפּן בלוט, נאָכדעם קוקן הילפֿלאָז, ווי די בלינדע, נאַרישע, פֿאַרדריסלעכע און ברוטאַלע קראַפֿט דריקט זיי צו, ווי אַ וואָלף די שעפּעלעך — און קומען צו זייער קבר מיט דעם געדאַנק, אַז זיי ווערן פֿאַרשימלט אינעם חשכות אין ווילגאַטע. אָט, ליגט דאָך דאָרט ליטקאַ!

דער מאָדנער מרה-שחורהדיקער טאָג האָט נאָך מער בלויז פֿאַרשטאַרקט דעם צער פֿון די געפֿילן. צײַטנווײַז, ווען ער פֿלעגט אַמאָל אַהער קומען, האָט זיך פּלאַניעצקין דער בית-עולם אויסגעוויזן עפּעס אַ גרויסער חלל, אין וועלכן עס ווערט צעשווימען דאָס לעבן, אָבער ס'ווערט אויך צעשווימען יעדער אומגליק, עפּעס געוואַלטיק שלעפֿערדיקס און היילנדיקס. הײַנט האָט ער קיין רו נישט געפֿילט. די שטיקער שניי האָבן זיך אַרײַנגערוקט פֿון די פּניאַקעס און קברים; צווישן די נאַסע ביימער זעען זיי צעבראָקלט געוואָרן צוזאַמען מיט שרייען פֿון די ראָבן, די פּלוצלינגדיקע און רייזיקע ווינט-בלאָזעניש האָבן געוואָרפֿן שטיקער פֿײַכטקייט, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון די צווייגן און זיי אײַנגעבויגן; זיי האָבן געשאַפֿן עפּעס אַ יאושדיק רייסערײַ צווישן די פֿאַרגליווערטע, שטיינערנע און גלײַכגילטיקע צלמים.

פּלוצלינג האָט מאַריניאַ אויפֿגעהערט מתפּלל צו זײַן און

אַ זאָג געטון מיט אַזאַ געשטיקטער שטים, מיט וועלכער מען רעדט אויף בית-עולמס:

— איצט מוז איר נשמה זיין צווישן אונדז.

פּאָלאַניעצקי האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט אָבער פריער אַ טראַכט געטון, אַז ער און מאַריניאַ זענען נפשות פון צוויי באַזונדערע וועלטן, נאָכדעם, אַז ווען אין דעם, וואָס זי זאָגט, וואָלט געווען כאָטש אַ חלק אמת, וואָלט זיין גאַנצע פּיין פון דער נשמה, ווייניקער ווערט געווען, ווי דער צעגייענדיקער שניי. אויב אַזוי — האָט ער געזאָגט צו זיך — עקזיסטירט שטאַרבן און עס זענען פאַרהאַן בית-עולמס, קיין טויט אָבער איז נישטאָ.

מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן לייגן די קראַנצן אימאָרטעלן, וואָס זיי האָבן געקויפט פאַרן טויער, ער ווידער האָט שנעל געטראַכט, גיכער מיט דער הילף פון געפיל, ווי פון געדאַנק:

— אין מיין וועלט איז נישטאָ קיין תשובה פאַר קיין זאַך, פאַרהאַן בלויז פאַרכישופטע קרייזן, וואָס קייקלען זיך אַראָפּ אין תהום אַריין.

און ס'האָט אים אָפּגעשטעלט דאָס, אַז ווען אַזעלכע השגות וועגן טויט, ווי ס'האָט געהאַט מאַריניאַ, וואָלט נישט געשטאַמט פון אמונה, אָדער זיי וואָלטן לחלוטין געווען אומבאַוווּסט און עפּעס אַ פילאָזאָף וואָלט זיי אָוועקגעשטעלט, ווי אַ השערה — וואָלט מען די השערה אָנערקענט פאַר דער גענאַלסטער פון געניאַלע — מחמת זי דערקלערט אַלץ, גיט אויף אַלץ אַ תשובה, באַלייכט נישט בלויז דאָס לעבן, נאָר אויך דעם טויט, וואָס איז חשכות. די מענטשהייט וואָלט פון באַוואונדערונג זיך געשטעלט אויף די קני פאַר אַזאַ חכם און אַזאַ וויכנשאַפטלעכע שיטה.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער געפילט, אַז ס'איז באמת געווען עפּעס אַ חלק ליטקאַ צווישן זיי. זי אַליין איז צעשיט געוואָרן אין שטויב, אָבער עפּעס האָט זי איבערגעלעבט. עפּעס זענען געבליבן כוואַליעס פון איר געדאַנק, פון איר ווילן, פון אירע געפילן. דאָס, וואָס ער האָט זיך דערנענטערט צו מאַריניאַן, וואָס זיי זענען געווען חתן-כלה, וואָס זיי זענען איצט

געשטאַנען בײַ ליטקאַס קבר, וואָס זיי וועלן זיך פאַררייניקן, וואָס דאָס לעבן זייערס וועט גיין צוזאַמען, וואָס זיי וועלן האָבן קינדער, וועלכע וועלן אַלע לעבן, ליב האָבן און זיך מערן — וואָס־זשע איז דאָס געווען, ווען נישט אַזאַ מין כוואַליע, וואָס האָט, אַרויסגייענדיק פון קינד, געקענט גיין ווייטער און גיין אין אין־סוף אַריין, אויפלעבנדיק אין דער אומשטערבלעכקייט פון דערשײַנונגען? ווי אַזוי־זשע קען מען דעמאָלט באַנעמען, אַז פון אַ שטערבלעכע זאַך זאָל אַרויסקומען אַן אומשטערבלעכע און אומענדלעכע ענערגיע? מאַרינאַ האָט בײַ איר פשטות געפונען אויף דעם אַ תשובה, פאָלאַניעצקי — נישט.

און דאָך איז מאַרינאַ גערעכט געווען. ליטקאַ איז געווען צווישן זיי. פאָלאַניעצקין איז איצט דורכן קאָפ עפעס אַן אומקלאָרע און נישט צונויפגעדריקטע אין פעסטן געדאַנק השערה, אַז אפשר איז דאָס אַלץ, וואָס אַ מענטש טראַכט בײַם לעבן, אַלץ וואָס ער וויל, וואָס ער לעבט איבער, אַזאַ הונדערט מאָל מער נישט באַנעמבאַרע, הונדערט מאָל סובטעלערע פון עטער מאַטעריע, פון וועלכן עס ווערט באַשאַפן עפעס אַן אַסטראַל וועזן, וואָס איז אין זיך באַוווסטזיניק אָדער אַן אייביקס, אָבער וואָס שאַפט זיך איבער אין וואָס אַמאָל פולקאָמענערע, סובטעלערע, אַזש ביזן אין־סוף. און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז די אַטאָמען פון געדאַנק און געפיל קענען זיך צונויפזאַמלען אין אַ באַזונדערן יחיד דווקא פאַר דעם, ווײַל אַרויסגייענדיק פון איין מוח אָדער האַרץ, זענען זיי קרובותדיק צווישן זיך, און שטרעבן דעריבער צו זיך פון איין און דעמזעלבן געהיימנישפולן יסוד, פון וועלכן עס זאַמלען זיך צונויף פיזישע עלעמענטן, כדי צו באַשאַפן אַ פיזישן יחיד. איצט האָט ער קיין צײַט נישט געהאַט וועגן דעם צו טראַכטן, אָבער ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט עפעס באַמערקט, אַז אינם פאָרהאַנג, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אויגן, האָט זיך געעפנט אַ שפעלטל. דאָס האָט געקענט זיך אויסווייזן פאַר אַן אילוזיע, אָבער באותו־הרגע האָט ער געפילט, אַז ליטקאַ איז פאַראַן צווישן זיי. ער האָט געמיינט, אַז איר אַנוועזנהייט קען בלויז אויף אַזאַ אופן זײַן פאַרשטענדלעך.

בינו־לבינו איז אָנגעקומען עפּעס אַ לוויה, מחמת אינם גלאָקנטורעם, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן בית־עולם האָט מען אָנגעהויבן קלינגען. פּאָלאַניעצקי דערלאַנגט מאַריניאַן די האַנט, און זיי זענען אַוועק צום טויער צו. אויפן וועג האָט מאַריניאַ, טראַכטנדיק משמעות אַלץ נאָך וועגן ליטקאַן, אַ זאָג געטון:

— איצט בין איך אינגאַנצן זיכער, אַז מיר וועלן זיין גליקלעך.

און זי האָט זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו פּאָלאַניעצקיס אָרעם, מחמת דאָס קלאַפּן פונם ווינט איז אגב וואָס אַמאָל געוואָרן שטאַרקער, אַז זי איז נישט בכוח געווען אים ביישטיין, איין בלאָז האָט איר וואָל אַרומגעוויקלט אַרום פּאָלאַניעצקיס האַלדז. די ווירקלעכקייט האָט אים אָנגעהויבן רופן. ער האָט צוגעדריקט צו דער זייט די האַנט פון דער געליבטער פרוי און געפילט, אַז דאָס ליבן זיך, אויב ס'איז נישט בכוח צו פאַרשטעלן דעם טויט, שליסט עס לכל־הפּחות שלום מיטן לעבן.

צרייבשטייגנדיק אין דער קאַרעטע, האָט ער אָנגענומען מאַריניאַס האַנט און זי נישט אַרויסגעלאָזט איבערן גאַנצן וועג, מינוטנווייז פלעגט זיך צו אים אומקערן די גאַנצע האָפערדיקייט, מחמת ער האָט געטראַכט, אַז די אַלע חסרונות, וואָס זענען געווען אין זיין געפיל, צום זיסן און ביזן גרונט גוטן מיידל, וועלן מסוגל זיין אויסצופילן און מחיה־מתים זיין אַלץ, וואָס איז אַ תל געוואָרן. „מיין ווייב! מיין ווייב! — האָט ער געיוכצט באַ זיך אין האַרצן, קוקנדיק אויף איר, און אירע ליכטיקע אויגן האָבן אים געענטפערט: „דיין!“

ווען זיי זענען אָנגעקומען צופאָרן אַהיים, איז הער פּלאַוויצקי נאָך נישט געהאַט געקומען פון דעם פאַרמיטאָגדיקן שפּאַציר, האָבן זיי זיך אַלזאָ געפונען ביחידות. פּאָלאַניעצקי האָט זיך געזעצט לעבן מאַריניאַן און אונטער דער ווירקונג פון די געדאַנקען, וואָס זענען אים דורכן קאָפּ איבערן וועג, האָט ער אַ זאָג געטון:

— איר האָט געזאָגט, אַז ליטקאַ איז געווען צווישן

אונדז — דאָס איז אמת איך פלעג אַלעמאָל זיך אומקערן ווי געקעפּט פון בית-עולם, און דאָך איז גוט, וואָס מיר זענען דאָרט געווען.

מאַריניאַ ווידער האָט געענטפערט:

— ווייל ס'איז פונקט, ווי מיר וואָלטן געפאָרן נאָך אַ ברכה.

— איך האָב אויך דאָסזעלבע געפיל און אַ חוץ דעם ווייזט זיך מיר אויס, ווי מיר וואָלטן געווען שוין פאַרייניקט, לכל-הפחות נענטער צווישן זיך, ווי ביז אַהער.

— יאָ — דאָס וועט זיין אַ טרויעריקע, אַ גוטע דערמאָנונג.

דאַמאָלס האָט ער זי ווידער אָנגענומען פאַר די הענט און האָט אַ זאָג געטון:

— אויב איר גלייבט אַלזאָ, אַז מיר וועלן זיין גליקלעך, צו וואָס-זשע זאָלן מיר אָפּשלעפּן דאָס גליק? מיין גוטע, מיין בעסטע, איך גלייב אויך, אַז אונדז וועט גוט זיין. לאָמיר נישט אָפּציִען מיט דער חתונה. מיר דאַרפן אָנהייבן אַ ניי לעבן, לאָמיר עס אָנהייבן איינגיכן.

— באַשליסט-זשע. איך בין מיט דער גאַנצער נשמה אייער.

אויף דעם האָט ער זי צוגעצויגן צו זיך, ווי דעם ערשטן טאָג, און אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעהויבן מיט זיינע ליפּן זוכן אירע ליפּן, זי ווידער — צי אונטער דער ווירקונג פונם געדאַנק, אַז זיינע רעכט זענען שוין הייבט גרעסער, צי אונטער דער ווירקונג פון די חושים, וואָס האָבן זיך אין איר אויפגעוועקט; — האָט שוין מער דעם קאָפּ נישט אַוועקגעדרייט, נאָר פאַרזשמורענדיק די אויגן, אַליין אים צוגעגעבן די ליפּן, וואָס האָבן עס ווי פון לאַנג אָן געדורשט.

VII.

פאַר פּאָלאַניעצקין האָט זיך איצט אָנגעהויבן די צייט פון הכנות און באַמיונגען צו דער חתונה. אַ דירה האָט ער לעולם געהאַט אַ גרייטע שוין העכער אַ יאָר צייט, נאָך איידער ער האָט זיך באַקאַנט מיט מאַריניאַן. בשעת בוקאַצקי האָט בשעתו גע-פּרעגט חוזק מאַכן פון דער דירה, זעענדיק אין דעם אַ סימן, ווי זייט פּאָלאַניעצקי חלשט חתונה צו האָבן, האָט פּאָלאַניעצקי נישט געלייקנט.

— אַזוי איז עס טאַקע — האָט ער געזאָגט — כ'האָב אַזוי פיל, אַז איך קען מיר עס פאַרגינען, דערווייל, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך הייב שוין עפּעס אָן טון אין דעם, און אַז מיינע כוונות ווערן אַן אמת.

בוקאַצקי האָט דאָס אָנגערופן זאָרגעוודיקייט, וואָס איז ווערט אַ שבח, און האָט באַ דעם אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדע-רונג, אַז אַ מענטש, וואָס זעט פאַר דעם עתיד, באַשטעלט נישט מיטאַמאָל קיין אַקושערקע מיט אַ ניאַניע. צייטנווייז האָבן די מינים שמועסן זיך געפלעגט ענדיקן מיט קריגעריי. מחמת פּאָלאַ-

ניעצקי פלעגט נישט קענען ליידן, ווען עמעץ האָט אים אויסגע-
רעדט זיין ניכטערנעם קוק אויף דער וועלט. בוקאַצקי ווידער האָט
געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פייגלישער ראָמאַנטיזם, וואָס פּאַסט פאַר אַ
גאָלדהאַמער; אַנצוהייבן פון בויען אַ פּאַסטושע נעסט. אייגנער
האָט געהאַלטן, אַז עס קען נישט זיין קיין קליגערע זאַך, ווי
אָנגרייטן אַ שטייג, וועלנדיק האָבן אַ פויגל; דער צווייטער האָט
געענטפערט, אַז ווען דער פויגל איז נאָך נישט אויסגעקוקט און
דער פאַנג נישט זיכער, הייסט די שטייג, ווי אָפּנאַרן זיין איינגע-
נעם זיינסט נקט. געענדיקט האָט זיך מיט רמזים אויף בוקאַצקיס
דינע פיס, וואָס נעמען אָפּ די מעגלעכקייט זיך צו יאָגן נאָך אַלע
מינים פייגל, אפילו אָן פליגל. בוקאַצקי פלעגט דאַמאָלס אַריינ-
פאַלן אין אַן אויסגעצייכנטן הומאָר.

איצט אָבער, ווען די שטייג איז געווען גרייט און דער
פויגל איז נישט בלויז געווען געכאַפּט, נאָר געהאַט חשק צו איר,
איז אים געבליבן אַזוי פיל אַרבעט, אַז פּאָלאַניעצקין האָט אָפּט-
מאָל געפלעגט חידושן, אַז אַזאַ פּשוטער אין עצם אַקט, ווי חתונה
האָבן, איז בײַ די ציוויליזירטע געזעלשאַפטן געוואָרן אַזוי קאָמ-
פּליצירט ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויב קיינער האָט נישט קיין
רעכט אַריינצוקוקן אין דער מאָראַלישער זייט פונם בונד, מחמת
ער איז אַן אויסדרוק פון ריינעם ווילן — דאַרף מען אויף דער
פאָרמעלער זייט אויך האָבן וואָס ווייניקער השגחה.

ער האָט אָבער קודם-כל געמיינט אַזוי דערפאַר, ווייל ער
איז נישט געווען קיין געזעצגעבער, שבית, ווייל ער איז געווען
אַ גיכער מענטש, וואָס די בײַטיקייט אויסצוזוכן „פּאַפּירן" האָט
אים געמאַכט אומגעדולדיק, והשלישית, — קיים האָט ער איינמאָל
געהאַט באַשלאָסן חתונה צו האָבן, האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגע-
וואָרפן יעדן ישוב-הדעת, יעדן אַנאַליז — און האָט געשטרעבט
צו דעם, ווי אַ מענטש פון טאַט. דאָס האָט אים אפילו אָנגעפילט
אָפּטמאָל מיט שטאָלץ, ווען ער פלעגט זיך למשל פאַרגלייכן מיט אַ
פּלאַשאַווסקין, וואָס זיין געשיכטע, איידער זי האָט נאָך אָנגע-
הויבן באַוווסט ווערן פון זיין טאָג-בוך, איז אומגעגאַנגען פון מויל
צו מויל צווישן לייטן: „דאָך בין איך פון אַן אַנדער מין מע-

טאָל״ — האָט געטראַכט מיט אַ געוויסער הנאה פּאָלאַניעצקי. — מינוטנווייז ווידער, ווען ער פּלעגט זיך דערמאַנען אָן פּלאָשאָווסקיס פיגור, אָן זיין איידעלן און דעליקאַטן, און גלייכצייטיק שאַרפן פּראָפיל, אָן זיין אויסבילדונג, סובטעלקייט און אינטעלעקטועלער בויגזאַמקייט, אָן זייער אומגעהייערער פעיקייט זיך איינצוקויפן ליבע באַ מענטשן, — דער עיקר באַ פרויען, איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז דאָך איז ער, פּאָלאַניעצקי, אַ ווייניקער עלעגאַנטער טיפּ, אַ ווייניקער איידעלער און בכלל אַ מענטש, וואָס איז אויסגעהאַקט פון גרעבערן מאַטעריאַל. דאָך האָט ער זיך געענטפערט, אַז משמעות צוליב די לעבנס-באַדינגונגען און דעם ווידערשטאַנד, וואָס עס פאָדערט, איז עס פּשוט אַן אומגליק צו זיין צופיל אויסגעאיידלט, הן אינטעלעקטועל, הן פיזיש. ער האָט באַ זיך געזען אויך אַ גרעסערע לעבנספעיקייט. „סוף־כל־סוף — האָט ער געטראַכט — קען איך נאָך עפּעס צונויף קומען, בשעת יענער וואָלט בלויז צונויף געקומען אים אַוועקצושטעלן אויף דער געזעלשאַפטלעכער עטאַזשערקע מיט צאַצקעס. איך בין מסוגל צו פאַרדינען אויף ברויט, יענער איז בלויז מסוגל געווען צו מאַכן קיילעכלעך פון גרייטן. איך קען און קען גוט, פאַרבן פערקאַל, יענער האָט געקענט בלויז פאַרבן פרויען-בעקלעך. און וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק עס איז צווישן אונדז אין דער באַציִונג צו דער פרוי! דער מענטש האָט אַנאַליזירט זיין גאַנץ לעבן און דאָס לעבן פון דער געליבטער פרוי, ער האָט זיך און זי אומגעבראַכט, נישט קענענדיק אַרויסקריכן פון די ספקותן, צי ער האָט זי געליבט; איך האָב אויך ספקותן, צי מיין ליבע איז פולקאָם, דאָך נעם איך מיין פרוי-לעב — און כ׳וואָלט געווען אַ שלימזל, נישט קיין מאַנסביל, ווען כ׳זאָל פאַרויס מורא האָבן פאַר דער צוקונפט און ווען כ׳זאָל נישט קענען אויסדריקן פאַר איר אויף אַ פּשוטן אופן אַזוי פיל גוטסקייט און גליק, וויפיל עס וועט זיך נאָר לאָזן״.

דאָ האָט פּאָלאַניעצקי, הגם אָפּטרייסלענדיק זיך פון אַנאַליז, אָנגעהויבן אַנאַליזירן, אמת נישט זיך, נאָר מאַריניאַן. ער האָט זיך, איבעריקנס, דאָס דערלויבט דערפאַר בלויז, ווייל ער איז

פאַריס זיכער געווען אין דעם דערפאָלג. דאָס האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז באַם באַרעכענען די צוקונפט פון צוויי מענטשן, קלעקט נישט דער גוטער ווילן פון איין צד און ווערט נישטיק אין פאַל, ווען עס פעלט אויס גוטער ווילן פון צד שכנגד. ער איז אָבער זיכער געווען, אַז נעמענדיק מאַריניאַן, נעמט ער נישט קיין טויט האַרץ. מאַריניאַ האָט נישט בלויז געבראַכט אויף דער וועלט אַן ערלעך וועזן, נאָר האָט פון קינדווייז אָן זיך צוגעפּ־געטראָפן מיט אַרבעט און מיט באַדינגונגען, בײַ וועלכע זי האָט געמוזט פאַרגעסן וועגן זיך און טראַכטן וועגן אַנדערע. אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט איבער זיך, פונקט ווי אַן אומאויפהערלעכע ברכה נאָכן טויט, די געדעכעניש פון איר מוטער, וואָס איר רויקייט, פּשטות און ערלעכקייט, און גלײַכצײַטיק לעבן פול מיט טרויער, האָט מען ביז איצט מיטן גרעסטן יראת־הכבוד דערמאָנט אין דער געגנט פון קושעמיען. פּאָלאַניעצקי האָט וועגן דעם געוווסט און איז געווען איבערצייגט, אַז בויענדיק אויף מאַריניאַס האַרץ און כאַראַקטער, בויט ער אויף אַ כמעט פעלזנפעסטן יסוד. אָפטמאָל פלעגן אים קומען אויפן רעיון די ווערטער פון זיין מוטערס אַ באַקאַנטע אין פרייבורג, וואָס האָט אַ געפרעגטע: צי זי דאגהט מער וועגן דער צוקונפט פון די זין, צי פון די טעכטער? געענטפערט: „אויסשליסלעך פון זין, ווייל מיינע טעכטער קענען, אין ערגסטן פאַל, זיין בלויז אומגליקלעך". יאָ! די זין דערציט די שול און די וועלט — און ביידע קענען פון זיי מאַכן לומפּן — די טעכטער, וועלכע די היים אימפּט איין ערלעכקייט — קענען אין ערגסטן פאַל בלויז זיין אומגליקלעך! פּאָלאַניעצקי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי איז אויך געווען מיט מאַריניאַן. אויב ער האָט אַלזאָ אַנאַליזירט, איז עס גיכער געווען אַן אומקוקן זיך און נחת פון אַ יובילער, בנוגע זיינע טייערע חפצים, ווי אַ מעטאָד פון אַ געלערנטן, וואָס וויל קומען צו אומבאַוווסטע אויספירן, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרויסזען.

דאָך האָט ער זיך איינמאָל גאַנץ ערנסט צעקריגט מיט מאַריניאַן, צוליב וואַסקאַווסקיס אַ בריוו, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט דערהאַלטן פון רוים אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָכן פּראָפעסאָרס

אָפּפאַר, וועלכן ער האָט אינגאַנצן אַדורכגעלייענט פאַר מאַריניאַן. אין דעם בריוו איז געשטאַנען אַט וואָס:

„מײַן טײַערער. איך וווין via Tritone, Pension française באַזוך מײַן וואַרשעווער דירה; קוק, צי סנאַפּטשינסקי גיט גוט אַכטונג אויף מײַנע חברה־לײַט און צי דעם הייליקן פראַנציסקס קליינוואַרג האָט גענוג וואַסער און זאָמען. ווען עס וועט אָנקומען דער פרילינג, דאַרף מען עפענען די פענסטער און די שטייגן — ווער עס וויל זאָל בלײַבן, ווער עס וויל זאָל אַוועקפליען. די חברה־לײַט פונעם מין homo sapiens דאַרפן האָבן גוט עסן, ווײַל כ'האָב אויף דעם איבערגעלאָזט, און אַ חוץ דעם, ווייניק מוסר און סך ליבע. סנאַפּטשינסקי איז אַ ווילער מענטש, נאָר אַ מרה־שחורה־ניק. ער זאָגט אַז דאָס נעמט זיך פון די שנייען, אַז עס פאַלט אויף אים אָן די „כאַנדרע“, ווי ער רופט עס אָן, קוקט ער גאַנצע וואָכן אויף זײַנע אייגענע שטיוול און שווייגט — און מיט קינדער דאַרף מען רעדן, כּדי זיי זאָלן קריגן צוטרוי. דאָס איז אַלץ בנוגע וואַרשע.

„דאָס ווערק פון מײַן לעבן, וועגן וועלכן כ'האָב דיר געזאָגט, דריק איך אויף פראַנצויזיש אין דער דרוקערײַ „ל'איטאַליאַ“, מען לאַכט אַ ביסל פון מײַן פראַנצויזיש און פון מיר גופא. איך בין אָבער צו דעם שוין געוווינט. ס'איז אַהערגעקומען ביקאַצקי. אַ גוטער, ליבער בחור. ער איז צום רעשט געוואָרן אַ פרא־אדם און זאָגט, אַז ער שלאָפט נאָך אײן פוס, הגם איך האָב עס נישט באַמערקט. ער האָט שטאַרק ליב דיך און מאַריניאַן, און אין דער אמתן, איז אַלע, הגם מען זאָגט זיך פון אים אָפּ. פאַר דאָס, אַז ער הייבט אָן רעדן, — פאַלן די אויערן אַראָפּ. זאָל דיר דער אייבערשטער צושיקן אַ ברכה, דיר און דײַן ערלעכער מאַריניאַן. איך וואָלט וועלן זײַן אויף איער חתונה, כ'ווייס אָבער נישט, צי ביז ווײַנאַכט וועט מען מיר דאָ ענדיקן מײַן אַרבעט; הערשע דערווײַל אויס, וואָס כ'וועל דיר זאָגן, און ווייס, אַז צוליב דעם שרײַב איך דיר דעם בריוו. מײַן נישט, אַז דער אַלטער רעדט, אַבי צו רעדן; דו ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען אַ לערער. אַז פון דער אַרבעט האָט מיך באַפרײַט ערשט די ירושה

נאָך מיין ברודער, אַז כ'האָב אַ סך איבערגעלעבט און געזען. אויב איר וועט האָבן קינדער, פאַרפייניקט זיי נישט מיט לערנען, לאָזט זיי וואַקסן אויף גאָטס באַראָט, איך וואָלט געקענט מיט דעם ענדיקן, דו האָסט אָבער ליבער ציפערן, וועל איך דיר געבן ציפערן. אַ קליין קינד האָט אַזוי פיל אַרבעט, וויפיל אַ גרויסער מענטש — אַ באַאַמטער, מיט דעם חילוק, וואָס אַ באַאַמטער רעדט אין די ביוראָ־שעהן מיט חברים אָדער רייכערט פּאַפּיראָסן; דאָס קינד אָבער מוז אַ גאַנצן טאָג אָנשטרענגען די אויפמערקזאַמקייט, אַנישט וועט עס ווייטער פאַרלירן דעם פאָדעם און וועט אויפהערן פאַרשטיין, וואָס מען רעדט דערצו. אַ באַאַמטער גייט נאָך דער אַרבעט אַהיים, אַ קינד מוז צוגרייטן אויפן צווייטן טאָג, און דאָס נעמט צו באַ אַ פעיקס צו פיר שעה, באַ אַ ווייניקער פעיקס — זעקס. לייג צו דעם צו, וואָס די אָרימע קינדער גיבן נאָך לעקציעס און די רייכע נעמען זיי — וועסטו בסך־הכל האָבן צוועלף שעה. צוועלף שעה אַרבעט פאַר אַ קינד!... דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס איז, מיין טייערער? גיסט זיך אָפּ אַ חשבון, וואָס פאַר אַ קראַנקע באַטורן עס מוז פון דעם אַרויסוואַקסן, וואָס פאַר אַ קאַליקעס, וואָס זענען פעיק צו די ווילדסטע מאַניעס — קרומע עקשנים? פאַרשטייסטו, ווי מיר פאַרזייען מיט אונדזערע קינדער, די בית־עלמס — און פאַרוואָס געפינען די משונהדיקסטע אידעען אָנהענגער? אָך, היינט באַגרעניצט מען שוין אַפילו די אַרבעט פון דערוואַקסענע אין די פאַבריקן — און וועגן דעם שווייגט די פילאַנטראָפּיע. אָ! דאָס איז דאָך אַ פעלד — דאָס איז דאָך אַ גרייט פאַרדינסט — די קומענדיקע הייליקייט און רום! פאַרפייניק נישט דיינע מיט לערנען — כ'בעט עס דיך! און בעט מאַריניאַן — זאָגט מיר ביידע צו. איך רעד נישט, אַבי צו רעדן, ווי עס רעדט אַמאָל בוקאַצקי, איך רעד פון האַרץ, און דאָס איז די גרעסטע רעפאָרם, וואָס וואַרט אויף די קומענדיקע דורות. די גרעסטע גאָבן אַריינפירן קריסטוסן אין דער געשיכטע. די טעג איז אין פּאַראַגוויי געשען עפּעס אַ מאָדנע זאַך, כ'וועל דיר אָבער פון דעם אין אַן אַנדער מאָל דערציילן, און איצט נעם איך אייך ביידע אַרום".

מאַריניאַ האָט זיך צוגעהערט צום בריוו, קוקנדיק לויטן ביי־שפּיל פֿון סנאָפּטשינסקין, וועגן וועלכן דער פּראָפֿעסאָר דערמאָנט, אויף די שפּיצן פֿון אירע שיך. פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אָנגע־הויבן לאַכן און אַ זאָג געטון:

— איר האָט שוין אַמאָל געהערט אַזעלכעס? ביז אונדזער חתונה איז נאָך ווייט, און דער פּראָפֿעסאָר מאַכט שוין קולות וועגן אונדזערע קינדער און נעמט זיך פֿאַר זיי אָן, דאָס דער־מאָנט אַ ביסל די געשיכטע פֿון מיין נעסטל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָבער צוגעגעבן:

— דעם אמת גערעדט, איז עס מיין שולד, ווייל איך האָב אים צוגעזאָגט פֿאַרשידענע זאַכן.

און איינבייגנדיק זיך אַזוי, אַז ער זאָל קענען זען מאַרי־ניאַס אויגן, האָט ער אָנגעהויבן פֿרעגן:

— און וואָס זאָגט איר צו דעם בריוו?

פּאָלאַניעצקי האָט, פֿרעגנדיק אויף אַזאַ אופֿן, געהאַט אַזאַ אומגליקלעכע מינוט, ווען דער מענטש איז נישט בײַ זיך — און טוט נישט לויט זיין טבע. ער איז בײַ נאַטור געווען אַ שאַרפֿער, ווי אַ גראָבער, און איז מינוטנווייז אפֿילו פֿעיִק געווען צו פֿריוואָ־לידלקייט. דערווייל איז איצט, הן אין זיין קוק, הן אין דער פֿראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט דעם מיידל, וועלכע דערמאָנט אַזוי אָן אַ מימאָזע, ווי מאַריניאַ, געווען עפּעס פּשוט ברוטאַלס. זי האָט אויך געוווסט, אַז נאָך אַ חתונה קומען קינדער, דאָס האָט זיך איר אָבער פֿאָרגעשטעלט, ווי עפּעס אומבאַשטימטס, וועגן וואָס מען רעדט נישט, און אויב מען רעדט שוין יאָ, איז על־פּי־רמז, אַזוי איידל ווי אַ קרייזל, אָדער אין אַ מינוט פֿון עפּעס אַ גע־רירטקייט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, מיט פֿאַרליבטע ליפּן בײַם אויער, און כמעט פֿרייִלעכער שטימונג, ווי וועגן עפּעס אַ קדשי־קדשים פֿון זייער געמיינזאַמער צוקונפֿט. דעריבער האָט דער נאַכ־לעסיקער טאָן, מיט וועלכן פּאָלאַניעצקי האָט וועגן דעם גערעדט, הן איר וויי געטון, הן פֿאַרדראָסן. נישט ווילנדיק, איז איר געקו־מען אויפֿן רעיון: „פֿאַרוואָס איז ער דאָס נישט משיג?" און זי האָט אויך געטון נישט נאָך איר טבע נאָך, ווייל זי האָט, ווי דאָס

געשעט אָפט מיט אומדרייסטע מענטשן אין מינוטן פון אומאָנגענעמקייט און צעמישונג, געמאַכט דעם אָנשטעל פון מער כעס, ווי זי האָט באמת געפילט.

— איר באַדאַרפט זיך מיט מיר אַזוי נישט באַגיין! — האָט זי אויסגעשריגן מיט כעס. — איר דאַרפט צו מיר אַזוי נישט רעדן!

פּאָלאַניעצקי האָט נאָך געלאַכט, ווענדיק זיך מאַכן פריילעך.

— וואָס זענט איר ברוגז? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— איר באַגייט זיך מיט מיר נישט, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— איך פאַרשטיי נישט אין וואָס עס גייט.

— מילא, איז ערגער פאַר אייך.

און דאָס געלעכטער איז אים פאַרשוווּנדן פון די ליפּן, דאָס פּנים איז אים געוואָרן טונקל פון כעס און ער האָט אָנגעהויבן שנעל צו רעדן, ווי אַ מענטש, וואָס הערט אויף זיך צו רעכענען מיט ווערטער:

— אפשר בין איך אַ טפש, אָבער כ׳ווייס, וואָס עס איז גוטסקייט, און וואָס נישט. אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס לעבן אוממעגלעך. ווער עס מאַכט פון גאָרנישט אַ גרויסע זאַך, זאָל זיך אַליין באַשולדיקן, און היות מיין אָנוועזנהייט איז אייך אומאָנגענעם, גיי איך מיר אַוועק.

אין אַ כאַפּ טוענדיק דעם הוט, האָט ער זיך פאַרנייגט און איז אַוועק. מאַריניאַ האָט נישט געפּרווּוט אים פאַרהאַלטן. אַ ווײַלע האָבן נאָך די באַליידיקונג און דער כעס צוגעדריקט אין איר אַלע אַנדערע געפילן, נאָכדעם איז איר געבליבן בלויז דער איינדרוק, ווי מיט אַן אָנוף איבערן קאָפּ. אירע געדאַנקען זענען צעפלויגן געוואָרן, ווי אַ טשאַטשע פייגל, און איבער זיי האָט געהערשט בלויז איין אומקלאָרער באַגריף: „ס׳איז געשען! ער וועט זיך נישט אומקערן מער!“ אַזוי אַרום איז אויף איר איינגעפאַלן דער בני, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן בינדן אין אַזעלכע שיינע ליניעס.

אַ פּוסטקע, אײטלקײט, אַ פײני לעך לעבן, װײל אָן אַ תכלית, זון אַ פאַרגליװערט האַרץ — אָט װאָס עס איז איר פאַרבליבן. און ס׳איז דאָך אַזױ נאָנט געװען צום גליק!... דאָך איז דאָס, װאָס עס איז געשען, געשען אַזױ פּלוצלינג, ס׳איז געװען אַזױ אומפאַרשטענדלעך, אַז זי האָט בשעת־מעשה נישט געקענט זיך אָפּגעבן פון דעם קײן חשבון. צוגײענדיק צום ביכער־טיש, האָט זי מעכאַניש אָנגעהױבן אױף אים ברענגען אין אָרדנונג די פּאַפּירן מיט עפּעס אַן אומזיניקער אײלעניש, װי פון דעם ברענגען אין אָרדנונג װאָלט זײַן דער רגע עפּעס געװען אָפּהענגיק. נאָכדעם האָט זי אַ קוק געטון אױף ליטקאָס בילד און זיך פּלוצלינג אָנידערגעזעצט מיט די דלאָניעס אױף די אױגן און שלײפן. אין אַ קורצע צײַט אַרום איז איר אָבער געקומען אױפן רעיון, אַז ליטקאָס װילן מוז זײַן שטאַרקער פאַר דעם װילן פון זײ בײדע — און ס׳האָט אַ שימער געטון פּלוצלינג אַ שטראַלעכל פון האָפֿנונג. זי האָט אָנגעהױבן גײן איבערן צימער און זיך דערמאָנען, װאָס עס איז פאַרגעקומען, דערבײַ האָט זי זיך דערמאָנט אין פּאָלאַניעצקין, נישט נאָר װי ער איז געװען די לעצטע רגע נאָר פריער, מיט צװײ — דרײַ טעג, מיט אַ װאָך צוריק. איר צער איז איצט שױן געװען גרעסער פאַרן פאַרדרוס און האָט זיך װאָס אַמאָל מער פאַרגרעסערט — צוזאַמען מיטן געפיל צו פּאָלאַניעצקין. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט זי זיך געזאָגט, אַז זי האָט זיך נישט געטאָרט אױפרעגן, אַז איר חוב איז געװען אָנצונעמען און ליב האָבן פּאָלאַניעצקין אַזױ װי ער איז, װי ער איז געװען, און נישט פאָדערן, ער זאָל זיך צופּאַסן צו אירע השגות. „ער איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, נישט קײן ליאַלקע" — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. און ס׳האָט זי אַרומגענומען װאָס אַמאָל אַ גרעסער געפיל פון שולד, און דערנאָך פון חרטה. איר בטבע דכנעהדיק און זײער פעיִק ליב צו האָבן האַרץ איז אַרױסגעטרעטן אין קאַמף מיטן ניכטערנעם שכל, װאָס זי האָט אָן שום ספק פאַרמאָגט און װאָס האָט איר איצט בחנם געזאָגט, אַז פּאָלאַניעצקי איז נישט געװען גערעכט און אַז זי האָט אים קײן שום זאַך נישט געזאָגט, װאָס מען זאָל נישט קענען מוחל זײַן. זי האָט

געזאָגט צו זיך אַזוי: „אויב ער האָט כאָטש אַ שטיקל האַרץ, וועט ער צוריקקומען". גלייכצייטיק האָט זי אָבער באַהערשט דער פּחד פאַר דער אייגנלעבן פון מאַנסלייט בכלל און פּאָלאַניעצקין באַזונדערס, מחמת זי איז געווען צו אינטעליגענט, זי זאָל נישט באַמערקן זיין גרויס דאגהן. מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ מענטש, וואָס מען קען נישט בייגן. אָבער די אַלע מינים באַמערקונגען, וואָס אַן אומוויליק האַרץ וואָלט געמאַכט פאַר אים לרעה, האָבן בלויז זי גערירט לטובֿת אים.

און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז זי שוין געווען ביז דער טיפעניש פון דער נשמה איבערצייגט, אַז די גאַנצע שולד ליגט אויף איר, און אַז „זי האָט אים אין לעבן שוין אַזוי פיל אויסגעפייניקט", אַז איצט דאַרף זי אָפּטרעטן, דאָס הייסט: די ערשטע אויסצוגן די האַנט אויף שלום. די הנחה האָט נאָך אירע השגות געהייסן אָנשרייבן צו אים עטלעכע אויסגלייכווערטער. „ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן צוליב דעם ענין קזשעמיען, אַז ער האָט עס פאַרדינט". און זי איז גרייט געווען אַפילו צו וויינען אויף זיין מזל. זי האָט זיך געריכט באַ דעם, אַז דער פּאַסקודנער מיאוסער מענטש וועט וויסן אָפּצושאַצן, וויפיל עס קאָסט זי דאָס שרייבן צו אים און וועט נאָך היינט אין אָוונט קומען.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז קיין לייכטערע זאַך, ווי אָנצושרייבן עטלעכע האַרציקע ווערטער, אַזעלכע, וואָס גייען פון האַרץ, גייען זיי גלייך צום האַרץ, איז נישטאָ. אָבער — וואָס פאַר אַ שוועריקייטן! אַ בריוו האָט קיין אויגן נישט, וואָס פאַרגייען מיט טרערן, האָט נישט קיין פּנים, וואָס שמייכלט גלייכצייטיק אי זיס, אי טרויעריק, האָט נישט קיין שטים, וואָס ציטערט, האָט נישט קיין הענט, וואָס ציען זיך אויס. אַ בריוו קען מען לייענען און פאַרשטיין, ווי אַזוי מען וויל, ווייל דאָס זענען בלויז שוואַרצע אותיות אויף, ווי דער טויט, גלייכגילטיק פּאַפּיר.

מאַרינקאַ האָט שוין געראָד געריסן דאָס דריטע בייגעלע, ווען דאָס געריבצלטע פּנים, ווי אַ געבאַקענער אַפּל, פון הער פּלאַוויצ-

קין, מיט די פריש אָנגעפּאַרבטע וואָנסעלעך האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

— פּאָלאַניעצקי איז נישטאָ ? — האָט ער אַ פרעג גע-טון.

— נישטאָ, טאַטע.

— ער וועט נאָך קומען ?

— איך ווייס נישט, טאַטע — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— מיין קינד, אויב ער וועט קומען, זאָלסטו אים זאָגן, אַז העכסטנס אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין צוריק און אַז איך וויל מיט אים עפּעס רעדן.

— אַך ! איך וויל אויך מיט אים עפּעס רעדן — האָט אַ טראַכט געטון מאַריניאַ.

און צערייסנדיק דאָס דריטע בייגעלע, האָט זי גענומען דאָס פערטע און אָנגעהויבן זיך מישב צו זיין, צי זאָל זי נישט אַמאָל דעם גאַנצן סכסוך פאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס, אָדער פּשוט אים איבערבעטן ? דער שפּאַס האָט אים נישט געקענט געפעלן אַמאָל ; אין איבערבעטן איז געווען עפּעס ווארעמס, אָבער — ס'איז אַזוי שווער ! ווען ער זאָל נישט געווען אַוועקלויפן — איז בענוג געווען אויסצושטרעקן די האַנט, ער איז אָבער אַרויס ווי אַ פייל פונם בויגן, דער כעסן, דער ליבער. . .

און אויפהייבנדיק די אויגן אינדערהייך, האָט זי שטאַרק אָנגעהויבן אַרבעטן מיט איר טונקל קעפּל, ווען פּלוצלינג האָט זיך אין פאַרצימער דערהערט אַ קלונג. מאַריניאַן האָט אָנ-געהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ, ווי מיט אַ האַמער, און איבערן מוח זענען ווי בליצן דורכגעפלויגן די פראַגן :

— ער ? צי נישט ער ?

די טיר האָט זיך געעפנט — דאָס איז געווען ער.

ער איז אַריין, ווי אַ וואָלף, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט אַ מרה-שחורהדיק געזיכט, משמעות זייער אַ נישט זיכערער, ווי ער וועט עס ווערן אויפגענומען ; זי האָט אָבער, דערזעענדיק אים, זיך אַ ריס געטון מיט אַ קלאַפּנדיקהאַרץ, ווי באַ אַ פויגל, מיט

אַ צעשטראַלטן בליק, אַ גליקלעכע, אומגעהײַער געגומען מיט דעם, וואָס ער איז צוריקגעקומען — און איז די ערשטע צו אים צו, אַרויפֿלייגנדיק די הענט אויף זײַנע אַקסלען.

— וואָס פֿאַר אַ גוטער! וואָס פֿאַר אַן ערלעכער! — האָט זי אָנגעהויבן רעדן — ווייסט איר, אַז איך האָב שוין געוואָלט צו אײַך שרײַבן?

פּאָלאַניעצקי האָט, צודריקנדיק אירע הענט צו די ליפּן, עפּעס אַ צײַט געשוויגן, און ענדלעך אַ זאָג געטון:

— איר דאַרפֿט מיך הייסן אַראָפּשלײַדערן פֿון די טרעפּ.

און אין אויפֿרעגונג פֿון דאַנקבאַרקייט האָט ער, צודריקנדיק זי צו זיך, אָנגעהויבן זי קושן אין די ליפּן, אין די אויגן, שלייפֿן און האָר, וואָס זענען אין די אָרעמס צעפֿלאָסן געוואָרן. אין אַזעלכע מינוטן האָט זיך אים אַלעמאָל געדאַכט, אַז ער געפֿינט אַלץ, אין וואָס עס באַשטייט די גאַנצע און גרויסע ליבע. ענדלעך האָט ער זי אָפּגעלאָזט און ווײַטער גערעדט:

— איר זענט אַ צו גוטע. הגם דאָס איז בעסער, ווײַל דאָס מאַכט מיך געוואַלטיק אונטערטעניק. איך בין געקומען אײַך איבערבעטן — גישט מער. איך בין תּיכּף אָפּגעקילט געוואָרן... כ'האָב זיך אויסגעזידלט מיט די לעצטע ווערטער און כ'קען נישט זאָגן, וואָס פֿאַר אַן עגמת-נפֿש איך האָב געהאַט. איך בין געגאַנגען איבער דער גאַס, געטראַכט, אפֿשר וועל איך אײַך זען אינם פֿענסטער און וועל אין דעם געזיכט דערקענען, צי איך קען זיך אומקערן. שפּעטער האָב איך נישט געקענט אויסהאַלטן און האָב זיך אומגעקערט...

— דאָס בעט איך איבער, ס'איז מײַן שולד. איר זעט דאָס צעריסענע פּאַפּיר — דאָס האָב איך געשריבן און געשריבן.

ער האָט אָבער איצט געפּרעסן מיט די אויגן אירע האָר, וואָס זי האָט שנעל צונויפֿגענומען. מיט אַ פֿאַרויטלט געזיכט, פֿון וועלכן ס'האָט געשלאָגן פֿרייד, מיט לאַכנדיקע אויגן פֿון גליק, האָט זי זיך אים אויסגעוויזן שענער, ווי ווען עס איז, און אַזוי בעגאַרט, ווי קיינמאָל נישט.

מאַרינע האָט אויך באַמערקט, אַז ער קוקט אויף אירע האָר,

און איר צעמישונג האָט געקעמפּט מיט איר רייבּרוילעכער קאָ-
קעטישקייט. זי האָט בכיוון זיי אומגעשיקט צונויפגעטמע אויג,
אַז זיי האָבן מיט וואָס אַמאָל אַ גרעסערער כוואַליע פאַרדעקט אירע
אָרעמס, און זי האָט גלייכצייטיק געזאָגט:

— קוקט נישט, ווייל כ'וועל אָזועקגיין.

— דאָס איז דאָך מיין עשירות — האָט געענטפערט פּאָ-
לאַניעצקי — אַ חוץ דעם, האָב איך נאָך אַזעלכעס אין מיין לעבן
נישט געזען.

און ער האָט ווידער אויסגעשטרעקט צו איר זיינע הענט,
זי האָט אָבער אָנגעהויבן זיך אַרויסדרייען.

— מען טאָר נישט, מען טאָר נישט! — האָט זי איבער-
געחזרט — איך שעם זיך אַזוי אויך. איך האָב באַדאַרפט אוועק-
גיין.

די האָר אָבער זענען פּאַמעלעך געקומען אין אָרדנונג, נאָכ-
דעם האָבן זייביידע זיך אוועקגעזעצט און אָנגעהויבן רעדן רו-
קער, הגם מיט אויגן קעגן אויגן.

— איר האָט באמת געוואָלט שרייבן? — האָט אַ פרעג
געטון פּאָלאַניעצקי.

— איר זעט דאָך צעריסן פּאַפּיר.

— איך זאָג אייך ערלעך, אַז איר זענט אַ צו גוטע.

זי האָט, אויפהייבנדיק די אויגן און זיך פאַרקוקנדיק אויף
דער פּאָליצע, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט איבערן שרייב-טיש,
געענטפערט:

— ווייל דאָס איז געווען מיין שולד. יאָ! נאָר מיינע!

און האַלטנדיק, אַז זי קען נישט זיין גענוג גרויסמוטיק,
האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן, פאַרייטלענדיק זיך איבער
די אויערן און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן:

— פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי איז פונדעסטוועגן גערעכט, וואָס
ער שרייבט בנוגע. . . דער וויסנשאַפט.

פּאָלאַניעצקי האָט אין דער רגע חשק געהאַט אָנידערצו-

קניִען און קושן אירע פיס. איר חן און גוטסקייט האָבן אים נישט בלויז אַנטוואָפנט, נאָר באמת געמאַכט אינגאַנצן אונטערטעניק.

— אַלציינס בין איך שוין פאַרפאַלן! — האָט ער אויסגעשריגן, ווי ער וואָלט ענדיקן עפּעס אַ נישט דערזאָגטן מיט ווערטער געדאַנק. — איר וועט דאָך מיך אינגאַנצן איינגעמען.

און זי האָט אָנגעהויבן פריילעך שאָקלען מיטן קאָפּ.

— אוי, כ׳ווייס נישט! כ׳בין אַזאַ פּחדן.

— איר זענט אַ פּחדן? כ׳וועל אייך דערציילן איין אַנעקדאָט: אין בעלגיע האָב איך געקענט צוויי מיידלעך וואָטער, וואָס האָבן געהאַט אַ ליבלינג אַ קאַץ, אַ צנועתדיק באַשעפעניש, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען עס צולייגן צו אַ מכּה. נאָכדעם האָט איינע פון זיי באַקומען אַ מתּנה אַ היימיש=געוואָרענעם האָז, וואָס וועט איר זאָגן צו דעם! די קאַץ האָט פאַר אים אַזוי מורא געהאַט, אַז זי פלעגט פון שרעק שפּרינגען אויף אַלע שענק און אייוון. איינמאָל זענען די פריילינס וואָטער אַוועק שפּאַצירן און פלוצלינג האָבן זיי זיך דערמאַנט, אַז די קאַץ איז געבליבן מיטן האָז: „צי „מאַטו“ וועט נישט טון עפּעס אַן עוולה דעם האָז?“ — „מאַטו“? זי האָט דאָך פאַר אים אַזוי מורא, אַז זי קריכט ממש פון דער הויט אַרויס!“ און זיי זענען אַוועק רויִק. אין אַ שעה אַרום זיי קומען צו גיין — טרעפט, וואָס עס איז געשען? זיי האָבן געפונען בלויז די אויערן פון האָז. דאָס איז אינגאַנצן די באַציִונג פון אייך פרויען צו אונדז. איר האָט פאַר אונדז כּלומרשט מורא און נאָכדעם בלייבן פון אונדז בלויז די אויערן!

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן, און מאַריניאַ נאָך אים; אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָבער צוגעגעבן:

— איך ווייס, אַז פון מיר וועלן אויך בלייבן בלויז אויערן.

ער האָט לעולם געזאָגט ליגנט, ווייל ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז עס וועט זיין אַנדערש. מאַריניאַ אָבער האָט, אַ טראַכטנדיק, געזאָגט:

— ניין. איך האָב נישט אַזאַ כאַראַקטער.

— דאָס איז בעסער — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי —

ווייל כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, וואָס פאַר אַן אויספּירן אין מאַך פון מיינע לעבנס-באַדינגונגען: גרעסערער עגאָיזם איז תמיד גובר דעם קלענערן.

— אָדער גרעסערע ליבע גיט זיך אונטער קלענערע — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

— דאָס איז אַלציינס. וואָס שייך מיר, בין איך זיך מודה, אַז איך וואָלט חשק געהאַט אַט אַזוי אין דער האַנט צו האַלטן (דאָ האָט פּאָלאַניעצקי צעעפנט די פינגער און נאָכדעם זיי צונויפגעדריקט אין אַ פויסט) עפּעס אַ הורדוס, אָבער מיט אַזאַ טויב ווי איר — איז גאָר אַן אַנדער ענין. מיט אייך, מיין איך, ווען מען דאַרפן מלחמה האַלטן, אַז איר זאָלט זיך צופיל נישט אָפּזאָגן פון זיך, און נישט צופיל זיך איבערגעבן. איר זענט שוין אַזאַ נאַטור און איך ווייס ווען איך נעם. איבעריקנס, זאָגן דאָס אַלע, און אפילו אַזאַ מאַשקאָ, וואָס איז נישט קיין שלמה המלך, האָט מיר געזאָגט אַט וואָס: „זי מיט דיר קען זיין אומגליקלעך, דו מיט איר — קיינמאָל נישט". און ער איז געווען גערעכט. אינטערעסאַנט, ווי מאַשקאָ וועט זיך באַציִען צו זיין ווייב. דאָס איז אַ האַרטע האַנט.

— ער איז זייער פאַרליבט?

— נישט אַזויפיל, ווי ער איז געווען מיט אַ צייט צוריק, ווען מען האָט אים אַ ביסל קאָקעטירט.

— ווייל ער איז נישט געווען אַזאַ פאַסקודנער, ווי איינער אַ „הער סטאַך".

— דאָס וועט זיין אַ מאָדנע פאָרפאָלק. זי איז נישט קיין מיאוסע, הגם זי איז אַ בלאַסע און האָט אַלע מאָל שוואַרצע אויגן. מאַשקאָ האָט אָבער חתונה צוליב דעם פאַרמעגן. ער האָט געמיינט, אַז זי האָט אים נישט ליב און ווען ס'איז פאָרגעקומען דער סקאַנדאַל מיט גאָנטאָווסקין, — אויך מיר אַ ריטער! — איז ער געווען זיכער, אַז די דאַמען וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט אָפּצוזאָגן דעם שידוך. דערווייל איז געשען פּונקט דער היפוך — און מאָלט אייך, אַז מאַשקאָ איז איצט ווידער אומרויִק, וואָס אַלץ גייט אַזוי ווי געשמירט. . . דאָס ווייזט זיך אים אויס פאַרדעכ-

טיק. דאָס זענען עפּעס מאָדנע זאַכן. עס זאָל עקזיסטירן הער קראַסלאַווסקי אויך... גאָט ווייסט וואָס!... דאָס אַלץ צוזאַ־מען איז נאַריש. דאָרט וועט קיין גליק נישט זיין, לכל-הפּחות אַזאַ, ווי איך שטעל זיך עס פאָר.

— און ווי אַזוי שטעלט איר אייך עס פאָר? — האָט אַ פרעג געטון מאַריניאַ.

— איך מיין, אַז גליק באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל נעמען אַ זיכערע פרוי — אַ שטייגער ווי איר — און זען קלאָר פאַר זיך די צוקונפט.

— און איך מיין, אַז אין דעם, אַז מען זאָל זיין געליבט, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

— וואָס נאָך?

— דאָס ווערט זיין און...

דאָ האָט פריילין מאַריניאַ נישט געקענט עפּעס אַ צייט געפינען קיין ווערטער, און האָט ענדלעך אַ זאָג געטון:

— און גלייבן אין דעם מאַן... און צוזאַמען מיט אים אַרבעטן.

IX.

פּאָלאַניעצקי האָט נישט געהאַט קיין טעות. בּאַ מאַשקאָן איז אַלץ געגאַנגען אַזוי גוט, פּרוי און פריילין קראַסלאַווסקאַ האָבּן אויסגעזען צו זיין אַזוי מוסטערהאַפט, אַז ער איז וואָס אַמאָל גע־וואָרן אומרו׃קער. ער פלעגט מינוטנווייז אַליין לאַכן פון דעם, און היות ער האָט פון איצט אָן פאַר פּאָלאַניעצקין קיין שום סודות נישט געהאַט, האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטון צו אים מיטן גאַנצן ציניזם:

— מיין טייערער — דאָס זענען דאָך ממש מלאכים, און מיר שטעלן זיך די האָר קאַפּויער, ווייל דאָ שטעקט עפּעס.

— דאַנק בּעסער דעם רבּונו של עולם!

— אַז זיי זענען צו אידעאַל, אָן אַ פּגימה, אפילו אָן גאווה. נעכטן, למשל, האָבּ איך זיי געגעבּן צו פאַרשטיין, אַז איך בּין אַן אַדוואָקאַט בּלויז דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז זין פון בּע־סערע עלטערן דאַרפן איצט זיך נעמען צו עפּעס און עפּעס זיין. טרעף, וואָס זיי האָבּן מיר אויף דעם געענטפערט? אַז דאָס איז פונקט אַזאַ גוטע אַרבּעט, ווי אַלע אַנדערע און אַז פאַר זיי, אַבּי

געאַרבעט איז יעדע זאַך גוט, און אַז נאָר געמיינע און גאַווהדיקע נאַטורן קענען זיך שעמען פאַר אַרבעט. זיי האָבן אויסגעשאָסן אַזוי פיל באַנאַליטעטן, אַז כ'האָב חשק געהאַט זיי צו ענטפערן מיט עפּעס אַ סענטענץ פון אַ קאַליגראַפישן העפט אַרויס: „ערע איז ווי אַ פעלז פון אָפּגרונט" — אָדער עפּעס ענלעכס! פּאָלאַניעצקי, כ'זאָג דיר, אין דעם שטעקט עפּעס. כ'האָב געמיינט, אַז דער טאַטע, אָבער נישט דער טאַטע. כ'האָב שוין וועגן אים אַ ידיעה: ער וווינט אין באָרדאָ, הייסט דאָרט מאָסיע דע לאַנגלע — און האָט זיך זיין היים, נישט אַזאַ ווייט לעגאַלע, ווי אַ גרויסע, וואָס ער האַלט אויס פונם געהאַלט, וועלכעס ער באַקומט פון פרוי קראַסלאַווסקאַ.

— וואָס שאַדט עס דיר?

— לגמרי נישט.

— אויב אַזוי זענען עס אומגליקלעכע פרויען — און פּטור.

— יאָ, אָבער צי די הכנסות זייערע אַנטשפּרעכן זייערע אומגליקן? געדענק, אַז איך האָב התחייבותן. באַ דעם, פאַרשטייסטו מיך, אויב דאָס זענען אַזעלכע פרויען, ווי זיי ווייזן זיך אַרויס, און צו דעם רייכע, בין איך באמת גרייט זיך צו פאַרליבן, און עס וועט זיין גאַרניש; אויב עס וועט זיך ווידער אַרויסווייזן, אַז זיי האָבן גאָרנישט, בין איך אויך גרייט זיך צו פאַרליבן, און עס וועט זיין נאָך נאַרישער. זי פאַרמאָגט פאַר מיר רייך.

— ניין. דאָס וועט זיין אַלנפאַלנס די איינציקע חכמה. טראַכט אָבער, מאַשקאָ, בעסער וועגן זיך, און אַ ביסל וועגן מיר און די פּלאַוויצקיס. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט קיין טבע אין די זאַכן צו געבן פאָלגע, און דער טערמין דערנענטערט זיך.

— איך ברען נאָך אינם קעסל — מיט קרעדיט. איבעריקנס זיצט איר דאָך אויף דער היפּאָטעק פון קזשעמיען. אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיין באַ פרוי קראַסלאַווסקאַ די תנאים, נאָך וועלכן, איך פאַרהאָף זיך צו דערוויסן עפּעס זיכערס.

דאָ האָט מאַשקאָ אָנגעהויבן דערלאַנגען אַ מאָנאָלאָג:

— אז אזא פאָזיטיווער מענטש, ווי איך, איז פונדעסטוועגן פאַרקראָכן ווי אין וואַלד, אַז ס'איז נישט משיג צו זיין. פון דער צווייטער זייט איז ווידער נישטאָ קיין מענטש, אפילו צווישן די אַפילו, וואָס ווייסן, ווי עמעץ שטייט, וועלכער זאָל זיך דערלויבן צו צווייפלען אין פרוי קראַסלאַווסקאַס פאַ־מעגן. און דאָך זענען זיי אַזוי איידל!!!...

— דיין מורא איז אויך מסתמא אַן אומזיסטע — האָט מיט אַ געוויסער אומגעדולדיקייט אים איבערגעריסן פּאָלאַניעצקי — אָבער דו, מיין ליבער, ביסט גאָרנישט קיין פאָזיטיווער מענטש, ווייל האָסט תמיד געמאַכט דעם אָנשטעל און מאַכסט נאָך איצט אויך דעם אָנשטעל, אָנשטאָט צו קוקן אויף דעם, וואָס עס האָט דיר געגעבן ברויט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז טאָקע פאָרגעקומען מאַשקאָס תנאים־ראָוט, אויף וועלכן ס'איז אויך געווען מאַריניאַ, מחמת פרוי קראַסלאַווסקאַ, וועלכער הער פּלאַוויצקי איז געפעלן און וואָס זיין יחוס איז איר געווען באַקאַנט, האָט נישט אויסגעמיטן מיט אים די באַציִונגען אַזוי, ווי מיט די ביגעלס. מאַשקאָ האָט אַראָפּגעבראַכט אַלע זיינע באַקאַנטע מיט באַוווּסטע נעמען, מיט גרעסער אין די אויגן און אין צווייען צעטיילטע קעפּ. על־פּי־רוב זייער יונגע און מערסטנטייל נישט זייער שנעלע. צווישן זיי זענען געווען די פינף ברידער וויזש, וואָס האָבן געהייסן: מיזשאָ, קיזשאָ, ביזשאָ, ברעלאָקל און טאַטקעלע. מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן די פינף שלעפנדיקע ברידער, מחמת פילנדיק די לעבנס־אימפּולסן אויסשליסלעך אין די פיס, האָבן זיי אויפגעלעבט אין קאַרנאַוואַל־צייט, און פלעגט אינגאַנצן פאַרחלשט ווערן, לכל־הפחות אינטעלעקטועל, אויף פאַסט. בוקאַצקי האָט זיי ליב געהאַט און פלעגט זיך מיט זיי פרייען. ס'איז געווען באַראָן קאָץ, וואָס האָט הערנדיק עפּעס פון עמעצן וועגן אַן אַלטן קאָט פון דעמבבנע, תמיד צוגעגעבן, ווען מען פלעגט אים פאָרשטעלן: „פון דעמבבנע", און וועלכער פלעגט אויף אַלץ, וואָס מען פלעגט מיט אים רעדן, כסדר ענטפערן „Quelle drôle d'histoire!" מאַשקאָ איז מיט זיי אַלע געווען אויף „דו", און הגם ער האָט זיי באַהאַנדלט מיט

אַ געוויסן ביטול, פּונקט ווי קאַפּאַווסקין, אַ יונגנמאַן מיט אַ פּראַכטפֿולן, אידעאַלן קאָפּ און פּונקט אַזעלכע פּראַכטפֿולע, ווי אומזיניקע אויגן. די קאַטעגאָריע פֿון מאַשקאָס קליגערע פֿריינט האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט באַלאַגיעצקי און קרעטאָווסקי. פֿרוי קראַסלאַווסקאַ האָט אויך פֿאַרבעטן העכער אַ צען דאַמען מיט זייערע טעכטער, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געדרייט נאָכלעסיק און פֿלעגמאַטיש די ווישעס, אָבער וואָס זייערע מיידלשע הערצלעך האָבן געצאַפּלט צו דערנענטערן זיך מיט קאַפּאַווסקין, קוקנדיק ווייניקער אויף זיין גייסטיקער ענלעכקייט צו האַמלעטן, וואָס באַשטייט אין דעם, „אַז אויב נישט ער, האָט זיין מוח זיך געקענט אַריינפּאַסן אין אַ שאָל פֿון אַ נוס". עטלעכע עלטערע ליסעס האָבן פֿאַרפֿולט דעם זאַל.

פֿריילין קראַסלאַווסקאַ, אָנגעטון אין ווייסן האָט, נישט קוקנדיק אויף אירע רויטלעכע אויגן, אויסגעזען זייער באַחנט. זי האָט געהאַט אין זיך באמת עפּעס אַ פֿרוילעכן חן, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ מאָדנער, כמעט שלעפֿעריקער רו. זי האָט דערמאָנט אַ ביסל אָן די פֿיגורן פֿון פּערוגין. מינוטנווייז פֿלעגט זי ווערן לעבעדיק, ווי אַן אַלבאַסטער לעמפּל, אין וועלכן עס גיט פֿלוצלינג אַ שיין אויף דאָס ליכט — און אין אַ ווײַלע אַרום פֿלעגט זי ווידער פֿאַרלאָשן ווערן, אָבער נישט אָן רייץ. דעם אָוונט, אָנגעטון אין אַ לייכט ווייס קלייד, האָט זי אויסגעזען שענער, ווי תמיד. פּאָלאַניעצקי, קוקנדיק אויף איר, האָט געטראַכט, אַז זי קען האָבן אַ גאַנץ טרוקן האַרץ און אַ גאַנץ טרוקענעם קאָפּ, אָבער זיין אַן אָנשטענדיק ווייב, בפֿרט נאָך פֿאַר מאַשקאָ, וואָס האָט אין תוך געזוכט, קודם־כּל געשעצט וועלטלעכע אָנשטענדיקייט. זייער צוזאַמענלעבן האָט זיך פֿאָרויסגעזען צו זיין, ווי אַ קאַלטער און בלאַסער טאָג, אין וועלכן עס בראָט נישט די זון, אָבער קיין שטורעם דראָט אויך נישט. איצט זענען זיי געזעסן אין עק זאַל, נישט זייער נאָענט, אָבער אויך נישט ווייט פֿון דער רעשט געזעלשאַפֿט; זיי האָבן זיך אינטערעסירט איינער מיטן אַנדערן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי עס האָט געפּאַסט; אין זיין באַגיין זיך מיט איר האָט מען געקענט זען אַזוי פֿיל

געפיל, וויפיל מען האָט באַדאַרפט און קודם־כל אַ ווילן זיך אַרויסצווייזן פאַר אַ חתן — ק אָ ר ע ק ט — זי ווידער האָט אים געצאָלט מיט דערזעלבער מטבע. זיי האָבן פריינטלעך געשמייכלט צו זיך; ער האָט גערעדט מער פאַר איר, אַלס אָנקומענדיקער אָנפירער און קאָפּ פון הויז, צייטנווייז פלעגן זיי זיך קוקן אין די אויגן אַריין, מיט איין וואָרט, זיי זענען געווען אַ גאָר מוסטערהאַפט און גוט פאָר חתן־כלה, ווי מען האָט אין וועלטלעכן זין זיך געקענט פאָרשטעלן. „איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן" — האָט אַ זאָג געטון צו זיך פּאָלאַניעצקי. — און פּלוצלינג, האָט ער זיך דערמאַנט, אַז בשעת זי זיצט דאָ אַ קאָנווענציאָנעל שמייכלדיקע, אַ רויִקע, אַ ווייסע, פוילט זיך דאָרט ערגעץ דאָס דאָקטאָרל, וואָס „האָט נישט געקענט פון איר אָפּרייסן די נשמה" — צווישן די טראָפּיקן, אויף רויִק אונטער דער ערד, אַ פאַרגעסענער, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען. און אַ כּעס האָט אים אַרומגענומען. ער האָט דערפילט נישט בלויז פאַראַכטונג צו פריילין קראַסלאַווסקאַס האַרץ, נאָר די רויִקייט האָט זיך אים אויסגעוויזן אומגעשמאַק, עפּעס אַ גייסטיקע טויטקייט, וואָס איז אַמאָל געווען מאָדיש און אויף וועלכער עס האָבן אַמאָל געשיטפּעך און שוועבל די דיכטער, זעענדיק אין דעם עפּעס דעמאָניש, וואָס איז אָבער מיט דער צייט געוואָרן באַנאַל און האָט געהייסן מאָראַלישע נישטיקייט און טפּשות. „דאָס איז קודם־כל אַ גאַנדז, און צו דעם אַ גאַנדז אָן אַ האַרץ — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי. — און באותו־הרגע איז מאַשקאָס אומרויִקייט, צוליב דעם איידעלן אויפפירן זיך פון די דאַמען, אים געוואָרן פאַרשטענדלעך. אויף אַזוי ווייט, אַז מאַשקאָ איז אויפגעוואַקסן בײַ אים, אַלס אַ דורכדרינגלעכער און פלינקער מענטש.

שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן פאַרגלייכן זיין אייגענע כלה מיט פריילין קראַסלאַווסקאַן און מיט גרויס איבערלעכער הנאה געזאָגט צו זיך: „מאַרושקאַ איז גאָר פון אַן אַנדער מין." ער האָט געפילט, אַז ער רוט זיך גייסטיק אויס, קוקנדיק אויף איר. אויב יענע איז געווען אַ מין קינסטלעך געוויקס, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן נישט אין ברייטע, געזונטע ווינטן, נאָר אונטערן גלאָז,

אויף אַזוי פיל האָט פון דער געשלאָגן מיט לעבן און חאַ־עמ-
קייט, דאָך איז דער פאַרגלייך אויסגעפאַלן לטובת מאַריניאַן אַפילו
אין זין פון וועלטלעכקייט. פּאָלאַניעצקי האָט אינגאַנצן נישט
אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די אַזוי גערופענע „דינסטינקטקייט,"
פאַרשטייענדיק, אַז אויב נישט תמיד, איז אָפט אַנטשפּרעכט זי אַ
געוויסע גייסטיקע פאַרענדיקטקייט, און דער עיקר בײַ פרויען.
קוקנדיק דאָ אויף איינער, דאָ אויף דער אַנדערער, איז ער גע-
קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פאַרענדיקטקייט, וואָס איז
בײַ פריילין קראַסלאַווסקאַ אַן איינגעקויפטע און אָנגעבונדענע,
איז בײַ מאַריניאַן איינגעבוירן. בײַ יענער איז עס געווען אַן אויס-
שליסלעך אַרויפגעוואָרפן מלבוש, בײַ איר — נשמה, און ווי אַ
נאַטירלעכער סימן פונעם מין, וואָס איז אין משך פון לאַנגע יאָרן
קולטור געוואָרן אויסגעאיידלט. נעמענדיק פון בוקאַצקיס אָנשווינ-
גען דאָס, וואָס אים איז נייטיק געווען, דאָס הייסט, וויפיל ס'איז
אין זיי געווען טרעפלעכס, האָט פּאָלאַניעצקי זיך דערמאַנט, וואָס
ער פלעגט נישט איינמאָל חזרן, אַז פרויען, אָן אונטערשייד פון
שטאַם, ווערן צעטיילט אויף פּאַטריציאַנערינס, וואָס האָבן קולטור,
פּרינציפּן און גייסטיקע באַדערפענישן, וואָס זענען אַריין אינעם
בלוט, און אויף פּאַרוועניערינס, וואָס טוען זיך אָן אין דעם, ווי
אין מאַנטיליען, בלויז פאַר די געסט. איצט קוקנדיק אויף מאַרי-
ניאַס איידעלן פּראָפיל, האָט פּאָלאַניעצקי געטראַכט מיט אַ גאווה פון
אַ קליינבירגער, וואָס האָט חתונה מיט אַ פּרינצעסן, אַז ער נעמט
אַ פּאַטריציאַנערין אינעם פולן זין פון וואָרט.

און צו דעם אַ שיינע פּאַטריציאַנערין. טיילמאָל דאַרפן
פרויען האָבן בלויז אַ ביסל פעלד און אַ ביסל גליק, כדי אויפצו-
בליען. מאַריניאַ, וואָס האָט זיך פּאָלאַניעצקין אויסגעוויזן, כמעט
מיאוס אין דער מינוט, וואָס ער איז געקומען פון ליטקאַס לוויה,
האָט אים איצט צייטנווייז געחידושט, מיט איר שיינקייט. פריילין
קראַסלאַווסקאַ האָט אויסגעזען לעבן איר, ווי אַן אָפּגעמוטלט קליי-
לעבן אַ נייעם, און ווען פריילין פלאַוויצקאַס פאַרמעגן וואָלט גע-
ווען אויף דער הייך פון איר שיינקייט, וואָלט ער אָן שום ספק
זי געהאַלטן פאַר אַ שיינקייט. די מיזשעס, אַרויפליגנדיק די בריל

אויף זייערע פּערדישע נעז, באַראָן קאָט ווידער פון דעמאַנע האָט פאַרטרוילעך דערקלערט, אַז ס'איז אַן אמתע מערכה, וואָס זי איז שוין אַ כּלה, אַנישט, ווער ווייסט, צי ער וואָלט נישט „איינגעטרעטן".

פּאָלאַניעצקי האָט אויך דעם אָוונט געקענט באַמערקן איין שטריך פון זיין כאַראַקטער, וועגן וועלכן ער האָט זיך גאָרנישט משער געווען. ער איז געווען אייפערזיכטיק. היות ער איז גלייכצייטיק געווען איבערצייגט, אַז מאַריניאַ איז פולקום אַ זיכערע פרוי, וואָס מען קען איר בלינד געטרויען, איז זיין אייפערזוכט נישט געווען קאָנסעקווענט. בשעת איז ער געווען אייפערזיכטיק אין מאַשקאָן און דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך: איצט אָבער האָט ער בשום אופן זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, פאַר־וואָס, למשל, דער קאָפּאָווסקי, מיט דעם קאָפּ פון אַ מלאך, און מיטן פויגלישן מוח, קען אים רייצן, בכן ער זיצט בלויז לעבן מאַריניאַן און שטעלט איר מסתמא מער אָדער ווייניקער פראַגן נישט צו דער זאַך, אויף וואָס זי ענטפערט מער אָדער ווייניקער ליבנסווירדיק. תחילת האָט ער זיך אַליין אָנגעהויבן מאַכן פאַר־וואָרפן: „מען קען דאָך אָבער נישט פאַרלאַנגען פון איר, אַז זי זאָל אים ווייזן די צונג". שפּעטער אָבער איז ער געקומען צו דער מיינונג, אַז מאַריניאַ ווענדט זיך צו אָפט צו קאָפּאָווסקין, אַז זי קוקט אויף אים צו נייגעריק און ענטפערט אים צו ליבנס־ווירדיק. באַם אָוונט־ברויט, זיצנדיק לעבן איר, איז ער געווען בייז און שווייגנדיק, און ווען זי האָט אים געפרעגט די סיבה, האָט ער געענטפערט גאָרנישט צו דער זאַך:

— איך וויל נישט קאַליע מאַכן דעם איינדרוק, וואָס הער קאָפּאָווסקי האָט געמאַכט.

און איר איז דאָס געפעלן, וואָס ער איז געווען אייפערזיכטיק וועגן איר, פאַרבייסנדיק דעריבער די ווינקלען פון מויל, כּדי איינ־צוהאַלטן דעם שמייכל און קוקנדיק אויף אים אויפמערקזאַם, האָט זי אַ זאָג געטון:

— האַלט איר אויך דען, אַז הער קאָפּאָווסקי האָט אין זיך עפּעס אומגעוויינטלעכס?

— אוודאי, אוודאי! בשעת ער גייט אין גאַס אפילו, דאַכט זיך, אַז ער טראָגט דעם קאָפּ אַרויס אויף פרישע לופט, אויס מורא, די מילבן זאָלן אים נישט אויפעסן.

די ווינקלען פון מאַריניאַס מויל האָבן אויסגעהאַלטן אַ פרווו, די אויגן אָבער האָבן משמעות געלאַכט; ענדלעך, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן, האָט זי שטיל אַ זאָג געטון:

— אַן אומדערטרעגלעכער איפּערזיכטיקער.

— איך? חלילה וחס!

— נו, וועל איך אייך דערציילן אַ ביסל פון אונדזער שמועס. איר ווייסט, אַז נעכטן איז בשעתן קאָנצערט פאָרגעקומען אַ פאָרפאַל פון קאַטאַלעפּסיע. היינט האָט מען לעבן אונדז גערעדט פון דעם, האָב איך אַזוי זיך צווישן אַנדערע אַ פרעג געטון דעם הער קאַפּאָווסקי, צי ער האָט נישט געזען דעם קאַטאַלעפּטיקער? ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געענטפערט? אַז יעדער קען זיך האָבן זיינע איבערצייגונגען. נו, וואָס? איז ער נישט קיין אויסערגעוויינטלעכער מענטש?

פּאָלאַניעצקי איז בעסער געוואָרן און אָנגעהויבן לאַכן.

— און איך זאָג אייך, אַז ער פאַרשטייט פּשוט נישט, וואָס מען רעדט צו אים, ענטפערט ער וואָס עס לאָזט זיך.

דעם רעשט אָבער האָבן זיי שוין פאַרבראַכט איינס לעבן דעם אַנדערן בשלום. באַם געזעגענען זיך, ווען די פּלאַוויצקיס, וואָס האָבן געהאַט בלויז אַ קאַרעטע פאַר צווייען, האָבן נישט געקענט מיטנעמען פּאָלאַניעצקין, האָט מאַריניאַ זיך צו אים איינגעבויגן און אַ פרעג געטון:

— דער מיאוסער קאַפּריזניק וועט מאָרגן קומען אויף מיטאָג?

— ער וועט קומען, ווייל ער האָט ליב — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי, אַרומוויקלענדיק אירע פיס מיטן פוטער.

זי ווידער האָט אים איינגערוימט אין אויער, ווי עפּעס אַ גרויס בייעס:

— און איך אויך.

הגם זאָגנדיק דאָס, איז ער געווען לחלוטין אויפריכטיק, האָט זי אָבער געזאָגט נאָך מער, ווי אמת.

מאַשקאָ האָט אָפּגעפירט פּאָלאַניעצקין אַ היים. אויפן וועג האָבן זיי גערעדט וועגן הייַנטיקן אָוונט. מאַשקאָ האָט דערציילט, אַז פאַר דעם אָנקומען פון די געסט האָט ער געפרוווט אַ שמועס טון מיט קראַסלאַווסקאַן וועגן די געשעפטן, ס'האָט זיך אָבער נישט געלאָזט.

— ס'איז געווען אַ מינוט — האָט ער אַ זאָג געטון — ווען כ'האָב געוואָלט די פראַגע אַוועקשטעלן קלאָר, פאַרקליידנדיק זי, באַרשטייט זיך, אין ווי ווייט מעגלעך אײַדעלע פאָרמען — כ'האָב אָבער מורא געהאַט. סוף-כל-סוף, וואָס צווייפל איך אַזוי אין מיין כלהס נדן? בלויז דערפאַר, ווייל די דאַמען באַגייען זיך מיט מיר אָרנטלעכער, ווי כ'האָב זיך געריכט. אַלס הומאָר, איז עס זייער גוט, איך האָב אָבער מורא צו ווייט זיך צו רוקן, ווייל אפשר וועט מיין מורא זיך אַרויסווייזן אומזיסט — און זיי געלן ווערן אין כעס, ווען מיין נייגעריקייט וועט זיך אַרויסווייזן צופיל אינטערעס-מעסיק. מען דאַרף וועגן דעם אויך אַ טראַכט טון, ווייל כ'קען כאַפּן די מפּלה באַם האַפּן.

— אַלזאָ גוט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — לאָמיר אָננעמען, און דאָס איז, איבעריקנס, וואַרשיינלעך, אַז זיי האָבן, ווען אָבער עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז נישט — וואָס וועסטו דאַמאָלס טון? האָסט אַ גרייטן פּלאַן? וועסטו איבערייסן מיט פרײַלין קראַסלאַווסקאַ, אָדער דו וועסט מיט איר חתונה האָבן?

— כ'וועל פאַר קיין פאַל נישט איבערייסן, ווייל איך וועל מיט דעם גאָרנישט געווינען. אויב מיין חתונה וועט נישט צושטאַנד קומען, וועל איך סיי ווי סיי באַנקראָטירן. דאַמאָלס אָבער וועל איך קלאָר זאָגן, ווי ס'איז מיין פינאַנציעלע לאַגע, און איך מיין, אַז פרײַלין קראַסלאַווסקאַ וועט דאַמאָלס מיט מיר איבעררייסן.

— אויב אָבער נישט?

— וועל איך זיך אין איר פאַרליבן און וועל אָנהייבן דורכקומען מיט מיינע בעל-דברס. איך וועל אויפהערן, ווי דו זאָגסט

„מאַכן דעם אָנשטעל" — און וועל זיך באַמיִען צו פאַרדינען אויף ברויט פאַר אונדז ביידע. איך בין נישט קיין שלעכטער אַדוואָקאַט. דאָס ווייסטו דאָך.

— דאָס איז גאַנץ אָנשטענדיק — האָט געענטפערט פּאָלאָ־ניעצקי — אָבער דאָס באַרויִקט מיך נישט בנוגע די פּלאַוויצקיס און מיך.

— איר געפינט זיך אין אַ בעסערע לאַגע פון אַנדערע, ווייל איר זיצט אויף קזשעמיען. אין דעם פאַל וועסטו נעמען אַלץ אין דיינע האַרטע לאַפּעס אַריין און וועסט פון דאָרטן עפּעס אויסדריקן. ערגער איז מיט די, וואָס האָבן מיר געגלייבט אויפן וואָרט, און כ׳וועל דיר זאָגן אין די אויגן אַריין, אַז אין זיי גייט מיר מער. כ׳האָב געהאַט, און האָב אפילו נאָך אַ געוואַלטיקן צו־טרוי... דאָס איז מיין צרה. אויב מען וועט מיר אָבער געבן צייט, וועל איך זיך ווי עס איז אַרויסדרייען... כ׳זאָל כאָטש האָבן אַ ביסל גליק אין הויז, און אין אים אַ פרוּזשינע צו דער אַרבעט...

דאַ זענען זיי געקומען צו פּאָלאַניעצקיס דירה, און מאַש־קאָ האָט נישט פאַרענדיקט זיין געדאַנק. אין דער רגע, וואָס זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— הער, דו האַלטסט מיך, פאַר אַ ביסל אַ שווינדלער, איך בין עס אָבער ווייניקער, ווי דו מיינסט. כ׳האָב געמאַכט דעם אָנשטעל — ווי דו זאָגסט — דאָס איז אמת! כ׳האָב זיך געמוזט דרייען, ווי אַ שלייען און אינם אַרויסדרייען זיך פלעג איך אַ מאָל אַראָפּ פון גלייכן וועג... אָבער כ׳האָב זיך פאַרמאַ־טערט, און כ׳וועל דיר זאָגן אָפן, אַז עס ווילט זיך מיר אַ ביסל גליק, ווייל כ׳האָב עס נאָך נישט געהאַט. דעריבער האָב איך געוואָלט חתונה האָבן מיט דיין איצטיקער כלה, כאָטש זי האָט נישט קיין געלט. וואָס שייך פריילין קראַסלאָווסקאַ, ווייסטו, זע־נען פאַרהאַן מינוטן, ווען כ׳וואָלט וועלן, ס׳זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז זי האָט גאָרנישט, אָבער זי זאָל פאַר דעם מיך נישט אָפּלאָזן, בשעת זי וועט זיך דערוויסן, אַז איך האָב גאָרנישט. דאָס זאָג איך דיר אויפריכטיק... און איצט: אַ גוטע נאַכט!

— נו! — האָט אַ זאָג געטון צו זיך פּאָלאַניעצקי — דאָס איז אין מאַשקאָן אַ נייעס.

און ער איז אַריין אינם טויער. שטייענדיק בײַ דער טיר, האָט ער אַ פּאַרווונדערטער דערהערט בײַ זיך אין דער חזינונג שפּילן אויפן קלאַוויר. דער באַדינער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס וואַרט אויף אים ביגעל שוין פון צוויי שעה אָן.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך באַאומרויקט, ער האָט אָבער אַ טראַכט געטון, אַז ווען די סיבה פון ביגעלס באַזוך וואָלט נישט זיין קיין גוטער, וואָלט ער נישט געשפּילט אויפן קלאַוויר. אַרויסגעוויזן האָט זיך גראָד, אַז ביגעל האָט בלויז באַדאַרפט בייטיק האָבן פּאָלאַניעצקיס אונטערשריפט צו אַן ענין, וואָס האָט געמוזט אויפצומאָרגנס אינדערפרי דערליידיקט ווערן.

— האָסט דאָך געקענט מיר לאָזן די פּאַפּירן און גיין שלאָפן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

— איך האָב זיך אויסגעשלאָפן בײַ דיר אויף דער סאָפע, און נאָכדעם האָב איך זיך אַוועקגעזעצט צום קלאַוויר. אַמאָל האָב איך אַזוי גוט געשפּילט, ווי מיטן וויאָלענטשעל, איצט אָבער זענען שוין די פינגער שווער. דיין מאַריניאַ, דאַכט זיך, שפּילט: ס'איז אַזאַ ווילדע זאַך אינדערהיים!

און פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן מיט זיין אמתדיק, פריינטלעך געלעכטער:

— מיין מאַריניאַ? מיין מאַריניאַ האָט אַן עוואַנגעלישן טאַלענט: „די לינקע האַנט ווייסט נישט, וואָס די רעכטע טוט". מיין ליבס געבעדך! זי האָט אויך נישט קיין שום פּרעטענזיעס און שפּילט בלויז דאַמאָלס, ווען מען בעט זי.

אויף דעם האָט ביגעל געענטפערט:

— דו לאַכסט זיך כלומרשט אויס, אָבער אַזוי לאַכן זיך בלויז אויס פאַרליבטע.

— איך בין טאַקע אינגאַנצן פאַרליבט. לכל-הפחות איצט, דאַכט זיך מיר, בכלל מוז איך זאָגן, אַז דאָס ווייזט זיך מיר וואָס אַמאָל אָפּטער אויס. ווילסט טיי, ביגעל?

— גוט. דו קומסט פון די קראַסלאַווסקיס?

— אַ.

— נו, מאַשקאַ וואָס? ער קומט שוין צו אַ ברעג.

— מיט אַ ווײַלע צוריק האָב איך זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט מיך צוגעפירט צום טויער. ער זאָגט אַמאָל אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער וואָלט זיך אויף אים נישט געריכט.

און פּאָלאַניעצקי, אַ צופרידענער, וואָס ער האָט מיט עמעצן צו כאַפּן אַ שמועס, פילנדיק דאָס באַדערפעניש פון אַ פאַרטרוי־לעכן שמועס, האָט אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ער האָט געהערט פון מאַשקאָן און ווי ווייט ס׳האָט אים פאַרחידושט, ווען ער האָט אונטער אַזאַ מין מענטשן־הויט געפונען אַ ראָמאַנטיקער.

— מאַשקאָ איז נישט קיין שווינדלער — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — ער איז בלויז אויפן וועג פון פאַרשידענע אומנאָר־מאַלקייטן, און די סיבה פון דעם איז זיין גאווה און דאָס דינען דעם פּוץ. פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט דאָס דינען דעם פּוץ אים פאַרהיטן פון דער אָנטגילטיקער ירידה. וואָס שייך דעם ראָמאַנטיקער, וואָס דו האָסט אין אים אַנטדעקט...

דאָ האָט ביגעל אָפּגעשניטן דעם שפּיץ פון ציגאַר, אים אָנגעצונדן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, רינגלענדיק באַ דעם די ברעמען און אַוועקזעצנדיק זיך באַקוועם, ווייטער גערעדט:

— בוקאַצקי וואָלט אויף דער טעמע געזאָגט אַ צען איראָנישע פּאַראַדאָקסן וועגן אונדזער געזעלשאַפט... באַ מיר איז דאָס געבליבן אין קאָפּ, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, ווי ער איז אויף אונדז אָנגעפאַלן פאַר דעם, וואָס דאָ ליבט מען עמעצן אָדער עפּעס. איך האָב זיך געדאַכט, אַז דאָס איז באַריש און ס׳טויג צו באַרגישט, און איך זע אין דעם איין אַ גרויסע מעלה. מען דאַרף עפּעס ווערן אויף דער וועלט און וואָס האָבן מיר? קיין געלט האָבן מיר נישט, שכל — אַזוי זיך, אָריענטירונגס־פעיקייט בנוגע די לאַגע — אוך נישט קיין גרויסע, באַלעבאַטישקייט — ווייניק; מיר האָבן באמת נאָך דאָס, וואָס נישט ווילנדיק כמעט, דורך עפּעס אַן אַלגעמיינער שטימונג, האָט מען עמעצן אָדער עפּעס ליב, און איב מען האָט אפילו נישט ליב, פילט מען צו דעם די באַדער־פעניש. דו ווייסט, אַז איך בין אַ געזעצטער מענטש און אַ סוחר,

זאָג איך דיר דאָס אַלזאָ ניכטערן. איך האָב זיך ווען דעם פּאָרטראַכט צוליב בוקאַצקין... אַזאַ מאַשקאַ, למשל, וואָלט ערגעץ אַנדערש געווען אַן אויסוואורף פון אונטער די הרי-חושך, איך קען אַ סך אַזעלכע. דאָ פונדעסטוועגן קענסטו אונטער דעם שווינדלער דער-קראַצן אַ מענטש — און דאָס איז אַ פּשוטע זאַך! ווייל סוף-כל-סוף, כל-זמן מען האָט נאָך דאָרט אין בויך עפּעס אַ פונק, איז מען נאָך נישט קיין גאַנצע בהמה און דאָ האָט מען עס, טאַקע דערפאַר, ווייל מען האָט עפּעס ליב.

— דו דערמאָנסט מיך אָן וואַסקאָוסקין. דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז נישט ווייט פון זייערע אָנשווינגען אויפן שליחות פון די יינגסטע אַריער.

— וואָס טויג מיר דאָרט וואַסקאָווסקי! איך זאָג דאָס, וואָס איך טראַכט. איך ווייס איינס: געם באַ אונדז דאָס צו — וועלן מיר זיך צעפאַלן, ווי אַ פּאַס אָן רייפן.

— הער-זשע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. דאָס איז באַ מיר שוין לאַנג אַ באַשטימטע זאַך. ליב האָבן עפּעס, אָדער נישט ליב האָבן עפּעס — איז אַ פּערזענלעכע פראַגע, דאָך פּאָרשטיי אָבער, אַז עפּעס דאַרף מען אין לעבן ליב האָבן. איך האָב זיך אויך אין דעם אַריינגעטראַכט. נאָכן קינדס טויט, האָב איך געפילט, אַז אַ טייל זייטן האָט אין מיר דער רוח גענומען — איך פיל עס נאָך צייטנווייז איצט. היינט נישט, כ'האָב מינוטן — ווי זאָל איך עס דיר זאָגן: פון אָפּפאַל, אויסשעפּונג, ספקות — און אויב כ'האָב נישט קוקנדיק אויף דעם, חתונה, איז עס דערפאַר, ווייל איך פאַרשטיי, אַז מען דאַרף געבן אַ שטאַרקן לעבנס-יסוד אונטער דער אַלגעמיינער ליבע...

— דעריבער און נישט דעריבער — האָט געענטפערט, דער אומדערבאַרעמדיקער אין זיין שכל, ביגעל — דו האָסט חתונה גאָרנישט צוליב ריין-שכלדיקע טעמים. נעמסט אַ שיין און ערלעך מיידל, צו וועלכער עס ציט דיך, און רעד זיך נישט איין, אַז עס איז אַנדערש, ווייל דו וועסט אויך אָנהייבן מאַכן דעם אָנשטעל... דאָס, מיין ליבער, די ספקות פאַרן חתונה האָבן האָט יעדער איינער. איך, ווי דו זעסט מיך — בין נישט קיין עום פילאָזאָף, און דאָך

האָב איך צען מאָל אין טאָג געפּלעגט פרעגן בײַ צו דער חתונה: צי האָב איך געענוג ליב מײַן קומענדיקע? צי אַזוי ווי מען דאַרף? צי נישט צו ווייניק מיט דער נשמה, און נישט צופיל מיט די חושים? גאָט ווייסט וואָס! נאָכדעם, האָב איך חתונה געהאַט, גענומען אַ ווײַלע פרוי, און ס'איז אונדז גוט. אײַך וועט אויך גוט זײַן, אויב איר וועט נאָר נעמען די זאַכן פשוט, ווײַל דאָס כסדרדיקע קריכן אין קאָפּ אַרײַן און באַטראַכטן עפּעס פאַרבאָרגענישן פון האַרץ — איז אויף מײַן וואָרט אַ שטות.

— אפשר טאַקע אַ שטות — האָט געענטפערט פּאָלאָניעצקי — איך האָב אויך נישט קיין גרויסע ליבע צו ליגן מיטן בויך אַרויף און אַנאַליזירן זיך פון אינדערפרי ביזן אָוונט, איך קען אָבער נישט זען קיין פאַקטן.

— וואָסערע פאַקטן?

— אַזעלכע, למשל, אַז מײַן געפיל איז נישט דאָס, וואָס עס איז געווען אין אָנהייב. איך מיין, אַז עס וועט אַזוי זײַן, כ'בין מודה, אַז עס שניידט זיך אויף דעם. כ'האָב חתונה, נישט קוקנדיק אויף די באַאָבאַכטונגען, אַזוי, ווי זיי וואָלטן נישט געווען, אָבער מאַכן זיי, מאַך איך.

— דאָס מעג מען.

— ווייסטו נאָך, וואָס איך טראַכט: אַז מען דאַרף פונדעסטוועגן די פענסטער פון הויז זאָלן אַרויסגיין אויף דער זון, ווײַל אַנישט וועט אין דער דירה זײַן קאַלט.

— דאָס האָסטו גוט געזאָגט — האָט געענטפערט ביגעל.

X.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער איבערבערעכן,
ס׳איז געקומען סוף פאָסט, און מיט דעם אַליין האָט זיך דער־
נענטערט דער טערמין פון פאָלאַניעצקיס און מאַשקאָס חתונות·
בוקאַצקי, פאַרבעטן צו זיין אונטערפירער, האָט צווישן אַנדערן
געענטפערט אָט־וואָס : „אַרויסשטויסן די שעפערישע אַלקראַפט פון
אַלגעמיינעם מצב, דאָס הייסט פונם צושטאַנד פון אויסגעצייכנטן
אָפרו און צווינגען זי דורך דער הילף פון חתונות זיך צו פאַר־
קערפערן אין מער אָדער ווייניקער שרייענדיקע דעטאַלן, וואָס
פאָדערן וויגלעך און ווילן זיך דורכן האַלטן דעם גרויסן פינגער
פון פוס אינם מויל, איז אַ פאַרברעכן. איך וועל דאָך קומען, ווייל
די אייוונס באַ אייך זענען בעסער, ווי היי״. אַ וואָך פאַר יום־טוב
איז ער געקומען און געבראַכט פאָלאַניעצקין אַ מתנה, אַ קונציק
געבונדענע פאַרמעטענע קאַרטל, אַ מין לוויה־מודעה, אויף וועל־
כער ס׳איז געווען אָן אויפשריפט : „סטאַניסלאַו פאָלאַניעצקי, איז
נאָך אַ לאַנג און שווער בחורשאַפט א. אַז. וו.

פאָלאַניעצקי, וואָס די קאַרטע איז אים געפעלן, האָט אויפצו־

מאָרגנס זי געבראַכט אַקעגן מיטאָג צו טראָגן מאַריניאַן, ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז ס'איז זונטיק, און פאַרויס זיך מאַכנדיק אַ פּלאַן גוט צו פאַרברענגען ביזן מיטאָג, האָט ער געהאַט אַן אַנ־טוישונג. עפּעס, ווען ער האָט מאַריניאַן אָנגעטראָפן אינעם הויז.

— איר גייט אַוועק? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— יאָ. אין קאָשטשאָל אַריין. היינט איז זונטיק.

— אַ, זונטיק!... אמת! און איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן אַ ביסל זיצן צוזאַמען. ס'וואָלט געווען אַזוי אָנגענעם...

און זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע מילדע, בלויע אויגן און אַ זאָג געטון מיט פּשטות:

— און גאָטס דינסט?

פּאָלאַניעצקי האָט די ווערטער אָנגענומען בשעת־מעשה, ווי אַלע אַנדערע, נישט פאָרויסזעענדיק, אַז אינעם גייסטיקן פּראָצעס, וואָס אים איז שפּעטער אויסגעקומען איבערצולעבן, וועלן זיי צוליב דעם פּשטות טאַקע, שפּילן אַ געוויסע ראָל. דערווייל האָט ער געענטפערט, ווי ער וואָלט מעכאַניש איבערגעחזרט:

— איר זאָגט: „גאָטס דינסט." אַוודאי! איך האָב צייט, מיר וועלן גיין צוזאַמען.

מאַריניאַ האָט דידאָזיקע דערקלערונג אויפגענומען מיט גרויס הנאה. אויפן וועג האָט זי אַ זאָג געטון:

— איך, וואָס מער איך בין גליקלעך, אַלץ מער האָב איך ליב דעם אייבערשטן.

— דאָס איז אויך אַ סימן פון אַ גוטער נאַטור; אַנדערע טראַכטן בלויז פון גאָט אין אַן עת־צרה.

אין קאָשטשאָל איז אים ווידער געקומען אויפן רעיון דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט בשעת זיין ערשטן מאָל זיין אין קושעמיען, ווען ער איז צוזאַמען מיטן אַלטן פּאָלאַניעצקי געווען אויף דער תפילה אין די וואַנטאַרן: „אַלע פילאָזאָפיעס און סיס־טעמען נעמט דער רוח, איינס נאָך דעם אַנדערן, נאָר די תפילה ווערט אָפּגעריכט, ווי אַלעמאָל". אים האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס איז פאַרהאַן אין דעם אומפאַרשטענדלעכס. ער, וואָס איז צוליב

ליטקאַס טויט זיך צונויפגעקומען אויף אַזאַ ווייטיקלעכן אופן מיטן טויט פּנים אל פּנים, איז כּסדר צוריקגעקומען צו די זעלבע פינסטערע פּראָבלעמען. וויפיל מאָל עס פלעגט אים אויסקומען צו זיין אויפן בית-עולם, אָדער אין קלויסטער, בשעת דער תפילה, אָדער בײַ עפּעס אומשטענדן, אין וועלכע ס׳איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו די רעאַלע באַדערפענישן פון לעבן, נאָר איז אויסגערעכנט אויף דער צוקונפט נאָכן טויט. ס׳האָט אים אָפּגעשטעלט דאָס, וואָס אין לעבן טוט זיך פונדעסטוועגן עפּעס-וואָס פאַר דער צוקונפט און וואָס, נישט קוקנדיק אויף אַלע פילאָזאָפירונגען, ספקותן, לעבט זיך עס אַזוי, ווי עס וואָלט זיין לחלוטין אויסער יעדן ספק. וויפיל פילאַנטראָפּישע מעשים מען ווידמעט עס, וויפיל מען רייסט אַראָפּ פון פערזענלעכן קליינלעכן עגאָיזם, וואָס מען בויט אונטערנאַטן, שפּיטעלער, קאַשטשאַלן, און דאָס אַלץ אויפן חשבון, וואָס ווערט ערשט געצאָלט נאָכן טויט.

נאָך מער האָט אים אָפּגעשטעלט דער געדאַנק, וואָס כּדי שלום צו מאַכן מיטן לעבן, מוז מען באמת קודם-כּל שלום מאַכן מיטן טויט, און אַן אמונה אין עפּעס אַ יענער וועלט, איז עס ממש אוממעגלעך. פאַרקערט ווידער, ווען מען האָט זי, האַלט די גאַנצע שאלה אָפּ, ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען. „זאָל דער רוח נעמען דעם טייוויער — לאָמיר אָנטון סוויבלען!" אויב אַזוי, וואָס-זשע קען מען מער פאַרלאַנגען? מען האָט פאַר זיך עפּעס אַ בילד פון אַ נייער עקזיסטענץ, אין ערגסטן פאַל, זייער אַן אינטערעסאַנטע — און די זיכערקייט איז געגליכן צו רו און שטילקייט. דעם ביישפּיל פון דעם האָט איצט פּאָלאַניעצקי געהאַט אין מאַריניאַן. צוליב איר געוויסער קורצזיכטיקייט האָט זי געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעבויגן איבערן ביכל, ווען זי פלעגט אָבער מינוטנווייז אים אויפהייבן, האָט פּאָלאַניעצקי געזען אַזאַ מילד געזיכט, וואָס איז כּמעט געווען פול מיט רויקייט פון פלאַנצן, און אַזאַ געהיילטע, אַז זי איז ממש געווען מאָלעריש. — „דאָס איז אַ גליקלעכע פרוי, און זי וועט אייביק זיין גליקלעך! — האָט ער צו זיך געזאָגט. — צו דעם האָט זי נאָך שכל, וואָרים אויב אויף

דער צווייטער זייט זאָל לכל-הפּחות געווען זיין זיכערקייט — וואָלט גלייכצייטיק געווען אויך דער נחת, וואָס עס גיט דער אמת — אָבער זיין פייניקן צוליב פאַרשידענע פרעגצייכנס איז אַ ריינער שטות".

אויפן וועג אַהיים, האָט פּאָלאַניעצקי, טראַכטנדיק כּסדר וועגן דאָזיקן אויסדרוק, אַ זאָג געטון:

— אינם קאָשטשאָל האָט איר אויסגעזען, ווי עפּעס אַ פּראָפיל פון פראַ אַנדזשעליקאָ. איר האָט געהאַט אַ געזיכט פון אַ ווען, וואָס איז לחלוטין גליקלעך.

— ווייל איך בין איצט גליקלעך, און ווייסט איר, פאַרוואָס? פאַרדעם ווייל איך בין בעסער, ווי כ'בין געווען. כ'האָב דאַמאָלס געהאַט אין האַרץ פאַריבל און אומווילן, כ'האָב נישט געהאַט פאַר זיך קיין שום האָפענונג, און דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעלייגט אין אַזאַ צער, אַ שרעק! מען זאָגט, אַז אומגליק מאַכט אויסדערווײלטע נשמות איידעלער, איך בין אָבער נישט קיין אויסדערווײלטע נשמה. איבעריקנס, קען זיין, אַז אומגליק איידלט אויס, אָבער עגמת-נפש, פאַריבל, אומווילן — מאַכן קאַליע... דאָס איז ווי סם.

— איר האָט מיך דאַמאָלס שטאַרק פיינט געהאַט?

מאַריניאַ האָט אויף אים אַ קוק געטון און געענטפערט:

— כ'האָב אַזוי פיינט געהאַט, אַז גאַנצע טעג פלעג איך נאָר טראַכטן וועגן אייך.

— מאַשקאָ איז פלינק — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — ער האָט עס מיר אַמאָל אַזוי דעפינירט: „איר איז ליבער געווען דיך פיינט צו האָבן, איידער מיך ליב צו האָבן".

— אוי, מיר איז טאַקע ליבער געווען!

אַזוי רעדנדיק, זענען זיי צו ביז דער היים, פּאָלאַניעצקי האָט דאָסמאָל צייט געהאַט אויפצווויקלען זיין פאַרמעטענע קלעפּסידרע און זי צו ווייזן מאַריניאַן. די חכמה איז איר אָבער נישט געפעלן. זי האָט דאָס חתונה האָבן נישט בלויז גענומען פון דער זייט פון האַרץ, נאָר אויך פון דער זייט פון רעליגיע. „פון אַזעל־

כע זאַכן מאַכט מען נישט קיין לצנות" — האָט זי אַ זאָג געטון — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך מודה געווען פאַר פּאָלאַניעצקין, אַז זי האָט אויף בוקאַצקין פאַריבל.

נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען בוקאַצקי. אין משך פון די עטלעכע חדשים זײַן אין איטאַליע איז ער געוואָרן נאָך דינער, וואָס דאָס איז געווען אַ ראיה קעגן דער ווירקונג פון „קיאַנטי" אויפן מאָגן-קאַטאַר. זײַן נאָז האָט דערמאַנט מיט זײַן סובטעלקייט די שאַרפקייט פון אַ מעסער, און זײַן הומאָריסטיש, איראָניש שמייכלדיק פּנימל איז געוואָרן ווי פּאָרצעלאַן און נישט גרעסער פון אַ פויסט פון אַ דערוואַקסענעם מאַנסביל. ער איז געווען הן פּאָלאַניעצקיס, הן מאַריניאַס אַ קרוב, און דעריבער האָט ער אין זייער בעגגוואָרט גערעדט, וואָס נאָר אים איז געפעלן. כמעט אויף דער שוועל האָט ער זיי דערקלערט, אַז צוליב די, וואָס אַמאָל אָפּטערע גײַסטיקע אומנאָרמאַלקייטן אויף דער וועלט, קען ער בלויז באַדויערן, אָבער אים חידושט לחלוטין נישט, וואָס זיי זענען געוואָרן חתן-כלה. ער איז טאַקע געקומען מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט נאָך בכוח זײַן מציל צו זײַן זיי, ער זעט אָבער איצט, אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט און אַז עס בלײַבט אים קיין זאַך נישט מער, ווי זיך מיאש צו זײַן. מאַריניאַ, הערנדיק דאָס, האָט אָנגעהויבן ווערן ברוגז, פּאָלאַניעצקי אָבער, וואָס האָט אים ליב געהאַט, האָט געזאָגט:

— באַהאַלט די חכמות צו דער דרשה אויף דער חתונה, וואָס דו מוזסט האַלטן, און איצט זאָג אונדז בעסער: וואָס מאַכט עפּעס אונדזער פּראָפעסאָר?

אויף דעם האָט בוקאַצקי ערנסט געענטפערט:

— ער איז משוגע געוואָרן.

— חכמהט אײַך נישט אויף אַזאַ אופן — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ.

און פּאָלאַניעצקי האָט צוגעגעבן:

— און אַזוי שלעכט.

בוקאַצקי אָבער האָט ווײַטער גערעדט מיטן זעלבן ערנסט:

— פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי איז אַראָפּ פון זינען, און אָט

זענען מייגע סימנים: ראשית, שפּאַצירט ער איבער רוים אָן אַ הוט, ריכטיקער, געשפּאַצירט, ווייל איצט געפינט ער זיך אין פּערוגיע; שנית, איז ער אָנגעפאַלן אויף אַ יונגער און שיינער ענגלענדערין, דערוויזנדיק איר, אַז די ענגלענדער זענען בלויז אין פּריוואַטן לעבן קריסטן, אָבער די באַציונג פון ענגלאַנד צו אירלאַנד איז נישט קיין קריסטלעכע; והשלישית: דרוקט ער אַ בראָשור, אַז דאָס שליחות פון באַלעבן און אויפלעבן די געשיכטע מיטן קריסטלעכן גייסט איז אָנגעטרויט געוואָרן די יינגסטע פון די אַריער. דאַכט זיך, אַז דאָס זענען סימנים.

— מיר האָבן געוווּסט פון דעם גאָך פאַרן פּראָפעסאָרס אָפּפאָר, און אויב עס דראָט אים מער גאָרנישט, האָף איך, אַז מיר וועלן אים בשלום זען.

— ער טראַכט נישט וועגן צוריקקומען.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט אַרויסגענומען דאָס באָטיץ-ביכל, אויפגעשריבן עטלעכע ווערטער מיט אַ בליישטיפט און דערלאַנגענדיק עס מאַריניאַן, אַ זאָג געטון:

— לייענט איבער און זאָגט, צי ס'איז גוט?

— אויב מען שרייבט אין מיין אָנוועזנהייט, רוק איך זיך אָפּ — האָט אַ זאָג געטון בוקאַצקי.

— ניין, ניין! ס'איז נישט קיין סוד!

מאַריניאַ האָט זיך פאַררייטלט, ווי אַ ווייבשל פאַר פרייד, און ווי זי וואָלט נישט וועלן גלייבן די אייגענע אויגן, האָט זי אָנגעהויבן פרעגן:

— אמת טאַקע? ניין?

— דאָס ווענדט זיך אָן אייך.

— אָך, הער סטאַך! . . . כ'האָב אַפילו נישט געחלומט פון דעם. כ'מוז עס זאָגן דעם טאַטן, כ'מוז!

און זי איז אַרויס פון צימער.

— ווען איך זאָל זיין אַ דיכטער, וואָלט איך זיך אויפגעהאַנגען — האָט אַ זאָג געטון בוקאַצקי.

— פאַרוואָס?

— ווייל אויב אַ פּאָר ווערטער, וואָס זענען אָנגעשריבן

מיט דער האַנט פון אַ שותף צום הויז ביגעל און קאַמפּ. קען מאַכן אַ גרעסערן רושם, ווי דער שענסטער סאָנעט, איז בעסער צו זיין אַ מילנער־יינגל, איידער אַ דיכטער.

אָבער מאַרינאַ האָט אין אויפרעגונג פון פרייד פאַרגעסן דאָס נאָטיץ־ביכל, און פּאָלאַניעצקי האָט עס געוויזן בוקאַצקין, זאָגנדיק בא דעם:

— לייען.

בוקאַצקי האָט איבערגעלייענט:

„נאָך דער חתונה — ווענעציע, פלאָרענץ, רוים, נעאַפּאָל — גוט?

— אַ רייזע אַלזאָ קיין איטאַליע?

— יאָ. מאָל זיך, אַז זי נעבעך איז נאָך קיינמאָל נישט אין לעבן געווען אין אויסלאַנד, און איטאַליע האָט זיך איר אַלעמאָל אויסגעדאַכט עפּעס אַ פאַרכישופט לאַנד, וועגן וועלכן זי האָט אפילו אין שלאָף נישט געחלומט. דאָס איז פאַר איר אַ גרויסע שמחה — און צו אַלדע רוחות, וואָס איז דער חידוש, אויב איך טראַכט אַ ביסל וועגן אירע הנאות!

— ליבע און איטאַליע! אָ, גאָט, וויפיל מאָל האָסטו שוין אויף דעם געקוקט! דאָס אַלץ איז אַלט, ווי די וועלט.

— נישט אמת! פאַרליב זיך, וועסטו זען, אַז דו וועסט געפינען אין דעם עפּעס נייעס.

— מיין ליבער, ס׳גייט נישט אין דעם, וואָס איך ליב זיך נאָך נישט, נאָר אין דעם, וואָס איך ליב זיך שוין נישט. כ׳האָב שוין לאַנג אויסגעגראָבן אין זאַמד דעם ספינקס און ער איז שוין פאַר מיר קיין רעטעניש נישט.

— בוקאַצקי, האָב חתונה.

— איך קען נישט. כ׳האָב אַ שוואַכע ראיה און אַ צו שוואַכן מאָגן.

— וואָס־זשע שאַדט עס?

— ווייל פאַרשטייסטו מיך, אַ פרוי איז ווי אַ פּאַפּירל. אַ מלאך שרייבט פון איין זייט, דער טייוול פון דער צווייטער, דאָס פּאַפּיר שלאָגט דורך, די ווערטער מישן זיך אויס און עס ווערט

אַ ביגאַכל, וואָס איך וואָלט נישט געקענט, נישט איבערלייענען און נישט פאַרדייען.

— דו קענסט אַ גאַנץ לעבן אָפּקומען מיט חכמות!

— כ'וועל פונקט אַזוי שטאַרבן, ווי דו, וואָס האָסט התונה. אונדז דאַכט זיך, אַז מיר טראַכטן וועגן טויט: ער טראַכט וועגן אונדז מער.

בינו-לבינו איז מאַריניאַ צוריקגעקומען מיטן פּאַטער, וואָס האָט אַרומגענומען פּאָלאַניעצקין און געזאָגט:

— מאַריניאַ האָט מיר דערציילט, אַז נאָך דער חתונה ווילט איר פאָרן קיין איטאַליע.

— אויב מיין קומענדיקע מאַדאַם וועט מסכים זיין.

— די קומענדיקע מאַדאַם איז נישט בלויז מסכים — האָט געענטפערט מאַריניאַ — נאָר האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן פון שמחה און האָט חשק צו שפּרינגען איבערן צימער, ווי זי וואָלט אַלט זיין צען יאָר.

אויף דעם האָט פּלאַוויצקי געענטפערט.

— אויף דאָס צלמל פונם איינזאַמען זקן קען איך צונוצקומען אינם וויטן וועג, צלם איך אייך איבער.

און ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און די הענט אינדערהייך, צו בוקאַצקיס אומגעהייערער פרייד, מאַריניאַ אָבער האָט אַראָפּגעצויגן הער פּלאַוויצקיס האַנט און אַ קוש טוענדיק זי, אַ זאָג געטון מיט אַ געלעכטער:

— טאַטעשי, ס'וועט נאָך צייט זיין, מיר קלויבן זיך דאָך ערשט, ווייס איך וועט, נאָך דער חתונה.

— אייגנטלעך — האָט צוגעגעבן בוקאַצקי — קויפט מען בילעטן, מען גיט אָפּ אויף דער וואָג די זאַכן און מען פאָרט — מער נישט.

אויף דעם האָט פּלאַוויצקי זיך געווענדט צום יונגן ציניקער און געענטפערט אים מיט אַ געוויסער אַנגעזאָלבטקייט:

— איר זענט שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז די ברכה פונם איינזאַמען זקן און פּאַטער האַלט איר פאַר איבעריק?

בוקאַצקי אָבער האָט אָנשטאָט צו ענטפערן, אַרומגענומען

פלאָוויצקין ביז דער העלפט, אים אַ קוש געטון אין דער גאַנגט פונם וועסטל און געזאָגט:

— צי וואָלט דער איינזאַמער זקן נישט געמאַכט אַ פּיקעט, די צוויי משוגעניעקעס צו לאָזן זיך אויסרעדן?

— אָבער מיט אַ רוביקאָן? — האָט געענטפערט הער פלאָ־וויצקי.

— מיט אַלץ, וואָס איר ווילט.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך געווענדט צום יונגן פּאָר:

— דינגט מיך פאָרן וועג־ווייזער איבער איטאַליע.

— ס'פאַלט מיר גאָרנישט איין — האָט געענטפערט פּאָלאַ־ניעצקי — איך בין בלויז געווען אין בעלגיע און אין פראַנקרייך, אי־טאַליע קען איך נישט. איך וויל אָבער זען, וואָס עס וועט אונדז אינטערעסירן, נישט דאָס, וואָס דיך. כ'האָב געזען אַזעלכע, ווי די און איך ווייס, אַז איר קומט דורך צופיל ראַפינירטקייט צו דעם, אַז איר האָט קיין קונסט נישט ליב, נאָר די אייגענע מבינות.

דאָ האָט פּאָלאַניעצקי ווייטער גערעדט צו מאַריניאַן:

— יאָ, זיי קומען צו דעם, זיי פאַרלירן דעם חוש צו גרוי־סער און פשוטער קונסט, און זוכן עפּעס אַזוינס, וואָס קען נאָך אינטערעסירן זייער איבערגעזעטיקטקייט — און דערווייזן מבינות. זיי זעען נישט קיין בוים, נאָר זוכן אויס טענקעס. זיי גייט נישט אָן די גרעסטע, וועלכע מיר וועלן פאָרן באַקוקן, נאָר די קלענ־סטע, וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געהערט; זיי זוכן אויס עפּעס עמעצן פון אונטער די הרי־חושך; זיי פאַרנעמען זיך מיט דעם אָדער יענעם מאָביער, רעדן זיך איין און יענעם, אַז ערגערע, אומגעלימפּערטע זאַכן זענען אינטערעסאַנטער פון בעי־סערע און פולקומערע. מיר וואָלטן באַ זיין אָנווייזן געקענט נישט זען קלויסטערס, און מיר וואָלטן געזען כלערליי זאַכן, וואָס מען דאַרף באַקוקן דורך אַ שפּאַקטיוו. איך זאָג אייך, אַז דאָס אַלץ איז איבערגעזעטיקטקייט, מיסברויך און צופיל ראַפינירטקייט — און מיר זענען פשוטע מענטשן.

מאַריניאַ האָט געקוקט אויף אים מיט שטאָלץ, ווי זי וואָלט

וועלן זאָגן: „אַט דאָס הייסט רעדן!" איר שטאָך איז באַלמער געוואָקסן, ווען בוקאַצקי האָט אַ זאָג געטון:

— דו ביסט לחלוטין גערעכט.

זי איז אָבער אין כּעס געוואָרן, ווען ער האָט אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— שבֿית ווען דו וואָלסט נישט זײַן אַפּילו, וואָלט איך פֿאַר דעם טריבונאַל דעם פּראָצעס נישט געוווּנען.

— אַנטשולדיקט, איך בין לחלוטין נישט פֿאַרבלענדט.

— און איך בין לחלוטין נישט קיין קונסט־מבֿין — אדרבה, איר טאַקע יאָ.

— אויב יאָ, דערקלער איך, אַז דאָס מבֿינות נעמט אַרום בלויז מער דעטאַלן, אָבער עס שאַדט נישט ליב צו האָבן די גרויסע קונסט און איר מעגט עס נישט גלייבן פּלאַניעצקין, נאָר מיר.

— ניין! איך וויל ליבערשט גלייבן פּאָלאַניעצקין.

— וואָס עס איז אויך געווען פֿאַרויסצוזען — האָט געענטפֿערט בוקאַצקי.

מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן קוקן דאָ אויף איינעם, דאָ אויפֿן צווייטן, מיט אַ ביסל אַ פֿאַרדאַגהטער מינע, דערווײַל איז אָבער אַרײַן הער פּלאַוויצקי מיט די קאָרטן. חתן־כּלה זענען געגאַנגען איבער די צימערן געאָרעמט, בוקאַצקי ווידער האָט זיך שנעל אָנגעהויבן לאַנגווײַליקן אין זיך וואָס אַמאָל מער געלאַנגווײַליקט. סוף אָוונט, איז דער הומאָר, וואָס האָט לעבעדיק געמאַכט אים, פֿאַרלאָשן געוואָרן, זײַן קליין פּנימל איז געוואָרן נאָך קלענער, די נאָז נאָך שאַרפֿער און ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעוועלקט בלאַט. אין אָוונט, ווען ער איז צוזאַמען אַרויס מיט פּאָלאַניעצקין, האָט ער אים אַ פֿרעג געטון:

— וואָס האָסטו עפּעס פֿאַרלוירן די שטימונג?

— ווײַל איך בין ווי אַ מאַשין — האָט געענטפֿערט בוקאַצקי — כּל־זמן איך האָב אין זיך ברענמאַטעריאַל, פֿאָר איך, ווען אין אָוונט שעפּט זיך מיר דער פֿרימאָרגנ־רעזערוו אויס, בלײַב איך שטיין.

פּאָלאַניעצקי האָט אויף אים אויסמערקזאַם א קוק גע־
טון.

— מיט וואָס־זשע באַהייצסטו זיך?

— פאַרהאַן פאַרשידענע מינים קוילן. קום צו מיר, וועל איך דיר געבן א שעלעכל גוטע קאַווע, וועט זי אונדז לעבעדיק מאַכן.

— הער, דאָס איז אַן איידעלע זאַך, מיר האָט מען אָבער געזאָגט, אַז דו באַנוצט מאָרפין.

— פון דאָ נישט לאַנג אַן — האָט געענטפערט בוקאַצ־קי. — דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר א האָריזאָנטן דאָס עפנט אויף.

— און דערהרגעט, אום גאָטעס ווילן.

— און דערהרגעט. זאָג מיר דעם אמת. איז דיר אַמאָל געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז מען קען פשוט בענקען נאָכן טויט?

— ניין — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — איך פאַרשטיי א פאַרקערטע זאַך.

זיי זענען א ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך וועל דיר אָבער נישט געבן, נישט קיין מאָרפיום, נישט קיין אָפּיום, — האָט ענדלעך א זאָג געטון בוקאַצקי — נאָר גוטע קאַווע און א פלעשל אַלטן באָרדאָ. דאָס וועט זיין אַן אומשולדיקע אָרגיע.

אין א קורצער צייט אַרום זענען זיי צוגעקומען צו בוקאַצ־קיס וווינונג. דאָס איז געווען א דירה פון אַן אמת פאַרמעגלעכן מענטש, וואָס שמעקט א ביסל מיט פוסטקייט, אָבער איז פול מיט קליינינקייטן, וואָס האָבן א שייכות צו קונסט, מיט בילדער און צייכנונגען. די לאָמפּן האָבן אין עטלעכע צימערן געברענט, ווייל בוקאַצקי האָט נישט געקענט ליידן די פינסטער, אפילו בשעתן שלאָף.

„באָרדאָ" איז געווען גרייט און אונטער דער קאַווע־מאַ־שינקע האָט אין א ווײַלע אַרום אָנגעהויבן ברענען א בלוי פלעמל,

בוקאַצקי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפּע און האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— ס'קען זיין, אַז דו האַלטסט גאָרנישט פון אַזאַ זאַך, אַז, ווי דו זעסט מיך אַזאַ פּיליגראַניקן, האָב איך לחלוטין נישט קיין מורא פאַרן טויט.

— פון דעם איינעם האָב איך צייטנווייז געהאַלטן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — אַז דו חכמה'סט זיך און חכמה'סט זיך, נאַרסט זיך אַליין און אַנדערע, אין תוך גענומען האָסטו אין זיך קיין זאַך נישט — און דאָס אַלץ איז בלויז געמאַכט.

— דאָס מענטשלעכע טיפּשות ווילט מיך אַ ביסל.

— אָבער דו, קוים האַלטסטו זיך פאַר אַ קלוגן, ווי אַזוי האָסטו געקענט אַזוי געמיין זיך איינאָרדנען דאָס לעבן?

דאָ האָט פּאָלאַניעצקי זיך אַרומגעקוקט אויף די צאַצקעס, בילדער און צוגעגעבן:

— ווייל אין דער גאַנצער סביבה לעבסטו דאָך געמיין.

— גאַנץ געמיין.

— דו געהערסט אויך צו די, וואָס מאַכן דעם אָ נ ש ט ע ל! וואָס פאַר אַ חלאת שטעקט אין דער געזעלשאַפט! דו פּאָזירסט און פּטור!

— צייטנווייז. איבעריקנס, ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ נאַטור־זאַך.

בוקאַצקי איז פּאַמעלעך, אונטער דער ווירקונג פון אַ „באָרדאָ", געוואָרן לעבעדיק און ריידעוודיק, הגם די פרייַלעכקייט האָט זיך צו אים נישט אומגעקערט.

— זעסטו — האָט ער אַ זאָג געטון — אין איין זאַך מאַך איך נישט קיין אָנשטעל. דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב זיך אַליין געקענט זאָגן, אָדער וואָס עמעץ קען מיר זאָגן, האָב איך באַטראַכט און האָב זיך עס שוין לאַנג געזאָגט. איך פיר דאָס נאַרישסטע און אייטלסטע לעבן, וואָס מען קען נאָר פירן. אַרום מיר איז אַ געוואַלטיקע נישטיקייט, פאַר וועלכער איך האָב מורא און וועלכע איך באַוואַרף מיט אַזעלכע גראַטעס, וואָס דו זעסט דאָ אין צימער, כדי כ'זאָל ווייניקער מורא האָבן. נישט מורא האָבן פאַרן

טויט איז עפּעס אַנדערש, ווייל נאָכן טויט, נישט מען פילט, נישט מען טראַכט. איך וועל דאַמאָלס אויך זיין אַ טייל פונם ניש־טיקייט, אָבער פילן זי, לעבעדיק מאַכן זי באַוווסטזיניק, אָפּ־געבן זיך פון איר אַ חשבון, אויף מיין וואָרט, אַז קיין נידער־טרעכטיקערע זאַך קען נישט זיין. בּאַ דעם איז מיין געזונט צו־שטאַנד באמת אַ שלעכטער און נעמט בּאַ מיר אָפּ יעדע ענערגיע. איך האָב נישט אין זיך קיין ברען־מאַטעריאַל, גיב איך זיך אים צו. פאַרהאַן אין דעם וויניקער פּאָזע און אָנשטעל, ווי דו מיינסט אלא, ווען איך גיב זיך צו ברען־מאַטעריאַל, נעם איך דאָס לעב פון דער הומאָריסטישער זייט, מאַך איך מיט דעם נאָך אַ קראַנקן, וואָס ליגט אויף דער זייט, אויף וועלכער ס׳איז אים צום באַ־קוועמסטן. מיר איז אַזוי צום באַקוועמסטן, איי די לאַגע איז אַ קינסטלעכע, בין איך מסכים צו דעם! יעדע אַנדערע וואָלט אָבער געווען אַ קווילנדיקע. און די פראַגע איז דערליידיקט.

— ווען דו זאָלסט זיך אָבער נעמען פאַר עפּעס אַן ארבעט.

— לאָז צורו. קודם־כל ווייס איך אַ סך זאַכן און קען גאָרנישט. שנית, בין איך קראַנק; שלישית, ראָט אַ פּאַראַליטיקער ער זאָל אַ סך גיין, ווען ער קען מיט קיין פוס נישט רירן. די פראַגע איז דערליידיקט! טרינקט וויין און לאָמיר רעדן וועגן דיר. אַ ווויל מיידל, די פריילין פלאַוויצקאַ, און דו טוסט גוט, וואָס דו האָסט מיט איר התונה, דאָס, וואָס איך רעד זיך דאָרט באַטאָג, ווערט נישט גערעכנט. אַ ווויל מיידל און זי האָט דיך ליב. . .

דאָ האָט בוקאַצקי אַ לעבעדיקער און אויפגערייצטער, משמעות פונם וויין, אָנגעהויבן שנעל רעדן:

— ווייל וואָס איך רעד אַ גאַנצן טאָג, דאָס רעכנט זיך נישט. איצט איז נאַכט, מיר טרינקען וויין און עס קומט אַן אויפ־ריכטיקע מינוט. ווילסט נאָך וויין, צי קאַווע? כ׳האָב ליב דעם ריח. מען דאַרף אַלעמאָל מישן אַ ביסל מאָקאָ מיט צייַלאָן אין גלייכע טיילן. . . איצט קומט אַן אויפריכטיקע מינוט! ווייסט, וואָס איך טראַכט אין עצם. כ׳האָב נישט קיין ריכטיקע השגה, וויפיל גליק עס קען געבן רום, ווייל כ׳האָב דעם טעם נישט גע־פילט, און היות דער טעמפּל אין עפּיז איז פאַרברענט, איז פאַר

מיר קיין אויסזיכט נישטאָ... איך מיין אָבער, סתם אַזוי, אַז די צאָל וואָלט געקענט אַ מויז איפּרעס;, און נישט נאָר אויפן ניכ־טערן מאָגן, נאָר נאָך אַ גוטן פרישטיק אין דער שפּייז־קאַמער... איך ווייס, וואָס עס הייסט זיין פאַרמעגלעך, ווייל איך פאַרמאָג אַ ביסל; איך ווייס, וואָס עס הייסט רייזעס, ווייל כ'האָב זיך אַ ביסל אַרומגעשלעפּט; איך ווייס, וואָס עס הייסט פרייהייט, ווייל איך בין פריי; איך ווייס, וואָס עס הייסט פרויען — אוי, צו אַלדע ריחות, שוין צו פיל! — איך ווייס, וואָס עס הייסן ביכער. אַ חוץ דעם, האָב איך אין דעם צימער אַ ביסל בילדער, אַ ביסל צייכנונגען און אַ ביסל פאַרצעליי... און איצט הער, וואָס כ'וועל דיר זאָגן: דאָס אַלץ איז גאָרנישט! אַלץ איז אייטלקייט! שטותעריי! פוילונג! לגבי איין האַרץ, וואָס האָט ליב. אָט, איז דער פּועל־יוצא פון מיינע באַאָבאַכטונגען — נאָר איך בין געקומען צו דעם צום סוף, בשעת באַ גאָרמאַלע מענטשן איז עס אַן אָנהייב.

דאָ האָט ער פּיבעריק אָנגעהויבן מישן מיטן לעפּעלע די קאַווע, און פּאַלאַניעצקי, וואָס איז געווען זייער לעבעדיק, האָט זיך אַ ריס געטון און געזאָגט:

— אָ, דו לומפּ אייגער! וואָס־זשע דען האָסטו מיט עטלע־כע חדשים צוריק גערעדט, אַז דו אַנטלויפסט קיין איטאַליע, ווייל דאָרט האָט דיך קיינער נישט ליב, נישט דו האָסט עמעצן ליב. געדענקסט, אפשר וועסטו לייקענען?

— און וואָס האָב איך גערעדט היינט אינדערפרי צו דיר און דיין כלה? אַז איר זענט משוגע געוואָרן? און איצט זאָג איך, אַז דו טוסט גוט? פאַרלאַנגסט פון מיר לאָגיק! רעדן און זאָגן, דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. איצט בין איך אויפריכטיקער, ווייל כ'האָב אויסגעטרונקען צוויי פלעשלעך וויין.

פּאַלאַניעצקי אָבער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צי־מער און חזרן:

— נו, אויף מיין וואָרט! עס איז מעשי־פּלאים. אָט וואָס פאַר אַ יסוד די זאַך האָט און וואָס זיי זאָגן אַלע, ווען מען דריקט זיי צו צו דער וואַנט.

בוקאַצקי האָט אָנגעגאָסן, מיט זיין אַ ביסל ציטערדיקער

האַנט, דאָס צווייטע שעלעכל קאַווע און האָט ווייטער גערעדט:

— ליב האָבן — דאָס איז שוין גוט, אָבער פאַרהאַן איז נאָך בעסערס — זיין געליבט. העכערס פון דעם איז שוין גאָר־נישטאָ! וואָס שייך מיר, וואָלט איך אָפּגעגעבן די אַלע... אָבער וועגן מיר איז נישט כדאי צו רעדן. דאָס לעבן איז אַ שלעכטע און אַן טאַלאַנט אָנגעשריבענע קאָמעדיע — אפילו דאָס־וואָס עס טוט געוואַלט־ק ווי, ווערט צייטנווייז אַ שלעכטע מעלאָ־דראַמע. אָבער אויב עס איז אין לעבן פאַרהאַן עפּעס גוטס, איז עס נאָר — זיין געליבט. מאָל זיך, אַז כ'האָב דעם טעם נישט געפילט — און דו האָסט עס געפונען, נישט זוכנדיק...

— זאָג עס נישט, ווייל דו ווייסט נישט, ווי דאָס איז מיר אָנגעקומען.

— כ'ווייס, וואַסקאָווסקי האָט מיר געזאָגט... איבעריקנס, איז אַלציינס. די מעשה פון דעם איז, אַז דו זאָלסט עס קענען שעצן.

— וואָס־זשע ווילסטו? איך פאַרשטיי אויך, אַז מען האָט מיך אַ ביסל ליב, האָב איך חתונה און אַ סוף.

אויף דעם האָט בוקאַצקי אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— ניין, פּאָלאַניעצקי. איך בין אַ שוטה לגבי זיך אַליין, אָבער נישט קיין שלעכטער באַאָבאַכטער פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אַרום מיר. דאָס איז נישט קיין סוף, נאָר אַן אָנהייב... דאָס רוב מאַנסלייט זאָגן אַזוי: כ'האָב חתונה — און אַ סוף! — און דאָס רוב האָבן אַ טעות.

— די פילאָזאָפיע בין איך נישט משיג.

— עס גייט, פאַרשטייסטו מיך, אין דעם: ווייניק איז צו נעמען אַ פרוי — מען דאַרף זיך איר אויך איבערגעבן — און מען דאַרף זי זאָל דאָס פילן, פאַרשטייסט?

— נישט זייער.

— מילא, מאַכסטו דעם אָנשטעל פון אַ נאַיוון: מען דאַרף זי זאָל זיך פילן נישט בלויז ווי אַן אייגנטום, נאָר אויך ווי אַן אייגנטימערין. אַ זעל פאַר אַ זעל, — אַנישט קען מען כאַפּן אַ

מפּלה. חתונות זענען פאַרהאַן גוטע, אָדער שלעכטע. מאַשקאָן וועט זיין שלעכט צוליב כמה־טעמים און צווישן אַנדערן צוליב דעם טעם, וועגן וועלכן איך וויל רעדן.

— ער האַלט זיך בײַ אונדזער מיינונג, אָבער אַ שאָד איז, אויף מיין וואָרט, וואָס דו האָסט נישט חתונה געהאַט, קוים פאַר־שטייסטו אַזוי גוט, ווי אַזוי עס דאַרף צו זיין.

— ווען פאַרשטיין און טון בהסכם מיטן שכל וואָלט געהייסן דאָסזעלבע, וואָלט נישט געווען קיין פאַרשידענע — כל־המינים — ירידות, פון וועלכע אונדז אַלעמען ברעכט די ביינער. איבעריקנס, מאָל זיך אויס מיך אַלס חתונה־האָבנדיקן!

דאָ האָט בוקאַצקי אָנגעהויבן לאַכן מיט זיין דין קולעכל. עס האָט זיך אים פּלוצלינג אומגעקערט די פרייליכקייט, און נאָך איר, דאָס זען זאַכן פון דער קאָמישער זייט.

— דו וועסט זיין קאָמיש, היינט־זשע איך!... ס'איז זיך בײַ די זייטן צו האַלטן, וואָס פאַר אַ מינוט דאָס איז! וועסט עס זען אין צוויי וואָכן אַרום... למשל, ווי דו וועסט דיך אָנטון אין קאָשטשיאָל אַריין. דאָ די ליבע, דאָס האַרצקלאַפּעניש, די ערנסטע מחשבות, די נייע תקופה... אין לעבן; דאָרט דער גערטנער מיט בוקעטן, דער פראַק, די פּאַרלווירענע ספּינקעס, דאָס בינדן דעם קראַוואַט, דאָס אָנטון די לאַקערקעס — דאָס אַלץ צוזאַמען איז איין כאַאָס, איין ביגאָס... זייט מיך מציל, מלאכים טייערע! איך האָב אויף דיר רחמנות, מיין ליבער — און בעט זאָלסט עס נישט נעמען ערנסט, וואָס כ'האָב געזאָגט. דאַכט זיך, ס'איז ראש־חודש, און ראש־חודש האָב איך אַ מאַניע צו רעדן סענטימענטאַלע באַנאַליטעטן. אַלץ איז שטותים!... ס'איז ראש־חודש — נישט מער! איך בין געווען אַ האַרציקער, ווי אַ שאָף, וואָס האָט פאַרלוירן איר ערשטלינג — און זאָל מיך דער הונט כאַפּן, צי כ'האָב נישט גערעדט קיין באַנאַליטעטן.

פּאָלאַניעצקי אָבער איז אָנגעפאַלן אויף אים:

— כ'האָב געזען אַ סך געמיינע זאַכן, ווייסט אָבער, וואָס עס ווייזט זיך מיר אויס צום געמיינסטן אין דיר און אין דיינסגלייכן? דאָס, וואָס איר, וועלכע באַפרייט אייך פון אַלץ, אָנערקענט קיין

זאַך נישט איבער זיך, האָט מורא ווי פאַר פייער פאַר יעדן ער־לעכן אמת בלויז דערפאַר, ווייל עמעץ האָט אים שוין געקענט אַרויסזאָגן. ווי געמיין דאָס איז, אויף מיין וואָרט, עס פעלט ממש אויס ווערטער! וואָס שייך צו דיר, מיין טייערער, ביסטו מיט אַ ווײַלע פריִער געווען אויפריכטיקער, ווי איצט... איצט ביסטו ווידער אַ פודעל, וואָס טאַנצט אויף צוויי פיס — אָבער איך זאָג דיר, אַז צען אַזעלכע, ווי דו, וועלן מיר נישט איינרעדן, אַז כ׳האָב נישט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס אויף דער לאָטעריי.

און ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט בוקאַצקין אַ ביסל אין כעס — אויפן וועג אָבער האָט ער באַ זיך כסדר געחזרט:

— אָט, וווּ ס׳איז דער אמת! אָט, וואָס עס זאָגט אַזאַ מאַשקאָ אָדער אפילו אַזאַ בוקאַצקי, ווען ער וויל זיין אויפריכ־טיק — און איך האָב פשוט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס — און איך וועל נישט אויסבּרענגען דאָס, וואָס איך האָב געווו־נען.

נאָכדעם, אומקערנדיק זיך אַהיים און אַ קוק טוענדיק אויף ליטקאָס בילד, האָט ער הויך אַ זאָג געטון: „מיין ליב קעצל!...״ אַזש ביזן אַנטשלאָפן ווערן האָט ער נאָכדעם געטראַכט מיט מתיקות וועגן מאַריניאַן און גלייכצייטיק מיט דער רויִקייט פון אַ מענטש, וואָס פילט, אַז עפּעס אַ גרויסע לעבנס־אויפגאַבע איז אומבאַדינגט געוואָרן באַשיידן און גוט באַשיידן.

ווייל, נישט קוקנדיק אויף בוקאַצקיס רייד, איז ער דאָך געווען איבערצייגט, אַז בשעת ער וועט חתונה האָבן — וועט מיט דעם גופא אַלץ ווערן דערליידיקט און פאַרענדיקט.

XI.

„די קאַטאַסטראָפע“, ווי בוקאַצקי האָט געזאָגט, איז ענדלעך געקומען. פּאָלאַניעצקי האָט זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז פאַרהאַן אין לעבן אַזעלכע טעג, ווען דער מענטש קען די אייגענע געדאַנקען נישט כאַפּן. איז עס קודם-כּל דער טאָג פון דער חתונה. מינוטנווייז האָבן זיך העכער אַמאָל צען געדרייט אין זיין קאָפּ אַזעלכע אומקלאָרע געדאַנקען, אַז זיי זענען גיכער ענלעך געווען צו נישט באַוווּסטזיניקע איינדרוקן. ער האָט דעריבער געפילט, אַז אין זיין לעבן הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה, אַז ער נעמט אויף זיך געוויסע פליכטן, וואָס מען דאַרף געוויסנהאַפט און ערנסט אויספילן, און גלייכצייטיק, אָבער גאָר אינגאַנצן גלייכצייטיק, האָט ער זיך געחידושט, וואָס די קאַרעטע פאָרט ביז איצט נישט צו און זיין פאַרוווּנדערונג האָט ער אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ דראָונג: „זאָלן די ממזרים זיך פאַרשפעטיקן, וועל איך זיי די קעפּ אַראָפּדרייען“. ס׳האָט אים מינוטנווייז באַהערשט אַזאַ פייערלעכע שטימונג און עפּעס אַזאַ ערלעכע מורא פאַר דעם עתיד, פאַרוואָס ער האָט אויף זיך גענומען די אחריות — ער האָט גע-

פילט אין זיך עפּעס אַ דערהויבנקייט און אינם געפיל פון דער־הויבנקייט האָט ער אָנגעהויבן אייַנזייפן די באָרד און זיך פאַר־טראַכט, צי אויף אַזאַ אויסערגעוויינטלעכן טאָג וואָלט נישט כּדאַי געווען אַהיימצוברענגען דעם פריזירער צו זיין אַ ביסל אומגעלום־פּערטער טשופּריגע. מאַריניאַ איז אים גלייכצייטיק אונטערגעקומען אין אַלע זייַנע אייַנדריקן. ער האָט זי געזען אַזוי, ווי זי וואָלט פאַר אים געשטאַנען. ער האָט געטראַכט, אַז זי שטעלט זיך די רגע אויף אָן, אַז זי שטייט באַ זיך אין צימער פאַרן שפּיגל, אַז זי רעדט מיט דער דיגסט און די נשמה אירע פליט צו אים און דאָס האַרץ קלאַפּט אומרויִק. דאַמאָלס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ סענטי־מענטאַל געפיל און ער האָט אַוועקגעלייגט אַ מאַנאָלאָג: „גאָר האָב נישט דאָרט קיין מורא, מיין ערלעך באַשעפעניש, ווייל אויף מיין וואָרט, כ׳וועל דיר קיין עוולה נישט טון“. — און ער האָט זיך געזען אין דער צוקונפט אַזאַ גוטן אייַנזעענדיקן, אַזוי, אַז ער האָט מיט אַ געוויסער געריכטקייט אָנגעהויבן קוקן אויף די לאַ־קירקעס, וואָס זענען געשטאַנען לעבן דעם פּאָטעל, אויף וועלכן ס׳זענען געלעגן די חתונה־מלבושים. ער האָט פון צייט צו צייט געחזרט צו זיך: „אַז חתונה האָבן, זאָל זיין חתונה געהאַט!“ ער האָט געזאָגט צו זיך, אַז ער איז געווען אַ טפּש, ווען ער האָט זיך געוואַקלט, ווייל אַ צווייטע מאַריניאַ איז אויף דער וועלט נישטאָ. ער האָט געפילט, אַז ער האָט זי ליב און האָט אגב געטראַכט, אַז דאָס וועטער איז גאָרנישט קיין שלעכטס, אָבער עס קען נאָך זיין אַ רעגן, אַז אין קאַשטשאָל באַ די וויזיטקעס קען זיין אַמאָל קאַלט, אַז ער וועט אין אַ שעה אַרום קניִען פאַר מאַריניאַן, אַז ס׳איז זיכערער צו נעמען אַ ווייסן געבינדענעם שניפּס, ווי אַ צו־געהעקלטן, אַז די חתונה איז מסתּמא דער וויכטיקסטער מנהג אויף דער וועלט. אַז אין דעם איז פאַרהאַן עפּעס הייליקס און אַז מען דאַרף נישט, צי אַלדי רוחות, פאַרלירן דעם קאָפּ באַ אַזעלכע באַ־דינגונגען, מחמת אין אַ שעה אַרום וועט זיך עס ענדיקן, צומאָרגנס וועלן זיי אָפּפאָרן, און באַלדעם וועט זיך אָנהייבן אַ נאָרמאַל לעבן פון אַ מאַן מיט אַ ווייב.

דידאָזיקע רעיונות פלעגן אָבער זיך שפּליִען מינוטנווייז,

ווי אַ טשאַטשע שפּערלען, און וועלכע עמעץ האָט פֿון הינטער אַ פּלויט אויסגעשאָסן — און אין פּאָלאַניעצקיס קאָפּ איז געוואָרן אַ פּוסטקע. מעכאַניש זענען אים דאַמאָלס געקומען אויף די ליפּן אַזעלכע מיגים פּראַזן, ווי למשל: „דער אָקטאָבער אַפּריל, מאָרגן איז מיטוואָך! מאָרגן איז מיטוואָך! מיין זייגערל! מאָרגן איז מיטוואָך!" — שפּעטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און געחזרט צו זיך: „מען דאַרף זיין אַן אידיאָט!" — און די צעפלויגענע פייגל זענען ווידער אין אַ גאַנצער טשאַטשע צוריקגעקומען צו אים אין קאָפּ אַריין און אָנגעהויבן דאָרט טומלען.

דערווייל איז אָנגעקומען אַבדולסקי, דער קאָמיסיאָנער פֿון הויז „פּאָלאַניעצקי, ביגעל און קאָמפּ.", וואָס האָט צוזאַמען מיט בוקאַצקין, באַדאַרפֿט זיין דער צווייטער אונטערפֿירער. זייענדיק פֿון שטאַם אַ טאַטער און אַ טונקעלער, הגם אַ שיינער, האָט ער אינם פֿראַק און ווייסן קראַוואַט אויסגעזען אַזוי שיין, אַז פּאָלאַניעצקי האָט אויסגעדריקט די האָפֿנונג, אַז מסתמא וועט ער איבגיכן אויף חתונה האָבן. אַבדולסקי האָט געענטפֿערט: „די נשמה וואָלט וועלן קומען אין גן-עדן אַריין," נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַ פּאַנטאָמימע, וואָס האָט באַדאַרפֿט מיט זיך פֿאָרשטעלן דאָס ציילן געלט, און אָנגעהויבן רעדן וועגן די ביגעלס. אַלע קינדער האָבן געוואָלט זיין בּאַ די קדושין און אויף דער חתונה, די ביגעלס אָבער האָבן באַשלאָסן בלויז צו נעמען די צוויי עלטערע, צוליב וואָס עס איז אַנטשטאַנען אַ סכסוך און חילוקי-דעות, וואָס זענען מצד דער פֿרוי ביגעל אויסגעדריקט געוואָרן אין קלעפּ. פּאָלאַניעצקי, וואָס איז געווען אַ געוויסער קינדער-פֿריינט, איז אין כּעס געוואָרן אומגעוויינטלעך און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל שוין די ביגעלס אָנלערנען. זיי זענען שוין אַוועק?

— זיי האָבן באַר וואָס געזאָלט אַרויספֿאָרן.

— איז גוט. וועל איך צו זיי אַריינפֿאַלן אויפֿן וועג, צו די פּלאַוויצקיס, וועל מיטנעמען די גאַנצע חברה און וועל זיי אויסשיטן פֿאַר דער פֿרוי ביגעל בּאַ מיין כּלה.

אַבדולסקי האָט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז פּאָלאַ-

ביעצקי וועט עס נישט טון, אָבער ער האָט אים נאָך מער בלויז פאַרפעסטיקט אין זיין כוונה. אַריינזעצנדיק זיך אין דער קאַרעטע, זענען זיי געפאָרן גלייך צו די קינדער. די ביגעלס לערערין, ווייסנדיק, וואָס פאַר אַ באַציִונגען עס פאַרייניקן פּאָלאַניעצקין מיטן הויז, האָט נישט דערוועגט זיך אַנטקעגן צו שטעלן, אַזוי, אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום, איז פּאָלאַניעצקי אַריין צו די פּלאַ־וויצקיס, צו פּרוי ביגעלס גרויסע שרעק, בראש פון דער גאַנצער טשערעדע ביגעלעכלעך, וואָס זענען געווען אָנגעטון וואָכעדיק מיט פאַרקרימטע קעלנער, מיט טשופּרינעס, מערסטנטייל אין אומאָרדנונג און מיט מינעס האַלב גליקלעכע און האַלב דער־שראָקענע.

און צולויפנדיק צו מאַריניאַן, האָט ער, קושנדיק אירע הענט, וואָס זענען שוין געווען אָנגעטון אין ווייסע הענטשקעס, גע־זאָגט:

— זיי האָבן געוואָלט באַגריסן די קינדער, זאָגט זיי, אַז כ'האָב גוט געטון!

און מאַריניאַן האָט אַ נעם געטון און באמת דערפרייט דער באַוויז פון זיין גוט האַרץ, האָט זי זיך דעריבער געפרייט מיט די קינדער פונם גאַנצן האַרצן און האָט געהאַט אפילו הנאה, וואָס די צונויפגעזאַמלטע געסט האָבן געהאַלטן איר באַשערטן פאַר אַן אָריגינאַל, און וואָס פרוי ביגעל, פאַרכטנדיק בחפזון זייערע קעל־נערלעך, האָט פאַרדאגהט געחזרט:

— נו, וואָס זאָל איך מיט אַזאַ משוגענעם טון!

הער פּלאַוויצקי איז אויך געווען בײַ דער זעלבער מיינונג. פּאָ־לאַניעצקי מיט מאַריניאַן האָבן אָבער אין אַ ווײַלע אַרום אַזוי זיך פאַראינטערעסירט בלויז מיט זיך, אַז דאָס איבעריקע אַלץ איז פאַרשוווּנדן פון זייערע אויגן. ביידן האָבן די הערצער אַ ביסל אומרויִק געקלאַפּט, ער האָט געקוקט אויף איר אַ ביסל פאַרחידושט. אינגאַנצן אין ווייסן, אָנהייבנדיק פון די פּאַנטאָפל ביז די הענטש־קעס, מיט אַ גרינעם קראַנץ אויפן קאָפּ און אין אַ לאַנגן שלייער, האָט זי אויסגעזען אַנדערש, ווי אַלעמאָל. זי האָט אין זיך געהאַט עפּעס אומגעווייגטלעך פייערלעכס, ווי די פאַרשטאָרבענע ליטקאַ

פּאָלאַניעצקי האָט אייגנטלעך נישט געמאַכט דעם פאַרגלייך, ער האָט אָבער געפילט, אַז אין דער מינוט איז די ווייסע מאַריניאַ, אויב אים נישט ווייטער, מאַכט זי אים אָבער ווייניקער געוואַגט ווי די נעכטיקע אין איר וואָכעדיקער הלבשה. זי האָט זיך אים אויך אויסגעוויזן מיאוסער, ווי אַלעמאָל, ווייל דער חתונה-קראַנץ קליידט בלויז זעלטן-זעלטן אַ פרוי, צו דעם נאָך די אומרויקייט און אויפרעגונג האָבן איר געזיכט רויט געמאַכט, וואָס האָט לעבן ווייסן קאָליר אויסגעזען נאָך רויטער, ווי עס איז געווען אינדערעמתן. אָבער אַ מאָדנע זאַך? דאָס טאַקע האָט גערירט פּאָלאַניעצקין. אין זיין האַרץ, וואָס איז בטבע געווען אַ גוטס, איז געבוירן געוואָרן עפּעס אַ געפיל, וואָס איז ענלעך געווען צו גערירטקייט, אָדער רחמנות. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַריניאַ מוז איצט קלאַפּן דאָס האַרץ, ווי בײַ אַ געפאַנגענעם פויגל, און ער האָט זי אָנגעהויבן באַרויקן, אָנגעהויבן רעדן צו איר גוטע און ערלעכע רייד, אַז ער אַליין האָט זיך אָנגעהויבן חידושן, פונוואַנען עס נעמט זיך צו אים אַזוי פיל און ווי אַזוי זיי קומען צו אים אַזוי לייכט, אָבער זיי זענען געקומען צו אים לייכט צוליב מאַריניאַן טאַקע. מען האָט אין איר אַזוי דערקענט, אַז זי גיט זיך אים אָפּ מיט האַרצקלאַפּעניש, אָבער גלייכצייטיק מיט צוטרוי, אַז זי גיט אים אָפּ דאָס האַרץ, די נשמה, דאָס גאַנצע וועזן און דאָס גאַנצע לעבן, דערצו נישט בלויז אויף פּעסט, נאָר אויף יעדער רגע פון לעבן — אַזש ביזן סאַמע סוף. אַז אין דעם פּרט איז קיין שום ספק נישט געבוירן געוואָרן אין פּאָלאַניעצקיס מוח, און די זיכערקייט האָט אים באַוווּסטזיניק געמאַכט בעסער, האַרציקער און עלאָקווענטער, ווי אַלעמאָל. לסוף האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר די הענט און געקוקט זיך אין די אויגן אַריין נישט בלויז מיט ליבע, נאָר מיט דער גרעסטער פריינטשאַפט און האָפענונג אויף דער צוקונפט, זיי האָבן ביידע געפילט אַ קעגנזייטיקע ערלעכקייט. נאָך עטלעכע מינוט — און די צוקונפט האָט זיך געזאָלט אָנהייבן. אָבער איצט האָבן ביידנס געדאַנקען אָנגעהויבן זיך אויסלייטערן, און די אינערלעכע אומרויקייט, פון וועלכער זיי זענען נישט געווען פריי, איז אַלץ מער אָפּגעטרעטן און זיך פאַרוואַנדלט, וואָס

מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער רעליגיעזער צערעמאָ-
ניע, אין ערנסטער קאָנצענטרירטקייט. פּאָלאַניעצקיס געדאַנקען זע-
נען זיך שוין נישט צעפלויגן ווי שפּערלען, און אים איז געבליבן
בלויז עפּעס אַ מין פאַרווונדערונג, וואָס ער, בײַ זײַן גאַנצן סקעפּ-
טיציזם, פילט אַזוי, אַפילו, די רעליגיעזע וויכטיקייט פונם אַקט,
וואָס דאַרף פאָרקומען. אין תוך גענומען איז ער קיין סקעפּטיקער
נישט געווען. אין זײַן נשמה האָט אַפילו געשטעקט אַ בענקעניש
נאָך רעליגיעזע געפילן — און אויב ער האָט זיך צו זיי נישט
אומגעקערט, איז נאָר אויס אַ געוויסער אָפּגעוויינטקייט און צוליב
גײַסטיקער נאַכלעסיקייט. דער סקעפּטיציזם האָט העכסטנס אויפגע-
טרייסלט די אויבערפלאַך פון זײַן אינטעלעקט, פּונקט ווי אַ ווינט
רײַצלט די אויבערפלאַך פונם תהום, וואָס זײַן טיף בלײַבט רויִק.
ער איז אויך אָפּגעוויינט געווען פון די פאַ־מען — אָבער דאָס
איז געווען אַ זאַך פון דער צוקונפט און פון מאַריניאַן — דער-
ווײַל אָבער האָט די צערעמאָניע, וואָס ער האָט באַדאַרפט דורכ-
מאַכן, זיך אויסגעוויזן אים אַזוי דערהויבן שיין, אַזוי פול מיט
ערנסט און הייליקייט, אַז ער איז גרייט געווען צוצוטרעטן צו איר
מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

פריִער אָבער האָט מען באַדאַרפט דורכמאַכן אַן אַנדערע
צערעמאָניע, וואָס איז פאַר זיך גופא אויך אַ פײַערלעכע, און איז
פּאָלאַניעצקין געווען גאַנץ אומאָנגענעם: דהיינו, מען האָט באַ-
דאַרפט אַנידערקניִען פאַר הער פלאַוויצקין, וועלכן פּאָלאַניעצקי
האָט געהאַלטן פאַר אַ טיפּש, נעמען בײַ אים אַ ברכה און אויס-
הערן זײַן דרשה, וואָס איז קלאָר געווען, אַז הער פלאַוויצקי וועט
נישט דורכלאָזן. פּאָלאַניעצקי האָט אָבער פריִער צו זיך אַזוי גע-
זאָגט: „קיים וויל איך חתונה האָבן, מוז איך אַלץ דורכגיין, וואָס
עס גייען דורך פאַר אַ חתונה מיט אַ גוטער מינע אַלע; וואָס פאַר
אַ מינע עס וועט אין די מינוטן האָבן די מאַלפּע, בוקאַצקי,
גייט מיך קנאַפּ וואָס אָן". צוליב דעם האָט ער מיט דער גאַנצער
גרייטקייט זיך געשטעלט לעבן מאַריניאַן אויף די קני פאַר הער
פלאַוויצקין און אויסגעהערט זײַן ברכה און די דרשה, וואָס האָט
אָגב נישט לאַנג געדויערט. הער פלאַוויצקי אַליין איז אויך אמת-

דיק געווען געריכט, די שטים זייַנע האָט געציטערט, די הענט אויך און ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצורעדן אַ מין באַשווערונג צו פּאָלאַניעצקין, אַז ער זאָל לכל־הפּחות נישט ווערן מאַריניאַן צוקומען אין דער צוקונפט אויף זיין קבר צו מתפּלל זיין, כּל־זמן עס וועט אײַנגאַנצן נישט פֿאַרוואַקסן ווערן מיט גראָז.

אגב האָט די פֿייערלעכקייט פֿון דער מינוט אַ ביסל מטושטש געמאַכט יוזשאַ ביגעלן. ווייל זעענדיק פֿון איין זייט הער פּלאַוויצקיס טרערן און פֿון דער צווייטער זייט מאַריניאַן מיט פּאָלאַניעצקין אויף די קני, וואָס איז בײַ די ביגעלס אין הויז געווען נישט בלויז אַ שטראָף, נאָר אָפּטמאָל אויך אַן אַרײַנפֿיר אין נאָך שטרענגערע פּעדאַגאָגישע מיטלען, האָט ער זיין אויסדרוק פֿון מיטגעפֿיל און מורא אַרויסגעוויזן מיט דער הילף פֿון פֿאַרמאַכן די אויגן, עפֿענען דאָס מויל — און צעלאָזן זיך אין אַזאַ הויך געוויין, ווי ער האָט נאָר געקענט, בשעת די איבעריקע משפּחה איז דאָס רוב נאָך זיין בײַשפּיל און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן רירן. מחמת די צייט פֿון פֿאָרן אין קאָשטשאָל אַריין האָט אונטערגעדרוקט, האָט הער פּלאַוויצקיס מיט גראָז באַוואַקסן קבר נישט געקענט אַרויסרופֿן דעם געהעריקן עלעגישן רושם.

זיצנדיק אין קאַרעטע, צווישן אַבדולסקין און בוקאַצקין האָט פּאָלאַניעצקי קוים מיט האַלבע ווערטער געענטפֿערט אויף זייערע פֿראַגן; ער האָט זיך נישט אַרײַנגעמישט אין די רייד, נאָר געשמועסט מיט זיך אַליין. ער האָט געטראַכט, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט געשען דאָס, וועגן וואָס ער האָט גאַנצע חדשים געחלומט און וואָס ער האָט זינט ליטקאָס טויט צום שטאַרקסטן אין לעבן געגאַרט. דאָ האָט דאָס לעצטע מאָל אויפֿגעטרייסלט אים דאָס געפֿיל פֿונעם חילוק צווישן דעם נישט לאַנג פֿאַרגאַנגענעם עבר און דער איצטיקער מינוט. ס'איז דאָך געווען אַ חילוק. אַמאָל האָט ער געשטרעבט און געגאַרט, הײַנט האָט ער בלויז געוואָלט און האָט מסכּים געווען. דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים דורכגענומען ווי אַ פֿראָסט, מחמת אים איז דורך דורכן קאָפּ, אַז אפֿשר האָט ער נישט די יסודות, אויף וועלכע מען מעג בויען. דאָס איז אָבער געווען אַ מענטש, וואָס האָט געקענט האַלטן אין

דער צוים זיין אומרו, און אין דעם פאַל צעטרייבן זי אויף אַלע ווייסטע וועלדער. ער האָט דעריבער געזאָגט צו זיך: „קודם־כל איז נישט איצט די צייט פון דעם צו טראַכטן, והשנית: אַז די ווירקלעכקייט אַנטשפּרעכט נישט תּמיד די דמיונות, דאָס איז אַ פּשוטע זאַך! נאָכדעם האָט זיך אים אויך דורכגערוקט דורכן זכרון דאָס, וואָס בוקאַצקי האָט געזאָגט: ס'איז ווייניק צו נעמען, מען דאַרף אויך געבן" — ער האָט אָבער אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז עפּעס אַן ערך אַזאַ דינער פאָדעם, וואָס איז לגמרי נישטאָ, און אַז דאָס לעבן דאַרף מען נעמען פּשוטער, מחמת עס איז נישט מחויב מסכּים צו זיין מיט די פאָרויס־באַשטימטע טעאָריעס. דאָ האָט ער איבערגעחזרט צו זיך דאָס, וואָס ער פלעגט אַלעמאָל חזרן: „כ'וועל חתונה האָבן — און אַ סוף!" נאָכדעם האָט אים אַרומגענומען די ווירקלעכקייט, ריכטיקער, די איצטיקע מינוט; ער האָט שוין קיין זאַך נישט געהאַט אין קאָפּ, נאָר מאַריניאַן, דעם קאָשטשאָל און די חתונה...

זי דערווייל, פאָרנדיק, האָט שטילערהייט געבעטן גאָט, ער זאָל איר העלפן און איר לאָזן גליקלעך מאַכן דעם מאַן; פאַר זיך האָט זי אויך געבעטן אַ ביסל גליק, זייענדיק אגב אָבער זיכער, אַז דאָס וועט פאַר איר אויסבעטן די פאַרשטאָרבענע מוטער אירע.

נאָכדעם זענען זיי ביידע געגאַנגען, אונטער די האַנט געפירט דורך דעם שפּאַלער פון געבעטענע געסט און בייגעריקע, זעענדיק קוים ווי דורך אַ נעפּל: פונדערווייטנס די פינקלדיקע ליכט אויפן אַלטאַר און דערלעבן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פנימער. ביידע האָבן זיי קלאָר דערזען פרוי עמיליאַס געזיכט אין ווייסן שלייער פון באַרעמהאַרציקע שוועסטער און אירע אויגן גלייכצייטיק שמייכלדיקע און פאַרלאָפענע מיט טרערן. ביידע איז אויפן רעיון געקומען ליטקאַ, און זיי איז דורך דער געדאַנק, אַז דאָס פירט זי זיי צום אַלטאַר. אין אַ רגע אַרום האָבן זיי געקניט, האָבנדיק פאַר זיך דעם גלח, העכער וויִדער די פלעמלעך פון די ליכט, דעם שימער פון די באַגילדונגען און די הייליקע פנימער פונם הויפּט־בילד. די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן.

זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכזאָגן דעם גלח די געוויינטלעכע אויס-
דריקן פון דער חתונה-שבועה, און פּאָלאַניעצקי ז, וואָס האָט גע-
האַלטן מאַריניאַן פאַר דער האַנט, האָט פּלוצלינג באַהערשט אַזאַ
אויפרעגונג, אויף וואָס ער האָט זיך אַליין נישט געריכט און
וואָס ער האָט נישט געפילט, זינט די מוטער האָט אים געפירט
צו דער ערשטער קאָמוניע. ער האָט דערפילט, אַז דאָס איז נישט
בלויז קיין פּשוטע, יורידישע צערעמאָניע, אויפן גרונט פון וועלכע
דער מאַנסביל באַקומט רעכט אויף אַ פרוי; נאָר, אַז אין דעם צו-
נויפפלעכטן זיי די הענט, אין די שבועה, איז פאַרהאַן עפּעס אַ
געהיימע קראַפט פון יענער וועלט — ס'איז פאַרהאַן פּשוט גאָט,
פאַר וועלכן די נשמה איז זיך מכניע און דאָס האַרץ ציטערט,
אין ביידעס אויערן האָבן איצט אָפּגעקלונגען צווישן דער שטיל-
קייט די פייערלעכע ווערטער „Quod Deus junxit, homo non
disjungat“ — און פּאָלאַניעצקי האָט דערפילט, אַז די מאַריניאַ,
וועלכע ער נעמט, ווערט זיין לייב און בלוט, אַ חלק פון זיין
נשמה, און אַז ער דאַרף פאַר איר אויך זיין דאָס זעלבע. דער-
ווייל האָט אויף דער גאַלעריי אַרויסגעשטראָמט אַ כאָר פון שטי-
מען „Veni Creator“, און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען די
פּאָלאַניעצקיס אַרויס פון קאָשטשאָל. אויפן וועג האָבן נאָך פרי-
ער אַרומגענומען מאַריניאַן פרוי עמיליאַס הענט: „זאָל אייך
גאָט בענטשן!“ — און ווען זיי זענען צוגעפאָרן אַ היים אויפן
חתונה-מאָל, איז זי אַוועק אויפן בית-עולם אָנזאָגן ליטקאַן די
בשורה, אַז „הער סטאַך“ האָט היינט חתונה געהאַט מיט מאַרי-
ניאַן.

XII.

אין צוויי וואָכן אַרום, אין ווענעציע, האָט דער פּאָרטיער פון האָטעל באַוואָר אָפּגעגעבן פּאָלאַניעצקין אַ בריוו מיט אַ וואַר-שעווער פּאָסט-סטעמפּל. דאָס איז געווען אין דער מינוט, ווען ער מיטן ווייב האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ גאָנדאָלע, כדי צו פאָרן אין סאַנטאַ מאַריאַ דעלאַ סאַלוטע, ווו מאַריניאַ האָט דעם טאָג, אַלס אינם יאָרצייט נאָך דער מוטער, געלאָזט אָפּריכטן אַ תפילה פאַר איר נשמה. פּאָלאַניעצקי, וואָס האָט זיך אויף קיין שום וויכטיקע זאַך פון וואַרשע נישט געריכט, האָט דעם בריוו אַריינגעלייגט אין טאַש אַריין און אַ פרעג געטון דאָס ווייב:

— צי איז נישט צו פרי אַמאָל אויף דער תפילה?

— יאָ, נאָך אַ גאַנצע האַלבע שעה.

— איז אפשר וועסטו זיך פריער אַ ביסל איבערפאָרן אויף דער זייט פון ריאַלטאָ?

מאַריניאַ איז תמיד גרייט געווען אויף דעם. נישט האָבנדיק קיינמאָל פריער געווען אין אויסלאַנד, האָט זי ממש געלעבט אין אומאיופהערלעכן שיכרות און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס

עס ריגגלט זי אַרום, איז אַ חלום, נישט איינמאָל, פון געוואַלטיקער אַנטציקונג, האָט זי זיך געוואָרפן דעם מאַן אויפן האַלדז, ווי ער וואָלט עס אויפגעבויט ווענעציע און ווי אים אַליין קומט צו דאַנקען פאַר איר שיינקייט; זי האָט נישט איינמאָל אויך געזאָגט:

— איך קוק, זע און איך גלייב זיך נישט, אַז דאָס איז אמת!

זיי זענען אַלזאָ געפאָרן קיין ריאַלטאָ. די באַוועגונג איז צוליב דער פרימאָרגן-שעה געווען נאָך ווייניק, דאָס וואַסער איז ווי געשלאָפן, דער טאָג איז געווען אַ שטילער, אַ דורכזיכטיקער, אָבער נישט קיין זוניקער, אייגער פון די, אין וועלכע דער קאַנאַל גראַנד האָט באַ זיין גאַנצער שיינקייט די רו פון אַ בית-עולם; די פּאַלאַצן זענען אויס פוסט און פאַרגעסן און אין זייער אומבאַוועגלעכן אָפּשיינען אינם תהום איז דאָ עפּעס אַ טיפער טרויער פון טויטע וועזנס. מען קוקט דאַמאָלט אויף זיי שווייגנדיק און ווי מיטן פרווו, מען זאָל מיט ווערטער נישט שטערן די אַלגעמיינע שטילקייט.

אַזוי האָט אויך געקוקט מאַריניאַ. פּאַלאַניעצקי אָבער, אַ ווייניקער איינדריקלעכער, האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אין קעשענע אַ בריוו, האָט ער אים אַרויסגענומען, אים אָנגעהויבן לייענען, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטון:

— אָ! מאַשקאָ איז שוין אויך אַ באַווייבטער. זייער חתונה איז פאָרגעקומען אין דריי טעג אַרום נאָך אונדזערער.

מאַריניאַ ווידער, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט אַ פרעג געטון, מרוגענדיק מיט די אויגן:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— כ'האָב געזאָגט, פאַרחלומטער קאָפּ אייגער, אַז מאַשקאָס חתונה איז שוין פאָרגעקומען.

זי ווידער האָט אָנגעלעגט דעם קאָפּ אויף זיין אָרעם און, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, געענטפערט:

— וואָס גייט מיך דאָרט אָן מאַשקאָ! איך האָב זיך מיין סטאָן.

פּאַלאַניעצקי האָט אַ שמייכל געטון, ווי אַ מענטש, וואָס דער־לויבט גנעדיק זיך ליב האָבן, אָבער וואָס חידושט זיך נישט, נאָכ־דעם האָט ער אַ קוש געטון דעם ווייב אין שטערן מיט אַ געווי־סער צעשטרייטקייט, מחמת דער בריוו האָט אים פונדעסטוועג־אָנגעהויבן אינטערעסירן, און ער האָט ווייטער געלייענט. פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געטון, ווי עמעץ וואָלט אים אַ שטאָך גע־טון, און האָט אויסגעשריגן:

— אָ, דאָס איז דאָך אַן אמתע קאַטאַסטראָפע!

— וואָס איז געשען?

— פרײַלין קראַסלאַווסקאַ האָט צען טויזנט רובל לעבנס־רענטע, וואָס אַ פעטער האָט איר אָפּגעשריבן. מער האָט זי נישט קיין גראָשן נדן.

— דאָס איז אויך אַ סך.

— אַ סך? הער־זשע, וואָס מאַשקאַ שרייבט: „צוליב דעם איז מײַן באַנקראָט אַ געענדיקטע זאַך און דאָס דערקלערן די אומצאָלבאַרקייט איז אַ פראַגע פון צייט". זיי האָבן זיך ביידע גענאַרט, פאַרשטייסט? — ווײַל ער האָט זיך געריכט אויף אַ פאַרמעגן, און זי אויף אים.

— זיי האָבן לפּחות פון וואָס צו לעבן?

— זיי האָבן פון וואָס צו לעבן, אָבער מאַשקאַ האָט נישט מיט וואָס צו צאָלן די חובות, און דאָס גייט אונדז אויך אַ ביסל אָן — מיך, דיך און דײַן פאָטער... אַלץ קען פאַרפאַלן ווערן.

איצט האָט זיך מאַריניאַ פעסט באַאומרויִקט.

— מײַן סטאַך — האָט זי אַ זאָג געטון — אפשר איז דײַן אָנוועזנהייט נייטיק, לאָמיר זיך אומקערן... וואָס פאַר אַ קלאַפּ דאָס וועט זײַן פאַרן טאַטען!

— איך וועל תיכּף שרײַבן ביגעלן, ער זאָל מיך פאַר־טרעטן און מציל זײַן, וואָס מען קען... נעם דיר נישט באַ דעם, קינד, צופיל צום האַרץ דעם ענין. איך האָב אויף אַ שטיקל ברויט פאַר אונדז ביידע און פאַר דײַן טאַטן.

מאַריניאַ האָט אים אַרומגענומען פאַרן האַלדז.

— דו, מײַן גוטער!... מט אַזאַ מענטש, װי דו, מעג מען זײַן רויִק.

— אַחוץ דעם װעט זיך עפּעס לאָזן מציל זײַן... אױב ער, מאַשקאָ, װעט געפֿינען קרעדיט, װעט ער אונדז אָפּצאָלן. אפשר װעט ער אױך געפֿינען אַ קונה אױף קזשעמיען. אָבער! ער שרײַבט מיר, כ׳זאָל פֿרעגן בוקאַצקין, צי ער װאָלט נישט אַ בעלן געװען אױף קזשעמיען, און אַז איך זאָל איִם צו דעם צורעדן. הײַנט אינאָװנט פֿאָרט ער קײן רוים און כ׳האָב אים פֿאַרבעטן אױף פֿרישטיק... כ׳װעל אים פֿרעגן. ער האָט אַ גרױס פֿאַרמעגן — און װאָלט געהאַט װאָס צו טון. אינטערעסאַנט, װי די מאַשקאָס לעבן װעט אַװעק. ער שרײַבט מיר באַם סוף בריװ: „כ׳האָב פֿאַר מײַן װײַב מגלה געװען דעם מצב פֿון מײַנע געשעפֿטן, און זי האָט זיך געהאַלטן פּאַסיװ, אָבער די מוטער האָט זיך נישט געקענט אָפּזש פּאַסן פֿון כעס“. לסוף גיט ער צו, אַז ער האָט די לעצטע צײַט זיך פֿאַרליבט אין זײַן װײַב, און װען זײ זאָלן זיך צעשײדן, װאָלט עס געװען פֿאַר אים דאָס גרעסטע אומגליק אין לעבן. די ליריק גײט מיך װײניק אָן — מיר איז אָבער אינטערעסאַנט, װי דאָס אַלץ װעט זיך ענדיקן.

— זי װעט אים נישט פֿאַרלאָזן — האָט אַ זאָג געטון מאַרינאַ.

— כ׳װײס נישט; כ׳האָב אַלײן געמײנט בשעתו, אַז נײן — כ׳האָב אָבער חשק זיך צו שפּאַרן. װילסט זיך געװעטן?

— נײן, װײַל כ׳װיל נישט געװינען. דו, מיאוסער מענטש, אײנער, קענסט נישט קײן פֿרויען.

— אדרבה, איך קען זײ יאָ, און דעריבער װײס איך, אַז נישט אַלע זענען אַזױ, װי די קלײנע, װאָס שיפֿט זיך איצט אין דער גאָנדאָלע...

און זי האָט געענטפֿערט:

— אין װענעציע, אין דער גאָנדאָלע און לעבן איר סטאַכן!

בינו-לבינו זענען זײ צוגעפֿאָרן צום קאַשטשאָל. אומקערנדיק זיך נאָך דער תפֿילה אין האָטעל אַרײַן, האָבן זײ שױן געטראָפֿן דאָרט בוקאַצקין, װאָס איז געװען אָנגעטון אין װײַס אַרײַן

אין אַ קראַטקע־גרויען אַנצוג, וואָס האָט אויף זיין דאַרן גוף אויס־געזען צו ברייט, אין געלע לאַטשן און אין אַ פֿאַנטאַסטישן קראַ־וואַט, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי פֿאַנטאַזיש געבינדן ווי נאַכ־לעסיק.

— איך פֿאָר היינט — האָט ער געזאָגט, באַגריסנדיק מאַ־ריניאַן — הייסט איר זיך אָנגרייטן אַ דירה אין פֿלאָרענץ ? קען איך דינגען אַ פּאַלאַץ.

— איר פֿאַרהאַלט אייך דאָרט אויפֿן וועג קיין רוים ?

— יאָ. קודם־כּל צוליב דעם, איך זאָל צו וויסן געבן אין דער גאַלעריי, אַז איר וועט קומען, און מען זאָל לייגן אַ דיוואַן אויף די טרעפּ, שנית — צוליב דער שוואַכער קאַווע, וואָס איז בכלל אין איטאַליע שלעכטע, און אין פֿלאָרענץ בײַ דזשיאַקאָזאַ אומגעווײַנטלעך גוט. . . וויאַ טאָרנאַבואָני. . . דאָס איז אגב די איינציקע זאַך, וואָס איז אין פֿלאָרענץ עפּעס ווערט.

— וואָס האָט איר תּמיד עפּעס אַ הנאה צו רעדן אַנדערש, ווי איר טראַכט. . .

— אדרבה, איך טראַכט אמתדיק צו דינגען פֿאַר אייך עפּעס אַ שיין דירהלע אין לונג־אַרנאָ.

— מיר פֿאַרהאַלטן זיך אין ווענעציע.

— צוליב ראָמעאָ און דזשוליעטע ? אדרבה, אדרבה! כּל־זמן איר ציקט נאָך נישט מיט די אַקסלען, טראַכטנדיק וועגן זיי — פּאָרט. אין אַ חודש אַרום וואָלט שוין געווען שפּעט.

מאַריניאַ האָט אויף אים אַ גלאָץ געטון ווי אַ קעצל, נאָכ־דעם האָט זי זיך געווענדט צום מאַן און געזאָגט :

— סטאַך, דערלויב נישט דעם הער מיך אַזוי צו קוועלן.

— גוט — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — כ׳וועל אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן, אָבער נאָך פֿרישטיק.

בוקאַצקי ווידער האָט אָנגעהויבן דעקלאַמירן :

„ניין! נאָך איז נישט טאָג אַרום . . . . . .

דאָס זינגט דער נאַכטיגאַל -- דער לאַרך איז אָבער שטום".

און שפּעטער, ווענדנדיק זיך צו מאַריניאַן, האָט ער אַ פֿרעג געטון :

— פּאָלאַניעצקי האָט פאַר אייך אָנגעשריבן עפּעס אַ סאָנעט?

— ניין.

— אָ, דאָס איז אַ שלעכטער סימן!... איר האָט אַ באַלקאָן אויף דער גאַס אַרויס... איז אים נאָך קיין איינמאָל נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, זיך צו שטעלן אונטער אייער באַלקאָן מיט אַ מאַנדאָלין?

— ניין.

— אָ, זייער שלעכט!...

— נישטאָ דאָך זיך וווּ אַנידערצושטעלן, ווייל עס איז אַ וואַסער.

— ער האָט געקענט פאָרן אין אַ גאָנדאָלע. זעט איר, בײַ אונדז איז עפּעס אַנדערש, אָבער דאָ, אין איטאַליע, איז שוין אַזאַ לופט, אַז ווער עס האָט באמת ליב, איז, אָדער ער שרייבט סאָנעטן, אָדער ער שטעלט זיך אַוועק מיט אַ מאַנדאָלין אונטערן באַלקאָן. דאָס איז אינגאַנצן אַ זיכערע זאַך, וואָס שטאַמט פון דער געאָגראַפישער לאַגע, פון די ים-שטראָמען פונם כעמישן צוזאַמענשטעל פון לופט און וואַסער — און אויב עמעץ שרייבט נישט קיין סאָנעט און שטעלט זיך נישט מיט אַ מאַנדאָלין, האָט ער אָן שום ספק נישט ליב. איך קען אייך ברענגען אַ ראיה פון זייער באַרימטע ווערק, וואָס באַהאַנדלען דעם ענין.

— דאַכט זיך, איך וועל אים מוזן אָפּהאַקן דעם קאָפּ נאָך פאַרן פרישטיק — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

צו דער עקזעקוציע איז אָבער געקומען צוליב דעם, ווייל גראָד איז שוין געווען די צייט פון פרישטיק. זיי זענען געזעסן בײַ אַ באַזונדערן טיש, אָבער אינם זעלביקן זאַל, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען דער אַלגעמיינער טיש, און דאָס איז פאַר מאַריניאַן, וועלכע אַלץ האָט אינטערעסירט, אויך געווען אַ מקור פון נחת-רוח, מחמת זי האָט געזען אמתע ענגלענדער. ס'האָט אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט ערגעץ אַרייַנגעפאָרן אין אַזעלכע עקזאָטישע לענדער, אַז זינט קזשעמיען איז קזשע-

מיען, האָט נאָך קיינער פון זיינע אייניוויינער זיך אין אַזאַ וועג נישט געלאָזט. פאַר בוקאַצקין, און אפילו פאַר פּאָלאַניעצקין, איז די שיכּרות אירע געווען אַ מקור פון אומאויפהערלעכן לצנות, אָבער אויך פון אמתער הנאה. דער ערשטער האָט געזאָגט, אַז עס דערמאַנט אים זיין יוגנט, דער צווייטער האָט אָנגערופן זיין ווייב פעלדגענדז-בלימל — און האָט געזאָגט, אַז אַזעלכער איז נישט קיין שאָד צו ווייזן די וועלט.

בוקאַצקי אַליין האָט אָבער באַמערקט, אַז דאָס פעלדגענדז-בלימל האָט געהאַט אַ גרויסן חוש פאַר קונסט און אַ סך ערלעכ-קייט. אַ סך זאַכן האָט זי געקענט פון די ביכלעך און געמעלן; נישט קענענדיק אָבער אַ סך, האָט זי זיך אין דעם אָפן מודה געווען, אָבער אין אירע אויסדרוקן איז נישט געווען קיין שום געקינצלטס, נישט קיין שום איינגערעדטס. ווען איר איז עפּעס געפעלן, האָט איר התפעלות נישט געהאַט קיין גבול, אַז די אויגן פלעגן באַ איר אַזש פייכט ווערן. בוקאַצקי האָט צייטנווייז גע-שפּאַסט פון איר אומברחמנותדיק, צייטנווייז פלעגט ער איר איינ-רעדן, אַז אַלע מבינים האָבן משוגעתן אין די קעפּ, און זי, אַלס איינדריקלעכע און סובטעלע נאַטור, וואָס איז ביז איצט נישט קאַליע געוואָרן, איז פאַר אים דער גרעסטער מומחה אין קונסט, זי וואָלט אָבער געווען נאָך אַ גרעסערער, ווען זי זאָל אַלט זיין אַ יאָר צען.

באַם פרישטיק האָט מען אָבער וועגן קונסט נישט גע-רעדט, מחמת פּאָלאַניעצקי האָט זיך דערמאַנט אָן דער וואַרשע-ווער נייעס און האָט אַ זאָג געטון:

— כ'האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון מאַשקאָן.

— איך אויך — האָט געענטפערט בוקאַצקי.

— דו אויך? איז עס דאָרט באמת אַן אייליקער ענין. מאַשקאָ מוז גאָרנישט אויף קיין קאַטאָוועס זיין צוגעדריקט. ווייס-טו דאָך אַלזאָ אין וואָס עס גייט?

— ער רעדט צו, ריכטיקער, באַשווערט מיך, כ'זאָל קויפן — ווייסט וואָס?

בוקאַצקי האָט בכיוון נישט אָנגערופן קזשעמיען, וויסנדיק

אייסגעצייכנט, וואָס פאַר אַ סיבה פון צרות דאָס איז געווען צווישן פּאָלאַניעצקין און מאַרינאַן, און אויס איידלקייט צו מאַרי־גיאַן.

פּאָלאַניעצקי אָבער, פאַרשטייענדיק זיין אינטעליגענץ, האָט זיך אָפּגערופן:

— אַך, גאָט! אַמאָל האָבן מיר אויסגעמיטן דאָס וואָרט, ווי דאָס אָנרירן אַ פּלאָנטער, אָבער איצט — לעבן חייב — איז דאָך עפּעס אַנדערש... ס'איז דאָך שווער אַ גאַנץ לעבן זיך צו קוועלן.

בוקאַצקי האָט אויף אים שנעל אַ קוק געטון, מאַרינאַ ווי־דער האָט זיך פאַרטײַטלט און אַ זאָג געטון:

— סטאַש איז פּאָלקאָם גערעכט. איבעריקנס, ווייס איך, אַז עס גייט אין קושעמיען.

— יאָ, עס גייט אין קושעמיען.

— נו, וואָס? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי:

— כ'וואָלט עס נישט געקויפט שוין צוליב דעם אַליין, איר זאָלט נישט מיינען, אַז מענטשן ווארפן זיך אַזוי מיט דעם, ווי מיט אַ באַלעם.

מאַרינאַ איז גאָכמער רויט געוואָרן און האָט אַ זאָג גע־טון:

— אַז איך טראַכט שוין אפילו גאָרנישט וועגן קושע־מיען.

און זי האָט אַ קוק געטון אויפן מאַן, ער ווידער, האָט, אַלס צייכן פון צופרידנקייט און לויב, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— דאָס איז אַ באַווייז — האָט ער געענטפערט — אַז דו ביסט אַ קלוג קינד.

— אַ חוץ דעם — האָט ווייטער געזאָגט מאַריניאַ — אויב הער מאשקאָ וועט עס נישט דערהאַלטן, וועט קושעמיען אָדער זיך צעפאַלן, אָדער אַרייַנפאַלן אין וואָכערישע הענט אַריין, אָבער דאָס וואָלט פיַנדעסטוועגן געווען אומאַנגענעם...

— אַהאַ! — האָט אַ זאָג געטון בוקאַצקי — קוים טראַכט איר שוין נישט וועגן קושעמיען?

מאַריניאַ האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אויפן מאַן און דאָס מאָל שוין אומרויק, ער ווידער האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— אַריינגעפאַלן, מאַריניאַ — האָט ער געזאָגט.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו בוקאַצקין:

— משמעות, אַז מאַשקאָ זעט אין דיר דאָס איינציקע רעטונגס־ברעט.

— איך בין אָבער נישט קיין ברעט... גיב אויף מיר אַ קוק... גיכער אַ שטרויעלע. ווער עס ווערט ווען זיך מציל זיין דורכן אָנכאַפּן זיך אָן אַזאַ שטרויעלע, ווערט אומקומען, דערטרינקען ווערן. איבעריקנס, מאַשקאָ אַליין האָט נישט איינמאָל מיר געזאָגט: „האָסט טעמפּ געוואָרענע נערוון". אפשר האָב איך עס טאַקע! אָבער דווקא צוליב דעם דאַרף איך האָבן שטאַרקע איינדריקן... ווען איך זאָל צוהעלפן מאַשקאַן, וואָלט ער זיך אַרויסגעקאָפּעט, ער וואָלט זיך געשטעלט אויף די פיס, וואָלט ווייטער געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ לאָרד, דאָס ווייב וואָלט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גרויסער פּריצה, זיי וואָלטן געווען געוואַלטיק „comme ill faut" — און כ'וואָלט געהאַט אַ נודנע קאָמעדיע, וואָס איך האָב שוין ווען עס איז אַמאָל געזען און אויף איר געגענעצט. פאַרקערט, אויב איך וועל אים נישט העלפן, וועט פון אים ווערן אַ תל, ער וועט אומקומען, עס וועלן געשען עפּעס איבערראַשנדיקע און אומגעריכטע פּאַרפּאַלן, עס קען געשען עפּעס טראַגישס, וואָס מיך אינטערעסירט מער. איצט, גיט אַ טראַכט: פאַר אַ שלעכטער קאָמעדיע וואָלט איך געמוזט באַצאָלן, און צו דעם טייער באַצאָלן — און אַ טראַגעדיע קען איך האָבן בחנם. טאָ ווי זאָל איך עס זיך דאָ וואַקלען?

— פע! ווי קענט איר עס רעדן אַזעלכע זאַכן! — האָט אויסגעשריגן מאַריניאַ.

— נישט בלויז איך קען רעדן, נאָר כ'וועל עס אויך אָנשרייבן מאַשקאַן. אַ חוץ דעם האָט ער מיך פאַרפירט אויף גאָר אַ מיאוסן אופן.

— מיט וואָס?

— מיט וואָס? מיט דעם, וואָס איך האָב געמיינט: אָט איז

אַן אמתער סנאָב! אַ מענטש באמת אָן אַ נאמנות און אָן אַ האַרץ! דערווייל, וואָס־זשע ווייזט זיך אַרויס: אַז אויף דער דעק פֿון דער נשמה האָט ער עפּעס פּאָרט אַן ערלעכקייט, אַז ער וואָלט וועלן אָפּצאָלן די בעלי־דברס, אַז די ליאַלקע מיט די רויטע אויגן איז אים אַ שאָד, אַז ער האָט זי ליב, אַז דאָס שיידן זיך מיט איר וואָלט פֿאַר אים געווען אַ שרעקלעכע מפּלה... ער שרייבט עס מיר אַליין אומפֿאַרשעמט... אויף מיין וואָרט, אַז אין דער געזעלשאַפֿט קען מען אויף קיין זאַך נישט רעכענען!... איך זיץ אין אויסלאַנד, ווייל איך קען עס נישט פֿאַרטראָגן.

דאָס מאָל איז פּרוי פּאָלאַניעצקי אויף פֿעסט געוואָרן אין כּעס:

— אַז איר וועט אַזעלכע זאַכן רעדן, וועל איך בעטן סטאַשן, ער זאָל מיט אייך איבעררייסן די באַציִונגען.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אַ צוק געגעבן מיט די אַקסלען און צוגעגעבן:

— דו פֿאַרעדסט שוין באמת צוליב די חכמות אי זיך, אי יענעם, און טראַכסט קיינמאָל נישט מיט שכל און מענטשלעך. דו פֿאַרשטייסט, אַז איך רעד דיך צו צו קויפֿן קושעמיען, בפֿרט נאָך דערפֿאַר, ווייל וואָלסט אין דעם געקענט עפּעס האָבן אַ שטיקל אינטערעס, וואָלסט געהאַט עפּעס צו טון...

אויף דעם האָט בוקאַצקי אָנגעהויבן לאַכן, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטון:

— כ'האָב דיר שוין געזאָגט אַמאָל, אַז קודם־כּל האָב איך ליב צו טון דאָס, וואָס מיר געפֿעלט, היות צוליבער צומייסטן געפֿעלט מיר גאָרנישט צו טון, איז גאָרנישט טוענדיק, טו איך דאָס, וואָס עס געפֿעלט מיר צומייסטן. אויב דו ביסט קלוג, דערווייז מיר, אַז כ'האָב געזאָגט אַ שטות. צווייטנס: איך — אַ גרעטשקע־זייער!... דאָס גייט דאָך שוין ממש איבער יעדער פֿאַנטאַזיע! איך, כאָטש וועלכן רעגן און וועטער זענען בלויז אַ פֿראַגע פֿון בעמען דעם שטעקן, צי דעם שירעם, איך זאָל אויף די עלטערע יאָרן שטיין אויף איין פֿוס ווי אַ בושל און קוקן, צי די זון געפֿעלט צו לייכטן אָדער די כמאַרעס צו טריפֿן? איך זאָל עס

וואַרטן מיט האַרצקלאַפּעניש, צי דאָס ווייץ וועט מיר נישט וואַקסן, אָדער דער זשעפּאַק זיך נישט אויסשיטן, אָדער אַ מגפה וועט נישט קומען אויף די קאַרטאָפל, אָדער זיך אַרומוויקלען מיט באָב, אָדער צי כ'וועל קענען צושטעלן ציציקן פון פּסאַוואָלקע אַזוי־פיל קערץ, וויפיל כ'האָב מיט אים געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אָדער צי די פּאַרנאַלקעס וועלן נישט קריגן קיין בעז־קרענק און די שאָף קיין קאַלטן? איך זאָל אויף דער עלטער קומען צו דעם, אַז כ'זאָל צוליבן טעמפּ געוואָרענעם שכל זאָגן נאָך יעדן דריטן וואָרט: „פּאַניע דאָבראָדזשעיו“ אָדער: „וואָס האָב איך עס געוואָלט זאָגן?“ Voyons! pas si bête! איך, אַ פרייער מענטש, זאָל ווערן glebae adscriptus? — אַ פּריץ־לעב, אַ שכן, אַ ברודער לאַלאַ, אַ הער מאַכשיי, אַ לעקיש?

דאָ האָט ער, אַן אויפגערייצטער אַ ביסל פונעם ווייַן, אָנגעהויבן מיט אַ האַלבער שכּור ציטירן שלאַכט־ווערטער פון „לילאַ ווענעדאַ“.

צי בין איך אַ לעקיש? וואָס איז עס? צי קוקט
פון מיר אַרויס דאָס עם־הארצות, שיכּרות, צי דער
פּרעס —

די זיבן עיקר־זינד און ליבע צו סקאַנדאַלן,
צו גוט געזייערטע אוגערקעס, צו הערבן?

— גייט טענהט מיט אים — האָט אַ זאָג געטאָן פּאַלאַניעצקי — בפרט נאָך, ווען ער איז אין תוך גענומען נאָך אַ ביסל גערעכט אויך.

מאַריניאַ אָבער, וואָס האָט פון דער רגע אָן, וואָס בוקאַצקי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די דאָרף־דאגות, זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, האָט איצט אַראָפּגעיאָגט פונעם שטערן די פאַרטראַכטקייט און האָט געזאָגט:

— איך, ווען דער טאַטע איז קראַנק געווען (און ער איז אין קושעמיען קיינמאָל אַזוי נישט קראַנק געווען, ווי די לעצטע צייט), האָב אים געפלעגט פאַרטרעטן אין דער ווירטשאַפט — שפּעטער איז עס בײַ מיר געוואָרן אַ רגילות. הגם גאָט איז אַן עדות, אַז קיין דאגות האָט נישט געפעלט, האָט עס מיר פאַרשאַפט

אַזאַ הנאה, אַז איך קען אייך גאָרנישט זאָגן. כ׳האָב אָבער נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ערשט, ווען הער יאַמיש האָט עס מיר דערקלערט, האָב איך עס משיג געווען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז די אַרבעט, אויף וועלכער עס שטייט אייגנטלעך די וועלט, און יעדע אַנדערע אַרבעט איז אָדער אַ ווייטערדיקער פּועל־יוצא פֿון דעם, אָדער עפּעס קינסטלעכס... שפּעטער אַפֿילו האָב איך פֿאַרשטאַנען אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט נישט דערמאָנט. נישט איינמאָל, ווען איך פֿלעג פֿרילינג־צייט אַרויסגיין אין פֿעלד אַריין און זען, ווי אַלץ וואַקסט, האָב איך געפֿילט, ווי מיין האַרץ וואַקסט בײַ דעם מיט. איצט, ווייס איך פֿאַרוואָס: ווייל בײַ אַלע אַנדערע מענטשלעכע באַציִונגען, קען זיין שקר, אָבער ערד — דאָס איז אמת... די ערד קען מען נישט נאַרן, זי אָבער אויך דאָס אייגענע: זי גיט אָדער גיט נישט, אָבער נאַרט קיינמאָל נישט אָפּ... דעריבער האָט מען די ערד אַזוי ליב, ווי דעם אמת — און היות מען האָט זי ליב, לוינט זי אויך ליב צו האָבן. זי פֿאַלט אויך נישט בלויז אויף תבואה, נישט בלויז אויף לאָנקעס, נאָר אויך אויף דער נשמה, אַ מענטש ווערט אויך בעסער, מחמת האָבנדיק צו טון מיטן אמת און האָבנדיק ליב, איז ער נענטער צו גאָט... דעריבער האָב איך אַזוי ליב געהאַט מיין קושעמיען...

דאָ האָט פֿרוי פּאָלאַניעצקאַ זיך דערשראָקן פֿאַר איר עלאָקווענץ, און נאָך דעם, וואָס „סטאַש“ וועט דאָרט בײַ זיך אַ טראַכט טון — און גלייכצייטיק האָבן זי גערירט די זכרונות: דאָס אַלץ האָט זיך, ווי דער מאָרגנרויט, אָפּגעשפּיגלט אין אירע אויגן, אויף איר יונג געזיכט — און זי אַליין איז געווען ווי דער מאָרגנרויט.

בוקאַצקי האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט קוקן אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנט, פֿריש אַנטדעקט מייסטערווערק פֿון דער ווענעציאַנער שול, שפּעטער האָט ער פֿאַרמאַכט די אויגן, באַהאַלטן ביז דער העלפֿט זיין קליין פּנימל אינעם גרויסן פֿאַנטאַסטישן קראַוואַט און געשעפּטשעט:

— Délicieuse !...

— נאָכדעם, אַרויסרוקנדיק די גאָמבע פונם קראַוואַט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— איר זענט פולקאָם גערעכט...

אָבער דאָס לאָגישע ווייבל האָט זיך נישט געלאָזט אָפּפטרן מיט אַ קאָמפּלימענט.

— אויב איך בין גערעכט, פאַר דאָס — איז איר נישט.

— דאָס איז אַן אַנדערער ענין. איר זענט גערעכט דערפאַר, ווייל דאָס קליידט אייך, און אַ פרוי איז דאַמאָלס אַלעמאָל גערעכט.

— סטאָש! — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ, ווענדנדיק זיך צום מאַן.

זי האָט אָבער אין דער מינוט געהאַט אין זיך אַזוי פיל חן, אַז ער האָט אויך געקוקט אויף איר מיט אַנטציקונג. די אויגן האָבן אין אים געלאַכט, די נאָז-לעכער האָבן זיך שנעל גערירט, ער האָט אויף אַ רגע אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירער און געזאָגט:

— אוי, קינד איינס! קינדס איינס!

נאָכדעם, איינבייגנדיק זיך צו איר, האָט ער אַ שעפּטשע געטון:

— ווען נישט דאָס, וואָס מיר זענען אין זאַל, וואָלט איך די ליבע אויגן און ליפּן אויסגעקושט.

און רעדנדיק אַזוי, איז פּאָלאַניעצקי באַגאַנגען אַ גרויסן טעות, מחמת אין דער מינוט איז נישט גענוג געווען צו פילן מאַריניאַס פיזישן רייץ, אָנצוהייבן פלאַמען צו די קאָלירן פון איר געזיכט, צו אירע אויגן און ליפּן, נאָר מען האָט באַדאַרפט פאַרשטיין און דערפילן איר נשמה; ווי ווייט ער האָט עס אָבער נישט דערפילט, איז געווען די בעסטע ראיה זיינע ווערטער פון איינזען: „אוי, קינד איינס! קינד איינס!" זי איז געווען פאַר אים אין דער מינוט בלויז אַ הערלעכע פרוי-קינד. — און וועגן עפּעס אַנדערש האָט ער נישט געטראַכט.

דערווייל האָט מען אַריינגעבראַכט קאַווע. צום סוף שמועס האָט

פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון:

— אַזוי, איז מאַשקאָ געוואָרן אַ ליריקער — און צו דעם ערשט נאָך דער חתונה.

בוקאַצקי ווידער, אַראָפּשלינגענדיק אַ שעלעכל וואַרעמס, האָט געענטפערט:

— אַ נאַרישקייט איז עס, באַ מאַשקאָן, אָבער נישט אין דעם, וואָס ערשט נאָך דער חתונה... אַ ביסל ליריזם, דווקא נאָך דער חתונה... איך אַנטשולדיק זיך אָבער! כ׳האָב שיער נישט געזאָגט עפּעס אַ נאַרישקייט... אַנטשולדיקט מיר זייער און כ׳זאָג אייך צו, אַז מער וועל איך נישט... כ׳האָב זיך משמעות אָפּגעבריט די צונג מיט הייסער קאַווע, איך טרינק אָבער אַזאַ הייסע דערפֿאַר, ווייל מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז גוט צו קאָפּ-ווייטיק, און מיר טוט דער קאָפּ וויי, וויי...

דאָ האָט בוקאַצקי צוגעלייגט די האַנט צום קאָפּ און צו דער פּאַטעליצע, פֿאַרמאַכט די אויגן און עטלעכע רגעס שטיין געבליבן אָן באַוועגונג, נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטון:

— מען רעדט און מען רעדט און דער קאָפּ טוט וויי. איך וואָלט שוין אַוועק, נאָר עס דאַרף אַהערקומען צו מיר דער מאָלער שווירסקי, מיט וועלכן איך פֿאָר צוזאַמען קיין פֿלאָרענץ. אַ באַרימטער אַקוואַרעליסט, אַן אמת באַרימטער... קיינער האָט נאָך פֿון אַקוואַרעל נישט אַרויסגעצויגן קיין גרעסערע קראַפֿט. אָט גייט ער טאַקע.

און באמת טאַקע, שווירסקי, ווי ער וואָלט אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך אַ שפּרונג, איז אָנגעקומען אין דער מינוט און אָנגעהויבן זיך אומקוקן, זוכנדיק בוקאַצקין. באַמערקנדיק אים, סוף-כּל-סוף, האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש.

דאָס איז געווען אַ פֿעסטער, נידעריקער מאַן, מיט אַ דיקן נאַקן, אַ מעכטיקער ברוסט, זייער אַ טונקל געזיכט און מיט אַזאַ שוואַרצער טשופּרינע, ווי ער וואָלט געווען אַן איטאַליענער. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ פּראָסטס, אָבער אַ קלוגן און טיפֿן בליק, און דערבײַ אַ מילדן. גייענדיק פֿלעגט ער זיך אַ ביסל וואַקלען אין ביידע זײַטן צוליב זײַנע ברייטע היפּטן.

בוקאַצקי האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר דער פרוי פּאָלאַניעצקאַ מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— איך שטעל אייך פאָר הער שווירסקין, אַ מאָלער, אַ מין גאַוניע, וואָס האָט נישט בלויז טאַלענט, נאָר האָט אויך געהאַט די אומגליקלעכסטע אידעע אום נישט צו פטרן, וואָס ער האָט געקענט פּונקט אַזוי גוט טון ווי מיט דעמזעלביקן נוצן פאַר מענטשן, ווי יעדער אַנדערער... ער וויל אָבער ליבערשט די וועלט אָנפילן מיט אַקוואַרעלן און רום.

שווירסקי האָט אַ שמייכל געטון, אַנטפּלעקנדיק צוויי רייען מאָדנע קליינע, אָבער געזונטע און ווייסע, ווי העלפאַנטביין, ציינער, און האָט אַ זאָג געטון:

— הלוואי וואָלט עס אמת געווען.

— כ'וועל אייך זאָגן, פאַרוואָס ער האָט נישט געפּטרט זיין טאַלענט — האָט ווייטער גערעדט בוקאַצקי — צוליב אַזעלכע בירגערלעכע טעמים, אַז אַן אָרנטלעכער מאָלער וואָלט זיך ממש געשעמט אין דעם מודה צו זיין: ער האָט ליב פאַגנעמבין — דאָס ערגעץ לעבן פויזנע — נישט אמת? און ער האָט עס ליב דערפאַר, ווייל ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן. ווען ער זאָל געווען געבוירן ווערן אין גראַדעלופּע, וואָלט ער ליב געהאַט גוואַדעלופּע — און די ליבע צו גוואַדעלופּע וואָלט אים אויך געווען מציל געווען אינם לעבן. דער מענטש רעגט מיך אויף — און זאָגט איר, צי נישט מיט רעכט?

אויף דעם האָט מאַריניאַ געענטפערט, אויפהייבנדיק אירע בלויע אויגן אויף שווירסקין:

— הער בוקאַצקי איז פונדעסטוועגן נישט אַזאַ געמיינער מענטש, ווי ער גיט זיך אויס, ווייל ער האָט דאָך געזאָגט וועגן אייך אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר גוטס.

— איך וועל שטאַרבן דערקענט — האָט אַ שעפּטשע געטון בוקאַצקי.

און שווירסקי האָט דערווייל געקוקט אויף מאַריניאַן אַזוי, ווי עס קען זיך בלויז דערלויבן, נישט באַליידיקנדיק די פרוי, אַ

מאָלער. אין זיינע אויגן האָט זיך משמעות געמאָלט אינטערעס; ענדלעך האָט ער אַ מרוק געטון:

— דאָ אין ווענעציע זעען אומגעריכט אַזאַ קאָפּ — דאָס איז דאָך אַ פּלא!

— וואָס אַזוינס? — האָט אַ פרעג געטון בוקאַצקי.

— איך זאָג, אַז די דאַמע איז אַ געוואַלטיק היימישער טיפּ: אָ דאָס, למשל (ער האָט אַ פּיר געטון מיטן גרויסן פינגער באַ זיך איבער דער נאַז, מויל און גאָמבע). און דערביי איז אַ ריינקייט פון דער ליניע.

— וואָס? בישט אמת? — האָט אַ זאָג געטון מיט התלהבות פּאָלאַניעצקי — כ'האָב דאָס אייגענע געטראַכט!

— איך געוועט זיך, אַז דו האָסט וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט — האָט אָפּגעוועגדט בוקאַצקי.

פּאָלאַניעצקי אָבער איז געווען מלא שמחה און שטאָלץ פונם אינטערעס, וואָס מאַריניאַ האָט אַרויסגערופן אין דעם באַרימטן קינסטלער, האָט ער אַלזאָ אַ זאָג געטון:

— ווען עס זאָל אייך פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרגעניגן צו מאָלן איר פּאָרטרעט, וואָלט עס מיר פאַרשאַפט נאָך אַ גרעסערס אים צו האָבן.

— פונם גאַנצן האַרץ — האָט געענטפערט מיט פּשטות שווירסקי — איך פאָר אָבער היינט קיין רוים. דאָרט האָב איך אויך אַן אָנגעהויבענעם פּאָרטרעט פון פרוי אָסנאָווסקאַ.

— מיר וועלן טאַקע, אין צען טעג אַרום העכסטנס, זיין אין רוים.

— אַלזאָ געמאַכט.

מאַריניאַ האָט געדאַנקט, רויט ווערנדיק ביז איבער די אויערן. בוקאַצקי אָבער האָט אָנגעהויבן זיך געזעגענען און מיטגעשלעפּט מיט זיך שווירסקין. אַרויסגייענדיק האָט ער צו אים געזאָגט:

— מיר האָבן נאָך צייט. קום צו פלאָריאַנען אויף אַ גלעזל קאָניאַק.

בוקאַצקי האָט נישט געקענט און נישט ליב געהאַט צו טרינקען, אָבער זינט ער האָט מאָרפיניזירט, האָט ער עס געטון

אין אַ העכערן גראַד, ווי ער איז געווען בכוח, מחמת עמעץ האָט אים געזאָגט, אַז הן איינס, הן דאָס אַנדערע מאַכן גליַיכגילטיק.

— וואָס פאַר אַ ווויל פאַרפאַלק די פּאַלאַניעצקיס! — האָט אַ זאָג געטון שווירסקי.

— זיי האָבן נישט לאַנג חתונה געהאַט.

— מען זעט, אַז ער האָט זי געוואַלטיק ליב. ווען כ׳האָב זי געליבט, האָבן באַ אים אַזש די אויגן געלאַכט, און ער איז געוואַקסן, ווי אויף הייוון.

— זי האָט אים הונדערט מאָל ליבער.

— פונוואַנען ביסטו עס אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן?

בוקאַצקי האָט נישט געענטפערט, נאָר אויפהייבנדיק זיין שפּיציקע נאָז אינדערהייך, האָט ער געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— דאָס האָט מיר מיאוס געמאַכט דאָס חתונה האָבן און די ליבע, וואָס תמיד איז פון איין זייט דאָס אויסניצן, פון דער צווייטער זייט דער קרבן. אַזאַ פּאַלאַניעצקי — איז אַ ווויל־ער מענטש, אָבער וואָס? זי האָט פונקט אַזוי שכל, פונקט אַזוי פיל כאַראַקטער — נאָר האָט מער ליב, וועט זייער לעבן זיך צונויפלייגן אַזוי: ער וועט זיין די זון, וועט גנעדיק לייכטן, גנעדיק וואַרעמען, האַלטן זי פאַר זיין אייגנטום, פאַר אַ פּלאַנעטקע, וואָס דאַרף אַרום אים זיך דרייען. דאָס לאָזט זיך שוין אַלץ באַמערקן היינט. זי איז שוין אַריין אין זיין ספערע. אין אים איז פאַרהאַן עפּעס אַ זיכער־קייט, וואָס ברענגט מיך אַריין אין כעס. ער וועט זי האָבן מיט אַן עודף, זי אים בלויז אָן אָן עודף. ער וועט זיך דערלויבן ליב האָבן, האַלטנדיק פון זיין זייט דאָס לעבן ווי זיינס אַ גוטע מידה, גוטס און חסד; זי וועט ליב האָבן, האַלטנדיק זיין ליבע פאַר אַ גליק און פליכט... קוקט אים נאָר אָן, דאָס שטראַלנדיקע געטשל!... כ׳האָב חשק זיך אומצוקערן און זיי זאָגן דאָס, אין דער האָפנונג, אַז זיי וועלן ווערן ווייניקער גליקלעך.

בינו־לבינו האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט פאַר פלאַריאַנען און אין אַ וויילע אַרום האָט מען זיי דערלאַנגט קאָניאַק. שווירסקי האָט אַ ביסעלע צייט געטראַכט וועגן די פּאַלאַניעצקיס און דער־נאָך אַ פרעג געטון:

— נו, און אויב עס וועט איר מיט דעם גוט זיין ?

— איך ווייס, אַז זי איז קורצזיכטיק. וואָלט איר פּונקט זיך געפּאַסט צו טראָגןברילן.

— גייט צו אַלדי רוחות! צו אַזאַ געזיכט!...

— אַלזאָ רעגט דיך דאָס אויף, און מיך יענץ.

— ווייל דו האָסט אין קאָפּ עפּעס אַ קאַווע-מילעכל, וואָס מאָלט אַלץ און מאָלט, ביז וואַנען עס וועט נישט צעמאָלן אויף שטויב. וואָס ווילסטו ווידער פון ליבע?

— איך פון ליבע? איך וויל קיין זאַך נישט פון ליבע! זאָל דעם דער רוח נעמען, ווער עס וויל עפּעס פון ליבע! איך האָב פון איר אַ ציקעניש אין די לאַפּאַטקעס, אָבער ווען זי וואָלט געווען אַן אַנדערע, ווי איך בין, ווען כ'זאָל דאַרפן באַשטימען, וואָס ליבע דאַרף זיין, ווען איך זאָל פון איר עפּעס פאַרלאַנגען, וואָלט איך וועלן...

— וואָס? האָפּ! שפּרינג אַריבער.

— אַז זי זאָל באַשטיין פון אַ גלייכן סכום: פון תאווה און אַכטונג!

נאָכדעם האָט ער אויסגעטרינקען דאָס גלעזל קאָניאַק און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— דאַכט זיך, כ'האָב עפּעס געזאָגט אַזוינס, וואָס קען זיין קלוג, אויב ס'איז נישט באַריש... דאָס איז מיר אָבער אַלציינס...

— ניין, דאָס איז נישט באַריש...

— אויף מיין וואָרט, ס'איז אַלציינס!

XIII.

נאָך אַ וואָך זיין אין פלאָרענץ, האָט פּאָלאַניעצקי דערהאַלטן דעם ערשטן בריוו פון ביגעלן וועגן די עניגים פונם הויז, און אין אים אַזעלכע גוטע ידיעות, אַז זיי האָבן כמעט איבערגעשטיגן די האָפנונגען. דאָס געזעץ, וואָס האָט פאַרווערט אַרויסצופירן תּבואה צוליב דעם הונגער איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט. דאָס שותּפות־געשעפט האָט אָבער געהאַט גרויסע רעזערוון תּבואה איינגעקויפט און אַרויסגעפירט פריִער, היות אָבער די מקחים, דער עיקר אין דער ערשטער מינוט, האָבן אין אויסלאַנד זיך געוואַלטיק אַ הייב געטון, האָט ביגעל מיט פּאָלאַניעצקין אָנגעהויבן מאַכן אויסגעצייכנטע געשעפטן. די שפּעקולאַציעס, וואָס זענען געווען דורכגעטראַכט און דורכגעפירט אין גרויסן שניט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי גוט, אַז פון פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס זיי זענען פריִער געווען, זענען זיי כמעט געוואָרן גבירים. פּאָלאַניעצקי איז אַגב פון לאַנג אָן געווען זיכער אין דאָס זייניקע און האָט קיין שום מורא נישט געהאַט; די ידיעה האָט אים אָבער דערפרייט הן צוליב פינאַנציעלע טעמים, הן צוליב זיין

אײגנליבע. דערפֿאָלג פֿאַרשיכּורט און פֿאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין זיך אַלײן. דעריבער איז ער אינגם שמועס מיטן װײַב נישט געװען אײנגאַנצן מסוגל זיך אײנצוהאַלטן פֿון נישט צו געבן איר צו פֿאַרשטײן, אַז ער איז אַ נישט געװײנטלעכער מוח, אַ העכע־רער אָן שום ספֿק פֿון דער גאַנצער סביבה, װי אַ מער פּרוכט־באַרער בוים אין װאַלד, אַ מענטש, װאָס קומט שטענדיק צו אַהין, װוּ ער האָט געצילט, מיט אײן װאָרט: אַ מין פֿעניקס אין דער אײגענער געזעלשאַפֿט, װאָס איז פֿול מיט מענטשן, װעלכע קע־נען זיך קײן עצה נישט געבן אויף דער װעלט. אויף דעם גאַנצן ערד־קוגל װאָלט ער אויך נישט געקענט געפֿינען קײן דאַנקבאַרערן און גרײטערן צוהערער אויפֿצונעמען אַלץ מיט דער טיפֿסטער אמונה.

— דו ביסט אַ פּרוי — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר, נישט אָן אַ געװיסן שאָטן פֿון העכערקײט — װאָס־זשע האָב איך דיר צו דערצײלן די מעשׂה פֿון אָנהײב אָן און זיך אַרײַנלאָזן אין פּרטים. אַלס אַ פּרוי, װעל איך דיר צומבעסטן די זאַך דערקלערן, װען איך װעל דיר זאָגן: דער מעדאַליאָן מיט די שװאַרצע פּערל, װאָס איך האָב דיר געװיזן בײַ גאָדאָנען, בין איך נעכטן נאָך נישט געװען בכּוח צו קויפֿן, הײַנט בין איך עס בכּוח — און כ'װעל אים קויפֿן.

מאַריניאַ האָט אים גענומען דאַנקען און בעטן ער זאָל עס נישט טאָן, ער האָט זי אָבער אַרומגענומען, געזאָגט, אַז קײן זאַך װעט אים נישט אָפּהאַלטן, אַז דאָס איז אַ באַשלאָסענע זאַך און אַז „מאַריש" דאַרף זיך האַלטן פֿאַר דער אײגנטימערין פֿון דער שװאַרצער גרויסער פּערל, װאָס װעט אויף אַזאַ װײַס העלדזל אויסזען גרויסאַרטיק. נאָכדעם האָט ער זי גענומען קושן אין האַלדז, און װען ער האָט זיך שוין ענדלעך אָנגעזעטיקט, פֿילנ־דיק אָבער די באַדערפֿעניש פֿון עפּעס אַ צוהערער, האָט ער אָנ־געהויבן שפּאַנען איבערן צימער, שמײכלען צום װײַב, צו זיך אַלײן און געזאָגט:

— איך רעד שוין נישט װעגן אַזעלכע, װאָס טוען גאָרנישט: בוקאַצקי למשל, איז באַװוּסט, אַז ער טויג צו גאָרנישט. איך רעד

נישט וועגן אייזלען — אַזאַ קאָפּאָווסקי, דאָס איז באַווּסט, איז אַ קאַצענער קאָפּ; אָבער לאָמיר אַפילו נעמען מענטשן, וואָס טוען עפּעס יאָ און וואָס האָבן שוין כּלומרשט שכל; אַזאַ ביגעל וואָלט קיינמאָל נישט מניה־וביה אויפגעכאַפּט אַזוי די געלעגנהייט, ער וואָלט זיך אָנגעהויבן מיישב זיין, אָפּציִען, היינט וואָלט ער זיך אַנטשלאָסן, מאָרגן וואָלט ער מורא געקריגן — און די צייט וואָלט דורך, און דאָ אין וואָס גייט דען? קודם־כּל, דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ, שנית, זיך אַוועקזעצן און אויסחשבונען און אַז טון, איז טון!... מען דאַרף באַ דעם זיין ניכטערן און נישט פאַזירן. מאַשקאָ איז כּלומרשט נישט קיין נאַר, און קוק, וואָס ער האָט אויסגעחכמהט!... איך בין דאָרט נישט געגאַנגען און וועל אים נישט נאָכגיין.

רעדנדיק אַזוי, איז ער ווייטער געגאַנגען און געשאָקלט מיט זיין פולער שוואַרצער טשופּרינע, און מאַריניאַ, וואָס וואָלט לכל־הדעות געוועזן געהערט מיט גלויבן זיינע רייד, האָט איצט אַלץ אָנגענומען אַלס אַן אומבאַדינגטע אַקסיאָמע, בפרט נאָך, ווען זיי האָבן געהאַט אַ יסוד אונטער זיך אין דעם אמתן דערפ̣לג.

ער ווידער האָט זיך ענדלעך פאַרהאַלטן פאַר איר און אַ זאָג געטון:

— ווייסט, וואָס איך טראַכט? — אַז ניכטערקייט דאָס איז שכל. מען קען האָבן אַן אינטעליגענטן קאָפּ, דאָס הייסט אַזעלכען, וואָס זאַפּט איין וויסן ווי אַ שוואָם, און אַן איינדריקלעכן, און נישט האָבן באַ דעם קיין אייגן ניכטערנעם שכל. אַ ראיה איז פאַר מיר בוקאַצקי. האַלט מיך נישט פאַר קיין בעל־גאווה, אָבער ווען איך זאָל למשל אַזוי פיל וויסן וועגן קונסט, ווי ער, וואָלט איך בעסער וועגן איר געמשפּט. ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעלייענט און אַזויפיל אָנגעכאַפּט מיינונגען, אַז ער האָט סוף־כּל־סוף קיין שום מיינונג נישט. איך באמת וואָלט פון דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, עפּעס אייגנס אַרויסגעדריקט אויך.

— טאַקע אַזוי — האָט געענטפערט מאַריניאַ מיט דער גרעסטער זיכערקייט!

פאָלאַניעצקי האָט געקענט אין אַ געוויסן פרט זיין גערעכט

ער איז גאָרנישט געווען קיין נאַר און ס׳קען זיין, אַז זיין אינטעליגענץ איז געווען אַ מער געפאַסטע און פולערע, ווי בוקאַציס; זי איז אָבער געווען הן ווייניקער בייגזאַם, הן שמאָלער — דאָס איז אים אָבער אויפן רעיון נישט געקומען. ער האָט אויך נישט קיין טראַכט געטון, אַז אין דער מינוט, אונטער דער השפעה פון באַרימעריי, רעדט ער פאַר מאַריניאַן אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע ער וואָלט זיך אָפגעהאַלטן צו רעדן פאַר פרעמדע, מער סקעפטישע מענטשן, אויס מורא פאַר לעכערלעכקייט און קריטיק. אָבער מיט מאַריניאַן האָט ער זיך שוין נישט זשעניִרט. ער האָט גערעכנט, אַז אויב ער קען זיך פאַר עמעצן דערלויבן מיט אַזאַ באַרימעריי, איז עס דאָס ווייב. האָט ער דאָך, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט: „זי גענומען, און אַ סוף״ — זי איז דאָך געווען זיין.

בכלל האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי גליקלעך און צופרידן אין לעבן, ווי איצט. ער האָט געהאַט אַ מאַטעריעלן דערפאָלג און האָט די צוקונפט געהאַלטן פאַר אַ באַוואָרנטע. ער האָט גענומען אַ יונגע פרוי, אַ רייצנדע און קלוגע, פאַר וועלכער ער איז געוואָרן אַ געזעץ, וואָס עס האָט אויך אַנדערש נישט געקענט זיין, בשעת אירע ליפן זענען גאַנצע טעג נישט טרוקן געוואָרן פון זיינע קישן, און דאָס געזונטע און ערלעכע האַרץ איז געווען איבערפולט מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דעם ליבהאָבן. וואָס האָט אים געקענט פעלן, וואָס האָט ער נאָך געקענט פאַרלאַנגען. ער איז געווען באַ דעם צופרידן פון זיך, ווייל ער האָט דער עיקר צוגעשריבן זיין שכל און פאַרדינסט דאָס, וואָס ער האָט אַזוי זיך געקענט איינאָרדנען דאָס לעבן, אַז עס האָט אויסגעזען צו זיין גוט און רויק. ער האָט געזען, אַז אַנדערע איז שלעכט, אים איז גוט — און ער האָט אויסגעטייטשט דעם חילוק לטובת זיך. אַמאָל האָט ער געמיינט, אַז אַ מענטש, וועלנדיק זיין רויק, דאַרף רעגולירן זיין באַציונג צו זיך אַליין, צו מענטשן, צו גאָט. די ערשטע צוויי האָט ער געהאַלטן פאַר רעגולירט. ער האָט געהאַט אַ ווייב, אַרבעט און אַ צוקונפט; האָט ער אַלזאָ זיך געגעבן און פאַרזיכערט דאָס, וואָס ער האָט זיך געקענט געבן און

פארזיכערן. וואס שייך דעם כלל, האט ער זיך דערלויבט אים צו קריטיקירן, אפילו צו זידלען. ער האט אבער דערפילט, אז זיך האט אין עצם אמתדיק ליב, אז אפילו, ווען ער זאל וועלן, וואלט ער אנדערש ניט געקענט, אז ווען מען זאל אין דעם פאל באדארפן אפילו גיין אין וואסער אריין, אדער אין פייער אריין — וואלט ער געגאנגען, האט ער דעריבער געהאלטן, אז אויך פון דער זייט איז אלץ דערליידיקט. געבליבן איז די באציונג צו גאט. ער האט געפילט, אז ווען אויך דאס זאל זיין קלאר און זיכער, וועט ער אלע לעבנס-אויפגאבן געקענט האלטן פאר דערליידיקט, און ער האט לסוף צו זיך געזאגט: „איך ווייס, צו וואס איך האב געלעבט, וואס איך האב געוואלט, און פארוואס איך מוז שטארבן". ניט זייענדיק קיין געלערנטער האט ער זיך פונדעסטוועגן אויף אזוי פיל אנגעשטויסן אויף דער וויסנשאפט, אז ער האט געוווסט, אז ס'איז ניטא וואס צו זוכן קיין דערקלערונגען און תשובות אין דער אזוי גערופענער פילאזאפיע, נאר ריכטיקער אין זיין אייגענעם קאפ אויף זאכן און קודם כל אינעם געפיל, אויב דאס ערשטע און דאס אנדערע זענען פשוט, אנישט פירט עס צו משונהדיקע זאכן. בינו-לבינו, היות אים האט לעולם קיין פאנטאזיע ניט געפעלט, האט ער געזען פאר זיך עפעס א בילד פון אן ערלעכן און געזונטן מענטש, וואס איז א גוטער מאן, א גוטער פאטער, ארבעט און איז מתפלל, פירט חגא די קינדער אין קאשטשאל אריין און לעבט אין מאראלישן זין מיט א געוואלטיק געזונט לעבן. אזא בילד איז אים געפעלן, און אין לעבן מאכט מען זיך דאך אזוי פיל בילדער! ער האט אויך געטראכט, אז ווען דער רוב מנין ורוב בנין זאל באשטיין פון אזעלכע בירגער, וואלט ער געווען פעסטער און געזונטער פון דער געזעלשאפט, וואס באשטייט אונטן פון פינסטערע מוחות, און אינדערהייך פון חכמימלעך — דעקאדענטן, דילעטאנטן און פארשידענע מינים פארבאטענע פארשוינען מיט קרומע קעפ. צמאל, אינגיכן נאכן באקענען זיך מיט מאריניען, האט ער פארגעזאגט זיך און ביגעלן, אז נאכדעם, ווי ער וועט ענדיקן מיט זיין פערזאן און מיט מענטשן, וועט ער זיך א נעם טון פעסט אויך צו דעם דריטן מין באציונג.

די צייט איז געקומען, אָדער האָט לכל-הפּחות געהאַלטן באַם קומען. פּאָלאַניעצקי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז צו דעם דאַרף מען האָבן מער רו, ווי די, וואָס עס גיט די נסיעה נאָך דער חתונה, די איינדריקן פֿונעם נייעם לעבן, פֿונעם נייעם לאַנד און דאָס דרייען זיך צווישן די האָטעלן און גאַלערייען, אין וועלכע ער האָט געלעבט מיט מאַרינאַן. אָבער נישט קוקנדיק אויף די באַדינגונגען, האָט ער אין די זעלטענע רגעס, וואָס ער פֿלעגט בלייבן מיט זיינע אייגענע מחשבות — תּיכּף זיך געפֿלעגט ווענדן צו דער גרעסטער אויפֿגאַבע פֿאַר זיך באַם היינטיקן טאָג. ער איז באַ דעם אַרונטערגעפֿאַלן פֿלערליי השפּעות, וואָס האָבן פֿאַר זיך אַליין קליינלעכע, געהאַט פֿונדעסטוועגן אַ געוויסע ווירקונג אויף אים, בלויז פֿאַר דעם שוין, וואָס ער האָט זיך בפּיוון זיי שוין אַקעגנגעשטעלט, אַזאַ איז געווען מאַריניאַס השפּעה. פּאָלאַניעצקי האָט זיך פֿון דעם קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן און וואָלט עס נישט געוועזן אָנערקענט, דאָך האָט דאָס פּזדרדיקע זיין לעבן אים פֿון דער מילדער, ערלעכער און זייער פּשוט רעליגיעזער נשמה, וואָס איז זייער נייטיק אין באַציִונג צו גאָט, געגעבן אים דאָס געפֿיל פֿון רו און לויטערקייט, וואָס מען קען אין דער אמונה געפֿינען. וויפֿיל מאָל ער האָט דאָס ווייב נישט געפֿירט אין קאָשטשאָל אַריין האָט ער זיך געפֿלעגט דערמאָנען די ווערטער, וואָס זי האָט אים געזאָגט אין וואַרשע: „ווי הייסט? דאָס איז דאָך גאָט-דינסט!” אין ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין איר, מחמת ער פֿלעגט תּמיד גיין מיטן ווייב אין קאָשטשאָל אַריין, תּחילת צוליב דעם, כּדי ער זאָל זי נישט לאָזן אַליין, אין שפּעטער נאָך דערפֿאַר, ווייל דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ געוויסע אינערלעכע הנאה, וואָס עס קען האָבן, למשל, אַ געלערנטער, ווען ער קוקט זיך צו צו די דערשיינונגען, וואָס אינטערעסירן אים צום עיקר. אַזוי אַרום איז ער, נישט קוקנדיק אויף די נישט גינסטיקע באַדינגונגען, נישט קוקנדיק אויף די רייזעס און אויף דעם מבולבל געוואָרענעם פֿון פֿאַרשידענע איינדרוקן, מוח, געגאַנגען כּסדר פֿאָרויס, אויף דעם נייעם וועג. זיינע מחשבות אין דער ריכטונג זענען צייטנווייז געוואַלטיק ענערגיש און קאַטעגאָריש: „סוף-כּל-סוף —

האָט ער צו זיך געזאָגט — פיל איך דאָך גאָט! כ׳האָב אים גע־פילט בײַ ליטקאָס קבר, כ׳האָב אים געפילט, הגם כ׳האָב נישט מודה געווען אין וואַסקאָווסקיס ווערטער וועגן טויט, כ׳האָב אים געפילט בײַ אונדז אויף די פֿליִיגען, און דאָ אין די בערג איבער די שנייען, נאָר איך פרעג זיך נאָך: ווי זאָל איך אים לויבן, אָפּגעבן כבוד, און ליב האָבן? צי אַזוי ווי מיר פערזענלעך וועט עס געפעלן, צי אַזוי ווי עס טוט מיין ווייב און מיין מאַמע האָט מיך געלערנט?"

אין רוים האָט ער פונדעסטוועגן תחילת אויפגעהערט טראַכטן וועגן די זאַכן. אַזוי פיל גוויסערלעכע איינדרוקן האָבן זיך מיטאַמאָל צונויפגעזאַמלט אינם מוח, אַז אויף רעפלעקסן האָט שוין קיין אָרט נישט געקלעקט. אַ חוץ דעם פלעגט ער אַהיימקומען מיט מאַריניאַן אַזאַ בּידער, אַז זיי האָבן כמעט מיט פחד זיך דערמאַנט אָן בוקאַצקיס ווערטער, וואָס האָט זיי צייטנווייז געדינט אַלס „טשיטשעראָנע". צוליב אייגענער הנאה, האָט ער געפלעגט זאָגן נאָך יעדן מאָל: „איר האָט נאָך נישט געזען קיין טויזנט-חלק פון דעם, וואָס עס איז כדאי צו זען, אָבער דאָס איז אַלציינס, ווייל בכלל לוינט נישט אַהער צו קומען אויך — פונקט ווי עס לוינט נישט צו זיצן אינדערהיים".

בוקאַצקי האָט זיך איצט געפונען אין פעריאָד פון סותר זיין זיך אין יעדן צווייטן זאַץ פון דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן אינם ערשטן.

פראָפעסאָר וואַסקאָווסקי איז אויך געקומען זיי מקבל־פנים זיין פון פערודזשע, וואָס עס האָט מאַריניאַן אַזוי דערפרייט, אַז זי האָט זיך מיט אים באַגריסט, ווי מיט עפעס אַ גאָר נאָענטן קרוב. אָבער נאָכן באַרויקן זיך פון די ערשטע אויפברויזן פון שמחה, האָט זי באַמערקט עפעס אַ טרויער אינם פראָפעסאָרס אויגן.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט זי אַ פרעג געטון — איז אייך נישט גוט אין איטאַליע?

— מיין קינד, — האָט געענטפערט דער פראָפעסאָר — אין פערודזשע איז גוט, און אין רוים איז גוט. . . אָך! ווי גוט עס איז! ווייס, אַז דאָ, גייענדיק איבער די גאַסן, טרעטסטו אויפן

שטויב פון דער וועלט. . . דאָס איז, ווי איך זאָג אַלעמאָל, דאָס פּעדער־הײזל צו אַן אַנדער לעבן, נאָר. . .

— נאָר וואָס ?

— נאָר די מענטשן, פאַרשטייט איר מיך. . . נישט מחמת רשעות — ווייל דאָ, ווי אומעטום, איז פאַרהאַן מער גוטע, ווי שלעכטע — אָבער צײַטנווייז איז מיר טרויעריק, וואָס ווי בײַ אונדז אַזוי אויך דאָ האַלט מען מיך פאַר אַ ביסל אַ משוגענעם.

בוקאַצקי, וואָס האָט געהערט דעם שמועס, האָט אַ זאָג געטון :

— האָט דער פּראָפעסאָר אַלזאָ נישט קיין גרעסערע סיבה צו זיין טרויעריק דאָ ווי בײַ אונדז ?

— יאָ — האָט געענטפערט וואַסקאָווסקי — נאָר דאָרט האָב איך אַזעלכע נאָענטע, ווי איר, וואָס האָבן מיך ליב, און דאָ נישט. . . אַ חוץ דעם, בענק איך —

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו פּאָלאַניעצקין :

— די היגע צײַטונגען האָבן געדריקט באַריכטן פון מיין אַרבעט, אַ טייל מאַכן פון איר חוכא־וטלולא — מילא, בין איך זיי מוחל ! אַנדערע זענען מסכּים, אַז די נייע תקופה דאַרף זיך אָנהייבן דורכן איינפירן קריסטוסן און זיין גייסט אין דער געשיכטע אַריין. אייבער האָט אָנערקענט, אַז יחידים לעבן צווישן זיך קריסטלעך, און די פעלקער געצנדינעריש — ער האָט אפילו די באַמערקונג אָנגערופן אַ גרויסע, אָבער אויך דער, און אַלע אַנדערע, קוים גייען זיי איבער צו מיין מיינונג וועגן דעם, אַז דאָס איז אונזער שליחות, וואָס גאָט האָט איבערגעענטפערט אונדז און אַנדערע יינגערע אַריער — כאַפּן זיי זיך פאַר די זייטן פאַר געלעכטער. . . און דאָס טוט מיר וויי. . . זיי גיבן אויך צו פאַרשטיין, אַז איך האָב אַ ביסל דאָ. . .

און דער אָרימער וואַסקאָווסקי האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פינגער קלאַפּן אין שטערן.

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אַ זאָג געטון :

— אַ מענטש וואַרפט אַ זאָמען פון טרויער און טיילמאָל

פון יאוש, אָבער דער זאָמען פאַלט אויפן פעלד און גאָט ווינט געבן עס וועט אויפגיין.

נאָכדעם האָט ער זיך גענומען אויספרעגן אויף פרוי עמיל־יאַן, לסוף אָבער האָט ער געווענדט צו זיי זיינע, פון שלאָף עפּעס אויפגעוועקטע, אויגן און האָט בתמימות אַ פרעג געטון.

— און אייך איז גוט צווישן זיך?

מאַריניאַ איז, אָנשטאָט צו ענטפערן, צוגעשפרונגען צום מאַן און, צוטוליענדיק איר קאָפּ אויף זיין אָרעם, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אָט, זעט דער פּראָפעסאָר. — אָט אַזוי איז אונז צווישן זיך! אַזוי!...

און פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן גלעטן מיט זיין האַנט איר טונקל קעפּל.

XIV.

אין אַ וואָך אַרום האָט פּאָלאַניעצקי אָפּגעפירט די פרוי אויף וויאַ מאַרגוטאַ צו שווירסקין, מיט וועלכן זיי האָבן פריער זיך געפלעגט כמעט יעדן טאָג טרעפן, מיט וועלכן זיי האָבן זיך צונויפגעלעבט, ליב געקריגן, און וואָס האָט איצט באַדאַרפט אָנהייבן מאָלן איר פּאָרטרעט. זיי האָבן דאָרט געטראָפן די אָסנאָווסקיס און געשלאָסן מיט זיי קאָנטשאַפט, נאָך לייכטער צוליב דעם, וואָס די דאַמען זענען אַמאָל, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געווען צוזאַמען אויף עפּעס אַן אָוונט. פּאָלאַניעצקי ווידער איז בשעתו געוואָרן אַמאָל פאָרגעשטעלט פאַר דער פרוי אָסנאָווסקאַ אין אָסטענדע, האָט ער אַלזאָ איצט באַדאַרפט בלויז זיך אָן דעם דערמאָנען. פּאָלאַניעצקי האָט לעולם נישט געדענקט, צי אין דעם פּעריאָד, אין וועלכן ער האָט, דערזעענדיק אַ יונגע און שיינע פרוי, געפלעגט זיך פרעגן: „צי נישט זי אַמאָל?" — האָט ער זיך אויך געשטעלט די שאלה בנוגע דער הייַנטיקער פרוי אָסנאָווסקאַ — דאָס איז אָבער געווען מעגלעך, מחמת זי איז דאַמאָלס אָנגעגאַנגען פאַר אַ שיינע, הגם אַ ביסל אַ נערוועזע מיידל. הייַנט איז דאָס געווען אַ פרוי פון אַ יאָר

זעקס — אַכט און צוואַנציק, זייער אַ הויכע, מיט אַ פרישן, הגם טונקל געזיכט, מיט קאַרשנליפּן, מיט אַ צעשויבערטער גריווע, און אַ ביסל קרומע פּיילכנאויגן, וואָס האָט איר געזיכט ענלעך געמאַכט צו כינעזישע געזיכטער, און צוגעגעבן עס דערביי אַן אויסדרוק פון עפּעס רשעות און פלינקייט. זי האָט געהאַט אַ מאָדנע טבע פון האַלטן זיך, וואָס איז באַשטאַנען אינם אַרונטערלייגן הינטער זיך די הענט, און אַרויסרוקן פאָרויס די פיגור, צוליב וואָס בו־קאַצקי האָט וועגן איר געזאָגט, אַז זי טראָגט דעם ביוסט „אַן אַפּראַנד". אין איין מינוט כמעט האָט זי געזאָגט מאַריביאַן, אַז היות זיי פּאָזירן אין איין אַטעליע, דאַרפן זיי זיך האַלטן פאַר חברטעס; פּאָלאַניעצקין, אַז זי דערמאַנט זיך אַן אים פון באַל אין צכטענדע אַלס אַ גוטן טענצער און גוטן „קאָזער", און וועט איצט אויך נישט אויסמיידן פון דעם צו געניסן. ביידע, אַז איר אין זייער אָנגענעם דאָס געניסן פון רוים, אַז זי לייענט „קאָס־מאָפּאָלעס", איז פאַרליבט אין דער ווילע דאָריאַ, אין דעם אויס־בליק פון פינטשיאָ, אַז זי האָפט צוזאַמען מיט זיי צו זען די קאַטעקאָמבעס און אַז זי קען ראָסיס ווערק אין אַלאַרדאַס איבער־זעצונג. נאָכדעם, אַ דריק טוענדיק שווירסקיס האַנט און קאָקעטיש אַ שמייכל טוענדיק צו פּאָלאַניעצקין, איז זי אַוועק, דערקלערנדיק, אַז זי טרעט אָפּ איר אָרט אַ חשובער פּערזאָן פאַר איר, און אי־בערלאָזנדיק נאָך זיך אַן איינדרוק פון אַ וויכער, פון אַ כינעזערין און פון אַ בלום. הער אָסנאָווסקי, זייער אַ יונגער מענטש, מיט אַ גאָרנישט אויסדריקנדיק, אָבער גוט פּנים פון אַ העלן בלאָנדין, איז אַרויס נאָך איר, נישט באַווייזנדיק אפילו אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

שווירסקי האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

— אָט איז אַ שטורעם! — האָט ער אַ זאָג געטון — כ'האָב טויזנטערליי שוועריקייטן, איידער איך דערהאַלט זי צוויי מינוט אויף אַן אָרט.

— אָבער, וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנט געזיכט! — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ. — מען מעג אַ קוק טון אויף איר בילד.

— עס פעלט שוין גאָרנישט קיין סך, מעג מען — האָט גע־ענטפערט שווירסקי.

מאַריניאַ און פּאַלאַניעצקי האָבן זיך דערנענטערט צום פּאַפּיר און האָבן, אָן דער באַדאַרפעניש זיך צו באַמיִען צו זיין העפלעך, געקענט אויסדריקן זייער באַוואונדערונג פאַר שווירסקין. דער קאָפּ, וואָס איז געווען געמאָלט מיט אַקוואַרעל, האָט געהאַט אין זיך די קראַפט און די וואַרעמקייט פון אַן אייל־בילד, און גלייכצייטיק איז אין אים געווען דער גאַנצער גייסטיקער מהות פון פרוי אָסנאָווסקאַ. שווירסקי האָט זיך רויִק צוגעהערט צו די שבחים, און עס איז קענטיק געווען, אַז ער אַליין האָט הנאה פון זיין אייגענער אַרבעט. נאָכדעם האָט ער עס צוגעדעקט, און אַוועק־טראַגנדיק עס אין אַ ווייטערן ווינקל פון אַטעליע, האָט ער אַוועקגע־זעצט מאַריניאַן אויף אַ צוגעגרייטער שטול און אָנגעהויבן זיך אין איר איינקוקן.

זי האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַרן עקשנותדיקן בליק, און אירע באַקן האָבן אָנגעהויבן רויט ווערן, אָבער שווירסקי האָט מיט הנאה געשמייכלט און געמורמלט:

— יאָ! דאָס איז גאָר אַן אַנדער טיפּ... ערד און הימל!

מינוטנווייז פלעגט ער פאַרמאַכן איין אויג, וואָס עס האָט מאַריניאַן גאָר שטאַרק פאַרשעמט, מינוטנווייז פלעגט ער צוגיין גענטער צום פּאַפּיר, דאָ ווידער אָפּטרעטן צוריק, ווידער זיך איינקוקן און ווידער געדעדט, ווי צו זיך אַליין:

— דאָ־ט האָט מען באַדאַרפט אַרויסבאַקומען דעם שד, און דאָ די פריילעכקייט.

אויף דעם האָט פּאַלאַניעצקי געענטפערט:

— קוים האָט איר עס תיכף באַמערקט, בין איך שוין זי־כער, אַז עס וועט זיין אַ מייסטערווערק.

שווירסקי האָט פּלוצלינג זיך אויפגעהערט צוצוקוקן צום פּאַפּיר און מאַריניאַן — און ווענדנדיק זיך צו פּאַלאַניעצקין, פריי־לעך געשמייכלט, אַרויסווייזנדיק זיינע געזונטע ציינער.

— וואָס, מיין הער! פרוילעכקייט — און אייגנטלעכע

פרוילעכקייט, דאָס איז דער הויפּט־כאַראַקטער פון אייער געזיכט.

— און איר וועט עס כאַפּן אַזוי, ווי אויף יענעם פּאָרטרעט דעם שד.

— סטאַש! — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ.

— דאָס האָב נישט איך אויסגעטראַכט, נאָר הער שווירסקי.

— אויב איר ווילט, לאָמיר זאָגן: אַ שדל, נישט קיין שד..

און אַ שיין שדל, אָבער אַ געפערלעכס. מאָלנדיק, באַטראַכט איך פאַרשידענע זאַכן. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ, די פרוי אָסנאָווסקאַ.

— פאַרוואָס?

— איר האָט באַמערקט איר מאַן?

— כ'בין עפּעס געווען פאַרנומען, האָב איך נישט געהאַט ווען.

— זי, פאַרשטייט איר מיך, פאַרשטעלט אים אַזוי, אַז מען זעט אים כמעט נישט אַרויס, די גרעסטע צרה איז אָבער דאָס, וואָס זי אַליין זעט אים נישט, דערווייל איז דאָס דער ערלעכסטער בחור אין דער וועלט, זייער אַ גוט דערצויגענער, אַן אומגעהייער איידעלער, זייער אַ רייכער און גאָר קיין נאַר נישט, און צו דעם האָט ער זי ליב ביז צו משוגעת.

דאָ האָט שווירסקי אָנגעהויבן צייכענען און האָט ווי פון צעשטרייטקייט געחזרט:

— ער האָט זי לי־יב מ־שו־גע... פאַריכט אייך אַ ביסל די האָר לעבן אויער... אויב אייער מאַן איז אויך אַ פלאַפּלער, וועט ער אַריינפאַלן אין יאוש, ווייל בוקאַצקי האַלט, אַז ווען איך נעם זיך צו דער אַרבעט, פאַרמאַכט זיך בײַ מיר נישט דאָס מויל, און כ'לאָז נישט קיינעם קומען צום וואָרט... זי, פאַרשטייט איר מיך, מעג זיך זיין ביז איצט ריין ווי אַ טרער, זי איז אָבער אַ קאָקעטקע... דאָס איז אַ קאַלט האַרץ און אַ פייערדיקער קאָפּ... אַ געפערלעך מין! אָ! אַ געפערלעכער! עסט אויף גאַנצע טוצן ביכער — פאַרשטייט זיך פראַנצויזישע... לייענט זיך אָן פון זיי פּסיכאָלאָגיע, ווערט געוויר פון פרויען־טעמפּעראַמענטן, וועגן פרוי־

לעכער רעטעניש-פּולקייט, זוכט אין זיך רעטענישן, וואָס זי האָט לגמרי נישט, געפינט שטרעבונגען, וועגן וועלכע זי האָט בעכטן קיין השגה נישט געהאַט, ווערט אינטעלעקטועל קאַליע און דאָס קאַליע ווערן האַלט זי פאַר אַ חכמה, און צום מאַן באַציט זי זיך מיט ביטול.

— איר זענט דאָך אָבער אַ שרעקלעכער מענטש! — האָט באַמערקט מאַריניאַ.

— מיין הער, מיין הער — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — מיין ווייב וועט זיך מאָרגן באַהאַלטן פון שרעק, ווען עס וועט קומען די צייט צו זיצן.

— זאָל זי זיך נישט באַהאַלטן. דאָס איז אַן אַנדער טיפּ. אָסנאָווסקי איז גאָר קיין נאַר נישט, אָבער מענטשן, דער עיקר, איר זאָלט מיר מוחל זיין, פרויען, זעבען אַזוי נישט קלוג, אַז אויב עמעצנס שכל קלעפּט זיי נישט קיינעם איבערן קאָפּ, אויב עס פעלט אים אויס אַ ביסל זיכערקייט, אויב ער דראַפּעט נישט ווי אַ קאַץ און שניידט נישט ווי אַ מעסער, שעצט מען אים נישט. כ'האָב עס אויף מיין וואָרט הונדערט מאָל אין לעבן געזען!...

און אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער פאַרמאַכט איין אויג, אַ קוק געטון אויף מאַריניאַן און ווייטער גערעדט:

— בכלל, ווי נאַריש די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז! איך האָב אָפט מאָל זיך געשטעלט די שאלה, פאַרוואָס ווערן ערלעכקייט פון כאַראַקטער, האַרץ און אַזאַ זאַך ווי גוטסקייט, ווייניקער געשעצט, ווי דער אַזוי גערופענער שכל? פאַרוואָס עקזיסטירן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן דער עיקר צוויי מינים עטיקעטן: אַ קלוגער און אַ נאַר, אין ס'איז למשל נישט אָנגענומען צו זאָגן: אַן ערלעכער אָדער אומערלעכער — אַזוי ווייט נישט אָנגענומען, אַז די ווערטער בלויז אַליין וואָלטן אויסגעזען קאָמיש.

— ווייל — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — דער שכל איז אַ לאַמטערנדל מיט וועלכן עס מוזן זיך דורכלייכטן הן די ערלעכקייט, הן דאָס גוטסקייט, הן דאָס האַרץ — אַנישט וואָלטן

יי זיך די נעז צעקלאַפּט, אָדער נאָך ערגער, זיי וואָלטן אַנדע־
רע די נעז צעקלאַפּט.

מאַריניאַ האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, אָבער אויפן גע־
זיכט אירן האָט מען קלאָר געקענט לייענען:

— ווי קלוג סטאַש איז, אַ שרעק!

דער „קלוגער סטאַש" האָט דערווייל צוגעגעבן:

— איך רעד אגב נישט וועגן אָסנאָווסקין, ווייל איך קען
אים נישט.

—אָסנאָווסקי — האָט געענטפערט . שווירסקי — האָט ליב
דאָס ווייב, ווי זיין ווייב, זיין קינד און זיין גליק, און זי האָט
אַ פאַרדרייטן קאָפּ, גאָט ווייסט מיט וואָס, און צאָלט אים נישט
פּ מיט דעם זעלבן. מיך, אַלס בחור, אינטערעסירן זייער פרויען,
רעדן מיר טאַקע צייטנווייז גאַנצע טעג, דער עיקר מיט בוקאַצקין,
כל־זמן זיי האָבן אים אויך אינטערעסירט, מער ווי הייַנט. בוּ־
קאַצקי טיילט די פרויען אויף גייסטיקע פלעבייערינס, אונטער
וועלכע ער מיינט די געמיינע און פלאַכע נפשות — און אויף
גייסטיקע פּאַטריציאַנערינס, דאָס הייסט אויסגעאיידלטע נאַטורן,
וואָס זענען פול מיט העכערע שטרעבונגען, וואָס זענען באַגרינ־
דעט אויף יסודות, נישט אויף פראַזן. פאַרהאַן אין דעם אַ געוויסע
ריכטיקייט, מיר אָבער איז ליבער מיין איינטיילן זיי, ווייל עס
איז פשוטער: אויף דאַנקבאַרע און אומדאַנקבאַרע הערצער.

דאַ האָט ער זיך אויף אַ רגע דערווייטערט פונם עסקיז,
פאַרמאַכט די אויגן, נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס קליינע שפּי־
געלע, עס צוגעשטעלט צום בילד און אָנגעהויבן קוקן אויפן
אָפּשלאַג.

— איר פרעגט, וואָס איך מיין מיט דאַנקבאַרע און אומ־
דאַנקבאַרע הערצער — האָט ער אַ זאָג געטון, ווענדנדיק זיך צו
מאַריניאַן, הגם זי האָט וועגן דעם נישט געפרעגט — אַ דאַנק־
באַר האַרץ איז אַזעלכעס, וואָס פילט, ווען עס איז געליבט, און
ווערט גערירט פון ליבע, און האָט פאַרן ליב האָבן וואָס אַמאָל
מער ליב און גיט זיך וואָס אַמאָל מער איבער און, שעצט עס
און גיט אָפּ כבוד. אַן אומדאַנקבאַרס — ניצט בלויז אויס די ליבע,

און וואָס זיכערער ס'איז, אַלץ ווייניקער מאַכט עס זיך פון דעם, אַלץ מער באַציט עס זיך מיט ביטול און טרעט עס... אַ פרוי מיט אַן אומדאַנקבאַר האַרץ איז גענוג ליב צו קריגן, כדי זי זאָל אויפהערן ליב צו האָבן. דער פישער דאגהז נישט וועגן דעם פיש אין דער נעץ — און פרוי אָס אָיוסקאָ דאגהט דעריבער נישט וועגן הער אָסנאָווסקין. אינם תוך געגומען איז עס די גרעבסטע פאָרעם פון עגאָיזם, וואָס עס איז פאַרהאַן — ממש בעגערשע! — און דעריבער זאָל גאָט אָפּהיטן הער אָסנאָווסקין, און זי זאָל דער רוח נעמען מיט אירע כינעזישע פיילכן-קאָלירטע אויגן און מיט איר פריזירטע גריווע, מאָלן אַזעלכע — איז גוט! — אָבער חתונה האָבן מיט אַזעלכע — נישט געטראָפן דאָס אָרט! איר וועט גלייבן, כ'האָב אַזוי מורא פאַר אַן אומדאַנקבאַר האַרץ, אַז כ'האָב ביז איצט דעריבער נישט חתונה געהאַט, הגם ס'האָט שוין באַ מיר אַ קלונג געטון פיין פערציק.

— דאָס איז דאָך לייכט אַזוי צו דערקענען — האָט אַ זאָג געטון מאַרינקאַ.

שווירסקי אָבער האָט געענטפערט:

— ווו דאָרט! בפרט נאָך, ווען עמעץ פאַרלירט די חושים און דעם שכל.

און אַריבערבייגנדיק זיין אַטלעטישע פיגור, האָט ער אַ צייט געקוקט אויפן עסקיז, באַלד דערנאָך אַ זאָג געטון:

— נו, גענוג זיין אויף היינט! כ'האָב זיך אַזוי אָנגערעדט שוין, אַז די פליגן האָבן שוין געמוזט אַראָפּפאַלן פון די ווענט. מאָרגן, אַז עס וועט אייך שוין זיין איבערדריסיק, זאָלט איר בלויז אַ פאַטש טון מיט די הענט... מיט פרוי אָסנאָווסקאָ אגב רעד איך נישט אַזוי פיל, ווייל זי אַליין האָט אויך ליב צו רעדן... וויפיל געמען בלויז פון ביכער איך הער זיך אָן! מילא, נאַרישקייטן! כ'האָב עפּעס זיך געוואָלט זאָגן און האָב פאַרגעסן... אַהאַ! — אַז איר זענט אַ דאַנקבאַר האַרץ!

פאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן און שווירסקין פאַרבעטן אויף מיטאָג, צוזאָגנדיק אים בוקאַצקיס און פּראָפעסאָר וואַסקאָוסקיס געזעלשאַפט.

— מיט גרויס פרייד — האָט געענטפערט שווירסקי — איך בין אַזוי אייגזאַם, ווי אַ ווילד חזיר. היות ס'איז אַ גוט וועטער און אַ פולע לבנה, וועלן מיר נאָך דעם פאַרן באַקוקן דעם קאָלאָזעום אַנטקעגן שיין פון דער לבנה.

דאָס מיטאָג איז דורך אָן בוקאַצקיס מוח-קאָזשלקעס, ווייל ער האָט זיך געפילט נישט געזונט און געשריבן, אַז ער וועט נישט קומען. פאַר דעם זעגען שווירסקי מיט וואָסקאַווסקין געווען צו זיך אויסגעצייכנט גוט צוגעפּאַסט און האָבן זיך תיכף באַפריינדעט. שווירסקי האָט בלויז בשעת דער אַרבעט קיינעם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, בכלל אָבער האָט ער ליב געהאַט און געקענט הערן, און הגם דער פּראָפעסאָר, צוזאַמען מיט זיינע אָנשויוּנגען, האָט אים צייטנווייז אויסגעזען קאָמיש, האָט מען דאָך געקענט זען אין דעם אַלטן אַזאַ ערלעכקייט און גוטסקייט, אַז עס איז שווער געווען, ער זאָל באַ עמעצן נישט נושא-חן זיין. דעם קינסטלער האָט זיך אַ וואָרף געטון אין די אויגן זיין מיסטיש געזיכט און דער אויסדרוק פון זיינע אויגן. ער האָט אין זיך געמאַכט פון אים אַ ביסל אַן עסקיז, און הערנדיק וועגן די אַריער האָט ער געטראַכט: ווי וואָלט אויסגעזען אַזאַ קאָפּ, ווען מען זאָל אַלץ אויפכאַפּן, וואָס עס געפינט זיך אין אים?

באַם סוף מיטאָג האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן אויספרעגן מאַריניאַן, צי זי וואָלט נישט וועלן זען דעם פויפּסט און דערקלערט, אַז אין דריי טעג אַרום דאַרפן אָהערקומען בעלגישע עולי-רגל, אָן וועלכע מען וועט זיך קענען אָנשליסן. שווירסקי, וואָס האָט געקענט גאַנץ רוים און אַלע מאָנסיניאָרן, האָט געהאָפט, אַז ער וועט עס דורכפירן לייכט. דערהערנדיק דאָס, האָט דער פּראָפעסאָר אויף אים אַ קוק געטון און געפרעגט:

— זענט איר דאָך כמעט אַ רוימער?

— שוין זעכצן יאָר.

— איך בעט אייך!...

דאָ האָט דער פּראָפעסאָר זיך אַ ביסל צעטומלט, אויס מורא, צי ער באַרירט נישט קיין סוד-זאַך, וועלנדיק אָבער וויסן,

וואָס עס זאָל נישט משפּטן וועגן דעם אַזאַ סימפּאַטישער מענטש, האָט ער גובר געווען אין זיך די אומדרייסטקייט און געפרעגט:

— ווו... צי פון קווירינאַל, אָדער וואַטיקאַן?

— פון פּאַגנעמבין — האָט געענטפערט שווירסקי, ריינצלענדיק אַ ביסל די ברעמען.

דעם סוף מיטאָג האָט איבערגעריסן דאָס ווייטערדיקע דערקלערן און דער ווייטערדיקער שמועס. מאַרינאַ האָט קוים געקענט איינזיצן באַם געדאַנק, אַז זי וועט זען אַנטקעגן דער לבנה דעם קאַפּיטאָל, דעם פאָרום און דעם קאָלאָזעום. אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געפאָרן איבער דער קאָרסאָ באַלויכטן פון עלעקטרישע צו די חורבות.

די נאַכט איז געווען אַ שטילע און אַ וואַרעמע, און לעבן פאָרום און קאָלאָזעום לחלוטין פּוסט, ווי עס מאַכט זיך איבעריקנס אויך באַטאָג. אין דער געגנט פון אַ קאַשטשאָל סאַנטאַ מאַריאַ ליבעראַטריטשע, האָט עמעץ געשפּילט באַם אָפענעם פענסטער אויף אַ פלייט, און אין דער שטילקייט האָט מען געהערט יעדן טאָן. אויפן פאָדערשטן טייל פאָרום איז געפאַלן אַ טיצער שאָטן פון די בערג און פונם קאַפּיטאָלישן בנין, אָבער די ווייטערדיקע שטחים זענען געווען פאַרגאָסן מיט אַ העלן גרינלעכן שיין, פונקט, ווי אין קאָלאָזעום, וואָס האָט פונדערווייטנס אויסגעזען ווי זילבערן. בשעת די קאַטש האָט זיך פאַרהאַלטן באַ דער אַרקאַדע פונם ריזיקן צירק, זענען די פּאָלאַניעצקיס, שווירסקי און וואַסקאָווסקי אַריין אינעווייניק און אָנגעהויבן זיך צוצוקוקן צו דער מיט אַרענע, אויסמיידנדיק די אָנגעזאַמלטע שטיקער זיילן, פריזן, שטויסן ציגל, שטיינער און די נידעריקע פּעדעסטאַלן, וואָס זענען דאָ און דאָרט געשטאַנען לעבן די אַרקאַדעס — חורבות. אונטער דער ווירקונג פון דעם שווייגן אין חלל, זענען אויף זייערע ליפּן נישט אויפגעקומען קיין ווערטער, דורך די בויגנס פון די אַרקאַדעס זענען אינעווייניק אַריין גאַרבן לבנה־שיין, וואָס האָבן אויסגעזען ווי איינגעשלאָפן אויף דעם פונדאַמענט פון דער אַרענע, אויף די

קעגנאיבערדיקע מויערן, אין די שפאַלטן און שטשערבן פון די ווענט, אין די איינבראָכן, אויף דעם באַזילבערטן מאָך און ווילדן גראָז, וואָס באַדעקן דאָ און דאָרט די חורבה. אַנדערע טיילן פון בנין, וואָס זײַנען געווען פאַרזונקען אין דעם געדיכטן חשכות, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון שוואַרצע, געהיימנישפולע תהומות, פון די אונטן ליגנדיקע קאַנאַלן האָט געיאָגט אַ פייכטער ריח פון פוסטקייט. די ווירקלעכקייט איז אָפּגעמעקט געוואָרן צווישן דעם לאַבירינט און דעם געמיש פון מויערן, פון אַרקאַדעס, ליכטיקע פּאַסן און טיפע שאָטנס. די ריזיקע חורבה האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט פאַרלוירן איר רעאַליטעט און איז געוואָרן עפּעס אַ געשפּענסט פון שלאָף, אָדער ריכטיקער, עפּעס אַ מאָדנער איינדרוק, וואָס באַשטייט פון שטילקייט, נאַכט, לבנה, פון טרויער און פון זכרונות פון דעם גרויסן עבר, וואָס איז געווען פול מיט בלוט און יסורים.

שווירסקי האָט דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געשטילטער שטים:

— וויפיל יסורים, וויפיל טרערן, וואָס פאַר אַן אומגעהייערע טראַגעדיע! . . . זאָל מען זאָגן, וואָס מען וויל — אין קריסטנטום שטעקט עפּעס איבערמענטשלעכס — און דעם געדאַנק קען מען נישט בײַשטיין.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו מאַריניאַן און ווייטער געשעפּטשעט:

— שטעלט אייך פאָר יענע קראַפט: די גאַנצע וועלט, די מיליאָנען מענטשן, דאָס אייזערנע געזעץ, די קראַפט, וואָס מען האָט פריִער און שפּעטער שוין קיינמאָל נישט געזען, די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען, די גרויסקייט, דער רום, די הונדערטער לעגיאָנען, די ריזיקע שטאָט, וואָס הערשט איבער דער וועלט — און דאָרט אָט אָ דעם פּאַלאַטין, וואָס הערשט איבער דער שטאָט; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז קיין קראַפט אין דער וועלט וועט אים נישט בייקומען — דערווייל קומען צוויי יודן — פּעטרוס און פּאַולוס — נישט מיט קיין כּלי־זיין, נאָר מיט וואָרט — און גיט אַ קוק: דאָס איז אַ חורבה, אויפן פּאַלאַטין אַ חורבה,

זויפן פאַרום אַ חורבה, און איבער דער שטאָט צלמים צלמים און צלמים...

ווידער איז שטיל געוואָרן, בלויז פון דער זייט פון סאַנטאַ מאַריאַ ליבעראַטריטשע האָט זיך כסדר געהערט דאָס קול פון דער פלייט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי אַ זאָג געטון, ווייזנדיק אויף דער אַרענע:

— דאָ איז אויך געווען אַ צלם — אָבער זיי האָבן אים אַראָפּגענומען.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט געטראַכט וועגן שווירסקיס ווערטער, זיי האָבן כּמעט אים געהאַט אַ וויכטיקערע באַדײַטונג, ווי זיי וואָלטן געקענט האָבן פאַר אַ מענטש, וואָס האָט דעם גײַסטיקן קאַמף מיט זיך שוין פאַרענדיקט. ענדלעך, גײַענדיק נאָך זײַנע אײגענע מחשבות נאָך, האָט ער אַ זאָג געטון:

— יאָ, אין דעם שטעקט עפּעס איבערמענטשלעכס. עפּעס אַן אמת לײַכט דאָ אין די אויגן אַרײַן, ווי די לבנה.

פּאַמעלעך זענען זיי צוגעקומען צום אַרויסגאַנג. פּלוצלינג אָבער האָט זיך אײַנגדרויסן דערהערט דאָס רוישן פון אַ קאָטש, נאָך דעם האָבן אין דער פינסטערער נישע, וואָס פירט אינדערמיט צירק אַרײַן, זיך געלאָזט הערן טריט און עפּעס צוויי הויכע פיגורן האָבן זיך אַרויסגעבויגן פונם שאָטן צום שײַן צו.

אײנע פון זיי, אָנגעטון אין אַ גרוי קלייד, וואָס האָט אינם שימער פון דער לבנה געגלאַנצט ווי שטאָל, דערנענטערנדיק זיך אויף עטלעכע טריט, כּדי זיך בעסער צוצוקוקן צו די באַזוכער, האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— גוטן אָוונט! אַזאַ שײנער אָוונט, אַז מיר האָבן זיך אויך אַרויסגעקליבן אין קאָלאָזעום אַרײַן, וואָס פאַר אַ נאַכט!

פּאָלאַניעצקי האָט דערקענט פרוי אָסנאָווסקאָס שטים.

זי ווידער, דערלאַנגענדיג אים די האַנט, האָט אַ זאָג געטון מיט אַזאַ ווייכער שטים, ווי דאָס קול פון דער פלייט, וואָס איז געקומען פון דער זייט פון קאָשטשאָל:

— איך וועל אָנהייבן גלייבן אין פאַרגעפילן, ווייל מ׳ה־ האָט באמת עפּעס געזאָגט, אַז כ׳וועל דאָ געפינען באַקאַנטע. וואָס פאַר אַ פאַכטפולע נאַכט!...

XV.

אומקערנדיק זיך אין האָטעל אַריין, האָבן די פּאָלאַניעצקיס מיט אַ געוויסער פּאַרוווּנדערונג געפינען וויזיטקאַרטן פון די אָס-נאָוואָסקיס, און די פּאַרוווּנדערונג האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס זיי האָבן די ערשטע, אַלס יונג פּאָרפּאָלק, באַדאַרפט מאַכן וויזיטן. אויף דער ליבנסווירדיקייט, און צו דעם אַזאַ אומגעוויינטלעכע, האָט מען באַדאַרפט ענטפערן מיט דערזעלבער ליבנסווירדיקייט, דעריבער האָבן זיי תיכף אויף צומאָרגנס זיך צוגעאײַלט מיט זייער רעוויזיט. בוקאַצקי, וואָס האָט זיי פריִער געהאַט געזען, הגם ער איז שטאַרק נישט געזונט געווען און האָט קוים געשלעפט די פיס, האָט פונדעסטוועגן באַוויזן צו זאָגן פּאָלאַניעצקין, בשעת זיי זײַנען אַ ווײַלע געבליבן אויג אויף אויג, איינע פון זײַנע געוויינטלעכע חכמות.

— זי וועט זיך צו דיר צופּיצן, אָבער טאָמער מיינסטו, אַז זי וועט זיך אין דיר פאַרליבן, האָסטו אַ טעות. זי איז אַ ביסל ענלעך צו אַ ראַזיר-מעסער — זי דאַרף אַ פּאַס אויף צו שלײַפן — זײַן בעסטן פאַל וועסטו זײַן אירס אַ פּאַס.

— קודם־כּל, וועל איך נישט זיין איר פּאָס — האָט געענט־פערט פּאָלאַניעצקי — שנית, עס איז נאָך צו פרי אויף דעם.

— צו פרי? דאָס הייסט, אַז דו באַוואָרנסט דיר די צוקונפט.

— ניין. דאָס הייסט, אַז איך טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש אויך, אַז איך האָב וואָס צמאָל ליבער מיין מאַריניאַן, אַזוי, אַז ווען עס וועט זיך ענדיקן: צו פרי, וועט זיין: צו שפּעט — און פרוי אָכבאָווסקאַ וואָלט זיך געקענט אויף מיר אויסשטשערבען, אָבער נישט אויסשלייפן.

און פּאָלאַניעצקי, זאָגנדיק דאָס, איז געווען אויפריכטיק: די רעיונות זיינע זענען באמת געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, אַלנפאַלס איז עס געווען פריצייטיק.

ער איז געווען אַזוי ווייט זיכער, אַז ער האָט גלייכצייטיק געפילט אַ געוויסע גרייטקייט זיך אונטערצוגעבן דעם פרוּוו. אַנדערש גערעדט, דאָס וואָלט אים אפשר געווען פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ווען פרוי אָסנאָווסקאַ זאָל זיך האָבן אויף אים אויסגעשטשערבעט.

דערווייל זענען זיי נאָך פרישטיק געפאָרן מיט מאַריניאַן צו שווירסקין אויף אַ סעאַנס, וואָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, מחמת דער קינסטלער איז געווען עפּעס אַ ריכטער אין אַן אַרטיסטישן קאָנקורס און האָט זיך געמוזט איילן אויף אַ זיצונג. ווען זיי זענען אַהיימגעקומען, איז אין אַ פערטל שעה אַרום אָנגעקומען הער אָסנאָווסקי.

פּאָלאַניעצקי האָט נאָכן שמועס מיט שווירסקין געהאַט אויף אים אַ ביסל רחמנות, אָבער גלייכצייטיק זיך באַצויגן צו אים עפּעס מיט ביטול. מאַריניאַ אָבער האָט געפילט צו אים אַן אמתע סימפּאַטיע. זי האָט אַ נעם געטון דאָס, וואָס זי האָט געהערט וועגן זיין גוטסקייט, איידלקייט און צוגעבונדנקייט צום ווייב. איצט האָט זיך איר געדאַכט, אַז די אַלע מעלות זענען ווי אויפגעשריבן אויף זיין געזיכט, וואָס איז אַגב גאָרנישט קיין מיאוס, הגם עס איז דאָ און דאָרט געווען באַדעקט מיט קרעצלעך.

באַגריסנדיק זיי, האָט הער אָסנאָווסקי אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געוויסער פרייקייט פון אַ מענטש, וואָס איז צוגעוווינט צו פיינער געזעלשאַפט:

— איך קום אַהער לויטן אויפטראָג פון מיין פרוי מיט אַ פאָרשלאָג. געלויבט צו גאָט, די וויזיט־צערעמאָניעס צווישן אונדז זענען פאַרענדיקט, הגם אין אויסלאַנד איז זיך נישט כדאי מיט דעם אַזוי שטאַרק צו רעכענען. די מעשה איז אַזוי: מיר ווילן היינט פאָרן צום הייליקן פאַולוס און נאָכדעם אין טרע פאָנטאַנע. דאָס איז שוין הינטער דער שטאָט; אַן אינטערעסאַנטער קלויסטער מיט אַ שיינעם אויסבליק פון דאָרט אויס. אונדז וואָלט געווען אָנגענעם, ווען איר זאָלט מסכים זיין מיט אונדז צוזאַמען צו מאַכן דעם אויספלוג.

מאַרינאַ איז תמיד גרייט געווען אויף אַלע מינים אויספלוגן, בפרט נאָך אין געזעלשאַפט און באַ אַ ליבן שמועס, דעריבער האָט זי אויך אָנגעהויבן קוקן אויפן מאַן, וואַרטנדיק, וואָס ער וועט זאָגן. פּאָלאַניעצקי אָבער האָט באַמערקט, אַז זי האָט חשק צו דעם, אַ חוץ דעם האָט ער אין האַרץ אַ טראַכט געטון: „ווילסט זיך אַ ביסל אויסשטשעטבן, שטשערב זיך אויס".

און ער האָט געענטפערט:

— איך וואָלט מיט פאַרגעניגן מסכים געווען, אָבער דאָס איז אָפּהענגיק פון מיין העכערער מאַכט.

די העכערע מאַכט איז נאָך נישט געווען זיכער, צי דער הכנעהדיקער אונטערגעוואָרפענער רעדט אויפריכטיק. זעענדיק אָבער אַ שמייכל אויף זיין פנים און זיין גוטע שטימונג, האָט זי לסוף דערוועגט זיך צו פסקענען:

— מיט גרויס דאַנקבאַרקייט — אָבער צי פאַרשאַפן מיר נישט קיין דאגות?

— נישט קיין דאגות, נאָר הנאה — האָט געענטפערט אָסנאָווסקי — אויב אַזוי איז אויסגעצייכנט! אין אַ פערטל שעה אַרום וועלן מיר דאָ זיין.

אין אַ פערטל שעה אַרום האָט מען זיך טאַקע געלאָזט אין וועג אַריין. פרוי אָסנאָווסקאַס כינעזישע אויגן זענען געווען פול

מיט צופרידנקייט און מילדקייט. אָנגעטון אין אַ פּולאַרן קלייד פון איריס-קאָליר און אין עפּעס אַ מלבוש, וואָס האָט געקענט אָנגיין פאַרן אַכטן וואונדער פון דער וועלט, האָט זי באמת אויסגעזען ווי אַ רוסאַלקע. איידער זיי זענען נאָך צוגעקומען צום הייליקן פּאַולוס, האָט פּאָלאַניעצקי אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי פרוי אָסנאָווסקאַ, וואָס האָט וועגן דעם גאַרנישט גערעדט, האָט פונדעסטוועגן געקענט אים זאָגן, אָדער לכל-הפחות געבן צו פאַרשטיין אַט-וואָס:

— דיין ווייב איז זיך אַז, אַ ווויל דאָרפיש ווייבל, וועגן מיין מאַן איז נישטאָ וואָס צו רעדן. פאַרשטיין זיך און טיילן זיך מיט די איינדריקן קענען בלויז מיר ביידע.

ער האָט אָבער באַשלאָסן זיך מיט איר צו ר ייצן.

בשעת זיי זענען צוגעקומען צום הייליקן פּאַולוס, וועלכן פרוי אָסנאָווסקאַ האָט אגב אָנגערופן נישט-אַנדערש, ווי „סאַן פּאַאָלאָ פואָרי לע מוראַ", האָט דער מאַן אירער געוואָלט פאַרהאַלטן די קאָטש, זי אָבער האָט אַ זאָג געטון:

— מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן דאָ צוריקוועגס, מחמת דאַמאָלס וועלן מיר וויסן, וויפיל עס בלייבט אונדז צייט, און איצט לאָמיר פאָרן גלייך צו טרע פאָנטאַנע.

נאָכדעם, זיך ווענדנדיק צו פּאָלאַניעצקין, האָט זי ווייטער גערעדט:

— דאָ, אין דעם באַרימטן הויף, זענען אויך פאַרהאַן פאַרשידענע זאַכן, וועגן וועלכע איך וואָלט אייך וועלן אַ פרעג טון.

— וועט איר שלעכט האָבן געטראָפן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — מחמת איך קען זיך לגמרי נישט אויף ידי זאַכן.

אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, באַם פאַרבייגיין פאַרשידענע היסטאָרישע ערטער, אַז פון דער גאַנצער געזעלשאַפט קען זיך אויף דעם צומבעסטן הער אָסנאָווסקי. ער האָט נעבעך פון איידער פרי ביזן אָוונט שטודירט די וועג-ווייזערס, כדי ער זאָל אַליין קענען זיין אַ פירער פאַרן ווייב, און טיילווייז דערפאַר, כדי ער

זאָל צוליב זיין וויסן געפעלן. זי האָט זיך אָבער באַצויגן מיט ביטול צו די דערקלערונגען, וואָס ער האָט איר געקענט געבן, דווקא דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשטאַמט פון אים. איר איז אַ סך מער געפעלן די חוצפהדיקע זיכערקייט, מיט וועלכער פּאָלאַניעצקי האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט וועגן די אַלטער טימלעכקייטן קיין השגה נישט.

נאָכן היילִיקן פּאַולוס האָט זיך געעפנט אַן אויסבליק אויף דער קאָמפּאַניע מיט אירע אַקוועדוקטן, וואָס מאַכן אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן שנעל געלאָפן אין שטאָט אַריין, און אויף די אַלבאַנישע בערג, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין אַ בלויען נעפּל פון דערווייטערונג, רויִקע און ליכטיקע. די פרוי אָסנאָווסקאַ האָט געקוקט אויף זיי אַ צייט מיט עפּעס אַ פאַרחלומטן בליק, נאָכדעם האָט זי אַ פרעג געטון:

— איר זייט געווען אין אַלבאַנאָ און אין נעמי?

— ניין — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — די סעאַנסן בײַ שווירסקין שניידן אונדז איבער דעם טאָג אַזוי, אַז פאַרן ענדיקן דעם פּאָרטרעט קענען מיר קיין גרויסע אויספלוגן נישט מאַכן.

— מיר זענען שוין געווען, אָבער אַז איר וועט זיך קלויבן אַהין, נעמט אונדז מיט... גוט? איר וועט דערלויבן? — האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מאַריניאַן — איך וועל אַ ביסל זיין אַ פינפט ראָד צום וואָגן, אָבער דאָס איז גאָרנישט... איבעריקנס, וועל איך זיין שטיל, שטיל זיך זיצן אין ווינקל קאָטש און זיך נישט אָנרופן — קיין פּיפּס נישט! גוט...

— אוי, דו קליינע, קליינע! — האָט אַ זאָג געטון אָסנאָווסקי.

און זי האָט ווייטער גערעדט:

— מיין מאַן וויל נישט גלייבן, אַז כ'האָב זיך פאַרליבט אין נעמי. און כ'האָב זיך פאַרליבט. ווען כ'בין דאָרט געווען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַהין איז דאָס קריסטנטום נאָך נישט צוגעקומען אַז באַנאַכט גייען דאָרט אַרויס עפּעס כוהנים און דינען די געטער איבער דער אָזערע. כ'וועל אייך זאָגן

בקיצר: שטילקייט און געהיימניש — אז דאָס איז נעמי. איך וואָלט גלייבן, ווען כ׳בין דאָרט געווען, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ חשק צו ווערן פּרושה — און ביז איצט איז עס בײַ מיר נאָך נישט אַוועק. כ׳וואָלט זיך אויסגעבויט אַ הייל איבער דער אַזיערע — און כ׳וואָלט געגאַנגען אין אַ לאַנג גרוי קלייד, ענלעך צום מלבוש פון הייליקן פראַנציסק פון אַסיזש — און באָרוועס. כ׳וואָלט געגעבן וויפיל, כ׳זאָל ווערן אַ פּרושה!... איך זע זיך איבער דער אַזיערע...

— אַנעטקע, און וואָס וואָלט דאַמאָלס מיט מיר געווען? — האָט אַ פרעג געטון האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט הער אָסנאָווסקי.

— זי וואָלט געפינען אַ טרייסט — האָט זי קורץ געענטפערט.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אַ טראַכט געטון:

— דו וואָלסט געווען אַ פרושה מיטן תּנאַי, אַז אויפן צווייטן ברעג אָזיערע זאָל שטיין אַ פּאָר טוץ פראַנטן, און זיך צוקוקן דורך לאָרנעטקעס, וואָס די פרושה טוט און ווי אַזוי זי זעט אויס.

ער איז געווען צו גוט דערצויגן, אַז ער זאָל איר פּשוט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט, ער האָט איר אָבער געזאָגט עפּעס ענלעכס אין וואָס מען האָט געקענט פאַרשטיין אַזוי, זי ווידער האָט אָנגעהויבן לאַכן און געענטפערט:

— פאַרשטייט זיך. איך וואָלט געלעבט פון נדבות, וואָלט איך צייטנווייז געמוזט זען מענטשן, און ווען איר וואָלט געקומען קיין נעמי, וואָלט איך צו אייך אויך צוגעקומען און וואָלט שטילערהייט געחזרט: ען סאָלדאָ! ען סאָלדאָ!

זאָגנדיק דאָס׳ האָט זי אויסגעצויגן צו אים אירע קליינע הענט און אָנגעהויבן זיי טרייסלען, חזרנדיק מיט הכנעה:

– Un soldo per la povera ! un soldo ! . . .

און געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

הער אָסנאָווסקי ווידער האָט דערווייל געזאָגט צו מאַריניאַן:

— דאָס הייסט טרע פֿאָנטאַנע, ווייל דאָרט זענען פֿאַראַן דריי קוואַלן. דאָרט איז געקעפּט געוואָרן דער הייליקער פּאַ־וליס און ס'איז פֿאַראַן אַ מסורה, אַז זיין קאָפּ איז דריי מאָל אונטערגעשפּרונגען און אויף דעם אָרט האָבן אָנגעהויבן שפּריצן דריי קוואַלן. דאָס געהער צו די טראַפּיסטן. אַמאָל האָט מען דאָרט נישט געקענט בײַכטיקן, אַז אַ קדחת האָט דאָרט געהערשט, היינט איז עס קלענער, ווייל מען האָט אויף די בערג פֿאַרזעצט אַ גאַנצן וואַלד עווקאַליפּטוסן. אָ! מען זעט עס שוין אָן פֿונדאַ־נען!

און פֿרוי אָסנאָווסקאַ, אַריבערגעבויגן אַ ביסל אויף הינ־טערווײַלעכץ, האָט פֿאַרנאַכט די אויגן אויף אַ ווײַלע און אַ זאָג געטאָן צו פּאָלאַניעצקין:

— מיך פֿאַרשיכורט די רוימישע לופֿט. איך בין, ווי אומ־באַוווסטזיניק. אינדערהיים פֿאָדער איך שוין נישט מער פֿונם לעבן ווי דאָס, וואָס עס גיט מיר, און דאָ דעמאָראַליזירט עס. דאָ פֿיל איך, אַז עס פֿעלט מיר עפּעס אויס. ווייס איך דען וואָס? דאָ פֿילט מען פֿאַר עפּעס, מען טרעפֿט עפּעס, מען בענקט נאָך עפּעס... אפשר טויג עס נישט, אפשר דאַרף איך עס נישט רעדן? איך רעד אָבער תמיד דאָס, וואָס עס גייט מיר פֿאַרביי דורכן געדאַנק. אינדערהיים, ווען איך בין קליין געווען, האָט מען מיך גערופֿן אויפֿריכטיקל. איך וועל בעטן דעם מאַן, ער זאָל מיך פֿינדאַנען אָוועקפֿירן. אפשר איז בעסער צו לעבן אין זיין אייגענער שאָל, ווי אַ שילדקראָט, אָדער ווי אַ שנעק

אויף דעם האָט פּאָלאַניעצקי ערנסט געענטפֿערט:

— אין דער שאָל קען אפשר די שנעקעס, אָדער די שילד־קרעטן גוט זיין, אָבער פֿייגל נישט, און צו דעם נאָך גן־עדן־פֿייגל, וועגן וועלכע ס'איז פֿאַראַן אַ מסורה, אַז זיי האָבן קיין פֿיס נישט און קענען איבער דעם קיינמאָל נישט רוען, נאָר מוזן פֿליִען און פֿליִען.

— וואָס פֿאַר אַ שיינע מסורה... — האָט געענטפֿערט פֿרוי אָסנאָווסקאַ.

און אויפהייבנדיק די הענט, האָט זי אָנגעהויבן מיט זיי צו באַוועגן, ווי מיט פליגל, און געחזרט:

— אַט אַזוי אינדערלופט, אינדערלופט!

איר האָט הנאה געטון דער פאַרגלייך, און גלייכצייטיק האָט איר געחידושט, וואָס פּאָלאַניעצקי זאָגט עס מיט אַזאַ ערנסט און דער שטים. און בײַ דעם אַזוי באַכלעסיק און עפּעס איראָניש ער האָט זי אָנגעהויבן אינטערעסירן, ווייל ער האָט זיך איר אויסגעוויזן אַ סך אינטעליגענטער און שווערער צו באַהערשן, ווי זי האָט זיך געריכט.

דערווייל זענען זיי צוגעקומען צו טרע פאַנטאַנע. זיי האָבן באַזוכט דעם קוואַל, דעם קלויסטער און דאָס קאַפּעלעכל, וווּ עס האָבן פון אונטער דער ערד געשלאָגן דריי קוואַלן! הער אָסנאָווסקי האָט צו פאַרשטיין געגעבן מיט זיין גוטער, אַ ביסל מאָנאָטאָנער שטים, וואָס ער האָט פריער געהאַט געלייענט. מאַריניאַ האָט אים אויסגעהערט מיט אינטערעס, פּאָלאַניעצקי ווידער האָט אַ טראַכט געטון:

— דאָך מיט אים צו לעבן דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג אַ יאָר מוז זיין אַ ביסל שווער!

דאָס האָט אַ ביסל פאַר אים פאַרענטפערט די פרוי אָסנאָווסקאַ וואָס האָט, נעמענדיק איצט אויף זיך אַ נייע ראָל פון אַ גן-עדן-פויגל, נישט גערוט קיין איין רגע נישט נאָר אויף דער ערד, אָבער אויך נישט אויף קיין שום זאַך נישט. פריער האָט זי זיך אָנגעטרונקען מיט עווקאַליפּטוס-ליקער, וואָס דאָס קלויסטער אַרבעט אויס אַלס רפואה קעגן קדחת, שפּעטער האָט זי קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ווען זי זאָל זיין אַ מאַנסביל, וואָלט זי געוואָרן אַ טראַפּיסט. נאָכדעם האָט זי זיך פונדעסטוועגן דערמאָנט, אַז עס וואָלט איר געשמייכלט דאָס פאַך פון אַ פישער, „זיין תמיד צווישן הימל און ערד — ווי אין לעבן אין אין-סוף"; ענדלעך אָבער האָט איבער דעם אַלעם געגעבן די אויבערהאַנט איר חשק צו זיין אַ גרויסער שרייבער, וואָס מאָלט די קלענסטע באַרירונגען פון דער נשמה, די האַלב באַוווסטזיניקע געפילן, די נישט דערזאָגטע פאַרלאַנגען, אַלע פּי

גורן, אַלע קאָלירן, אַלע שאָטנס. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויך דערוווּסט בסוד, אַז זי שרייבט אירס אַ טאָג-בוך, וואָס דער „ווילער יוזשאָ" האַלט פאַר אַ מייסטער-ווערק, זי אָבער ווייסט, אַז עס איז נישט, זי האָט נישט די קלענסטע פּרעטענזיעס אויף דעם און לאַכט זיך אויס פון יוזשאָן מיטן טאָג-בוך צוזאַמען.

„יוזשאָ" ווידער האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן, מיט גרויס ליבע אויפן פּנים פול מיט קרעצלעך און האָט פּראָטעסטירנדיק געחזרט:

— וואָס שייך דעם טאָג-בוך, בעט איך דיך שוין איבער!

זיי זענען אַוועק שוין צו שקיעה-צײַט. פון די ביימער זענען געפאַלן גרויסע שאָטנס, די זון איז געוואָרן גרויס און רויט. די ווייטע אַקוועדוקטן און די אַלבאַנישע בערג האָבן ראָז געשיינט. זיי זענען שוין געווען אין האַלבן וועג, ווען פון דעם טורעם פון הייליקן פּאַולוס האָט מען אָנגעהויבן קלינגען צו דער אָוונט-תּפילה — און תּיכף נאָך דעם קלונג האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צענטער. יעדער קלויסטער האָט איבערגעענטפערט די שטים אַ צווייטן, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ גרויסער כאָר, ס'האָט זיך אַזוי צעקלונגען אין דער לופט, ווי אויפן „אַנגעליע" וואָלט געקלונגען נישט בלויז די שטאָט, נאָר די גאַנצע געגנט, די פליינען און בערג.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ קוק געטון אויף מאַרינײַאַ, מיט גאָלדענער שײַן, באַלויכטן געזיכט. עפּעס איז אין דעם געווען גרויס רו און קאָנצענטרירונג. מען האָט אויסגעצייכנט געזען, אַז זי זאָגט איצט דעם „אַנגעליע דעי", ווי זי האָט אים געזאָגט אין קזשעמיען, ווען מען האָט געקלינגען אין די ווענטאַרן. אומעטום און תּמיד אַלצייגס. פּאָלאַניעצקי האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן דעם „גאָטעס-דינסט". אים האָט זיך עס אויסגעוויזן אַזוי פּשוט און באַרויִקנדיק ווי קיינמאָל נישט. אָבער דערנענטערנדיק זיך איצט צו דער שטאָט, האָט ער גלייכצייטיק משיג געווען די דויערהאַפטיקייט, די לעבנספעיִקייט און די גרייס פון דעמדאָזיקן גלייבן. „דאָס אַלץ — האָט ער אַ טראַכט געטון — דויערט דאָך שוין אַזוי אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר, און אין קיין זאַך שטעקט ני[שט]

די קראַפט און די נישט אויסגעלעבטקייט פון דער שטאָט, ווי אין די טורעמס אין די גלעקער, אין דער רויקייט פונם צלם, וואָס דויערט און דויערט! דאָ זענען אים ווידער געקומען אויפן רעיון שווירסקיס ווערטער: „דאָ איז אַ חורבה. אויפן פּאַלאַטין אַ חורבה, אויפן פאָרום אַ חורבה, און איבער דער שטאָט צלמים, צלמים און צלמים". און אים האָט זיך אויסגעוויזן אויסער יעדן ספק, אַז אין דער דויערהאַפטיקייט איז פאַראַן עפּעס איבערמענטשלעכס. דערווייל האָבן די גלעקער געקלונגען און דער הימל איבער דער שטאָט איז באַגאָסן געווען מיט שקיעה. אונטערן איינדרוק פון מאַריביאַן, וואָס האָט מתפלל געווען, און די גלעקער, פון וועספּער שטימונג, וואָס האָט ווי געשוועבט איבער דער שטאָט און איבער דער גאַנצער ערד, האָט זיך אין פּאָלאַניעצקין, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ סך גייסטיקע פּשטות, אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן אַזאַ מין געדאַנק:

„וואָס פאַר אַ שוטה און בעל-גאווה איך וואָלט באַדאַרפט זיין, ווען איך זאָל פאַרן באַדערפעניש צו גלייבן און פאַרן געפיל צו גאָט דאַרפן זוכן עפּעס אייגענע פאָרמען מייגע פון יראת-הכבוד און ליבע, אָנשטאָט אָנצונעמען די, וואָס מאַריניאַ רופט אָן „גאָטעס-דינסט" און וואָס מוזן זיין די בעסטע, קוים לעבט די וועלט מיט זיי שוין קרוב צוויי טויזנט יאָר"...

נאָכדעם האָט אים, אַלס פּראַקטישן מענטש, אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן די שכלדיקע זייט פונם געדאַנק און ער האָט ווייטער אָנגעהויבן זאָגן צו זיך כמעט פריילעך:

„פון איין זייט די טראַדיציע פון טויזנטער יאָרן, דאָס לעבן, גאָט ווייסט, פון וויפיל דורות, גאָט ווייסט, פון וויפיל געזעלשאַפט, וועלכע ס'איז אין די פאָרמען געווען און עס איז גוט, די אויטאָריטעט, גאָט ווייסט, פון וויפיל מוחות, וואָס האַלטן עס פאַרן איינציקן — פון דער צווייטער זייט ווידער, ווער אַזוינס? איך! דער שותף פונם קאָמי-הויז אונטער דער פירמע ביגעל און פּאָלאַניעצקי! — און איך זאָל עס האָבן די פּרעטענזיעס אויסצוטראַכטן עפּעס בעסערס, צו וואָס דער רבונו-של-עולם וועט זיך בעסער צופּאַסן? מען דאַרף דאָך זיין צו דעם אַ טפּש! איך בין

דאָך בנוגע צו זיך אַן אויפריכטיקער מענטש און כ'וואָלט נישט פאַרטראָגן, ווען עס זאָל, פון צייט צו צייט, מיר קומען אויפן רעיון, אַז איך בין סוף־כּל־סוף אַ שוטה. צו דעם נאָך האָט אַזוי געגלייבט מיין מוטער און אַזוי גלייבט אויך מיין פרוי — און כ'האָב באַ קיינעם נישט געזען אַזוי פיל שלווה, ווי באַ זיי".

דאָ האָט ער איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף מאַריניאַן, זי ווידער האָט משמעות געענדיקט איר „אַנגעליקע דע" — ווייל זי האָט אַלס תשובה אַ שמייכל געטון צו אים און געזאָגט:

— וואָס ביסטו עס אַזאַ שווייגנדיקער?

— מיר שווייגן אַלע — האָט ער געענטפערט.

און אַזוי איז עס געווען, אָבער אויס פאַרשידענע טעמים. בשעת פּאָלאַניעצקי איז געווען פאַרנומען מיט זיינע רעיונות, האָט פרוי אָסנאָווסקאַ זיך געווענדט צו אים עטלעכע מאָל מיט די אויגן און מיט ווערטער. ער אָבער האָט אויף די ווערטער געענטפערט בוידעם אויף קלאָץ — די בליקן ווידער האָט ער נישט באַמערקט — און זי פּשוט באַליידיקט, זי האָט עס אים געקענט מוחל זיין, איר האָט עס אויך געקענט געפעלן אַפילו, ווען אויף איר דערקלערונג, אַז זי וואָלט וועלן זיין אַ מאָנאַכין, האָט ער איר געענטפערט מיט אַ חוצפּהדיק וואָרט, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין העפלעכקייט, אָבער איר האָט שטערבלעך אָנגעווירט, ווען ער האָט אויף איר אויפגעהערט פּשוט צו לייגן אַכט — און זי האָט אַלס שטראָף אויך אויפגעהערט אויף אים צו לייגן אַכט.

אָבער אַלס גוט־דערצויגענע פרוי, איז זי געוואָרן ליבנסווירדיקער צו מאַריניאַן. זי האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן, וואָס זי האָט בדעה צו טון מאָרגן, און דערוויסנדיק זיך, אַז זיי טראַכטן צו זיין אין וואַטיקאַן, האָט זי דערקלערט, אַז זי מיטן מאַן האָבן אויך איינגאַנגס־קאַרטן און זיי וועלן אויך אויסנוצן די געלעגנהייט.

— איר ווייסט, ווי מען דאַרף זיין אָנגעטון? — האָט זי אַ פרעג געטון — אין אַ שוואַרץ קליידל און אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ קריינזל. מען זעט אויס אין דעם אַ ביסל אַלט, אָבער אַזוי מוז מען.

— איך ווייס, שווירסקי האָט מיך מתרה געווען — האָט געענטפערט פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

— הער שווירסקי דערציילט מיר כסדר וועגן אייך, בשעת די סעאַנסן. איר האָט באַ אים געוואָלטיק נושא־חן געווען.

— ער באַ מיר אויך — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

בשעת דעם שמועס זענען זיי צוגעפאָרן צום האָטעל. פּאָלאַניעצקי האָט באַקומען פון דער שייגער פרוי אַזאַ קאַלטן און לייכטן האַנט־דרוק, אַז הגם דער קאָפּ זיינער איז אים געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, האָט ער עס דאָך באַמערקט.

— איז דאָס אַ נייער מין אופן — האָט ער אַ טראַכט געטון — אָדער איך האָב געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז איר נישט געפעלן?

אין אָוונט האָט ער אַ פרעג געטון מאַריניאַן:

— וואָס טראַכסטו וו״גן פרוי אָסנאָווסקאַ?

— איך טראַכט — האָט זי געענטפערט — אַז הער שווירסקי מוז זיין אפשר אַ ביסל געזרעכט.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט געענטפערט:

— זי שרייבט אין דער מינוט דעם טאָג־בוך, וואָס „יוזשאַ" האַלט פאַר אַ מייסטער־ווערק...

XVI.

אויפצומאָרגנס, ווען מאַריניאַ איז אַרויס אַן אָנגעטועטע צום מאַן, האָט יענע זי קוים דערקענט. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד און מיט אַ שוואַרץ קרייזל אויפן קאָפּ און האָט זיך אים אויסגעוויזן העכער, דאַרער, טונקעלער און עלטער. אים אָבער איז געפעלן אין איר דער ערנסט, וואָס האָט אים דערמאַנט אין דער חתונה־מינוט. אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי אָפּגעפאָרן. מאַריניאַ האָט אויפן וועג זיך מודה געווען אים, אַז זי שרעקט זיך און עס קלאַפּט איר דאָס האַרץ. ער ווידער האָט זי באַרויקט, שפּאַסנדיק, הגם ער איז אויך געווען אַ ביסל גערירט, און ווען זיי זענען נאָך אַ קורצער רייזע אַריינגעפאָרן אין דעם ריזיקן האַלב־קרייז פון דעם הייליקן פּעטרוס, האָט ער געפילט, אַז אין אים קלאַפּט אויך ניט דער דופק, ווי אַלעמאָל, און ער האָט באַ דעם געהאַט אַזאַ מאָדנעם איינדרוק עפּעס, ווי ער וואָלט געווען קלענער, ווי תמיד. באַ די טרעפּ, ווו עס זענען געשטאַנען עטלעכע שווייצאַרן, אָנגעטון אין פּראַכטפולע, פון מיקעלאַנדזשעלאָס אָפּגעטראַכטע קליידער, האָבן זיי געטראָפן שווירסקין, וואָס

האָט זיי אַרויפגעפירט אינדערהייך צוזאַמען מיטן המון-עם, דער עיקר בעלגיער. מאַריניאַ, אַ ביסל אַ פּאַרטומלטע, האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי אַזוי זי האָט זיך פּלוצלינג געפונען אינם גרויסן זאַל, אין וועלכן דער המון איז געווען נאָך גרעסער, אַ חוץ אינמיטן, וווּ די שווייצאַרן, אויסגעשטעלט אין אַ שפּאַלער, האָבן געהאַלטן פרייַ אַ ברייטן דורכגאַנג.

דער המון, צווישן וועלכן מען האָט געהערט פראַנצויזיש און פלעמיש, האָט שעפּטשענדיק צווישן זיך מיט נידעריקע שטי־מען, געוווּנדערט די קעפּ און די אויגן צום דורכגאַנג, אין וועלכן פון צייט צו צייט האָבן זיך דורך דער טיר פון דעם שכנותדיקן זאַל באַוויזן פיגורן אין מאָדנע קאָסטיומען, וואָס האָבן פּאַלאַ־ניִעצקיס געדאַנק איבערגעטראָגן אין די אַנטוורפּענער און ברי־סעלער גאַלערייען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער מיטלאַלטער שטייט אויף תחית-המתים. . . צייטנווייז איז עס געווען עפּעס אַ מין מיטלאַלטערלעכער ריטער, אמת אין אַן אַנדער העלם, ווי אויף די אַמאָליקע בילדער, אָבער מיט אַ בלעך אויף דער ברוסט; צייטנווייז ווי אַ העראָלד אין אַ קורצער רויטער דאַלמאַטע און אין אַ רויטן בורעט אויפן קאָפּ; מינוטנווייז האָבן דורך די אָפענע טירן אַרויסגעפינקלט קאַרדינאַלישע פּורפּורן, אָדער בישאָפישע פיאָ־לעטן, שטרויספעדער, קרייזלעך אויף שוואַרץ סאַמעט און אומ־געהייער גרויע קעפּ מיט ווייסע האָר, אָדער פנימער ווי פון סאַר־קאָפאַזשן אַרויס. און דאָך האָט מען אָנגעזען, אַז די בליקן פון המון פאַלן אויף דער אויסטערלישער הלבשה, אויף די קאָלירן און אויף די פּנימער סתם אַזוי, אַז די אויגן זוכן עפּעס אַנדערש, העכערס, און עפּעס אַן אַנדער האַרץ, אַז די אויפמערקזאַמקייט איז קאָנצענטרירט אין די רעיונות, אין די געפילן, אין די נשמות, וואַרטנדיק אויף עפּעס אַ רגע, וואָס מען האָט אין לעבן בלויז אייגמאָל און מען געדענקט זי אייביק. פּאַלאַניעצקי, האַלטנדיק מאַריניאַן פאַר דער האַנט, כדי נישט צו פאַרלירן זי צווישן המון, האָט געפילט, ווי איר האַנט ציטערט פון אויפרעגונג, ער אַליין ווידער האָט צווישן דעם המון צווישן דעם היסטאָרישן און עפּעס ווי פון אוראַלטע צייטן תחית-המתים אויפגעשטאַנענעם ערנסט,

צווישן דער קאָנצענטרירונג און אָפּוואַרטונג — געפילט אויף דאָס ביי דעם מאָדנעם איינדרוק, אַז ער ווערט וואָס אַמאָל קלענער און קלענער, און איז אַזוי קליין, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין לעבן.

פלוצלינג האָט עפּעס אַ שטילע און אַ ביסל אַ פּאַרסאָפּעטע שטים לעבן זיי אַ שעפּטשע געטון:

— כ'האָב אייך געזוכט און קוים געפונען. דאַכט זיך, אַז שוין באַלד.

דאָס האָט אָבער נאָך נישט געזאָלט זיין באַלד. שווירסקין האָט דערווייל באַגריסט אַ באַקאַנטער מאָנסיניאָר און אַ שמועס טוענדיק מיט אים עטלעכע ווערטער, האָט ער די גאַנצע געזעלשאַפט ליבנסווירדיק אַריינגעפירט אין שכנותדיקן זאַל, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט דמשק־סאַמעט. פּאָלאַניעצקי האָט מיט באַוווּנדערונג באַמערקט, אַז דאָ איז שוין אויך פול געווען מיט מענטשן, אַ חוץ איין ווינקל זאַל, וואָס עס האָט פאַרשטעלט די ערן־וואַך, און אין וועלכן אויף אַ פּאָדיום איז געשטאַנען אַ שטול, און פאַר אים עטלעכע פּראַלאַטן און בישאָפן, וואָס האָבן זיך געסודעט צווישן זיך. דאָס וואַרטן און קאָנצענטרירן זיך האָט זיך דאָ נאָך בולטער געוואָרפן אין די אויגן. מען האָט געזען, אַז די מענטשן האַלטן איין דעם אָטעם. און אַז די אַלע פנימער האָבן אַ פייערלעכן און געהיימנישפולן אויסדרוק. די בלויע העלקייט פונם טאָג, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיטן פורפורנעם שימער פון דעם באַשלאָג, האָט אָנגעפילט דעם זאַל מיט עפּעס אַן אומגעהייערלעכן שיין, אין וועלכן די זון־שטראַלן, וואָס האָבן דאָ און דאָרט זיך דורכגעריסן דורך די שויבן, האָבן אויסגעזען נאָך ראָזער און עפּעס פיל רויטער.

זיי האָבן נאָך אַ צייט עפּעס געוואַרט, ענדלעך האָט אינם ערשטן זאַל זיך דערהערט אַ שאָרך, נאָכדעם אַ געמורמל, שפּעטער אַן אויסגעשריי און לסוף האָט זיך אין דער אָפענער זייטיקער טיר באַוויזן אַ ווייסע פיגור, וואָס עס האָבן געטראָגן גוואַרדייער פון אַדל־לייט. מאַריניאַ האָט נערוועז אַ דרוק געטון פּאָלאַניעצקיס דלאָניע, ער ווידער האָט איר געענטפערט מיט אַ

האַנט-דרוק, און שנעלע איינדריקן, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין אַלגעמיין געפיל פון עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכער און פייערלעכער מיגוט, האָבן אָנגעהויבן זיך שפּאַרן אין זיין מוח אַריין ווי בשעת דער חתונה.

איינער פון די קאַרדינאַלן האָט אָנגעהויבן רעדן, פּאָלאַניעצקי האָט אָבער נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען זיין דרשה. זיינע אויגן, זיין געדאַנק און די גאַנצע נשמה האָבן זיך געפונען לעבן דער ווייס-אָנגעטועטער פיגור. קיין זאַך איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען פון זיין אויפמערקזאַמקייט. אים האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איר אָפּגעצערטקייט, די דאַרקייט, די דינקייט און דאָס אַזוי בלאַסע און דורכזיכטיקע געזיכט, ווי עס זענען געשטאָרבענע פנימער, געווען איז אין איר עפּעס אומקערפּערלעכס, לכל-הפחות האָט עס אים אויסגעוויזן בלויז האַלב גוף, און האַלב וויזיע; עפּעס בלויז אַ שיין, וואָס האָט דורכגעלייכט דורך אַלאַבאַסטער, עפּעס אַ גייסט, וואָס איז ווי אַריינגעאימפּט אין עפּעס אַ חומר, עפּעס אַ מין אומדירעקטן רמז צווישן צוויי וועלטן, אַ רמז נאָך אַ מענטשלעכן, אָבער שוין איבערמענטשלעכן, נאָך אַן עדדישן אָבער גלייכצייטיק שוין אַן איבערערדישן. און דורך אַ מין מאָדנע אַנטיטעזע האָט דער חומר זיך אויסגעוויזן עפּעס וויזיאָנעריש, דער גייסט עפּעס רעאַל.

נאָכדעם, ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו איר נאָך אַ ברכה, ווען פּאָלאַניעצקי האָט באַ אירע פיס דערזען מאַריניאַן, ווען ער האָט דערפילט, אַז צו די קני, האַלב שוין עמפּירעישע, קען מען זיך איינבייגן, ווי צו פּאָטערלעכע, האָט אים באַהערשט נאָך אַ שטאַרקערע אויפרעגונג פון אַלץ, די אויגן זענען אים פאַרגאַנגען באמת מיט אַ נעפּל! — קיינמאָל אין לעבן האָט ער זיך נישט געפילט ווי אַזאַ קליין שטויבעלע זאַמד, אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך געפילט ווי אַ שטויבעלע זאַמד, אין וועלכן עס קלאַפּט אַ דאַנקבאַר קינדיש האַרץ.

באַכן אַרויסגיין זענען אַלע געבליבן שווייגנדיקע, מאַריניאַ האָט געהאַט אויגן ווי אויפגעוועקטע פון שלאָף; באַ דעם פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי האָבן זיך געטרייסלט די הענט; אויף פּרי-

שטיק האָט זיך געברענגט צו שלעפּן בוקאצקי. זייענדיק אָבער אַליין קראַנק, האָט ער קיינעם נישט געקענט רייד עווּדיק מאַכן; אפילו שווירסקי האָט ווייניק גערעדט בשעתן סעאַנס — און בלויז זיך אומקערנדיק כּסדר צום זעלבן ענין, האָט ער פון צייט צו צייט געחזרט:

— אַזוי, אַזוי! ווער עס האָט דאָס נישט געזען, קען פון דעם קיין השגה נישט האָבן. דאָס בלייבט.

אינאָוונט איז פּאַלאַניעצקי מיט מאַריניאַן אויעק באַקוקן דעם זון-אונטערגאַנג פון טריניטאַ דעי מאָנטי. דער טאָג האָט זיך געענדיקט זייער אַ לויטערער. די גאַנצע שטאָט איז ווי פאַר־זונקען געווען אין צעשטויבטן גאָלדענעם שימער; אונטער זייע־רע פיס, ווייט אין טאָל, אויף פּיאַצאַ ד׳עספּאַניאַ, האָט זיך שוין, אָנגעהויבן דער בין-השמשות, אָבער אַ בין-השמשות נאָך אַ ליכטיקער, וואָס פון זיינע מילדע טענער האָט מען אָנגעזען בעז, איריס און ווייסע ליליען און די בלומען-וויטרינעס אויף ביידע זייטן קאַני־דאָ י. אין דעם גאַנצן בילד איז געווען אַ גרויסע און נישט גע־שטערטע שלווה, עפּעס אַ היילנדיקער אָנזאָג פון נאַכט און שלאָף. נאָך דעם האָט דער שפּאַנישער פּלאַץ אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער פאַרזינקען צו ווערן אין שאָטן, בלויז די טריניטאַ האָט אַלץ נאָך כּסדר געלייכט פּורפּור-רויט.

פּאַלאַניעצקי און מאַריניאַ האָבן די שלווה דערפילט אין זיך. זיי זענען איצט אַראָפּגעגאַנגען פון ריזיקע טרעפּ מיט עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון שטילקייט אין די נשמות. אַלע איינדריקן פון טאָג האָבן זיך צונויפגעלייגט באַ זיי אין אַזעלכע גרויסע און רויקע ליניעס, ווי די פאַסן שקיעה, וואָס האָט נאָך געשיינט איבער זיי. פּאַלאַניעצקי האָט ענדלעך אַ זאָג געטון:

— דו ווייסט, וואָס איך געדענק נאָך פון קינדווייז אָן? — אַז באַ אונדז אין שטוב האָבן מיר די אָוונט-תפילה געזאָגט אַלע צוזאַמען.

און ער האָט מיט אַ פרעגנדיקן קוק אָנגעהויבן איר קוקן אין די אויגן אַריין.

— אָך, מיין סטאַך! — האָט זי געענטפערט מיט אַ שטים,

אין וועלכער עס האָט געציטערט אויפרעגונג — איך האָב נישט בלויז דערוועגט דיר דאָס צו זאָגן... מיין בעסטער!

ער ווידער האָט געענטפערט:

— „גאָטעס-דינסט!“ — געדענקסט?

זי האָט עס אָבער געזאָגט אַמאָל מיט אַזאַ פשטות און ווי אַ זאַך, וואָס איז פאַר זיך גופא אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז זי האָט איצט לחלוטין קיין זאַך נישט געדענקט.

XVII.

די אָסנאָווסקאַ אָבער האָט כסדר געהאַט אַן אומחן צו פּאָלאַניעצקין. טרעפנדיק זיך מיט אים בײַ שווירסקין צווישן איין סעאַנס און דעם אַנדערן, האָט זי מיט אים גערעדט בלויז דאָס, וואָס עס האָט איר געהייסן איר גוטע דערציִונג און די העפלעכקייט. פּאָלאַניעצקי האָט דאָס אויסגעצייכנט געזען, צײַטנווײַז פלעגט ער זיך פרעגן: „וואָס וויל זי פון מיר האָבן?" — און ער האָט נישט פון דעם קיין סך זיך געמאַכט, און ער וואָלט זיך נאָך ווייניקער געמאַכט, ווען פרוי אָסנאָווסקאַ זאָל אָנשטאָט אַכטאונצוואַנציק אַלט געווען אַכטאונפופציק, ווען זי וואָלט נישט געווען האָבן אַזעלכע פײַלכן-אויגן און אַזעלכע קאַרשנ-ליפּן. און די טבע איז שוין אַזוי פונם מענטש, אַז הגם ער האָט באמת קיין זאַך פון איר נישט געוואָלט און נישט אויסגעקוקט, האָט ער דאָך נישט געקענט זיך אָפּהאַלטן צו טראַכטן, וואָס עס וואָלט געקענט זײַן, ווען ער זאָל טאַקע וועלן חן געפינען אין אירע אויגן, און ווי ווייט זי וואָלט פעִיק געווען צו דערגיין.

זיי האָבן נאָך אין פירן געמאַכט אַ נסיעה צו די קאַטאַ-

קאָמבעס פון הײליקן קאַליקסט, מחמת פּאָלאַניעצקי האָט איר גע־וואָלט אָפּצאָלן מיט אַ העפלעכקײט פאַר אַ העפלעכקײט, דאָס הײסט, מיט אַ קאָטש פאַר אַ קאָטש. אָבער דער אויספלוג האָט קײן שלום נישט געבראַכט. זײ האָבן בלויז אַזוי פיל גערעדט, כּדי נישט צו־ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקײט. דאָס האָט אים ענדלעך אָנגעהויבן צו דערבײזערן. באמת טאַקע, דאָס האַלטן זיך פון פרוי אָסנאָווסקאַ האָט צווישן זײ געשאַפן עפּעס אַ באַזונדער מין באַציִונג, כּלומרשט אַן אומגליקלעכע, אָבער בלויז פאַר זײ אַ באַוווּסטע, אַלזאָ עפּעס אויסשליסלעכס צווישן זײ, עפּעס אַ מין געהײמניש, צו וועלכער קײנער איז נישט געוואָרן צוגעלאָזט. פּאָלאַניעצקי האָט געמײנט, אַז דאָס אַלץ וועט סוף־כּל־סוף זיך איבערײַסן פון דער מינוט אָן, ווען אַרום איר פּאָרטרעט וועט שוין מער קײן אַרבעט נישט זײַן, דערווײל אָבער, הגם דאָס גע־זיכט איז שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט, איז נאָך געבליבן אַ סך אַנדערע קלײנע פּרטים, פאַר וועלכע די אָנוועזנהײט פון דער שײנער מאָדעלין האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נײטיק.

ס׳האָט זיך ווידער אַזוי צונויפגעלײגט שוין צוליבן פּשוטן טעם, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט קײן צײַט נישט געוואָלט פאַרלירן, אַז ווען די פּאָלאַניעצקיס פלעגן קומען, זענען די אָסנאָווסקיס נאָך געווען אין אַטעליע. צײַטנווײַז פלעגן זײ נאָך בלײַבן אַ ביסל, כּדי זיך צו באַגריסן און קורץ צו שמועסן וועגן די נעכטיקע אײַנדריקן, צײַטנווײַז פלעגט הער אָסנאָווסקי ווערן אַרויסגעשיקט עפּעס צו באַזאָרגן, אָדער נאָך עפּעס אַ ידיעה — דאַמאָלס פלעגט ער פריִער אַרויסגײן, איבערלאָזנדיק איר די קאָטש פאַר דער טיר.

און אײנמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ווען מאַריניאַ האָט זיך שוין געזעצט פּאָזירן, איז פרוי אָסנאָווסקאַ נאָך נישט געהאַט אַוועקגעגאַנגען; דערוויסנדיק זיך, אַז די פּאָלאַניעצקיס זענען אָן אָוונט פריִער געווען אין טעאַטער, האָט זי זיך אַ ווײַלע אויסגע־פרעגט, אָנטועדיק פאַר דעם שפּיגל דעם הוט מיט די הענטשקעס, וועגן די זינגער אין דער אָפּערע — נאָכדעם האָט זי זיך געווענדט צו פּאָלאַניעצקין, און געזאָגט:

— און איצט וועל איך בעטן מיך באַגלײטן צו דער קאָטש.

און פאַרוואַרפנדיק דאָס מלבוש, האָט זי אָנגעהויבן זוכן די בענדער, וואָס זענען געווען אונטערגענייט אונטערן שלאַק, כדי זיי צוצובינדן באַם פאַס, אָבער אין פאַרצימער האָט זי זיך פלוצלינג פאַרהאַלטן.

— איך קען נישט צוליב די העגטשקעס געפינען די בענדער — האָט זי אַ זאָג געטון — זייט זיך מרחם איבער מיר!

פאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן זוכן, אָבער באַ דעם זי געמוזט כמעט אַרומנעמען. אַנטקעגן אַ ווייַלע האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ היץ פון תאווה, בפרט נאָך, זי האָט זיך צו אים צוגעבויגן אַזוי, אַז די וואַרעמקייט פון איר פנים און לייב האָט אָנגעהויבן אויף אים שלאָגן.

זי האָט מיט אַ האַלבער שטים אַ פרעג געטון:

— וואָס זענט איר אויף מיר אין כעס? דאָס טויג נישט! איך דאַרף אַזוי פרייַנטלעכע נשמות! וואָס האָב איך אייַך געטון?

ער האָט דערווייַל געפונען די בענדער, זיך אָפּגערוקט, אָפּגעקילט זיך און מיט דעם ביסל גראָבן הנאה פון אַ שאַרפן מענטש, וואָס וויל אויסנוצן זיין טריומף און אונטערשטרייכן, אַז ער האָט זיך נישט געלאָזט — האָט ער איר געענטפערט פשוט מיט פרעכקייט:

— איר האָט מיר גאָרנישט געטון — און קענט מיר גאָרנישט טון.

זי אָבער האָט צוריקגעשלאָגן די העפלעכקייט, ווי אַ טעניס-באָל:

— ווייל איך קוק אַמאָל אַזוי ווייניק אויף מענטשן, אַז איך זע זיי כמעט נישט.

נאָכדעם זענען זיי שווייגנדיק צו אַזש ביז צו דער קאָטש.

— אַזוי הייסט עס? — האָט אַ טראַכט געטון פאָלאַניעצקי, אומקערנדיק זיך אין אַטעליע אַריין — דאָרט וואָלט מען אַלזאָ געקענט זיך רוקן אַזוי ווייט, וויפיל עס געפעלט באַר!

און עס האָט אים ווידער דורכגענומען אַ שוידער פון די פיס ביזן קאָפּ.

— ...אַזוי ווייט וויפיל עס געפעלט... — האָט ער אי־
בער חזר׳ט.

באַ דעם האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז ער איז זיך טועה, פונקט ווי טוזנטער מאַנסלייט, בעלנים אויף געיעג, אויף פרעמדע ערד, זענען זיך טועה יעדן טאָג. פרוי אָסנאָווסקאַ איז געווען אַ קאָקעטקע, האָט געהאַט אַן אויסגעטריקנט האַרץ און שוין אַ פאַרדאַרבענעם מוח, איז אָבער געווען נאָך הונדערט מאָל ווייט פון פולקומער ירידה.

דערווייל האָט ער זיך אומגעקערט אין אַטעליע אַריין מיט אַ געפיל, אַז ער האָט פאַר מאַריניאַן געבראַכט עפּעס אַ גע־וואַלטיקן קרבן, און מיט עפּעס אַ צער אין האַרץ, פריער צוליב דעם, וואָס זי וועט פון דעם נישט וויסן, שנית, אַז אויב זי וועט זיך אפילו דערוויסן, וועט זי זיין טאַט האַלטן פאַר אַ גאַנץ פשוטן. דאָסדאָזיקע געפיל האָט אים געערגערט, און ווען ער האָט אויף איר אַ קוק געטון, אין אירע רייַנע אויגן אַריין, אויף איר רו׳ק, און מיט ערלעכער שיינקייט, געזיכט, האָט נישט ווילנדיק דאָס פאַ־גלייכן ביידע פרויען אים אונטערגערוקט אַ געדאַנק, און ער האָט אין האַרץ באַ זיך געזאָגט:

— אַך, מאַריניאַ! אַזאַ איינער וואָלט ליבערשט ווען די ערד זאָל אונטער איר איינפאַלן! מיט דער קען מען זיין זיכער!

און אַ מערקווירדיקע זאַך. אין דעם איז געווען אָן שום ספק אָנערקענונג, גלייכצייטיק איז אָבער געווען אין דעם אויך אַן אָפּשיין פון רחמנות — און עפּעס אַ מין אויפרעגונג. דאָס איז געווען אַ נשמה, אַזוי זייער שטאַרק, אַז ער האָט נישט געפילט קיין חוב זיך כסדר צו חידושן איבער איר ווערט.

און דעם רעשט בשעת סעאַנס האָט ער זיך כסדר אומגעקערט מיטן געדאַנק צו פרוי אָסנאָווסקאַ. ער האָט געהאַלטן, אַז אין דער צוקונפט וועט זי פשוט אויפהערן אים די האַנט צו דער־לאַנגען, און אויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט ווידער אַ טעות געהאַט. פאַרקערט, ווענדיק אים ווייזן, אַז זי לייגט נישט קיין שום אַכט נישט אויף אים, נישט אויף זייער רייד, איז זי געווען

מיט אים העפלעכער, ווי פריער. נאָר הער אָסנאָווסקי האָט גע־האַט אַ באַיילדיקטע מינע און איז צו אים געוואָרן פון טאָג צו טאָג קעלטער — „מסתמא צוליב די שמועסן מיט „אַנעטשקען".

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, האָבן אַנדערע מינים איינ־דריקן פאַריבן דעם אינצידענט אין פּאָלאַניעצקיס זכרון, בוקאַצקי איז פון לאַנג אָן שוין כסדר קראַנק געווען; ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער באַקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטיק אונטן אינעם שאַרבן און אויף עפּעס אַ מאָדנע געפיל פונם צעשיידן זיך מיט די אייגענע מוסקולן. זיין ה״מאַר פלעגט פון צייט צו צייט זיך נאָך אָפּרופן, אָבער ער פלעגט אויפברויזן און אויסגעלאָשן ווערן, ווי אַ פייער־שפּרודל. וואָס אַמאָל פלעגט ער זעלטענער קומען צו די שותפות־דיקע מיטאָגן אין האָטעל אַריין. ענדלעך האָט עפּעס אין איינעם אַ פרימאָרגן פּאָלאַניעצקי אָפּגענומען זיינס אַ קאַרט, וואָס איז גע־ווען געשריבן מיט אַ נישט זיכערער האַנט מיט די ווערטער:

— „מיין טייערער, דאַכט זיך, אַז פון דער הייַנטיקער נאַכט אָן זיץ איך איין. אויב דו ווילסט זען דעם אַפּפאַר, קום צו מיר, בפרט, ווען דו האָסט קיין בעסערע אַרבעט נישט."

פּאָלאַניעצקי האָט די קאַרט באַהאַלטן פון מאַריניאַן, און איז תיכף אַוועק. ער האָט בוקאַצקין געפונען אין בעט, און לעבן אים אַ דאָקטאָר, וועלכן בוקאַצקי האָט אגב תיכף משלח געווען.

— האָסט מיך געוואַלטיק איבערגעשראָקן — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — וואָס איז דאָס דען מיט דיר?

— קיין שום בייז נישט: אַ קליין פּאַראַליטשיקל אין דעם לינקן טייל קערפּער.

— ווי גאָט איז דיר ליב!

— האָסט גוט געזאָגט! אויב ווען אַמאָל איז געווען פאַר דעם אַ צייט, איז עס איצט. כ׳האָב נישט קיין מאַכט אין דער לינקער האַנט, אין דעם לינקן פוס — און כ׳קען זיך נישט אויפהייבן. כ׳האָב זיך הייַנט איינדערפרי אַזוי אָפּגעשוואַכט. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳האָב פאַרלוירן דאָס לשון אויך און געוומען דעקלאַמירן: „פער מע סי וואַ"... — אָבער, ווי דו זעסט — ניין! דאָס לשון איז

געבליבן — און איצט אַרבעט איך צו באַקומען צוריק די רוי־
קייט פון געדאַנק.

— ביסט אָבער זיכער, אַז דאָס איז אַ פּאַראַליטש? אפשר
איז עס בלויז אַ מינוטלעך אָפּהלשן.

— „וואָס איז דען לעבן? אַך, בלויז אַ מינוט!" — האָט
בוקאַצקי אַנגעהויבן דעקלאַמירן. — איך קען זיך נישט רירן,
און געעבדיקט — אָדער אויב דו ווילסט: און זיך אָנגע־
הויבן!

— דאָס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע זאַך, איך גלייב
אָבער נישט אין דעם. יעדער איינער קען אויף עפּעס אַ צייט אָפּ־
געחלשט ווערן.

— אין לעבן זענען פאַרהאַן אַביסל אומאָנגענעמע מינוטן,
ווי עס האָט געזאָגט עפּעס אַ קאָריש, וואָס די קעכין האָט אים
אַרומגעשאָבן מיט אַ מעסער פון די שיפּן. כ'קען זיך דיר מודה
ומתודה זיין, אַז די ערשטע רגע האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעק.
האָסט געהאַט אַמאָל דאָס געפיל פון זיך אויפשטעלן די האָר
אויפן קאָפּ? עס געהער לחלוטין נישט צו די אָנגענעמע געפילן.
איצט אָבער האָב איך שוין באַקומען גלייכגעוויכט, און נאָך דריי
שעה ווייזט זיך מיר אויס, ווי כ'וואָלט מיט מיין פּאַראַליטש געלעבט
שוין אַ יאָר צען. ס'איז אַ פראַגע פון צוגעוווינען זיך! — ווי
ס'האָט געזאָגט אַ רידזשקע אויף דער פּאַטעלניע. איך רעד אַ סך,
ווייל כ'האָב נישט קיין סך צייט. ווייסטו, מיין טייערער, אַז אין
עטלעכע טעג אַרום וועל איך שטאַרבן?

— האָסט גוט געזאָגט! פּאַראַליזירטע מענטשן לעבן אַזוי
צו דרייסיק יאָר.

בוקאַצקי האָט געענטפערט:

— אפילו צו פערציק! פּאַראַליטש איז אַביסל אַ לוקסוס־
זאַך, וואָס עס קענען זיך דערלויבן אַ טייל — אָבער נישט אַזעל־
כע ווי איך. פּאַר אַ דיקן מענטש, וואָס האָט אַ פייגעם קאַרק,
פייגע פּלייצעס און פייגע לידקעס, קען עס אפילו זיין אַ מין אָפּרו,
אַ מין אויסרו נאָך אַ פריילעכער יוגנט, — און אַ געלעגנהייט צו
טראַכטן — אָבער נישט פאַר מיר! געדענקסט, ווי דו האָסט חוזק

געמאַכט פון מיינע לידקעס? כ׳זאָג דיר, אַז כ׳האָב דאַמאָלס געהאַט העלפאַנב־לידקעס אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע. עס איז נישט אמת, אַז יעדער מענטש איז אַ מאַסע — איך בין בלויז אַ ליניע — און צו דעם אַ ליניע, וואָס גייט — אָן קאַטאַוועס — אין אין־סוף אַוועק...

פאַראַניעצקי האָט אָנגעהויבן זיך איינפּרעסן, אָפּלייקענען, פאַרופן זיך אויף ביישפּילן, וואָס זענען אים געווען באַקאַנט, בויקאַצקי אָבער האָט געענטפערט:

— לאָז צורו! איך פיל און איך ווייס, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט קומען דער פּאַראַליזש פון די געהירן. כ׳האָב קיינעם נישט געזאָגט, אַז כ׳האָב שוין מיט אַ יאָר צוריק זיך געריכט אויף דעם און כ׳האָב מיט אַ יאָר צוריק געלייענט מעדיצינישע ביכער... עס וועט קומען אַ צווייטער אָנפאַל, און עס וועט נעמען אַ סוף!

דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— מיינסטו, אַז מיר איז נישט ליבער! גיב אַ טראַכט, אַז איך בין עלנט, ווי אַן אָפּגעהאַקטער פינגער. כ׳האָב נישט קיינעם... דאָ, און אפילו אין וואַרשע, וואָלטן געקענט אַרומגיין אַרום מיר בלויז געצאָלטע מענטשן, דאָס איז אַ געוואַלטיק געמיין לעבן, אָן באַוועגונג און אָן אַ לעבעדיקן גייסט פון אַ באַנטן. ווען כ׳וועל פאַרלירן דאָס לשון, ווי כ׳האָב פאַרלוירן דאָס באַוועגן זיך, וועט אַ ליאַדע אויפזעערין, אָדער אַ ליאַדע אויפזעער מיך קענען שמייסן איבערן פּרצוף, וויפיל ס׳וועט אים נאָר געפעלן. דאַרפסט וויסן איין זאַך, די ערשטע רגע פונעם פּאַראַליזש האָב איך מיך דערשראָקן, אָבער אין מיין נישטיקן גוף זיצט אַ האַרטע נשמה — דערמאָן דיך, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, כ׳האָב פאַרן טויט קיין מורא נישט — און כ׳האָב טאַקע קיין מורא נישט!

דאָ האָט אין ביקאַצקיס אויגן אַ פינקל געטון עפּעס אַן צָפשיין פון דרייסטקייט און ענערגיע, וואָס איז געווען פאַ

באַרגן אויפן דעק פון דער אויסגעלענקטער און ווייך געוואָרע־
נער נשמה.

פּאָלאַניעצקי אָבער, וואָס האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, האָט
אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער פּאַראַליזירטער האַנט זייגער
און האָט אַ זאָג געטון מיט גרויס האַרציקייט:

— מיין אַדעקל! מיין נישט, אַז מען וועט דיך אַזוי פאַר־
לאָזן, ווי דו ביסט — און זאָג נישט, אַז דו האָסט נישט קיינעם.
האָסט מיך, אַ חוץ דעם האָסטו מיין פרוי, אין שווירסקין און
וואַסקאָווסקין, און די ביגעלס. פאַר אונדז ביסטו נישט קיין פרעמ־
דער. כ׳וועל דיך אַריבערפירן קיין וואַרשע, דיך איינאָרדנען אין
שפּיטאָל און מיר וועלן אַכטונג געבן, און איבערן פּיסק וועט דיך
קיין שום אויפזעער נישט פּאַטשן — קודם־כּל דערפאַר, ווייל
איך וואָלט יענעם איינעם די ביינער געבראָכן, שנית דערפאַר,
ווייל בּאַ אונדז זענען פאַרהאַן באַרמהאַרציקע שוועסטער און צווישן
זיי אויך פרוי עמיליאַ.

בוקאַצקי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ ביסל בלאַס. ער
איז אויך געווען מער גערירט, ווי ער האָט עס געוואָלט אַרויס־
ווייזן. דורך זיינע אויגן איז אים פאַרביי אַ שאָטן. נאָך אַ לענ־
גער שוויגן האָט ער אַ זאָג געטון:

— דו ביסט אַ גוט יינגל, און ווייסט אַליין נישט, אַז דו
האָסט באַוויזן אַ נס, ווייל דו האָסט באַוויזן, אַז איך וויל נאָך
עפּעס... יאָ, כ׳וואָלט זייער שטאַרק וועלן קיין וואַרשע — צווישן
אייך אַלע. כ׳וואָלט זיך זייער געפרייט מיט וואַרשע!...

— מען דאַרף זען, אַז דו זאָלסט זיך תּיכּף איבערטראָגן
עפּעס אין אַ שפּיטאָל אַריין, אונטער פּסדרדיקער אויפזיכט. שוויר־
סקי איז מחוב צו וויסן, ווו עס גייז צום בעסטן. דערווייל גיב זיך
איבער אין מיינע הענט — גוט! דערלויב, אַז איך זאָל פאַר דיר
פאַראָרדנען.

— טו, וואָס דו ווילסט — האָט געענטפערט בוקאַצקי, און
ווען ס׳האָט צוליב פּאָלאַניעצקיס נייע פּלענער און ענערגיע,
אָנגעהויבן ווידער אויפצולעבן די האָפענונג.

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעשריבן צו שווירסקין, צו וואַסקאָוו־

סקין און תיכף צעשיקט שליחים. אין אַ האַלבע שעה אַרום זע־נען זיי ביידע געקומען, שווירסקי מיט אַ באַרימטן אַרטיקן דאָקטאָר — און נאָך פּאַרמיטאָג האָט בוקאַצקי זיך שוין געפינען אין שפּיטאָל אין אַ ליכטיק און פריילעך צימער.

— וואָס פאַר אַ מילדער און וואַרעמער טאָן — האָט ער אַ זאָג געטון, קוקנדיק אויפן גאָלדלעכן קאָליר פון די ווענט און סופיט — דאָס איז שיין.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו פּאָלאַניעצקין:

— קום צו מיר אין אָוונט — האָט ער אַ זאָג געטון — און איצט גיי דיר צו דיין ווייבל.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק. אַריינקומענ־דיק אַהיים האָט ער פאַרזיכטיק דערציילט מאַריניאַן דעם גאַנצן פּאָ־פּאַ, מחמת ער האָט נישט געוואָלט זי דערשרעקן מיט דער פלוצלינגער ידיעה, האַלטנדיק, אַז זי קען אַמאָל זיין מעוברת. מאַריניאַ האָט אים גענומען בעטן, ער זאָל זי מיטנעמען צו בו־קאַצקין, אויב נישט אין אָוונט, איז צומאָרגנס פרי און ער האָט עס צוגעזאָגט צו טון. זיי האָבן זיך תיכף אויסגעקליבן נאָך פריש־טיק, ממחת קיין סעאַנס איז דעם טאָג נישט פאָרגעקומען.

פריער אָבער איז שוין דער פּראָפעסאָר וואַסקאָווסקי אויך קיין רגע נישט אָפּגעטרעטן פון בוקאַצקין. ווען דער חולה האָט אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען אינם נייעם בעט, אין שפּיטאָל, האָט דער אַלטיטשקער גענומען אים דערציילן, ווי ער האָט שוין גע־מיינט אַמאָל, אַז ער וועט שטאַרבן, אָבער נאָך ווידוי און נאָכן צונעמען די סאַקראַמענטן איז אים על־פּי־נס בעסער געוואָרן.

— אַ באַוווּסטע מעטאָד, ליבער פּראָפעסאָר — האָט געענט־פערט מיט אַ שמייכל בוקאַצקי — און כ'ווייס אין וואָס אייך גייט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צעטומלט, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט באַ דער האַנט — און פאַרלייגט די הענט.

— און איך געוועט זיך, אַז דאָס וואָלט דיר געהאָלפן! — האָט ער געענטפערט.

בוקאַצקי ווידער האָט געענטפערט מיט אַן אָפּשיין פונם צאַמאָליקן הומאָר:

— גוט, אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך זיך איבערצייגן אויף וויפיל דאָס וועט מיר העלפן — פון יענער זייט טייך.

מאַריניאַס קומען האָט אים נאָכמער דערפרייט מיט דעם, וואָס עס איז פאַר אים געווען אַ סורפּריז. ער האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז ער האָט זיך שוין נישט גערעכט אויף דער זייט טייך צו זען קיין שום פרוי, און צו דעם נאָך אַן אייגענע. ער האָט באַ דעם אַ קוק געטון אויף אַלע, אָבער מיט אַ באַמערקלעכער גערירטקייט...

— וואָס פאַר אַ ראָמאַנטיקער דאָס זענען! — האָט ער אַ זאָג געטון — דאָס הייסט פשוט נישט האָבן קיין שכל, זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ ביינערנעם זיידן, ווי איך בין. איר וועט קיינמאָל נישט מסוגל זיין צו זיין קלוג. צו וואָס דאַרף מען דאָס צו ווען? איך מוז נאָך פאַרן טויט זיין דאַנקבאַר — און כ'בין דאַנקבאַר — אמתדיק — זייער אמתדיק!...

מאַריניאַ האָט אים אָבער נישט געלאָזט רעדן וועגן טויט, זי האָט, פאַרקערט, גערעדט מיט גרויס רו וועגן דער בייטיקייט אים אַריבערצופירן קיין וואַרשע צווישן אייגענע. זי האָט פון דעם גערעדט, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס די מעגלעכקייט אויסצופירן זי איז אויסער יעדן ספק און האָט דידאָזיקע איבערצייגונג באַוויזן אײַבער צו אימפּן אין בוקאַצקין. זי האָט אים געגעבן עצות, ווי ער האָט זיך איינצואָרדנען, און ער האָט ענדלעך אויסגעהערט זיי מיט כוונה. זיינע געדאַנקען זענען אַריבער אין עפּעס אַ פרייהייט צושטאַנד, אין וועלכן זיי האָבן געלאָזט מיט זיך רעגירן. ער האָט זיך געשפּילט עפּעס ווי אַ קינד, און צו דעם ווי אַן אָרים קינד.

דעמזעלבן טאָג האָט אים באַזוכט נאָך הער אָסנאָווסקי, ער האָט אויך צו אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אינטערעס און האַרץ, וויפיל ס'האָט געקענט אַרויסווייזן אַן אייגענער ברודער. בוקאַצקי האָט זיך פשוט נישט גערעכט אויף דעם אַלעם און נישט גערעכנט אויף עפּעס ענלעכס. דעריבער, ווען פּאָלאַניעצקי איז שפּעט אין

אַוונט נאָכאַמאָל צו אים געקומען, און זעענדיק געבליבן אויג אויף אויג, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל דיר איצט זאָגן אויפריכטיק: כ׳האָב בעסער נישט געפילט, ווי איצט, אַז כ׳האָב פונם לעבן געמאַכט אַ נאַרישן פּאַרס און אַ תל געמאַכט דערפון, ווי אַ הינט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— ווען כ׳זאָל געווען כאָטש געפונען אַן אמתע הנאה אין דער מעטאָד, לויט וועלכער איך האָב געלעבט — אפילו דאָס אויך נישט. וואָס פאַר אַ נאַרישע עפּאָכע אונדזערע איז! אַ מענטש ווערט צעשפּאָלטן אויף צוויי. אַלץ, וואָס אין אים איז פּאַרהאַן בעסערס, באַהאַלט ער און פאַרשטופּט ערגעץ אין אַ לאָך, און ווערט עפּעס אַ מאַלפּע, אָדער אַ לץ, און צו דעם אַ ביטע-רער, און על-כּולם זײַער אָפט אַ נישט אויפריכטיקער. איינצו-רעדן זיך מער נאַרישקייטן פון לעבן, ווי עס צו פילן — ווי מאָדנע דאָס איז! איין זאַך טרייסט מיך, וואָס עפּעס באמת ווירק-לעכס אינם לעבן איז דער טויט — הגם פון דער צווייטער זײַט, איז עס ווידער אַן אומרעכט, פריער, איידער עס וועט קומען, צו זאָגן אויף ווײַן, אַז עס איז עס׳ג...

— מײַן ליבער — האָט געענטפערט פּאָלאַניצקי — דו האָסט זיך אַלעמאָל געמוטשעט מיטן כסדרדיקן אויפצי׳ען דעם גע-דאַנק אויף אַ לײַדע פאָדעם. טו-זשע עס כאָטש נישט איצט.

— ביסט גערעכט. איך קען אָבער נישט טראַכטן נישט פון דעם, אַז כל-זמן איך בין אַרומגעגאַנגען און געווען ווי די מעשה זאָל נישט זײַן געזונט, האָב איך חוזק געמאַכט פונם לעבן, און איצט — כ׳וועל דיר זאָגן בסוד — האָב איך נאָך חשק צו לעבן.

— און דו ווייסט?

— ע, לאָז צורו. דײַן ווײַב האָט עס מיר געהאַט איינגע-רעדט — אָבער איצט גלייב איך ווידער נישט אין דעם. און מיר איז שווער. כ׳האָב פון זיך געמאַכט אַ תל. הער אָבער, פאַר-וואָס כ׳האָב געוואָלט רעדן. כ׳ווייס נישט, צי עס וואַרט אויף מיר עפּעס אַ חשבון, צי נישט? כ׳זאָג דיר באמונות: איך ווייס

נישט! — און דאָך האָב איך אַ מאָדנע געפיל, ווי איך וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט — און איך וועל דיר זאָגן פאַרוואָס: דאָס איז, אַז איך האָב פאַר מיינע אייגענע גאַרנישט געטון, און איך האָב געקענט!... געקענט!... דער געדאַנק שרעקט מיך — איך גיב דיר מיין וואָרט! דאָס איז נישט קיין גוטע זאַך! איך האָב גאָרנישט געטון: איך האָב אומזיסט ברויט געגעסן, און איצט... דער טויט. אויב עס זענען פאַרהאַן ריטער און אויב זיי וואַרטן אויף מיר, וועט דאָס זיין פאַר דעם — און הער מיך אויס סטאַך — עס איז מיר שווער!...

הגם ער האָט גערעדט מיט זיין געוויינטלעכן באַלעסיקן טאָן, האָט זיין פּנים בײַ דעם אָנגעהויבן אויסדריקן אַן אמתע אומרויקייט — די ליפּן זענען אים אַ ביסל בלייך געוואָרן און אויפן שטערן זענען שטיין געבליבן עטלעכע טראָפּן שווייס.

— לאָז צורו! — האָט געזאָגט פּאָלאַניעצקי — וואָס אים פעלט אַלץ איין! דאָס שאַדט דיר!

נאָר בוקאַצקי האָט ווייטער גערעדט:

— הער, וואַרט! איך האָב אַ גאַנץ באַדייטנד פאַרמעגן — זאָל כאָטש דאָס פאַרמעגן טון עפּעס פאַר מיר. איך וועל איבער־לאָזן דיר אַ חלק, נאָר זע די רעשט שענק אַוועק אויף עפּעס נוצלעכס! דו ביסט פּראַקטיש און ביגעל אויך. באַטראַכט זיך, וואָרן איך ווייס נישט, צי איך וועל האָבן צייט, ווען דאָס טון?

— איך וועל אַלץ טון, וואָס דו ווילסט!

— איך דאַנק דיר. ווי מאָדנע ס׳איז דער מין אומרויקייט און די געוויסנסביסן? און דאָך קען איך מיך נישט באַפרייען פון דעם געפיל פון שולד. מען דאַרף טון עפּעס גוטס כאָטש פאַרן טויט. דאָס איז פונדעסטוועגן נישט קיין שפּאַס — דער טויט!... מען וועט דאַרפן צעפאַלן ווערן, צעלייגן זיך און פוילן אין דער פּינסטערניש. דו ביסט אַ גלויביקער מענטש?

— יאָ.

— און איך — נישט יאָ און נישט ניין. איך האָב מיך געשפּילט אין נירוואַנאַ, ווי אין אַנדערע זאַכן. דו ווייסט, ווען נישט דאָס געפּיל פון שולד, וואָלט איך געווען רויִקער, איך האָב מיר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס קען אַזוי באַאומרויִקן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז איך בין אַ בין, וועלכע האָט באַרויבט איר אייגענעם בינשטאָק און, אַז דאָס איז אַ געמיינהייט. אָבער עס וועט פונדעסטוועגן בלייבן נאָך מיר אַ פאַרמעגן. וואָס? אמת? אַ ביסל האָב איך אויסגעברענגט, אָבער זייער ווייניק — און דאָס אויך נאָר אויף בילדער, וועלכע וועלן אייך בלייבן — אמת? אַך, ווי איך וואָלט איצט נאָך געוואָלט לעבן, כאָטש נאָך אַ יאָר, כאָטש נאָך אַזוי לאַנג, כדי נישט צו שטאַרבן דאָ...

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אַצינד איינס: דאָס לעבן קען זיין שלעכט, וואָרן דער מענטש קען עס זיך שלעכט איינאָרדענען — אָבער דאָס עקזיסטירן פאַר זיך. דאָס איז אַ גוטע זאַך.

פּאָלאַניעצקי איז אַוועקגעגאַנגען שפּעט באַנאַכט. אין משך פון דער צווייטער וואָך האָט דער געזונט־צושטאַנד פון קראַנקן זיך געוואַקלט. די דאָקטוירים האָבן גאָרנישט געקענט פאָרזען, זיי האָבן פונדעסטוועגן באַשלאָסן, אַז די רייזע קען לכל הדעות נישט זיין געפערלעך. שווירסקי און וואַסקאָווסקי האָבן זיך אונטערגענומען אָפּצופירן דעם קראַנקן, וועלכער האָט געבענקט אַלץ שטאַרקער און כמעט יעדן טאָג דערמאַנט פרוי עמיליען — די באַרמהאַרציקע שוועסטער. אָבער ערב דעם טאָג, אין וועלכן זיי האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן, האָט ער אָנגעוווירן דאָס לשון, פּאָלאַניעצקין האָט דאָס האַרץ געשניטן קוקנדיק אין זיינע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך מינוטנווייז געמאָלט שרעקלעכע אומרויִקייט און מינוטנווייז, ווי עפּעס אַ גרויס שטום געבעט. ער האָט געפּרוווט שרייבן, אָבער נישט געקענט. אין אָוונט האָט ער באַקומען אַ געהירן־דערשיטערונג און איז געשטאָרבן.

מען האָט אים צייטווייליק קובר געווען אויף קאַמפּאָ סאַנ-

טאָ. פּאָלאַניעצקי האָט זיך משער געווען, אַז זיינע בליקן האָבן אויסגעדריקט אַ בקשה, מען זאָל אים איבערפירן אַ היים, און שוויר־סקי האָט באַשטעטיקט דידאָזיקע השערה.

אָט אַזוי איז פאַרשוווּנדן דערדאָזיקער זייפנבלאָז, וועלכער האָט צייטנווייז געבלישטשעט מיט די פאַרבן פון רעגנבויגן און איז אָבער געווען אַזוי פּוסט און נישט דויערהאַפט, ווי אַן אמתער זייפנבלאָז...

פּאָלאַניעצקין האָט זיין טויט פאַרשאַפט אַן אויפריכטיקן צער און גאַנצע שעהן פלעגט ער קלערן וועגן דעמדאָזיקן אויס־טערלישן לעבן. ער האָט מיט דידאָזיקע געדאַנקען נישט געטיילט זיך מיט מאַרישען, ווייל ס'איז נאָך ביז איצט נישט אַריינגעגאַנ־גען בײַ אים אין אַ געוווינהייט צו טיילן זיך מיט איר מיט דעם, וואָס ס'איז בײַ אים פאָרגעקומען. לעצטנס, ווי ס'טרעפט אָפט מיט מענטשן, וואָס טראַכטן וועגן געשטאָרבענע, האָט ער פון זיינע באַטראַכטונגען אַרויסגעדרונגען פאַר זיך גיגנסטיקע אויספירן.

„בוקאַצקי — האָט ער זיך געזאָגט — האָט קיינמאָל נישט געקענט זיך אַן עצה געבן מיטן אייגענעם פאַרשטאַנד; אים האָט געפעלט לעבעדיקער דוש, ער האָט זיך נישט געקענט פונאַנדער־קלויבן אין דעם וואַלד און איז תמיד נאָכגעגאַנגען דער מאָמענ־טאַלער פאַנטאַזיע. אינדעראמתן איז נאַריש זיך איינצורעדן, נאָך איידער דער טויט קומט, אַז וויין איז — עסיק. דאָך האָב איך אַ קלאָרערן בליק אויף זאַכן, און אַ חוץ דעם בין איך געווען מיט זיך אַ סך אויפריכטיקער. ווי ס'זאָל נישט זיין, בין איך כמעט פולשטענדיק אין אָרדנונג הן מיט גאָט, הן מיטן לעבן.“

ס'איז געווען דערין אַ ביסל אמת, אָבער ס'זענען אויך גע־ווען אילוזיעס. פּאָלאַניעצקי איז נישט געווען אין אָרדנונג מיט דעם אייגענעם ווייב.

ער האָט גערעכנט, אַז דערמיט וואָס ער גיט איר זיין שוץ, זיין ברויט, אַ גוטע באַנעמונג און ב דעקט פון צייט צו צייט איר מויל מיט קושן, דערפילט ער שוין אַלע פליכטן לגבי איר. אָבער די באַציִונגען צווישן זיי האָבן וואָס וייטער אַלץ בולטער אָנגע־

נומען אַ פּאָרם, אין וועלכער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער טוט אַ טובה מיט זיין ליבן און מיט זיין אָננעמען איר ליבע. אין זיינע לעבנס־באַאָבאַכטונגען האָט אים נישט איינמאָל איבערראַשט די מאָדנע דערשיינונג, אַז ווען אַ מענטש, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין אָרנטלעכקייט, טוט עפּעס אַ גוטע זאַך, שאָקלען מענטשן מיט די הענט, זאָגנדיק עפּעס אַזוי ווי כלאחר יד: „אַך, דאָס איז דער, דער הער X. דאָס איז אינגאַנצן נאַטירלעך!" אויב ס'האָט זיך אָבער געמאַכט צופעליק, אַז אַן אוממענטש זאָל טון עפּעס גוטס — האָבן די אייגענע מענטשן געזאָגט מיט גרויס אָנערקענונג: „פונדעסטוועגן איז אין אים עפּעס פאַרהאַן". הונדערטער מאָל האָט פּאָלאַניעצקי געזען, אַז אַ גראָשן פון אַ קמצן מאַכט אַ גרעסערן איינדרוק, ווי אַ דוקאַט פון אַ מילדן מענטש. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז אין באַציונג צו מאַרינען ווענדט ער אָן פּונקט אַזאַ מאָס. זי האָט אים אַוועקגעגעבן איר גאַנץ וועזן, איר גאַנצע נשמה? — „אַך, מאַרינאַ! ס'איז נאַטירלעך!" און האָט אויך אַזוי געשאָקלט מיט דער האַנט. ווען איר ליבע וואָלט נישט געווען אַזוי באַדינגלאָז, ווען זי וואָלט אים אָנגעקומען מיט גרעסערע שוועריקייטן, ווען זי וואָלט אַליין זיך געפילט פאַר אַן אוצר און ווי אַן אוצר זיך אַוועקגעגעבן, ווען זי אַליין וואָלט אָפּגעשאַצט איר געטלעכקייט און געפאָדערט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און יראת הכבוד — וואָלט פּאָלאַניעצקי זי אויפגענומען מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און מיט יראת הכבוד. אָט אַזוי איז בכלל דאָס מענטשלעכע האַרץ, און נאָר באַזונדער אויסגעווײלטע נאַטורן, אויסגעוועבטע פון שטראַלן, קענען זיך אויפהייבן איבער דעמדאָזיקן ניוואָ. מאַריניאַ האָט אַוועקגעגעבן פּאָלאַניעצקין איר ליבע אַלס זיין רעכט. זיין ליבע האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גליק, און ער האָט זי דעריבער איר געגעבן אַלס גליק — אַליין אָבער זיך געהאַלטן פאַר אַן אָפּגאָט אויפן אַלטאַר. בלויז איין שטראַל זייבער איז אַריינגעפאַלן אין דעם פרויען־האַרץ און דאָרטן אויפגעלויכטן — די איבעריקע שטראַלן האָט דער אָפּגאָט באַהאַלטן פאַר זיך. גענומען האָט ער אַלץ, אַוועקגעגעבן בלויז אַ טייל. אין זיין ליבע איז נישט געווען די מורא, וואָס פליסט אַרויס פון יראת הכבוד —

און ס'איז נישט געווען דאָס, וואָס רעדט אַרויס צו דער געליב־טער פרוי פון יעדער צערטלעכקייט: „צו דיינע פיס!"

אָבער זיי האָבן נאָך דאָסביידע נישט פאַרשטאַנען.

XVIII

— איך פרעג זיך אפילו נישט — האָט אַ זאָג געטון ביגעל צו פּאָלאַניעצקין, נאָך זיין קומען קיין וואַרשע — צי דו ביסט גליקלעך. מיט אַזאַ פערזאָן, ווי דיין פרוי קען מען נישט זיין נישט גליקלעך.

— יאָ — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — מאַריניאַ איז אַזאַ ערלעך ווייבל, אַז מען דאַרף נישט קיין בעסערס.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו פרוי ביגעל:

— אונדז איזביידע גוט — האָט ער אַ זאָג געטון — און אַנדערש קען עס נישט זיין. איר געדענקט אונדזערע אַמאָליקע שמועסן וועגן חתונה און ליבע? איר געדענקט, ווי איך האָב מורא געהאַט נישט אָנצוטרעפן אויף אַ ווייב, וואָס זאָל וועלן מיט זיך פאַרשטעלן די גאַנצע וועלט פאַרן מאַן, פאַרנעמען אַלע זיינע מחשבות, אַלע זיינע געפילן, זיין דער איינציקער ציל אין זיין לעבן? איר געדענקט, ווי כ'האָב אייך און פרוי עמיליאַן אויפגעוויזן, אַז ליבע צו אַ פרוי דאַרף נישט און טאָר נישט זיין באַ אַ מענטש אַלץ,

מחמת עס זענען אַ חוץ איר פאַרהאַן אַנדערע ענינים אויף דער וועלט?

— יאָ, איך געדענק אָבער אויך, וואָס איך האָב אייך געוואָגט, אַז מיר, למשל, שטערן לחלוטין נישט ליב צו האָבן די קינדער... ווייס איך! עס דאַכט זיך מיר אָבער אויס, אַז די זאַכן זענען נישט, למשל, ווי פידעלעך, וואָס אַז מען שטעלט זיי אויס עטלעכע מיטאַמאָל אויף איין טיש, בלייבט שוין פאַר קיין אַנדערע קיין אָרט נישט.

— מיין פרוי איז גערעכט — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — איך האָב דאָס באַמערקט, אַז מענטשן האָבן אָפטמאָל אַ טעות, איבערטראָגנדיק זייערע געפילן אָדער אידעען אין פיזישע באַדינגונגען, ווען עס רעדט זיך וועגן זיי, קען קיין רייד נישט זיין וועגן אָרט...

אויף דעם האָט פּאָלאַניעצקי פריילעך געענטפערט.

— שטילער, דו באַצוווּנגלאַנד!

— אַז עס איז מיר גוט מיט דעם — האָט ביגעל אַ געזעצטער אַ זאָג געטון — דו וועסט אויך באַצוווּנגען ווערן.

— איך?

— יאָ. מיט ערלעכקייט, מיט גוטסקייט, מיט האַרץ.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. מען קען זיין באַצוווּנגען און נישט זיין קיין שטעק-שיך. שטערט מיר נישט צו לויבן מאַריניאַן. כ'האָב אַזוי געטראָפן, אַז בעסער האָב איך שוין נישט געקענט, און דווקא דערפאַר, ווייל זי לאָזט זיך באַגנוּגענען מיט אַזאַ געפיל, וואָס איך פאַרמאָג פאַר איר — און וויל נישט זיין מיין אויסשליסלעכער אָפּגאָט. פאַר דעם האָב איך זי ליב! גאָט האָט מיך אָפּגעהיטן פון אַ פרוי, וואָס פאָדערט מקריב צו זיין פאַר זיך די גאַנצע נשמה, דעם גאַנצן שכל, דאָס גאַנצע וועזן און אַזוי ווייטער — און איך דאַנק אים אמתדיק דערפאַר, ווייל אַזעלכע וואָלט איך נישט געקענט ליידן. איך פאַרשטיי גיכער, אַז מען קען דאָס אַלץ געבן פון גיטן ווילן, דהיינו, דאַמאָלס. ווען דאָס איז נישט קיין פאָדערונג.

— גלייבט מיר, הער סטאַניסלאַוו — האָט געענטפערט פרוי

ביגעל — אַז מיר אַלע זענען אין דעם פּרט גלייך פאַדערנדיק, נאָר תּחילת נעמען מיר בלויז אָן אַ חלק, וואָס מען גיט אונדז, פאַרן גאַנצן און שפּעטער...

— און שפּעטער וואָס? — האָט אַ ביסל מיט חוזק איבער־געריסן פּאַלאַניעצקי.

— נאָכדעם, די, וואָס אין האַרץ האָבן זיי אמתע ערלעכקייט גיבן זיך איבער דעם, וואָס איז פאַר אייך אַ וואָרט אָן באַדיי־טונג, און פאַר אונדז איז עס אָפט דער יסוד פונם לעבן.

— וואָס־שע איז עס פאַר אַ קמיעה?

— יאוש.

פּאַלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— בוקאַצקי עליו־השלום פלעגט זאָגן — האָט ער געענט־פערט — אַז פּרויען טוען זיך אָפּט אָ, אין יאוש, ווי אין עפּעס אַ הוט, ווייל עס קליידט זיי צום געזיכט. אַ הוט פון יאוש, אַ וואָאַל פון מרה־שחורה — מיאוס?

— ניין, נישט מיאוס. וואָס ווילט איר! אפשר איז עס אַ שטאָט. אָבער אין אַזאַ שטאָט קען מען גיכער אַריינפאַלן אינם גן־עדן, ווי אַן אַנדערן.

— איז מיין מאַר ניאַ אַזוי פאַרמשפּט אויף גיהנום, ווייל איך האָף, אַז זי וועט עס נישט טראָגן, איבעריקנס, אין אַ ווײַלע אַרום וועט איר זי זען, מחמת זי האָט צוגעזאָגט, אַז נאָך אונדזערע ביוראָ־שעהן וועט זי אַהערקומען צו אייך. זי פאַרשפּעטיקט זיך די קרי־כעריך, זי איז אָבער שוין מחויב צו זיין.

— דער טאַטער לאָזט זי מסתמא נישט. איר וועט אָבער בלייבן בײַ אונדז אויף מיטאָג אָן שום טענות ומענות — אמת?

— מיר וועלן בלייבן אויף מיטאָג. מסכּים.

— ס'האָט אונדז היינט אַזוי אויף עמעץ צוגעזאָגט, וועט זיך די געזעלשאַפט בלויז פאַרגרעסערן — דערווייל וועל איך גיין אָנ־זאָגן, מען זאָל אָנגרייטן פאַר אייך געשיר.

זאָגנדיק דאָס, איז פרוי ביגעל אַרויס. פּאַלאַניעצקי ווידער האָט אַ פרעג געטון ביגעלן:

— וועמען האָט איר דאָס צו מיטאָג?

— זאַווילאָווסקין, דעם קומענדיקן קאָרעספּאָנדענט פון אונדזער הויז.

— וואָס פאַר אַ זאַווילאָווסקי?

— דער אָט, דערזעלבער, דער שוין באַקאַנטער פּאָעט.

— פון פּאַרנאַס צום קאַנטאָרטיש? ווי הייסט?

— כ'געדענק שוין נישט, ווער עס האָט געזאָגט, אַז די געזעלשאַפט אונדזערע האַלט אירע גאונים אויף דיעטע. מען זאָגט, אַז דאָס איז זייער אַ פּעיִקער מענטש, אָבער מיט פּערזן קען מען אויף קיין ברויט נישט פאַרדינען. דו ווייסט דאָך, אונדזער טשיסקאָווסקי איז אַריבער אין אַ פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט — איז געוואָרן פריי אַ פּאָסטן, האָט זיך געמאָלדן זאַווילאָווסקי. כ'האָב געהאַט אַ ביסל דאגות, ער האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ פראַגע פון ברויט און אַרבעט־מעגלעכקייט. דערביי געפעלט ער מיר, מחמת ער האָט תיכף זיך מודה געווען, אַז ער שרייבט אויף דריי לשונות, אָבער רעדן גוט קען ער אויף קיין איינער נישט, שגיאות, אַז ער האָט נישט די קלענסטע השגה אין האַנדלס־קאָרעספּאָנדענץ.

— ע, דאָס איז שטותים — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — אין משך פון דער וואָך וועט ער זיך אויסלערנען. וועט נאָר אויף לאַנג אָבער זיין דער פּאָסטן און צי וועט די קאָרעספּאָנדענץ נישט בלייבן הינטערשטעליק... מיט אַ פּאָעט צו האָבן צו טון?

— וועלן מיר זיך געזעגענען. פאַרשטייסטו מיך, אַז קוים איז ער אַליין געקומען, האָב איך ליבערשט אים געגעבן דאָס אָרט, איידער עמעצן אַנדערש. אין דריי טעג אַרום דאַרף ער אָנהייבן אַרבעטן. דערווייל האָב איך אים פאָרויס געצאָלט פאַר אַ חודש שכירות, ווייל מען האָט עס באַדאַרפט טון.

— ער איז געווען הויל?

— דאַכט זיך. פאַראַן הי אַן אַלטער זאַווילאָווסקי, דער וואָס האָט אַ טאַרטאַק, זייער אַ גרויסער עושר. כ'האָב זיך געפרעגט באַ אונדזערן, צי עס איז נישט קיין קרוב. ער האָט געזאָגט, אַז ניין, און איז דערביי רויט געוואָרן; מיין איך, אַז יאָ. אָבער, ווי

באַ אונדז! אין קיין זאַך איז נישטאָ קיין גלייכגעוויכט; אַ טייל טרייסלען זיך אָפּ פון זייערע קרובים, ווייל זיי זענען אָרים, אַנ־דערע דערפאַר, ווייל זיי זענען רייך. אַלץ לשם פאַנטאַזיע — און לשם דער געמיינער גאווה. ער אגב וועט דיר געפעלן. מיין ווייב איז ער געפעלן.

— וועמער איז געפעלן דיין ווייב? — האָט אַ פרעג געטון, אַריינגייענדיק פרוי ביגעל.

— זאַווילאָווסקי.

— ווייל כ'האָב געלייענט זיינס אַ שיין ליד אונטערן נאָמען: „אויף דער שוועל". אַ חוץ דעם, זעט זאַווילאָווסקי אויס, ווי ער וואָלט עפּעס אויסבאַהאַלטן פון מענטשן.

— ער האָט אויסבאַהאַלטן דעם דלות, אָדער ריכטיקער, דער דלות האָט אים אויסבאַהאַלטן.

— ניין, ער זעט אויס ווי ער וואָלט דורכגעלעבט אַ שווע־רע אַנטוישונג

— האָסטו געזען די ראָמאַנטיקערין! זי האָט מיר שוין גע־זאָגט, אַז ער האָט אַ סך געליטן, און האָט זיך באַליידיקט, ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין השערה, אַז אפשר האָט ער געליטן אויף ווערעם אין די קינדעריאָרן, אָדער אויף אַ פייער־אויסשלאָג. דאָס איז פאַר איר צו ווייניק פּאָעטיש.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט אָנגעהויבן קוקן אויפן זייגער און ווערן אומגעדולדיק.

— מאַריניאַ שטעלט זיך גאָרנישט פיין — האָט ער אַ זאָג געטון — וואָס פאַר אַ קריכערין זי איז עס!

אָבער די „קריכערין" איז גראָד אין דער מינוט אָנגעקו־מען, אָדער ריכטיקער אָנגעפאָרן. דאָס באַגריסן זיך איז פאָרגעקו־מען אָן אויפברויזן, מחמת מיט די ביגעלן האָט זי זיך שוין גע־האָט געזען נאָך פריִער באַ דער באַן, פּאָלאַניעצקי האָט פאַרגע־זאָגט דעם ווייב, אַז זיי בלייבן אויף מיטאָג, אויף וואָס זי האָט גלייך מסכּים געווען. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעהויבן באַגריסן מיט די קינדער, וואָס זענען די גאַנצע מחנה אַריין אין צי־מער

בינו־לבינו איז אָריינגעקומען זאַווילאָווסקי, וועלכן ביגעל האָט פאָרגעשטעלט פאַר פּאָלאַניעצקין. דאָס איז געווען נאָך גאָר אַ יינגער מענטש, פון אַ יאָר זיבן־אַכט און צוואַנציק, און פּאָלאַניעצקי, קוקנדיק אויף אים, האָט באַמערקט, אַז ער האָט לחלוטין נישט קיין מינע פון אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך געליטן אין לעבן. ער איז בלויז געווען אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט צווישן דער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט האַלב אָדער כמעט לחלוטין נישט געקענט. ער האָט געהאַט אַ נערוועז געזיכט, מיט אַ גאָמבע, וואָס האָט, ווי באַ וואַגנערן, שטאַרק אַרויסגעשטאַרט פאָרויס, מיט פריילעכע שוואַרצע אויגן און מיט אַ געוואָלטיק איידלען שטערן, ווייסער ווי די רעשט פּנים, אויף וואָז די בולטע אָדערן האָבן פאָרמירט דאָס אות y. ער איז געווען באַ דעם אַ הויכער און זייער אַן אומגעלומפּערטער.

— כ׳האָב געהערט — האָט אַ זאָג געטון צו אים פּאָלאַניעצקי — אַז אין דריי טעג אַרום וועט איר אַנהייבן מיט אונדז זיך חברן.

— יאָ, הער באַלעבאָס — האָט געענטפערט דער יינגער מענטש — ריכטיקער, דינען אין ביוראָ.

פּאָלאַניעצקי האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— לאָזט נאָר צורו מיטן „באַלעבאָסן״! באַ אונדז איז נישט קיין מנהג זיך צו באַטיטלען, אָדער „באַלעבאָסן״... כ׳ווייס נישט, אפשר וואָלט מיין ווייב געפעלן אַזאַ טיטול, ווייל דאָס וואָלט איר צוגעגעבן אויטאָריטעט אין די אייגענע אויגן.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו מאַרינאַ:

— הער נאָר, מאַדאַם באַלעבאָסטע! ווילסט מען זאָל דיך רופן באַלעבאָסטע? וועט מען האָבן אַ נייע פאַרווײַלונג!

זאַווילאָווסקי האָט זיך צעטומלט, ער האָט אָבער אויך אָנגעהויבן לאַכן, ווען פרוי פּאָלאַניעצקאַ האָט געענטפערט:

— ניין, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז אַ באַלעבאָסטע דאַרף טראָגן אָט אַזאַ גרויסן טשיפּעק (דאָ האָט זי מיט דער האַנט געוויזן וואָס פאַר אַ גרויסן), און איך האָב פיינט טשיפּקעס.

זאַווילאָווסקי איז געוואָרן לעבעדיקער צווישן דער פריילע-

בער גוטהאַרציקייט פון די מענטשן, ער האָט זיך אָבער ווידער צעטומלט, ווען מאַריניאַ האָט אים אַ זאָג געטון:

— איר זייט דאָך מיינס אַן אַלטער באַקאַנטער. איצט האָב איך קיין שום נייע זאַך נישט געלייענט, מחמת מיר זענען נאָר וואָס צוריקגעקומען; ס'איז עפּעס צוגעקומען פאַר דער צייט?

— ניין, מאַדאַם — האָט ער געענטפערט — איך פאַרנעם זיך מיט דעם אַזוי, ווי הער ביגעל מיט מוזיק; אין פרייע מינוטן און צוליב אייגן פאַרגעניגן.

— איך גלייב נישט — האָט געענטפערט פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

און זי האָט געהאַט רעכט נישט צו גלייבן, מחמת ס'איז לחלוטין אַזוי נישט געווען. אין זאַווילאָווסקיס תשובה האָט אויך געפעלט פשטות, ער האָט אָבער געוואָלט לאָזן וויסן, אַז קודם־כל ויל ער אָנגיין אַלס קאָרעספּאָנדענט פון האַנדלס־הויז און ווערן באַהאַנדלט, ווי אַ באַאַמטער, נישט ווי אַ פּאָעט. ער האָט אויך ביגעלן און פּאָלאַניעצקין טיטולירט, נישט חלילה מחמת הכנעה, נאָר כּדי צו ווייזן, אַז קוים האָט ער זיך גענומען פאַר ביוראָ־אַרבעט, האַלט ער זי פּונקט פאַר אַזאַ גוטע, ווי יעדע אַנדערע, אַז ער פּאַסט זיך צו צו יעדער ראָל און ווייס זיך צו איר צו פּאַסן אויך אין דער צוקונפט. געווען איז אין דעם אויך עפּעס אַנדערש, זאַווילאָווסקי, הגם ער איז געווען אַ יינגער מענטש, האָט באַמערקט וויפיל קאָמיזם ס'איז פאַראַן אין מענטשן, וואָס אָנשרייבנדיק אייניקע אָדער צוויי שירים מאַכן זיי דעם אָנשטעל פון נביאים און הייסן זיך האַלטן פאַר נביאים. זיין צו גרויסע אייגנליבע האָט געציטערט פאַר דער מורא צו זיין קאָמיש. — דעריבער איז ער אַריינגעפאַלן אין דער צווייטער עקסטרעמיטעט און האָט זיך כמעט געשעמט מיט זיין פּאָעזיע. די לעצטע צייט, אין וועלכער ער האָט אָגב געליטן גרויס נויט, איז עס באַ אים כמעט געוואָרן אַ משוגעת און די קלענסטע באַמערקונג עמעצנס וועגן דעם, אַז ער איז אַ פּאָעט, האָט אים געפלעגט אַריינטרייבן אין געשטיקטן כעס.

ער האָט אָבער אויך גלייכצייטיק געפילט, אַז ער איז נישט לאָגיש, מחמת די פשוטסטע זאַך וואָלט געווען נישט צו שרייבן

קיין לידער און נישט צו פאַרעפנטלעכן זיי; אָבער פון דעם האָט ער זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן. זיין קאָפּ איז נאָך נישט געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל, אָבער ס'איז שוין אויף אים גע־האַט געפאַלן עטלעכע שטראַלעכלעך, װאָס האָבן אַ מאָל באַשיינט זיין שטערן, אַמאָל געוואָרן אויסגעלאָשן, לויט דעם ווי ער האָט גע־שאַפן אָדער פאַרנאַכלעסיקט. נאָך יעדן נייעם ליד האָט אַ שטראַלעכל אָנגעהויבן ווידער ציטערן, — און זאַווילאָווסקי פּונקט אַזוי פּעזיק, ווי אַמביציעז, האָט אין עצם מער געשעצט די אָפּשיינען פון רום, ווי אַלץ אין דער וועלט. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן צווישן זיך רעדן נאָר וועגן אים, אָבער נישט אים אין די אויגן. ווען ער האָט פאַרגעפילט, אַז מען הייבט אָן אין אים צו פאַרגעסן, האָט ער געפלעגט ליידן אין דער שטיל. אין אים איז געווען עפּעס אַ מין צעשפּאַלטונג פון אייגנליבע, וואָס גאַרט נאָך רום און שמויסט זי גלייכצייטיק אָפּ דורך אַ געוויסער ווילדקייט און שטאָלץ אויס מורא, אַז עמעץ זאָל נישט זאָגן, אַז ער וויל צו פיל. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אין זיך אַ סך סתירות, ווי אין אַ יונגן מענטש, אַן איינדריקלעכן, וואָס נעמט זיך דורך און פילט אַלץ איבער אויסערגעוויינטלעך, און קען צווישן די אַלע פילונ־גען זיין אייגענעם „איך” נישט געפינען. צוליב דעם זעען אָפּטמאָל קינסטלער בכלל אויס קינסטלעך.

דערווייל האָט מען דערלאַנגט מיטאָג, בשעת וועלכן מען האָט גערעדט, פאַרשטייט זיך, וועגן איטאַליע און וועגן די מענטשן, וואָס די פּאָלאַניעצקיס האָבן דאָרט געטראָפן. פּאָלאַניעצקי האָט דערציילט וועגן בוקאַצקין און זיינע לעצטע מינוטן, אגב וועגן זיין לעצטן ווילן, נאָך וועלכן ער איז געוואָרן זיינס אַ יורש אויף אַ גאַנץ גרויסער סומע. אַ סך אַ גרעסער חלק האָט באַדאַרפט אָפּגע־געבן ווערן אויף צדקה־צוועקן — און וועגן דעם האָט ער זיך באַ־דאַרפט מיישב זיין מיט ביגעלן. מען האָט פונדעסטוועגן ליב גע־האַט בוקאַצקין און דערמאָנט זיך וועגן אים מיט מיטגעפיל, און פרוי ביגעל האָט געהאַט אפילו טרערן אין די אויגן, ווען מאַרי־ניאַ האָט דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרן טויט געזאָגט ווידוי און איז געשטאָרבן, ווי אַן אמתער קריסט, אָבער דער מיטגעפיל איז

געוועז פון דעם מין, אַז מען האָט דערבײַ געקענט מיטאָג עסן, און אויב בוקאַצקי האָט אַמאָל באמת געזיפֿצט נאָך בירוואַגאַ, האָט ער איצט געהאַט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, מחמת ער איז פֿאַרבליבן פֿאַר די מענטשן, אפֿילו נאָנטע און די וואָס האָבן אים ליב געהאַט, בלויז אַ לייכטע און נישט דויערנדיקע דערמאָנונג. נאָך אַ וואָך, אַ חודש אָדער אַ יאָר — און זײַן נאָמען האָט געזאָלט ווערן בלויז אַ קלאַנג און אַן עכאָ. באמת טאַקע, ער האָט קיינעמט טיפֿערע ליבע נישט פֿאַרדינט, קיינעמס נישט געהאַט, און דאָס לעבן זײַנס איז אַוועק אַזוי, אַז אפֿילו נאָך אַזאַ קינד, ווי ליטקאַ איז געבליבן נישט בלויז הונדערט מאָל אַזוי פֿיל צער און ליבע, נאָר אויך געדענקלעכע שפּורן. זאַווילאָווסקי, וואָס האָט אים נישט געקענט, האָט תּחילת פֿאַראינטערעסירט זײַן לעבן, אָבער נאָכן אויסהערן אַלץ, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט דערציילט, האָט ער אַ טראַכט געטון און געזאָגט: „דאָס איז אַ צוזאָג!" — און בוקאַצקי, וואָס האָט פֿון אַלעם חוזק געמאַכט, וואָלט פֿונדעסטוועגן אַזאַ מצבֿה געוועזן ווי געטון.

מאַריניאַ אָבער, וועלנדיק דער שמועס זאָל אָננעמען אַ פֿרײַלעכערע ווענדונג, האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די אויספֿלוגן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין רוים און אין דער סבֿיבֿה, סײַ אַליין, סײַ מיט שווירסקין, סײַ מיט די אָסנאָווסקיס. ביגעל, וואָס איז געוועזן אָסנאָווסקיס אַ חבֿר און האָט פֿון צײַט צו צײַט זיך מיט אים געזען, האָט אַ זאָג געטון:

— ער האָט איין ליבע, דאָס איז זײַן אייגן ווײַב, און איין שׂנאה, דאָס איז זײַן אייגענע דיקקייט, אָדער ריכטיקער די נטיה צו דעם. בכלל אָבער, איז עס דער בעסטער מענטש אין דער וועלט.

— ער זעט דאָך אָבער אויס גאָר אַ דאַרער — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ.

— מיט צוויי יאָר צוריק איז ער כמעט געוועזן אַ דיקער, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן פֿאָרן אויף אַ ראָווער, פֿעכטן, זיך באַנוצן מיט בעטינגס קוראַציע, זומער טרינקען קאַרלסבאַדער וואַסער, און ווינטער פֿאָרן קיין איטאַליע אָדער מצרים אויף שוויצן —

איז ער געוואָרן צוריק דאַר. איבעריקנס האָב איך שלעכט געזאָגט, אַז ער האָט אַ שנאה צו דיקקייט — דאָס האָט זיין ווייב! און ער טוט דאָס כדי זיך אויסצופיינערן פאַר איר. ער פלעגט גאַנצע נעכט אויך טאַנצן אויף בעלער, אויך צוליב דעם.

— דאָס איז אַ „סקלאַוווס סאלטאַנס"*) — האָט אַ זאָג געטון פאָלאַניעצקי — שווירסקי האָט אונדז שוין דערציילט וועגן דעם.

— איך פאַרשטיי, מען האָט ליב אַ ווייב — האָט געענטפערט ביגעל — מען קען זי האַלטן, ווי מען זאָגט: פאַרן אַפּל פון אויג. גוט! אָבער איך, אויף מיין נאמנות, האָב געהערט, אַז ער שרייבט לידער צו זיינער, אַז ער עפנט מיט פאַרמאַכטע אויגן ביכלעך, מאַכט אַ צייכן מיטן פינגער אויף אַ שורה און פרווט פון דעם טרעפן, וואָס ער וועט איבערלייענען, צי זי האָט אים ליב. זויב עס פאַלט אים אויס שלעכט, פאַלט ער אריין אין אַ מרה-שחורה. ער איז פאַרליבט ווי אַ סטודענט. ער ציילט אַלע אירע בליקן, פרווט טרעפן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט געהאַט דאָס אָדער יענץ וואָרט; ער קושט נישט בלויז אירע פיס און הענט, נאָר ווען ער מיינט, אַז קיינער זעט נישט, אויך אירע הענטשקעס... גאָט ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס? און אַזוי שוין לאַנגע יאָרן.

— אָ, וואָס פאַר אַ ליבער! — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ.

— וואָלסט וועלן, כ'זאָל זיין אַזעלכער? — האָט אַ פרעג געטון פאָלאַניעצקי.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געענטפערט.

— ניין, ווייל אין דעם פאַל, וואָלסטו געווען אַן אַנדערער, ווי דו ביסט.

— אָ, דאָס איז אַ מאַקיאַוועלע! — האָט אַ זאָג געטון ביגעל — כ'וואָלט אַזאַ תשובה צו פאַרשרייבן, ווייל דאָס איז גלייכ-

---

*) טאַנצנדיקער קנעכט.

צייטיק אי אַ שבח, אי אַ ביסל אַ קריטיק. אי אַ צייגניש, אַז אַזוי ווי עס איז, איז צום בעסטן, און אַז מען וואָלט געקענט פֿאָדערן נאָך עפּעס בעסערס, נו, גיי גיב זיך דאָ אַן עצה, מענטש אייגער.

— איך נעם עס אָן, ווי אַ שבח — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — הגם איר (דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו דער ביגעלן) וועט אוודאי זאָגן, אַז דאָס איז יאוש.

פרוי ביגעל האָט לאַכנדיק געענטפערט:

— דער איבערשלאַק פון ליבע, דער יאוש קען אַמאָל קומען אַלס אונטערשלאַק, אויב עס הייבט אָן ווערן קאַלט.

זאַווילאָווסקי אָבער האָט מיט בייגיר געקוקט אויף מאַריניאַן. זי אַליין האָט אים אויסגעוויזן אי שיין, אי באַחנט און דער ענטפער אירער איז אים אַריין אין קאָפּ. ער אָבער האָט אַ טראַכט געטון, אַז אַזוי האָט געקענט רעדן אַ פאַרליבטע פרוי בלויז, פאַר וואָס אַלע געפילן זענען נאָך אַלץ ווייניק. און ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף פּאָלאַניעצקין מיט אַ געווויסער קנאה, היות אָבער ער אַליין איז געווען אַ גרויסער איינזאַמער מענטש, זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין דעריבער די ווערטער פון לידל: „דער שכן האָט אַ פרוי אַ ווילע.”

דערווייל, היות ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, אָדער גערעדט בלויז עטלעכע ווערטער, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען דאַרף זיך עפּעס אַריינמישן אינם שמועס, אָבער עס האָט אים אָפּגעהאַלטן זיין אומדרייסטקייט און די דורכלויפנדיקע צוויי־ווייטיק, וואָס האָט נאָך אַ גרעסערן פּאַראָקסיזם, זיך פונדעסטוועגן נאָך שטאַרק אָפּגערופן. דאָס האָט בײַ אים אָפּגענומען די רעשט שטימונג. — ענדלעך אָבער, אָננעמענדיק זיך מיט דרייסקייט, האָט ער אַ פרעג געטון:

— און פרוי אָסנאָווסקאַ.

— און פרוי אָסנאָווסקאַ — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — האָט אַ מאַן, וואָס האָט ליב פאַר צוויי, דאַרף זיך אַלזאָ נישט געבן קיין מי. אַזוי לכל הפחות האַלט שווירסקי. דערביי האָט זי כינעזישע אויגן, הייסט אַנעטאַ, האָט אַ פלאָמבע אויף די אויבערשטע

ציינדלעך, וואָס מען זעט אַרויס, ווען זי לאַכט — שמייכלט זי די בער — און איז בכלל אַ לאַכטויב: דרייט זיך אַרום און שרייט: „צוקער! צוקער!"

— אַ רשעה דאָס איז — האָט אַ זאָג געטון מאַריניאַ — זי איז שיין, לעבעדיק, פלינק — און הער שווירסקי קען נישט וויסן, אויף וויפיל זי האָט ליב דעם מאַן, מחמת ער האָט זיכער מיט איר פון דעם נישט גערעדט. דאָס אַלץ זענען בלויז השערות.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ טראַכט געטון צוויי זאַכן: קודם־כל, אַז דאָס זענען נישט קיין השערות, שנית, אַז ער האָט פּונקט אַ־אַ נאַזוו, ווי ערלעך ווייב.

זאַווילאָווסקי ווידער האָט געזאָגט:

— אינטערעסאַנט, וואָס וואָלט געווען, ווען זי זאָל זיך פּונקט אַזוי ליבן אין אים, ווי ער אין איר?

— דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער צווייפּערזאָניקער עגאָאיזם, זינט די וועלט שטייט — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — זיי וואָלטן געווען אַזוי פאַראינטערעסירט מיט זיך, אַז זיי וואָלטן קיין זאַך אין גאַרנישט אַרום זיך געזען.

זאַווילאָווסקי האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— דאָס ליכט שטערט נישט די וואָרעם, נאָר געבוירט עס.

— אייגנטלעך, איז עס מער אַ פּאָעטישע, ווי אַ פיזישע פאַרגלייכונג — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

ביידע דאַמען איז אָבער געפעלן זאַווילאָווסקיס תשובה, און ביידע האָבן זיי אים הייס אונטערגעשטיצט, און ווען עס האָט זיך נאָך צו זיי פאַרייניקט ביגעל, איז פּאָלאַניעצקי געבליבן דער דורכגעפאַלענער.

נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן מאַשקאָן מיט זיין ווייב. ביגעל האָט דערציילט, אַז מאַשקאָ האָט אין די הענט אַריין באַקומען אַ ריזיקן פּראָצעס וועגן מבטל מאַכן פריילין פּלאַשקאָווסקיס מיליאָניקע צוואה, וואָס עס האָבן פאַרפירט העכער צען גאַנץ ווייטע יורשים. הער פּלאַוויצקי האָט וועגן דעם מודיע געווען מאַריניאַן קיין איטאַליע, זי האָט אָבער געהאַלטן דעם גאַנצן ענין

פאַרן זעלבן חלום, ווי די אַמאָליקע מיליאָנען, וואָס זענען געווען באַגראָבן אויפן מערגל אין קושעמיען, און זי האָט קוים דער־מאָנט וועגן דעם פאַרן מאַן, וואָס האָט תּיכּף אַ מאַך געטאָן אויף אַלץ מיט דער האַנט. איצט אָבער האָט דער פּראָצעס, קוים האָט זיך מאַשקאָ אונטערגענומען אים, פאַרויסגעזען זיך צו זיין ערג־סטער. ביגעל האָט געהאַלטן, אַז מסתמא זענען פאַרהאַן פאָרמע־לע אָפּווייכונגען אין דער צוואה, און האָט געזאָגט, אַז ווען מאַש־קאָ זאָל געווינען, וואָלט ער זיך תּיכּף געקענט שטעלן אויף די פיס, מחמת ער האָט אויסגערעדט אַ ריזיקן האָנאָראַר. פּאָ־לאַניעצקין האָט דער גאַנצער ענין שטאַרק פאַראינטערע־סירט.

— מאַשקאָ האָט פונדעסטוועגן אין זיך פליבקייט פון אַ קאַץ — האָט ער אַ זאָג געטאָן — תּמיד פאַלט ער אויף די פיס.

ביגעל האָט געענטפערט:

— דאָס מאָל דאַרפט איר אויך בעטן גאָט, ער זאָל דעם קרייץ נישט צו ברעכן, ווייל דאָ גייט פאַר אייך און פאַר אייער פאָטער אין גאָרנישט קיין קליינער זאַך. פלאָשאָוו אַליין מיט אַלע פאָלוואַרקן האָט מען אָפּגעשאַצט אויף זיבנמאָל הונדערט־טויזנט רובל. אַ חוץ דעם איז פאַראַן נאָך אַ פעטע מטבע.

— דאָס וואָלט געווען מאָדנע, אַזאַ אומגעריכטער ביסן — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

מאַריניאַן איז אָבער אומאָנגענעם געווען די ידיעה, אַז דער פאָטער איז צוזאַמען מיט אַנדערע יורשים אַרויסגעטרעטן וועגן אָפּוואַרפן די צוואה. איר „סטאַך“ איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, און זי האָט בלינד געגלייבט, אַז עס ווענדט זיך בלויז אין אים צו מאַכן מיליאָנען; דער פאָטער האָט געהאַט אַ רענטע, אַ חוץ דעם האָט זי אים אָפּגעטרעטן איר לעבנס־רענטע, וואָס איז איר געקומען פון מאַגערוווקע, אַלזאָ האָט קיין נויט קיינעם פון זיי נישט געדראָט. עס וואָלט טאַקע ליב געווען פאַר פרוי פּאָ־לאַניעצקין צו קענען אָפּקויפן קושעמיען און אויף זומער אַראָפּ־פירן איר „סטאַכן“, אָבער נישט פאַר אַזאַ געלט.

זי האָט דעריבער אָנגעהויבן רעדן זייער לעבהאַפטיק:

— איך האָב פון דעם בלויז עגמת־נפש, דאָס איז געווען אַזאַ ערלעך פאַרוועבדט געלט! מען טאָר נישט ענדערן דעם ווילן פון פאַרשטאָרבענע, מען טאָר נישט צונעמען קיין געלט בײַ אָרימע לייט, אָדער בײַ שולן, פרײַלין פלאַשקאָווסקאַס ברודערנזון האָט זיך דערשאָסן: אפשר איז איר געגאַנגען אין דעם מציל צו זײַן זײַן נשמה, און אויסצובעטן חסד בײַ גאָט. מען טאָר נישט אַזוי!... מען דאַרף אַנדערש טראַכטן און אַנדערש פילן!...

און זי איז אַ ביסל פאַרפלאַמט געוואָרן, פּאָלאַניעצקי ווידער האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ דרייסטע זי איז!

זי האָט אָבער אַרויסגערוקט אירע אַ ביסל צו ברייטע ליפן מיט אַן אויסדרוק פון אַן אָנגעבלאָזן קינד און אָנגעהויבן חזרן:

— נו, סטאַך, זאָג דו אַליין, אַז איך בין גערעכט, זאָג, אַז איך בין גערעכט!! דו דאַרפסט עס זאָגן!

— אָן שום ספק — האָט ער אַ זאָג געטון — אָבער מאַשקאָ קען דעם פּראָצעס געווינען.

— איך ווינטש אים, ער זאָל פאַרשפילן — האָט זי געענטפערט.

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט געענטפערט

— וואָס פאַר אַ דרייסטע זי איז עס

„און וואָס פאַר אַן ערלעכע, וואָס פאַר אַן איידעלע נאַטור!” — האָט אַ טראַכט געטון זאַווילאָווסקי, באַשאַפנדיק גלײַכצײַטיק אין זײַן פּלאַסטישן מוח פאַר די השגות גוטס און איידלקייט אַן אויסזען פון אַ פרוי מיט טונקעלע האָר, בלויע אויגן, שטאַלטנע פיגור און אַ ביסל אַ צו ברייט מויל.

נאָכמיטאָג זענען ביגעל מיט פּאָלאַניעצקין אַרויס אויף ציגאַרן און שוואַרצע קאַווע אין ביוראָ־צימער, מחמת זיי האָבן באַדאַרפט צעהאַלטן די ערשטע באַראַטונג, אויף וואָס פאַר אַ צוועקן צו פאַרווענדן בוקאַצקיס ירושה. זאַווילאָווסקי, וואָס האָט נישט גערייכערט, איז געבליבן מיט די דאַמען אין זאַל. דאַמאָלס האָט מאַ־

ריניאַ, וועלכע האָט אַלס „באַלעבאָסטע" געהאַלטן פֿאַר איר חוב דרייסט צו מאַכן דעם קומענדיקן באַמטן פֿון „הויז", זיך דערנענטערט צו אים און אַ זאָג געטאָן:

— איך, און פֿרוי ביגעל, וואָלטן זייער וועלן, מיר זאָלן זיך אַלע האַלטן פֿאַר איין גרויסער משפּחה, דעריבער זאָלט איר אויך אונדז פֿאַררעכענען צו אייערע גוטע באַקאַנטע.

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, אויב איר וועט דערלויבן — האָט געענטפֿערט זאַווילאָווסקי, — איך וואָלט אַזוי אויך אָפּגעגעבן כּבֿוד...

— איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַלע הערן פֿון ביוראָ ערשט אויף דער חתונה, נאָכדעם זענען מיר תּיכּף אַוועקגעפֿאָרן. אָבער איצט וועט קומען צו נענטערע באַקאַנטשאַפֿט. מיין מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן מיר זאָלן זיך איינמאָל אין דער וואָך צונויפֿזאַמלען בײַ די ביגעלס, און די צווייטע וואָך בײַ אונדז. דאָס איז זייער אַ גוטע כּוונה, איך מאַך אָבער בײַ דעם אויס באַוואָרעניש.

— דהיינו? — האָט אַ פֿרעג געטאָן די ביגעלן.

— מען זאָל אויף די פֿאַרזאַמלונגען נישט טאָרן רעדן וועגן קיין שום האַנדל־ענינים. זיין וועט אַ ביסל מוזיק, מחמת איך האָף, אַז וועגן דעם וועט אַ טראַכט טו, הער ביגעל — און פֿון צייט צו צייט וועלן מיר אַ לייען פֿון עפּעס אַזוינס, ווי „אויף דער שוועל".

— אַוודאי נישט אין מיין אַנוועזנהייט — האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל זאַווילאָווסקי.

און זי האָט אָנגעהויבן אים קוקן אין די אויגן אַריין מיט איר געוויינטלעכער תּמימות.

— פֿאַרוואָס נישט? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן — פֿאַר אמתדיק פֿריינטלעכע מענטשן? מיר האָבן וועגן אייך נישט איינמאָל גערעדט און געטראַכט, איידער מען האָט זיך נאָך באַקענט, היינט־צו־טאָג וואָס זאָל נאָך זיין איצט.

זאַווילאָווסקי האָט זיך געפֿילט געוואַלטיק אַנטוואָפֿנט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן צווישן אויסשליסלעך ווילע מענטשן, לכל־הפּחות, פֿרוי פּאָלאַניעצקי איז אַן אויסערגע־

ווייבטלעכע פרוי. די מורא, ער זאָל נישט אויסזען קאָמיש צוזאַמען מיט זיין פּאָעזיע, מיט זיין לאַנגן האַלדז און מיט די שפּיציקע עלנבויגנס, וואָס האָט אים געבּרענט ווי אַ פייער, האָט אָנגעהויבן אין אים קלענער ווערן. אים איז בּאַ דעם געווען עפּעס פרייער. ער האָט געפילט, אַז זי רעדט קיינמאָל נישט, אַבּי צו רעדן, לשם געזעלשאַפט, נאָר זאָגט אַרויס גענוי דאָס, וואָס עס שטאַמט פון איר גוטקייט און פילנדיקייט. בּאַ דעם האָט אים אַנטציקט איר געזיכט און די פיגור, פּונקט ווי עס האָט אין וועבעציע אַנטציקט שווירסקין. היות ער איז געוווינט געווען צו זוכן פאַר יעדן איינדרוק אַ דעפיניציע, האָט ער גענומען זוכן אויסדריקן אויף פאַר איר, — און האָט געפילט, אַז זיי זענען מחויב צו זיין נישט בּלויז אויפריכטיק, נאָר אויך עלעגאַנט, בּאַחנט און פּעלדיש, פּונקט ווי איר שיינקייט איז איינצייטיק געווען עלעגאַנט און פּעלדיש. ער האָט אָנערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ טעמע, און דער קינסטלער האָט זיך אין אים דערוועקט.

דערווייל האָט זי אָנגעהויבן אים אויספרעגן זייער לעבּהאַפטיק וועגן די משפּחה־זאַכן, צום גליק אָבּער האָט בּיגעלס און פּאָלאַניעצקיס אַריינקומען אין זאָל אים גאַפרייט פון גענויערע תשובות, וואָס וואָלטן אים בּאַדאַרפט זיין אומאָנגענעם. זיין פּאָטער, און אַמאָל בּאַקאַנטער קאָרטן־שפּילער און לעבּ־יונג, איז עטלעכע יאָר שוין געווען משוגע און זיך געפונען אין אַ משוגעים־הויז.

די מוזיק האָט בּאַדאַרפט איבּעררייסן דעם קיצלדיקן שמועס. פּאָלאַניעצקי האָט געענדיקט מיט בּיגעלן די בּאַראַטונג. יענער אָבּער האָט געזאָגט:

— דאַכט זיך, ס'איז אַן אויסגעצייכנטער פּראָיעקט, מען וועט זיך אָבּער נאָך דאַרפן מיישב זיין.

נאָכדעם, אָנלענענדיק זיך אויף דער וויאָלאָנטשעל, האָט ער בּאמת אָנגעהויבן זיך מיישב זיין און האָט ענדלעך אַ זאָג געטון:

— אַ מאָדנע זאַך! איך, אַז איך שפּיל, דאַכט זיך, כ'האָבּ בּלומרשט גאָרנישט אין זיך, ס'איז אָבּער נישט אמת! עפּעס איין

טייל מוח באַטראַכט דאַמאָלס גאָר אַנדערע ענינים, און דאָס אינ־טערעסאַנטסטע איז, וואָס דאַמאָלס קומען די בעסטע המצאות אין קאָפּ אַריין.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַ נעם געטון די וויאָלענטשעל צווישן די קני, פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן דאָס „פרילינג־ליד".

זאַווילאָווסקי איז דעם טאָג אַוועק אַהיים אַן אַנטציקטער מיט דעם הויז, מיט די מענטשן, מיט זייער פשטות, מיט דעם פרילינג־ליד, און דער עיקר מיט פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

זי ווידער האָט זיך בישט משער געווען, אַז זי קען אַמאָל באַרייכערן די פּאָעזיע מיט אַ „נייעם צאָפּל".

XIX

די מאַשקאָס האָבן באַזוכט די פּאָלאַניעצקיס אין אַ וואָך אַרום נאָך זייער קומען. זי, אָנגעטון אין אַ גרוי קלייד, אַרומגענייט מיט דעמזעלבן קאָליר מאַראַבו, האָט אויסגעזען אַזוי שיין, ווי קיינמאָל נישט. איר אויגנאָנצינדונג, אויף וואָס זי האָט לאַנג געליטן, איז פאַרביי. איר פּנים האָט געהאַט אין זיך די אַמאָליקע גלייכגילטיקע, כמעט שלעפעריקע מילדקייט, אָבער איצט האָט דאָס נאָר אויפגעהויבן איר אַרטיסטישן אויסדרוק. די אַמאָליקע פרייילין קראַסלאָווסקאַ איז געווען בלויז מיט אַ יאָר פינף עלטער פון מאַריניאַן און האָט אַלס מיידל אויסגעזען אַ סך עלטער, איצט אָבער האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי איז יינגער געוואָרן. איר שלאַנקע און באמת זייער שטאַלטנע פיגור האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם געפּאַסטן קלייד, ווי קינדיש. אינטערעסאַנט, וואָס פּאָלאַניעצקי, וועלכער האָט זי נישט ליב געהאַט, האָט אין איר געפונען עפּעס צוציענדיקס, און וויפיל מאָל ער פלעגט זי זען, האָט יעדער אַלץ צו

זיך געזאָגט: „דאָך איז אין איר עפּעס פֿאַרהאַן". אפֿילו איר מאָנאָטאָנע און אַ ביסל קינדישע שטים האָט געהאַט פֿאַר אים עפּעס אַ חן. איצט האָט ער פּשוט געזאָגט צו זיך, אַז זי זעט אויס אויסערגעוויינטלעך באַחנט, און אַז זי האָט זיך מער געביטן אויף בעסער, ווי מאַריניאַ.

מאַשקאַ אַליין האָט אויך אויפֿגעבליט, ווי אַ סלאָנעטשניק. דער אַריסטאָקראַטיזם האָט אַזש געשלאָגן פֿון אים, און בײַ דעם עפּעס מיט אַ זיכערקייט און שטאָלץ, וואָס איז געמילדערט געוואָרן פֿון גנעדיקייט. ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז ער איז אין איין טאָג נישט בכּוח דורכצופֿאָרן זײַנע גיטער. — מיט איין וואָרט, ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל מער ווי אַלע מאָל. ער האָט בלויז נישט געמאַכט דעם אָנשטעל מיט דער ליבע צום ווײַב, מחמת אין יעדן בליק זײַנעם האָט מען געקענט זען, אַז ער האָט זי באמת ליב געקריגן. באמת וואָלט שווער געווען צו געפֿינען אַ פֿרוי, וואָס זאָל אַזוי אַנטשפּרעכן זײַנע השגות וועגן געשמאַק, עלעגאַנץ און גרויס־וועלטישן גלאַנץ. איר גלײַכגילטיקייט, איר עפּעס נעקילט באַגיין זיך מיט מענטשן, האָט ער געהאַלטן פֿאַר עפּעס אומפֿאַרגלײַכלעכס. זי האָט „דעם אַריסטאָקראַטיזם" קיינמאָל נישט פֿאַרלוירן, אפֿילו אויף אַ מינוט, אפֿילו אויג אויף אויג מיט אים. ער ווידער, אַלס אמתער פֿאַרוועניער, וואָס האָט געקריגן אַ פֿירשטין, האָט זי ליב געקריגן דווקא דערפֿאַר, ווײַל זי האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס פֿירשטין און ער האָט זי באַקומען.

מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן זיי אויספֿרעגן, ווו זיי האָבן פֿאַרבראַכט די צײַט נאָך דער חתונה, אויף וואָס מאַשקאַ האָט געענטפֿערט: „אין מאַנס גוט" — מיט אַזאַ טאָנדל, גלײַך ווי „דעם מאַנס גוט" וואָלט געווען זײַנס אַ מאַיאָראַט פֿון צוואַנציק דורות אויס — בײַ דעם האָט זי צוגעגעבן, אַז קיין אויסלאַנד קלויבן זיי זיך ערשט אויף איבער אַ יאָר, ווען דער מאַן וועט פֿאַרענדיקן זײַנע עסקים, דערווײַל וועלן זיי אויף די זומער־חדשים ווידער אַרויספֿאָרן אין „מאַנס גוט" אַרײַן.

— איר האָט ליב דאָרף? — האָט אַ פֿרעג געטאָן מאַריניאַ.

— די מאַמע האָט ליב דאָרף — האָט געענטפערט מאַשקאָ.

— און קזשעמיען איז אייער מאַמען געפעלן?

— יאָ. בלויז די פענסטער אין הויז זענען ווי אין אַן אָראַנזשעריע. אַזוי פיל שויבן!

— דאָס איז אַ ביסל בייטיק — האָט לאַכנדיק געענטפערט פרוי פּאָלאַניעצקי — ווייל, אַז אַזאַ שויב צעהאַקט זיך, קען זי יעדער גלעזער פאַריכטן, און נאָך גרעסערע מוז מען ערשט שיקן קיין וואַרשע.

— מיין מאַן זאָגט, אַז ער וועט אויסבויען אַ ניי הויז.

פרוי פּאָלאַניעצקי האָט שטיל אַ זיפץ געטון און געביטן די טעמע פון שמועס. זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע. אויסגעוויזן האָט זיך, אַז פרוי מאַשקאָ האָט אַ מאָל צוזאַמען מיט „אַנעטקאַ" אָסנאָווסקאַ און איר ייִנגערע קרובה, לינעטאַ קאַסטעלי, זיך געלערנט טאַנצן, אַז זיי קענען זיך אויסגעצייכנט, און אַז לינעטאַ איז נאָך שענער פון אַנעטאַן, אַ חוץ דעם מאָלט זי און האָט אַ גאַנצן אַלבום אייגענע לידער. פרוי מאַשקאָ האָט געהערט, אַז אַנעטקאַ איז שוין צוריקגעקומען. און אַז לינעטאַ וועט וווינען אין דערזעלבער ווילע אַזש ביז יוני, צוזאַמען מיט איר מומען, די פרוי בראָניטש... „און דאָס וועט זיין זייער גוט, ווייל זיי זענען אַזעלכע ליבע!"

פּאָלאַניעצקי מיט מאַשקאָן ווידער זענען אַריבער פאַמעלעך אינם שכנותדיקן צימער אַריין און גערעדט וועגן פריילין בלאַשאַווסקאַס צוואה.

— איך קען דיר זאָגן, אַז איך בין כמעט אַרויסגעשווומען — האָט אַ זאָג געטון מאַשקאָ — כ'בין געוועזן שוין אָט־אָט איבערן אָפּגרונט אָבער דער פּראָצעס האָט מיך געשטעלט אויף די פיס, מיט דעם שוין, וואָס איך האָב אים פאַרפירט. ווייל פון כמה יאָרן איז שוין אַזעלכער נישט געווען. דאָ גייט אין מיליאָנען. פּלאַשקאָווסקי אַליין איז געווען רייכער פון דער מומען — און איידער ער האָט זיך געשאָסן, האָט ער איבערגעלאַזט זיין

פארמעגן פרוי קראמיצקאס מוטער, און בשעת יענע האט עס נישט אנגענומען, איז אלץ אריבער צו דער אלטער פריילין פלאשקאווסקא. פארשטייסט איצט, וויפיל די זקנה האט געמוזט איבערלאזן.

— ביגעל האט דערמאנט עפעס וועגן זיבן מאל הונדערטטויזנט רובל.

— זאג־זשע דיין ביגעלן, אויב ער האט ליב צו חשבונען, אז ס'איז פארהאן העכער צוויי מאל אזוי פיל. נו, כ'מוז אנערקענען, אז איך קען זיך ראטעווען, און ס'איז לייכטער מיך צוווארפן אין וואסער אריין, ווי צו דערטרינקען. דעריבער וועל איך זאגן עפעס אן אינטערעסאנטע זאך: ווייסט וועמען כ'האב עס צו פארדאנקען? — דיין שווער. ער האט מיך אמאל עפעס דערמאנט פון דעם, אבער איך האב בשעת־מעשה א מאך געטון אויף דעם מיט דער האנט. נאכדעם בין איך אריינגעפאלן אין א פארדרייעניש, וועגן וואס איך האב דיר געשריבן. כ'האב געהאט דאס מעסער אויפן האלדז. עפעס מיט א דריי וואכן צוריק טרעף איך צופעליק דיין שווער, וואס הייבט צווישן אנדערן אן מיט מיר רעדן וועגן פריילין פלאשקאווסקא און זידלט זי, אויף וואס די וועלט שטייט. פלוצלינג האב איך זיך א קלאפ געטון אין שטערן. וואס קען איך דא צולייגן? גאר נישט. כ'האב געהייסן דעם רעיענט ווישינסקי זיך ווייזן די צוואה — און איך זע, אז פארמעלע אפוויכונגען זענען פארהאן. קליינע, אבער פארהאן. אין א וואך ארום האב איך שוין געהאט א כוח הרשאה פון די יורשים און האב פארפירט דעם פראצעס. און וואס וועסטו זאגן? בא דער בלויזער ידיעה וועגן דעם האנאראר, וואס איך דארף באקומען, אויב איך וועל געווינען, האבן מענטשן באקומען צוטרוי צו מיר, די בעלי־דברים־געדולד, כ'האב צוריקבאקומען קרעדיט — און ער האלט זיך... געדענקסט? ס'איז געווען א צייט, ווען כ'בין אראפ פון טאן. און אין קאפ האבן זיך מיר געדרייט אידילישע כוונות זיך אויסצוארבעטן, דורך מילבנארבעט, דורכן באגרענעצן זיך אין לעבן. שטותים! דאס איז שווער, מיין ליבער! דו האסט מיר פארגעווארפן, אז איך מאך דעם אנשטעל, אבער בא אונדז מוז מען.

איך מוז היינט מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַ מענטש, וואָס איז הן זיכער מיט זיין פֿאַרמעגן, הן מיט דעם געווונען.

— זאָג מיר אָפֿן, דער פּראָצעס איז אַ גוטער?

— ווי הייסט, צי אַ גוטער!

— פּשוט, צי מען וועט אים נישט דאַרפֿן ציִען באַ די אויערן אומגעריכטערהייט?

— זאָלסט וויסן זיין, אַז אין יעדן פּראָצעס איז פֿאַרהאַן עפּעס צו זאָגן לטובֿת אים און די אַדוואָקאַטישע ערלעכקייט באַשטייט טאַקע אין דעם דאָס צו זאָגן. אייגנטלעך איז דאָ אַ פֿראַגע, ווער עס דאַרף זיין דער יורש, און צי די צוואה איז אַזוי געשריבן, אַז זי זאָל קענען ביישטיין דעם געזעץ — און דאָס געזעץ האָב איך נישט אויסגעטראַכט.

— האָט עס אויסזיכטן צו געווינען?

— ווען עס גייט אין אָפּוואַרפֿן אַ צוואה, האָט מען זיי כמעט אַלעמאָל, מחמת דער אָנגריף ווערט תמיד הונדערט מאָל ענערגישער געפֿירט, ווי די פֿאַרטיידיקונג. ווער וועט זיך קענען פֿאַר מיר פֿאַרטיידיקן? די אַנשטאַלטן, קערפּערשאַפֿטן, וועלכע זענען פֿאַר זיך גופֿא שווערלעכע, ווייניק פֿלינקע, וואָס זייערע פֿאַרשטייער האָבן אין דער פֿאַרטיידיקונג קיין פּערזענלעכן אינטערעס נישט. זיי וועלן נעמען אַן אַדוואָקאַט, גוט! אָבער וואָס וועלן זיי אים געבן? וואָס קענען זיי געבן? אַזוי פֿיל, וויפֿל עס קומט לויטן געזעץ. דער אַדוואָקאַט וועט אָבער האָבן גרעסערע אויסזיכטן, אויב איך וועל געווינען, — מחמת דאָס קען זיין אָפּהענגיק פֿון אונדזער פּערזענלעכן אָפּמאַך. בכלל וועל איך דיר זאָגן, אַז אין געריכט־פּראָצעסן, פּונקט ווי אין לעבן, געווינט די זייט, וואָס וויל צומיינסט געווינען.

— די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג וועט דיך אָבער צערייבן אויף קלייען, אויב דו וואַרפֿסט אָפּ אַזעלכע צוואות. זעסטו! מיין ווייב איז אַ ביסל פֿאַראינטערעסירט...

— ווי הייסט, אַ ביסל? — האָט איבערגעריסן מאַשקאַ — כ'וועל דאָך זיין אייערס אַן אמתער בעל־טובֿה.

— אַלזאָ גוט! מיין ווייב איז געווען אין כּעס און איז אין כּעס אויפן גאַנצן ענין.

— דיין ווייב איז אַן אויסנאַם.

— נישט אינגאַנצן. ווייל מיר אַליין באַקומט עס אויך נישט.

— וואָס איז דאָס? מען האָט דיך אויך שוין איבערגעמאַכט אויף אַ ראָמאַנטיקער?

— מיין טייערער! מיר קענען זיך דאָך פון לאַנג. רעד מיט דעם לשון מיט עמעצן אַנדערש.

— גוט. וועל איך אַלזאָ רעדן בלויז וועגן דער מיינונג. קודם-כּל, וועל איך דיר זאָגן, אַז אַ געוויסע אומפּאָפּולאַריטעט העלפט גיכער, איידער שטערט אַ מעטש, ווי עס געהער צו זיין. שנית, דאַרף מען די זאַכן צו פאַרשטיין. מען וואָלט מיך צעריבן, ווי דו האָסט זיך אויסגעדריקט, אויף קלייע, ווען כ'זאָל דעם פּראָצעס פאַרלירן, אָבער אויב איך וועל אים געווינען, וועט מען מיך בלויז האַלטן פאַר אַ קאָפּמענטש — און געווינען וועל איך אים!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווייטער גערעדט:

— פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט ווידער, אין וואָס גייט דאָ? דאָס געלט וועט בלייבן אין לאַנד, און אויף מיין וואָרט, כ'ווייס נישט, צי עס וועט ווערן ערגער פאַרווענדט. ווייל פון דעם, וואָס עס האָט געקענט אויפגעצוינן ווערן העכער אַ צענדליק פאַרקרענקטע קינדער, וואָס וועלן אויסוואַקסן שלימזלען און וועלן מיטווירקן צו דער דעגענערירונג פון דער ראַסע. אָדער העכער אַ צענדליק בייטאָריגס וועט קענען באַקומען ביי-מאַשינען, אָדער עטלעכע צענדליק זקנים און זקנות וועלן קענען לעבן מיט עטלעכע יאָר לענגער, וועט דעם לאַנד קיין סך נישט אַרויסקומען. דאָס זענען אומפּראָדוקטיווע צוועקן. מען דאַרף, מיר זאָלן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסלערנען עקאָנאָמיע... ענדלעך, וועל איך דיר זאָגן בקיצור: כ'האָב געהאַט דאָס מעסער אויפן האַלדז. מיין ערשטער חוב איז צו פאַרזיכערן זיך די עקסזיסטענץ, מיין ווייב און מיין קומענדיקע משפּחה. אויב דו וועסט זיין אַמאָל אין אַזאַ לאַגע ווי איך בין געווען, — וועסטו מיך פאַרשטיין. כ'האָב בעסער

געוואָלט אַרויסשווימען, איידער דערטרינקען ווערן — און אויף דעם האָט יעדער איינער רעכט. מיין ווייב, ווי כ'האָב דיר געשריבן, האָט אַ באַדייטנדיקע רענטע, אָבער קיין פאַרמעגן כמעט נישט, אַלנפאַלס ווייניק. צו דעם צאָלט זי נאָך פון דער רענטע עפּעס דעם פאָטער. דאָס געהאַלט זיינס האָב איך פאַרגרעסערט, ווייל ער האָט מיר געדראָט, אַז ער וועט אַהער אַראָפּפאָרן, און דאָס האָב איך נישט געוואָלט.

— ווייסטו, הייסט עס, איצט שוין אויף זיכער, אַז הער קראַסלאָווסקי עקזיסטירט? איך געדענק, האָסט מיר אַמאָל פון דעם דערציילט.

— טאַקע דערפאַר, ווייל כ'האָב דיר אַמאָל דערמאַנט, מאַך איך היינט אויך קיין סוד נישט פון דעם. אגב ווייס איך, אַז מענטשן רעדן פון דעם מיין שוויגער און ווייב לרעה, אַז מען דערציילט, גאָט ווייסט וואָס, ווייל איך דיר, אַלס אַ פריינט, זאָגן בעסער, ווי די מעשה איז. הער קראַסלאָווסקי געפינט זיך אין באָרדאָ; ער איז געווען אַ מעקלער בא סאַרדין און האָט גוט פאַרדינט, ער האָט אָבער פאַרלוירן די שטעל, ווייל ער פלעגט שיכורן און שיכורט כסדר נאָך, אַ חוץ דעם האָט ער זיך געשאַפט אַן אומלעגאַל משפּחהלע. די דאַמען שיקן אים דריי טויזנט פראַנק אַ יאָר, אָבער דאָס קלעקט אים נישט, און פון איין ראַטע צו דער צווייטער ליידט ער נויט, צוליב דעם טרינקט ער וואָס אַמאָל מער און פייניקט די אָרימע פרויען מיט בריוו, אין וועלכע ער דראָט, אַז ער וועט פאַרעפנטלעכן אין די צייטונגען, ווי מען באַגייט זיך מיט אים... זיי ווידער באַגייען זיך מיט אים בעסער, ווי ער איז ווערט. ער האָט צו מיר אויך געשריבן תיכף נאָך דער חתונה, און געבעטן אים צו הע‌כערן דאָס געהאַלט אויף טויזנט פראַנק. פאַרשטייט זיך, ער דערוווייזט מיר, אַז די פרויען האָבן אים „אויפגעגעסן", אַז ער האָט אויף קיין גראָשן גליק נישט געהאַט אין לעבן, אַז זייער עגאָיזם האָט אים אַראָפּגעשליידערט — און וואָרנט מיך קעגן זיי...

דאָ האָט מאשקאָ אָנגעהויבן לאַכן:

— און ער, דער אויסוווּרף האָט גאווה פון אַן איידלמאַן. איינמאָל האָט ער אויס בויט געוואָלט זיך נעמען פאַרקויפן אַפּישן אין טעאַטערוקאָרידאָר — מען האָט אים אָבער געהייסן אָנטון עפּעס אַ היטל, און דאָס האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן. ער שרייבט צו מיר אַזוי „אַלץ, מיין הער, וואָלט געגאַנגען כשורה, נאָר דאָס היטל! ! אַז מען האָט מיר געגעבן דאָס היטל — האָב איך נישט געקענט!...” און אים איז ליבער געווען צו שטאַרבן פאַר הונגער, איידער אָנצוטון דאָס היטל! מיין שווער געפעלט מיר! כ'בין אַמאָל געווען אין באָרדאָ, אָבער אויף מיין וואָרט, כ'האָב פאַרגעסן וואָס פאַר אַ היטלען זיי טראָגן דאָרט די אַפּיש,־פאַרקויפער, און וואָלט אַזאַ היטל חשק געהאַט צו זען... פאַרשטייסט דאָך, אַז מיר איז ליבער געווען אים צו דערלייגן נאָך טויזנט פראַנק, אַבי אים צוהאַלטן פונדערווייטנס, צוזאַמען מיט זיין בראָנפן און היטל... ווי טוט מיר בלויז, וואָס מענטשן רעדן, אַז הי איז ער אויך געווען עפּעס אַ קוריער, צי אַ שרייבער, דאָס איז אָבער אַ געמיינע לשון־הרע, מחמת גענוג איז צו עפענען אַ אַ ליאַדע הערבן־בוך, כדי צו וויסן, ווער עס זענען געווען די קראַסלאָווסקיס, דאָס איז די קרובהשאַפט, און די קראַסלאָווסקעס פעלן נישט. דער מענטש איז געפאַלן — אָבער די משפחה איז געווען און איז אַ באַרימטע. די דאַמען האָבן דאָ טיצן גאַרנישט קיין פשוטע קרובים — און אויב איך דערצייל דיר די גאַנצע מעשה, איז עס בלויז דערפ_ר, ווייל איך וויל, דו זאָלסט וויסן דעם אמת.

דער אמת אָבער, וואָס איז נוגע דער משפחה קראַסלאָווסקי, איז פאָלאַניעצקין זייער קנאה אָנגעגאַנגען, האָבן זיי זיך דעריבער אומג:קערט צו די דאַמען, בפרט נאָך, אַז דערווייל איז אָנגעקומען זאַווילאָווסקי, וועלכן פאָלאַניעצקי האָט פאַרבעטן צו טיי אויף נאָכן עסן, כדי אים צו ווייזן די פאָטאָגראַפיעס, וואָס ער האָט געבראַכט פון איטאַליע. גאַנצע בינטלעך זייערע זענען שוין געלעגן אָנגעגרייט אויפן טיש, זאַווילאָווסקי אָבער האָט געהאַלטן אין האַנט דאָס רעמל מיט ליטקאַס קעפל און זיך אַזוי אַנטציקט מיט דעם, אַז תיכף נאָכן באַקענען זיך מיט מאַשקאָן, האָט ער ווידער אָנ־

געהויבן קוקן אויפן פּאָרטרעטל און ווייטער אָנגעהויבן פֿון דעם רעדן.

— כ'האָב גיכער געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ קינסטלע־רישע זאַך — האָט ער אַ זאָג געטאָן — איידער אַ פּאָרטרעט פֿון אַ לעבעדיק קינד. וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעך קעפּל און וואָס פֿאַר אַן אויסדרוק! דאָס איז אייערס אַ שוועסטערל?

— ניין — האָט געענטפֿערט די פּאָלאַניעצקאַ — דאָס איז אַ קינד, וואָס לעבט שוין נישט!

אין זאַווילאָווסקיס אויגן, האָט דער טראַגישער שאָטן נאָך פֿאַרגרעסערט דאָס מיטגעפֿיל און די באַווונדערונג פֿאַר דעם אמת־מלאכישן פּנים. ער האָט אַ צייט שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו דעם, אָפּרוקנדיק, און דערנענטערדיק צו די אויגן דאָס בילד, נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב זיך דעריבער געפֿרעגט, צי דאָס איז נישט קיין שוועסטער. ווייל ס'איז דאָך עפּעס... אין די שטריכן, ריכטי־קער אין די אויגן... עפּעס באמת פֿאַרהאַן!

זאַווילאָווסקי האָט אייגנטלעך גערעדט אויפֿריכטיק, פּאָלאַ־ניעצקי האָט אָבער געהאַט אַזאַ מין, כמעט רעליגיעזן יראת־הכבוד פֿאַר דער פֿאַרשטאָרבענער, אַז נישט קוקנדיק אויפֿן גאַנצן אָנער־קענען מאַריניאַס שיינקייט, האָט זיך אים דאָס פֿאַרגלייכן אויסגע־וויזן פֿאַר עפּעס אַ מין פּראָפֿאַנירונג, און אַרויסנעמענדיק דאָס בילד פֿון זאַווילאָווסקיס האַנט, האָט ער עס צוריק אָוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן מיט אַ געוויסער שאַרפֿער לעבהאַפֿטיקייט צו רעדן:

— חלילה! חלילה! אפֿילו קיין איין געמיינזאַמען שטריך נישט; ווו קען מען פֿאַרגלייכן! קיין איין געמיינזאַמען שטריך נישט.

מאַריניאַן האָט די לעבהאַפֿטיקייט אַ ביסל אָנגע־רירט.

— איך האַלט אויך אַזוי — האָט זי זיך אָפּגערופֿן.

— פֿאַר אים איז אָבער איר מיינונג ווייניקער גע־ווען.

— איר האָט געקענט ליטקאַן? — האָט ער אַ פרעג געטון, ווענדנדיק זיך צו פרוי מאַשקאַן.

— יאָ!

— אמת! איר האָט זי געזען בײַ די ביגעלס.

— יאָ.

— נו, נישטאָ דאָך אויף קיין איין האָר נישט קיין ענלעכקייט?

— ניין.

זאַווילאָווסקי, וואָס האָט אמתדיק געערט די פרוי פּאָלאַניעצקאַ, האָט אָנגעהויבן קוקן מיט אַ געוויסן חידוש אויף פּאָלאַניעצקין — יענער אָבער האָט געקוקט אויף פרוי מאַשקאָס לענגלעכער פיגור, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דורך דעם אַש־קאָליר קלייד און געטראַכט:

— וואָס פאַר אַ שטאַלטנע זי איז עס!

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך די מאַשקאָס אָנגעהויבן צו געזעגנען. קושנדיק בײַם אַוועקגיין בײַ פרוי פּאָלאַניעצקין די האַנט, האָט מאַשקאָ געזאָגט:

— ס'קען זײַן, ס'זאָל מיר אויסקומען אײַנגיכן צו פאָרן קיין פּעטערבורג; געדענקט אַ ביסל דורך דער צײַט אין מײַן ווײַב.

בשעת דער טיי, האָט מאַריניאַ דערמאָנט זאַווילאָווסקין זײַן צוזאָג פון זײַן ערשט מאָל זײַן, אַז ער וועט ברענגען און דורכלייענען דעם וואַריאַנט פונם ליד „אויף דער שוועל״ — ער ווידער איז אַזוי מיטאַמאָל צוגעקלעבט געוואָרן צו די פּאָלאַניעצקיס, אַז ער האָט נישט בלויז געבראַכט דעם וואַריאַנט און איבערגעלייענט, נאָר אויך אַ צווייט ליד, וואָס ער האָט פריִער געהאַט אָנגעשריבן, מען האָט דערקענט אין אים, אַז ער חידושט זיך אַליין אויף זײַן אייגענער דרייסטקייט און חשק — דעריבער האָט ער נאָכן איבערלייענען און אויסהערן די שבחים, וואָס זענען באמת געווען אויפריכטיקע, אַ זאָג געטון:

— איך זאָג אײַך אויפריכטיק. אַז מיט אײַך, נאָכן דריטן מאָל זיך זען, — פילט מען זיך אַזוי, ווי מען וואָלט זיך שוין געקענט פון לאַנג, און עס קומט מיר אויס מאָדנע.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געזאָגט אַמאָל מאַריניאַן אין קושעמיען עפּעס ענלעכס — ער האָט עס איצט אָבער צוגענומען, ווי עס וואָלט זיך אָנגעקערט אויך צו אים.

זאַווילאָווסקי אָבער האָט בלויז זי געמיינט: זי האָט אים פּשוט אַנטציקט מיט איר פּשוטער גוטקייט און מיט איר געזיכט.

ווען ער איז אַוועק, האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטון:

— דער ייִנג איז באמת אַ פּנ״קער. האָסט באַמערקט ווי ער האָט זיך עפּעס אַביסל געענדערט אויפן געזיכט?

— ער האָט צוגעשערן די האָר — האָט מאַריניאַ באַמערקט.

— אָהאָ! און די גאָמבע שטאַרצט אים נאָכמער אַרויס.

זאָגנדיק דאָס, האָט זיך פּאָלאַניעצקי אויפגעהויבן, גענומען צונויפלייגן די בינטלעך פּאָטאָגראַפיעס אויף דער פּאָליצקע אי־בערן טיש, ענדלעך האָט ער אויך צוגענומען ליטקאָס בילד און אַ זאָג געטון:

— איך טראָג עס איבער אין מיין קאַבינעט אַריין.

— האָסט דאָך דאָרטן דאָס מיט די בעריאָזקעלעך, די קאַ־לירטע.

— יאָ, אָבער כ׳וויל נישט, אַז דאָס זאָל אויך שטיין דאָ, אַזוי פּאַר אַלעמען, יעדער מאַכט באַמערקונגען, און דאָס פּאַר־דריסט מיך צייטנווייז. ווערסט דערלויבן?

— גוט, מיין סטאַך — האָט געענטפערט מאַריניאַ.

XX

ביגעל האָט פּאָלאַניעצקין צוגערעדט שטאַרק, ער זאָל נישט ליקווידירן דאָס הויז און זיך נישט וואַרפן צו שנעל אויף אַן אַנדער מין אונטערנעמונג. „מיר האָבן געשאַפן אַן אָנשטענדיק האַנדלס-הויז — האָט ער אַ זאָג געטון — וואָס אַזעלכע זענען באַ אונדז פאַראַן זייער ווייניק, און דעריבער זענען מיר נוצלעך". ער האָט געהאַלטן, אַז שוין אויס דאַנקבאַרקייט בלויז דאַרף מען ווייטער פירן דאָס געשעפט, דורך וועלכן זיי האָבן כמעט פאַרטאָפּלט זייער פאַרמעגן, באַ דעם האָט ער אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז עס וועט זיין אַן אמתער שכל, דווקא איצט צו פירן די זאַך פאָרזיכטיק, גרינגלעך, און די ערשטע דרייסטע שפּעקולאַציע, הגם אַ גליקלעכע, זאָל זיי נישט בלויז נישט געבן חשק צו אַנדערע, נאָר להיפוך זיין פאַר זיי די לעצטע. פּאָלאַניעצקי האָט מסכים געווען, אַז דווקא אין דערפאָלג דאַרף מען אַרויסווייזן מעסיקייט, ער האָט אָבער זיך באַקלאָגט, אַז אין הויז קען ער זיך נישט אַריינפּאַסן און ער וואָלט וועלן עפּעס פּראָדוצירן. ער האָט געהאַט אַזוי פיל פּראַקטישן חוש, אַז וועגן אַ פאַבריק אויף אייגענעם

חשבון האָט ער נאָך נישט געטראַכט: „קיין קליינע וויל איך נישט פירן — האָט ער געזאָגט — ווייל די גרויסע, וואָס פּראָדוצירן אַנגראָ וועלן מיך פאַרשלינגען, און אין גרויסן שניט פירן קען איך נאָך נישט, און מיט אַן אַקציע-פאַבריק ווידער וואָלט איך געאַרבעט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע". ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אַקציאָנערן קריגן פון אָרטיקע עלעמענטן איז נישט לייכט, קיין פרעמדע ווידער האָט ער נישט געוואָלט, וויסנדיק באַ דעם, אַז ער וועט נישט מסוגל זיין אַרויסצורופן באַ זיי צוטרוי, און אַז זיין משפחה-נאָמען בלויז וועט שוין זיין אַ מניעה. ביגעל, וואָס איז געגאַנגען אין „הויז" איז געווען אמתדיק צופרידן פון דעם ניכטערנעם קוק.

אין פּאָלאַניעצקין האָט זיך אָבער נאָך אויפגעוועקט זין אַנדערער חשק, דער אייביקער, אַלטער ווי די מענטשהייט, חשק צום באַזיץ. נאָך דער גליקלעכער שפּעקולאַציע און בוקאַצקיס צוואה, איז ער געוואָרן גאָר אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אָבער באַ זיין גאַנצער ניכטערקייט, האָט ער געהאַט עפּעס אַ מאָדנע געפיל, אַז די פאַרמעגלעכקייט, וואָס באַשטייט אפילו פון די זיכערסטע, פאַרמאַכטע אין אייזערנע קאַסעס, מיט פּאַפּירן, איז נישט מער ווי אַ פּאַפּירענע און וועט בלייבן אַזעלכע, כל-זמן ער וועט נישט פאַרמאָגן עפּעס רעאַלס, וועגן וואָס ער וואָלט געקענט זאָגן: „דאָס איז מיינס!" די מאָדנע תאווה האָט אים וואָס אַמאָל מער אַרומגעכאַפּט. אים איז נישט געגאַנגען אין קיין שום גרויסע זאַכן, נאָר אין עפּעס אַ ווינקל, ווו ער וואָלט זיך געפילט באַ זיך. ער האָט פון דעם געפּרוּווט פילאָזאָפירן און האָט געגעבן צו פאַרשטיין ביגעלן, אַז דערדאָזיקער חשק צו באַזיץ מוז זיין עפּעס אַן איינגעבוירענע ליידנשאַפט, וואָס מען קען שטיקן אין זיך, אָבער באַם רייפן עלטער רופט זי זיך אָפּ מיט אַ נייער קראַפט. ביגעל האָט אָנערקענט, אַז עס קען גרייליך זיין אַזוי, און האָט אים געזאָגט:

— דאָס איז ריכטיק. ביסט אַ באַווייבטער, ווילסטו האָבן אַן אייגענע און נישט קיין געדונגענע היים, היות דו האָסט אויף דעם אַלע מיטלען, שאַף-זשע דיר אַזאַ היים.

פּאָלאַניעצקי האָט אַ לאַנגע צייט געטראַכט וועגן זיך אויסבויען אַ גרויס הויז אין שטאָט, וואָס זאָל באַפרידיקן דעם חשק ויינעם צום באַזיץ און גלייכצייטיק איינברענגען הכנסה. ער האָט אָבער איינמאָל באַמערקט, אַז די פּראַקטישע כּוונה האָט איין חסרון — דהיינו, וואָס זי האָט נישט קיין שום רייץ אין זיך. עפּעס וועגן וואָס מען זאָגט: „דאָס איז מיינס" — דאַרף מען ליב האָבן, און ווי אַזוי קען מען ליב האָבן אַ מויער, אין וועלכער עס וווינט יעדער איינער, וואָס דינגט דאָרטן אַ דירה? תּחילת האָט ער זיך געשעמט מיט דעם געדאַנק, מחמת ער האָט זיך אים אויסגעדאַכט פאַר ראָמאַנטיש, שפּעטער אָבער האָט ער אַ זאָג געטון צו זיך: „ניין! קוים האָב איך מיטלען, איז דאָס באַנוצן זיי אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן, נישט בלויז נישט קיין ראָמאַנטיזם, נאָר אַ סימן פון שכל". אים האָט מער אָנגעהויבן צו ציען דער געדאַנק וועגן עפּעס אַ קלענער הויז אין שטאָט, אָדער הינטער דער שטאָט, וועגן אַ גאַס אין וועלכער ער וואָלט געקענט וווינען בלויז מיט זיין ווייב. אים האָט זיך אָבער געוואָלט כאָטש אויף אַ שטיקל ערד, אויף וועלכער עס זאָל עפּעס וואַקסן. ער האָט געפילט, אַז די ביימער, למשל, וואָס וואָלטן וואַקסן פאַר זיין הויז, אויף זיין ערד, וואָלט אים פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן. ער האָט זיך אַליין געחידושט, וואָס עס איז אַזוי, אָבער אַזוי איז עס געווען. ענדלעך איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז צום בעסטן וואָלט געווען צו האָבן עפּעס אַ קאָלאָניעלע תּיכף הינטער דער שטאָט, עפּעס אַ מין זומער־הויז, ווי עס האָט געהאַט ביגעל, אָבער מיט אַ שטיקל ערד, אַ שטיקל וואַלד, אַן ערך עטלעכע מאָרג גרינצייג־גאָרטן, ענדלעך אַ סאַד מיט אַ בוישל־געסט ערגעץ אויף אַן לטער ליפּע.

— קוים האָב איך אויף דעם, וויל איך בעסער, עס זאָל זיין אַזוינס, נישט קיין אַנדערס, דאָס איז שיין, נישט מיאוס — האָט ער געזאָגט צו זיך.

און ער האָט אָנגעהויבן די זאַך באַטראַכטן פון אַלע זייטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען עס גייט וועגן אַ נעסט, אין וועלכער מען דאַרף וווינען די רעשט לעבן, מוז מען אויסקלויבן געזעצט,

דעריבער האָט ער זיך נישט געאײַלט. דערווייל האָט דאָס טראַכטן פֿון דעם צוגענומען בײַ אים אַלע פֿרייע שעהן פֿון דער ביוראָ־אַרבעט און פֿאַרשאַפֿט אים אַן אמתע הנאה. און יענע האָבן זיך אײַנגיכן דערוווּסט, אַז פּאָלאַניעצקי זוכט עפּעס פֿאַר אַ מזומנעם גראָשן, דעריבער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פֿאַרשידענע פֿאָרשלאָגן, אָפּטמאָל משונהדיקע, אָבער טײלמאָל גאַנץ לאָקנדיקע. מען האָט באַדאַרפֿט צײַטנווײַז פֿאָרן צו באַקוקן ווילִיעס, וואָס האָבן זיך געפֿינען אין שטאָט אָדער הינטער דער שטאָט. אָפּטמאָל, נאָכן מיטאָג, האָט פּאָלאַניעצקי זיך געפּלעגט פֿאַרשליסן מיט בריוו, פּלענער און זיך באַווײַזן ערשט אין אָוונט. מאַריניאַ פֿלעגט דאַמאָלס האָבן אַ סך פֿרייע צײַט, זי האָט ענדלעך באַמערקט, אַז עפּעס אינטערעסירט אים אומגעווייִנטלעך, און זי האָט אים געפּרוּווט אויספֿרעגן, ער האָט אָבער געענטפֿערט:

— מײַן קינד, אַז עס וועט זײַן עפּעס אַ רעזולטאַט, וועל איך דיר זאָגן, דערווײַל אָבער כּל־זמן איך ווייס אַליין גאָרנישט, איז שווער וועגן גאָרנישט צו רעדן. אַזוינס איז קעגן מײַן טבע.

ענדלעך האָט זי זיך דערוווּסט וועגן וואָס עס גייט פֿון פּרוּי ביגעל, זי ווידער פֿונם מאַן, וואָס קעגן זײַן טבע איז עס געווען אײַנצוטעהנען מיטן ווײַב וועגן כּלערליי אונטערנעמונגען און כּוונות אויף להבא. פּרוּי פּאָלאַניעצקאַ וואָלט אויך געהאַט גרויס הנאה צו־רעדן מיטן מאַן וועגן אַלץ, בפֿרט נאָך וועגן אויסקלײַבן אַ נעסט. אירע אויגן האָבן שוין געלאַכט פֿון בלויזן געדאַנק, קוים אָבער איז „סטאַכס טבע“ געווען אַ מניעה צו דעם, האָט זי אויס איידל־קייט זיך ליבערשט נישט אויסגעפֿרעגט.

ער ווידער האָט קיין בייזע כּוונות נישט געהאַט, נאָר אים איז פּשוט נישט געקומען אין קאָפּ אַרײַן צו דערציילן איר וועגן עניינים עפּעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט געלט. אפֿשר וואָלט עס געווען אַנדערש, ווען זי זאָל אים געווען אַרײַנברענגען אַ גרע־סערן נדן, און ווען ער זאָל געווען דאַרפֿן אַ דעה זאָגן אויף אי־בער איר פֿאַרמעגן: ער איז אין אַזעלכע פֿאַלן געווען זייער אַ גרויסער מקפּיד. היות אָבער ער האָט בלויז פֿאַרוואַלטעט איבער

זײַנס, האָט ער נישט געפֿילט, פּונקט װי בחורװײַז, קײן שום באַדערפֿעניש זיך מתוודה צו זײַן פֿאַר איר בפּרטיות. כּל־זמן קײן זאַך איז נאָך נישט באַשלאָסן געװאָרן. מיט אײן ביגעלן האָט ער גערעדט דערפֿאַר, װײַל ער איז געװוינט געװען צו רעדן מיט אים װעגן געשעפֿט.

מיטן װײַב פֿלעגט ער רעדן בלויז װעגן דעם, װאָס נאָך זײַן מײַנונג נאָך עס האָט „געקערט צו איר" — אַלזאָ צװישן אַנדערן װעגן דעם קרײַז באַקאַנטע, װאָס מען האָט זיך באַדאַרפֿט שאַפֿן. סוף בחורשאַפֿט פֿלעגט פּאָלאַניעצקי כּמעט אין ערגעץ נישט זײַן — ער האָט אָבער געפֿילט, אַז איצט קען עס אַזױ נישט זײַן. זײ האָבן דעריבער אָפּגעגעבן די ביגעלס אַ װיזיט און אײן אָװנט האָבן זײ אָנגעהויבן באַטראַכטן צי זײ דאַרפֿן זײַן באַ די אָסנאָװסקיס, װאָס זענען גראָד צו דער צײַט געקומען פֿון אויסלאַנד און געזאָלט בלײַבן ביז האַלב יוני אין װאַרשע. מאַריניאַ האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף, מחמת זײ װעלן זיך טרעפֿן באַ פּרוי מאַשקאָ און האָט צו דעם געהאַט חשק, װײַל זי האָט ליב געהאַט הער אָסנאָװסקין, װאָס האָט זי גערירט. פּאָלאַניעצקי האָט אַרויסגעװיזן װײניקער חשק אין תּחילת און באַ דעם איז עס געבליבן, אין עטלעכע טעג אַרום אָבער האָבן די אָסנאָװסקיס געטראָפֿן מאַריניאַן און זי באַגריסט אַזױ האַרציק, פּרוי אָסנאָװסקאַ האָט אַזױ אָפֿט געחזרט; „מיר רוימערינס", זײ האָבן בײדע אַזױ אונטערגעשטראָכן זײער האָפֿנונג זיך צו זען און צו טרעפֿן — אַז ס'איז ממש געװען אוממעגלעך נישט אָפּצושטאַטן באַ זײ אַ װיזיט.

דאָך, װען די פּאָלאַניעצקיס זענען געקומען מיטן באַזוך, האָט מען קודם־כּל אַרויסגעװיזן די גאַנצע ליבנסװירדיקײט צו מאַריניאַן. דער מאַן האָט זיך אין דעם פּרט געיאָגט מיטן װײַב. בנוגע צו פּאָלאַניעצקין זענען זײ געװען, װי גוט־דערצויגענע מענטשן, אָן פֿאָרװורף העפֿלעכע, אָבער קאַלטע. ער האָט פֿאַרשטאַנען, מאַריניאַ שפּילט די ערשטע, ער ערשט די צװײטע ראָל, און דאָס האָט אים געערגערט אַ ביסל. הער אָסנאָװסקי האָט אגב נישט באַדאַרפֿט זיך אָנטון אַ כּוח צו זײַן ליבנסװירדיק צו פּרוי פּאָלאַניעצקאַ, מחמת פֿילנדיק, אַז ער האָט באַ איר באמת נושאַ־

חן געווען, האָט ער איר אָפּגעצאָלט מיט אַן עודף, מחמת דאָס האָט אים בכלל אויסגעפּעלט.

מאַריניאַן האָט ער זיך אויסגעוויזן נאָכמער פאַרליבט אין ווייב, ווי אַמאָל. מען האָט פּשוט געזען, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים שנעלער, ווען ער קוקט אויף איר. רעדנדיק צו איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער רוקט אונטער ווערטער, ווי ער וואָלט מורא האָבן, ער זאָל זי נישט מיט עפּעס אָפּשרעקן. פּאָלאַניעצקי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ געוויסן רחמנות, דאָס איז אָבער אגב געווען רירנדיק. אינם קאַמף מיט דער דיקקייט האָט אָסנאָווסקי אָפּגעהאַלטן אַזא גרויסן נצחון, אַז זיין אָנצוג האָט זיך אויסגעוויזן אויף אים צו ברייט, דער רויטער אויסשלאָק, וואָס האָט באַדעקט זיין פּנים פון אַ בלאָנדן, זענען פאַרשוווּנדן און ער איז בכלל שענער געווען, ווי פריער.

און די דאַמע האָט אַלץ געהאַט איר׳ע אומפאַרגלייכלעכע קרומע פייגלכן-קאָלירטע אויגן און געדאַנקען, וואָס האָבן, ווי גן-עדן-פייגל, כסדר געשוועבט אין דער לופטן.

די פּאָלאַניעצקיס אָבער האָבן בײַ די אָסנאָווסקיס געשלאָסן נייע באַקאַנטשאַפט, וואָרים זיי האָבן זיך באַקאַנט מיט פרוי בראַניטש און מיט איר שוועסטערן-טאָכטער, פריילין קאַסטעלי, וואָס זענען געקומען אויף „זימער-קאַרנאַוואַל” קיין וואַרשע און האָבן זיך באַזעצט אין דערזעלבער ווילע, וואָס דער פאַרשטאָרבענער בראַניטש האָט פאַרקויפט די אָסנאָווסקיס, אויסרעדנדיק איין פאַ ווילאָן פאַרן ווייבס וועגן. פרוי בראַניטש איז געווען אַן אלמנה נאָכן הער בראַניטש, וועגן וועלכן זי האָט געפלעגט דערמאַנען, אַלס דעם לעצטן קרוב פון די פירשטן אָסטראָגסקיס, ובכן דעם לעצטן פון די רוריקאָוויטשס. אין שטאָט האָט מען זי אויך געקענט אונטערן נאָמען „די פאַרזיסערין”; דעם צונאָמען האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס רעדנדיק פון מענטשן, האָט זי זיי געפלעגט פאַרפוצן אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט דורך אַ שטיקל צוקער אין מויל. מען פלעגט דערציילן חידושים וועגן אירע ליגנס. פריילין קאַסטעלי איז געווען איר שוועסטערן-טאָכטער, וואָס האָט בשעתה צום גרויסן צער פון דער משפחה

און פֿון דער גרויס װעלט, חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענער, אַ לערער פֿון מוזיק און איז געשטאָרבן בײַ דער שװאַכקייט, איבער־לאָזנדיק אַ טאָכטער. װען אין אַ יאָר אַרום האָט הער קאַסטעלי זיך אויך דערטרינקען בײַ לידאַ, האָט פֿרוי בראַניטש גענומען צו זיך די שװעסטערנטאָכטער און זי אויפֿגעצויגן.

פֿרײלין לינעטאַ איז געװען כמעט אַן אמתע שיינקייט, מיט איר רעגולערע שטריכן, שװאַרצע אויגן, גאָלדענע האָר און שוין צו שיינער, מחמת כמעט פּאָרצעלייענער הויט. זי האָט אָבער געהאַט אַ ביסל שװערלעכע װיִעס, װאָס האָט איר צוגעגעבן אַ שלעפֿעריקן אויסדרוק, אָבער די שלעפֿעריקייט האָט אויך געקענט מאַכן אַן אײַנדרוק פֿון קאָנצענטרירטקייט, מען האָט געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ װעזן, װאָס האָט געלעבט מיט זייער אַן אַנטװיקלט אינערלעך לעבן, און דעריבער זיך באַצויגן גלייכגילטיק אַ ביסל צו איר גאַנצע סביבה. װער עס װאָלט אגב נישט געפֿאַלן אויף דער השערה, האָט געקענט זײַן זיכער, אַז פֿרוי בראַניטש װעט אים צו דעם צוהעלפֿן, כּרוי אָסנאָװסקאַ װאָס איז דורכגעגאַנגען דורך די פּעריאָדן פֿון אַנטציקן זיך מיט דער קוזינע, האָט געזאָגט װעגן פֿרײלין לינעטאַס אויגן, אַז זיי זענען „טיף װי אָזיערעס", ס'איז אָבער געװען אַ שאלה, װאָס עס געפֿינט זיך אויפֿן דנאָ, אָבער דװקא דאָס געהיימניש האָט צוגעגעבן פֿרײלין לינעטאַן חן.

די אָסנאָװסקיס זענען געקומען מיט דער כּװנה זיך צו װײַלן אין װאַרשע, פֿרוי אַנעטאַ איז אָבער נישט בחנם געװען אין רוים. — „קונסט און קונסט! — האָט זי געזאָגט צו פֿרוי פּאָלאַניעצקאַ — און װעגן קיין אַנדערע זאַכן װיל איך נישט װיסן". איר אָפֿענע כּװנה איז געװען צו גרינדן אַן „אַטעניִשן" סאַלאָן, און די פֿאַרבאָרגענע כּװנה צו װערן אַ בעאַטריטשע פֿון עפּעס אַ דאַנטע, אַ לאַאָרע פֿון עפּעס אַ פּעטראַרקע, אָדער לכל־הפּחות אַ װיטאָריאַ קאָלאָנאַ פֿון עפּעס אַ מיקל אַנדזשעלאָ.

— מיר האָבן אַ שיינעם גאָרטן בײַ דער װילע — האָט זי געזאָגט — די אָװנטן װעלן זײַן שיינע, און מיר װעלן זיך צונויפֿקומען אויף אַזעלכע פּלאַטאָנישע שמועסן... איר װייסט (דאָ האָט זי אויפֿגעהויבן האַריזאָנטאַל צו די אַקסלען אירע הענט און

אנגעהויבן מיט זיי באַוועגן), בין־השמשות, אַ ביסל לבנה, עטלע־
כע לאָמפּן, אַ ביסל שאָטנס פון ביימער; מען זיצט און מען רעדט
מיט אַ האַלבער שטים וועגן אַלץ: וועגן לעבן, געפילן, קונסט. דאָס
איז דאָך באמת אַ סך מער ווערט, ווי רכילותן! מיין יוזשאָ, דו
וועסט אפשר זיך לאַנגווייליקן, זיי אָבער נישט ברוגז, טו עס פאַר
מיר, און גלייב מיר, אַז עס וועט זיין זייער שיין.

— אָבער, אַנעטקאַ, קען מיך דען לאַנגווייליקן דאָס, וואָס
עס ווילט דיך? — האָט געענטפערט אָסנאָווסקי.

— בפרט נאָך איצט, כּל־זמן ליבעטאַ איז מיט אונדז צו־
זאַמען, דאָס איז דאָך אַן אַרטיסטין אין יעדן טראָפּן בלוט!

דאָ האָט זי זיך געווענדט צו איר:

— וואָס פאַר אַ פּעדעמל וועבט עס דאָרט דיין קעפּל? וואָס
זאָגסטו צו די רוימישע אָוונטן?

פריילין ליבעטאַ האָט אַ שמייכל געטון און די לעצטע פון
„די רוריקעוויטשס" האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אויסדרוק פון
אומבאַשרייבלעכער זיסקייט צו פּאַלאַניעצקין:

— איר ווייסט נישט, אַז וויקטאָר הוגאָ האָט זי געבענטשט,
ווען זי איז נאָך קליין געווען.

— איר האָט געקענט וויקטאָר הוגאָן? — האָט אַ פרעג גע־
טון מאַריניאַ.

— מיר? ניין! כ'וואָלט אים אפילו נישט געוואָלט קענען
פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, נאָר איינמאָל פאָרן מיר דורך פּאַ־
סי, בשעת ער איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן, — כ'ווייס נישט, צי
דורך עפּעס אַ פאָרגעפיל, אָדער פון באַגייסטערונג, אַז ער האָט
דערזען ליבעטקאַן, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און זי איבער־
געצלמט.

— מומע! — האָט אַ זאָג געטון פריילין קאַסטעלי.

— אַז ס'איז אמת, מיין קינד, און וואָס אמת, איז אמת!
כ'האָב תיכף אַ געשריי געטון: „קוק! קוק! ער הייבט אויף די
האַנט" — און הער קאַרדין, דער קאָנסול, וואָס איז געזעסן פון

פֿאָרנט, האָט אויך געזען, ווי ער האָט אויפֿגעהויבן די האַנט, און נאָכדעם זיך איבערגעצלמט. אדרבה, איך דערצייל דאָס גערן, מחמת אפֿשר האָט דער איבערשטער מיר מוחל געווען מײַנע חטאים, וואָס איך האָב אַזוי פֿיל געהאַט צוליב דעם איבערצלמען. ער, אַזאַ רעוואָלוציאָנערער מוח, און דאָך, דערזעענדיק ליִנעטקאָן, האָט ער זי איבערגעצלמט.

דאָס איז געווען אויך אַזוי פֿיל אמת, אַז די דאַמען האָבן פֿאַרבײַפֿאָרנדיק דורך פֿאַסי, געזען טאַקע אויפֿן באַלקאָן וויקטאָר הוגאָן. וואָס שייך די ברכה, וואָס ער זאָל האָבן געגעבן ליִנעטקאָן, האָבן וואַרשעווער בייזע צונגער געבערענגט ראיות, אַז ער האָט אויפֿגעהויבן די האַנט, מחמת ער האָט אײדערמיט געגענעצט:

דערווײַל האָט די פֿרוי אָסנאָווסקאַ ווײַטער גערעדט.

— מיר וועלן זיך דאָ שאַפֿן אַ קליין איטאַליע, און אויב דער פּרווו וועט זיך נישט אײַנגעבן, וועלן מיר אויפֿן ווינטער אַנטלויפֿן קיין גרויס־איטאַליע. מיר האָט זיך שוין געדרייט אין קאָפּ, כ׳זאָל עפֿענען אַ הויז אין רוים. דערווײַל האָט יוזשאַ געבראַכט צו פֿירן עטלעכע שיינע קאָפּיעס פֿון בילדער און סטאַטוען. דאָס איז אַזוי פֿײַן פֿון זײַן זײַט, מחמת אים גייט עס נישט קיין סך אָן, האָט ער עס אַלזאָ געטון פֿאַר מײַנעטוועגן. דאָרט זענען פֿאַראַן זייער גוטע זאַכן, ווײַל יוזשאַ האָט געהאַט שכל, און זיך נישט געטרויט, נאָר געבעטן הער שווירסקין אים צו זײַן בײַהילפֿיק. אַ שאָד, ער איז נישטאָ הי. ס׳איז אויך אַ שאָד, וואָס בוקאַצקי איז אויף צו להכעיס געשטאָרבן, ווײַל ער וואָלט אונדז צו נוץ געקומען. ער פֿלעגט צײַטנווײַז זײַן זייער אַ ווילער. ער האָט עפּעס פֿאַרמאָגט אַ בײַגעוודיקייט פֿון אַ שלאַנג, און דאָס גיט אינם שמועס צו לעבן. אָבער — דאָ האָט זי זיך געווענדט צו פֿרוי פּאָלאַניעצקאַ — ווייסט איר, אַז איר האָט אינגאַנצן באַצוווּנגען הער שווירסקין? נאָך אײַער אָפּפֿאָרן האָט ער וועגן קיינעם נישט גערעדט, און האָט אָנגעהויבן אַ מאַדאָנע, וואָס האָט אײַערע שטריכן. איר וועט ווערן אַ פֿאָרנאַרינאַ! איר האָט משמעות מזל צו קינסטלער — און אַז מײַנע פֿלאָרענטינישע נעכט וועלן זיך

אָנגהייבן, וועלן מיר זיך האַלטן בײַ ליבעטאַן, אַ נישט וועלן מיר גאָרנישט מאַכן!

און פרוי בראַניטש האָט, וואַרפנדיק אַן אומווילליקן בליק אויף מאַריניאַן, אַ זאָג געטון:

— אַך, הער שווירסקי! געדענקסט, ליבעטקאַ?... אויב עס גיט אײַן פּנימער, וואָס האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף קינסט־לער, וועל איך אײַך זאָגן, וואָס עס האָט פּאַסירט אין ני־צאַ...

— מומע!... — האָט איבערגעריסן פרײַלין קאַסטע־לי.

— אַז ס'איז אמת, מײַן ניטעלע, און וואָס אמת איז אמת... מיט אַ יאָר צוריק... ניין! מיט צוויי יאָר צוריק... ווי די צײַט פליט...

אָבער פרוי אָסנאָווסקאַ, וועלכע האָט שוין מסתמא נישט איינמאָל געהערט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין ניצאַ, האָט אָנגע־הויבן אויסצופרעגן פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

— איר האָט אַ סך באַקאַנטע אין דער קינסטלערישער וועלט?

— מײַן מאַן, זיכער יאָ — האָט געעגטפערט מאַריניאַ — איך נישט; מיר קענען אָבער הער זאַווילאָווסקין.

פרוי אָסנאָווסקאַ איז בײַ דער ידיעה אַרײַנגעפאַלן אין אמתע התפעלות. איר פרוים איז געווען זיך צו באַקענען מיט הער זאַ־ווילאָווסקין, און זאָל יוזשאַ זאָגן, צי דאָס איז נישט געווען איר טרוים? דאָ נישט לאַנג האָט זי געלייענט מיט ליבעטאַן דאָס ליד אונטערן נאָמען: „עקס, זמאַ" — און ליבעטאַ, וואָס קען אַזוי דעפינירן מיט איין וואָרט אַמאָל, ווי קיינער נישט, האָט גע־זאָגט... וואָס האָט זי עס געזאָגט פאַר אַ כאַראַקטעריסטישע זאַך?...

— אַז אין דעם איז פאַראַן עפּעס מעטאַלנס — האָט אונ־טערגערוקט פרוי בראַניטש.

— יאָ, אַז אין דעם איז פֿאַראַן עפּעס מעטאַלנס. איך שטעל זיך אויף הער זאַווילאָווסקין פֿאַר, ווי עפּעס אַ גוס, ווי זעט ער טאַקע אויס?

— אַ נידעריקער — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — אַ ריטער, פֿון אַ יאָר פֿופֿציק און אָן אַ האָר אויפֿן קאָפּ.

אויף דעם האָבן פֿרוי אָסנאָווסקאַס און פֿריילין ליגנעטאַס פּנימער באַקומען אַזאַ אויסדרוק פֿון אַנטוישונג, אַז מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן און געענטפֿערט.

— גלייבט אים נישט, ער איז אַ שלעכטער מענטש און האָט ליב אָנצוטון עגמת־נפֿש, הער זאַווילאָווסקי איז יונג, אַ ביסל ווילד און אַ ביסל ענלעך צו וואַגנערן.

— דאָס הייסט, ער האָט אַ גאָמבע, ווי אַ לײַ — האָט צו־געגעבן פּאָלאַניעצקי.

פֿרוי אָסנאָווסקאַ אָבער האָט פּאָלאַניעצקיס ווערטער שוין נישט גענומען אין אַכט און האָט געפּועלט בײַ מאַריניאַן צו פֿאַר־לײַכטערן איר דאָס באַקענען זיך מיט הער זאַווילאָווסקין — און צו דעם וואָס גיכער, „וואָס גיכער, ווײַל דער זומער גייט אַוועק.“

— מיר וועלן זיך באַמיִען וועגן דעם, אים זאָל גוט זײַן צווישן אונדז, און ער זאָל נישט זײַן ווילד — הגם, אויב ער איז אַ ביסל ווילד, איז נישט קיין אומגליק, מחמת ער איז מחויב צו זײַן אַ ביסל ווילד און זיך אָניעזשן, ווען מענטשן דערנענטערן זיך צו אים... ווי אַן אָדלער אין שטייג! אגב וועלן זיי זיך מיט לי־גנעטקאַן באַגרײַפֿן, מחמת זי איז אויך פֿאַרשלאָסן און געהיימניש־פֿול, ווי אַ ספֿינקס.

— מיר דאַכט זיך, אַז יעדע אומגעווייטלעכע בשמה... — האָט אָנגעהויבן די מומע „פֿאַרזיסערין“.

די פּאָלאַניעצקיס אָבער, האָבן זיך גענומען געזעגענען. אין הויז האָבן זיי געטראָפֿן דעם וווּנדערלעכן קאָסאָווסקין, וועלכן דער דינער האָט אָפּגעשטויבט די לאַטשן, און וואָס האָט דערווײַל איבערגעקעמט זײַן סטאַטועטן און האַרטן ווי מאַרמאָר קאָפּ. אַרויס־נייענדיק האָט פּאָלאַניעצקי אַ זאָג געטאָן:

— דער וועט זיי אויך צונויפקומען אויף די „פּלאָרענטינישע“ אָווגטן. דאָס איז אויך אַ ספינקס!

— ווען ער זאָל שטיין אין אַ נישע! — האָט געענטפערט מאַרינאַ — אָבער, וואָס פאַר אַ שיינע פרויען דאָס זענען.

— אַ מאָדנע זאַך — האָט זיך אָפּגערופן פּאָלאַניעצקי — פרוי אָסנאָווסקאַ איז דאָך כלומרשט שיין און מיר געפעלט בעסער פאַר אַ שיינע די פרוי מאַשקאָ. וואָס שייך קאַסטעלי איז זי באמת אַ שיינע, הגם אַ ביסל אַ צו הויכע. האָסט באַמערקט, ווי מען רעדט כסדר וועגן איר, און זי זאָל עס אַ פּיפּס טון.

— מען האַלט זי פאַר זייער אַן אינטעליגענטע — האָט געענטפערט מאַרינאַ — זי איז אפשר אַ ביסל אַ נישט דרייסטע, ווי זאַווילאָווסקי. מען וועט דאַרפן אַ טראַכט טון וועגן דעם באַקענען.

דערווייל האָט אַ פּאָרפאַל קאַליע געמאַכט דעם פּלאַן פון באַקענען. פרוי פּאָלאַניעצקאַ, האָט אויף צומאָרגנס נאָך דער וויזיט, זיך אויסגעגליטשט אויף די טרעפּ, און אַזוי שטאַרק זיך צעקלאַפּט די קני, אַז זי האָט עטלעכע טעג געמוזט ליגן אין בעט, אומקערנדיק זיך פון ביוראָ און דערוויסנדיק זיך, וואָס עס איז געשען, האָט ער זיך בשעת-מעשה דערשראָקן, דערנאָך האָט ער אַ באַרויקטער דורכן דאָקטאָר, גאַנץ גוט אויסגעזידלט דאָס ווייב:

— דו דאַרפסט געדענקען, אַז עס גייט דאָ אפשר נישט בלויז אין דיר — האָט ער איר אַ זאָג געטון.

זי האָט גאַנץ שטאַרק געליטן הן פונם קלאַפּ, הן פון די ווערטער, וואָס האָבן איר אויסגעוויזן עפּעס צו אומאײַנזעעדיק, זי האָט באמת געהאַלטן, אַז אים האָט קודם-כל באַדאַרפט גיין אין איר, בפרט נאָך, ווען די מורא פאַר עפּעס אַנדערש איז נאָך אויף קיין זאַך נישט געווען באַגרינדעט. אַ חוץ דעם אָבער האָט ער איר אַרויסגעוויזן גרויס זאָרגעוודיקייט, און נישט אויף צומאָרגנס, נישט אויפן דריטן טאָג איז ער אין ביוראָ נישט געגאַנגען, כדי אומצוגיין אַרום איר. אין די פאַרמיטאָג-שעה, האָט

ער איר געפּלעגט לייענען, נאָך מיטאָג האָט ער געאַרבעט אינם שכנותדיקן צימער, באַ אָפענע טירן, אַזוי, אַז זי זאָל יעדע מינוט אים קענען אַריינרופן. זי האָט אָן איבערגעבעטענע דורך זיין זאָרגעוודיקייט, אים געדאַנקט דערפאַר זייער הייס, צוליב וואָס ער האָט איר אַ קוש געטון און געזאָגט:

— מיין קינד, דאָס איז דאָך אַ פּשוטער חוב. זעסט דאָך, אַז אַפילו פרעמדע קומען יעדן טאָג וועגן דיר געוווּיר ווערן.

פרעמדע פלעגן באמת קומען געוווּיר ווערן יעדן טאָג. זאַווילאָווסקי האָט זיך אויסגעפרעגט אין ביוראָ: „וואָס עס מאַכט די מאַדאַם". די ביגעלן פלעגט קומען מיטאָג-צייט, און ביגעל אין אָוונט, און ניט אַריינגייענדיק צו דער קראַנקער אין שטוב, פלעגט ער אין שכנותדיקן צימער שפּילן אויפן קלאַוויר, כּדי זי אַ ביסל צו פאַרווייל. די מאַשקאָס און פרוי בראָניטש האָבן צוויי מאָל איבערגעלאָזט וויזיט-קאַרטן, פרוי אָסנאָווסקאַ ווידער האָט, איבערלאָזנדיק דעם מאַן אונטן אין קאָטש, זיך אַ ביסל איבערגעוואַלט אַריינגנריסן צו מאַריניאַן און געזעסן לעבן איר אַ שעה צוויי, רעדנדיק מיט איר געוויינטלעכער פעיקייט זיך איבערצוּוואַרפן פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, וועגן רוים, וועגן אירע פאַרטראַכטע אָוונטן, וועגן שווירסקין, וועגן מאַן, ליטקאַן און זאַווילאָווסקין, וואָס האָט זי נישט געלאָזט שלאָפן. סוף באַזוך האָט זי דערקלערט דער פרוי פּאָלאַניעצקאַ, אַז זיי דאַרפן זיך זאָגן „דו" — און אַז זי פאָדערט זי אויף איר צו העלפן אין איין פּלאַן: „דאָס הייסט נישט אין קיין פּלאַן, נאָר אין אַ פאַרשווערונג", אָדער ריכטיקער אין עפּעס אַזוינס, וואָס, אַז עס איז איר אַריין אין קאָפּ, ברענט עס און ברענט, אַזוי ווייט, אַז דער גאַנצער קאָפּ ברענט!

— דער זאַווילאָווסקי איז מיר אַזוי אַריין אין קאָפּ, אַז יוזשאַ האָט אַזש אָנגעהויבן זיין צו אים אייפערזיכטיק, אָבער יוזשאַ נעבעך קען זיך פון אַזוי פיל זאַכן קיין חשבון נישט אָפּגעבן! איך בין זיכער, אַז ער מיט ליגעטאָן זענען פאַר זיך באַשאָפן, דאָס הייסט, נישט יוזשאַ מיט ליגעטאָן, נאָר זאַווילאָווסקי.

דאָס איז פּאָעזיע. און יענץ איז פּאָעזיע! לאַך נישט, מאַריניאַ, און מיין נישט, אַז איך בין משוגע. דו קענסט נישט ליגנטאַן. זי דאַרף האָבן אַזאַ אומגעוויינטלעכן מענטש. זי וואָלט מיט אַזאַ קאַפּאַווסקין פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט חתונה געהאַט, הגם קאַפּאַווסקי זעט אויס, ווי אַ כרוב אַזאַ פּנים, ווי קאַפּאַווסקיס, האָב איך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען... אפשר אין איטאַליע אויף אַ בילד, אָבער דאָס אויך נישט. ווייסט, וואָס ליגנעטאַ זאָגט וועגן אים: „C'est un imbècile!" אפשר, אָבער דאָך קוקט זי אויך אויף אים! באַטראַכט נאָר, ווי שיין דאָס וואָלט געווען, ווען זיי זאָלן זיך באַקענען, ליב קריגן, און חתונה האָבן — דאָס הייסט נישט קאַפּאַווסקי מיט ליגנעטאַן, נאָר זאַווילאָווסקי! דאָס וואָלט שוין איינמאָל געווען אַ פּאַרפאָלק! און ליגנעטאַ מיט אירע שטרעבונגען, וועמען וועט זי קריגן? ווו האָט זי דען אַ מאַן פאַר זיך? און וואָס מיר וואָלטן זיך אָנגעזען, וואָלטן מיר זיך אָנגעזען! איך שטעל מיר פאָר! ווי זיי וואָלטן זיך ביידע ליב געהאַט. אויף דער וועלט איז אַזוי לאַנגווייליק, אַז אויב מען קען האָבן אַזאַ אויסזיכט, איז כדאי אַן אַרבעט צו טון. אָבער איך ווייס אַז דאָס וועט שווער נישט אָנקומען, מחמת די מומע בראַניטש ברעכט זיך די הענט, ווי זי וועט נעמען אַ מאַן פאַר ליגנעטאַס וועגן. כ'האָב מורא צי כ'האָב דיך נישט פאַרמאַטערט, ס'איז אָבער אַזוי אָנגענעם צו שמועסן, בפרט נאָך, ווען עס מאַכט זיך עפּעס.

באמת טאַקע, נאָך פרוי אָסנאָווסקאַס אַוועקגיין, האָט מאַריניאַ געפילט עפּעס, ווי דער קאָפּ דרייט זיך איר. דאָך, ווען פּאָלאַניעצקי איז אַריין, האָט זי אים אָנגעהויבן דערציילן וועגן די פּלענער, וואָס מען גרייט אויף זאַווילאָווסקין, לאַכנדיק אַ ביסל פון פרוי אָסנאָווסקאַס התפעלות און האָט ענדלעך אַ זאָג געטון.

— זי איז מחויב צי האָבן אַ גוט האַרץ, זי געפעלט מיר אפילו, נאָר סאַראַ עקזאַלטירטע זי איז! וואָס גייט אַלץ נישט אַדורך דורך איר קאָפּ!

— זי איז גיכער אַ היציקע, ווי אַן עקזאַלטירטע — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — און דאָס, זעסטו, איז אַ חילוק, מחמת עקזאַלטאַציע גייט כמעט תּמיד האַנט־באַ־האַנט מיט אַ גוט האַרץ און היציקייט פּאָרט זיך אָפט מיט אויסגעטריקנטקייט פון האַרץ און איז אָפטמאָל אפילו אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס דער קאָפּ ברענט, און דאָס האַרץ שלאָפט.

— דו האָסט נישט ליב פרוי אָסנאָווסקאַ — האָט אַ זאָג געטון מאַרינאַ.

פּאָלאַניעצקי האָט זי באמת נישט ליב געהאַט, אָבער דאָס־מאָל אָנשטאָט צו באַשטעטיקן אָדער אָפּצולייקענען, האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויפן ווייב מיט אַ געוויסער ביַיגעריקייט. ס'האָט אים אין דער רגע זיך אַ וואָרף געטון אין די אויגן אַריין איר שיינקייט. אירע האָר זענען צעפלאָסן געוואָרן אָן אַ סדר אויפן קישן און איר קליין פּנימל האָט אַרויסגעקוקט פון דער טונקעלע כוואַליע, פּונקט אַזוי ווי אַ בלום. אירע אויגן האָבן אויסגעוויזן בלויער, ווי תּמיד, און דורך די אָפענע ליפּן האָט מען אָנגעזען אַ שניר קליינע, ווייסע ציין. פּאָלאַניעצקי האָט זיך דערנענטערט צו איר און אַ זאָג געטון מיט אַ האַלבער שטים:

— ווי שיין דו ביסט הייַנט.

און אָנבייגנדיק זיך איבער איר, האָט ער מיט אַ געענדערט פּנים אָנגעהויבן קושן איר אויגן און ליפּן.

יעדער קוש אָבער האָט זי אויפגעטרייסלט, און יעדער אויפטרייסלונג האָט איר פאַרשאַפן יסורים; און דערצו איז איר אומאָנגענעם געווען, וואָס ער האָט עפּעס בלויז צופעליק באַמערקט איר שיינקייט. אום בגעגעם איז איר געווען דער אויסדרוק פון זיין פּנים און זיין נישט אויפמערקזאַמקייט, און זי האָט דערביַי בער גענומען אַוועקדרייען דעם קאָפּ.

— סטאַש! קוש מיך נישט אַזוי שטאַרק, דו ווייסט דאָך, אַז איך לייד יסורים.

דאַמאָלס האָט פּאָלאַניעצקי זיך אויסגעגלייכט און אַ זאָג געטון מיט אַ געשטיקטן כעס:

— אמת! אַנטשולדיק!

און ער איז אַריין צו זיך אין שטוב באַקוקן אַ פּלאַן פון עפּעס אַ זומער־הויז מיט אַ גאָרטן, וואָס מען האָט אים היינט אינ־דערפרי געהאַט צוגעשיקט.

XXI

פרוי פּאָלאַניעצקאַס קראַנקהייט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, און אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי שוין ביידע געקענט פאָרן צו די ביגעלס, וואָס האָבן זיך דערווייל איבערגעצויגן אויף זומער־וווינונג; דאָס וועטער, נישט קוקנדיק אויף דער פריִער צייט, איז געווען אַ שיינס, און אין שטאָט האָבן זיך כמעט אָנגעהויבן היצן. זאַווילאָווסקי, וואָס איז שוין געהאַט היימיש געוואָרן, איז אויך געקומען מיט אַ גרויסן פּאַפּירענעם שלאַנג, וואָס ער האָט געזאָלט צוזאַמען מיט פּאָלאַניעצקין און די קינדער לאָזן אינדערהייך. די ביגעלס האָבן אויך ליב געקריגן זאַווילאָווסקין, מחמת ער איז געווען אַ פּשוטער מענטש, און נישט קוקנדיק אויף זיין ווילדקייט, אַ פריילעכער און צייטנווייז אַפילו אַ קינדישער. פרוי ביגעל האָט אַ חוץ דעם געהאַלטן, אַז ער האָט אַן אויסטערלישן קאָפּ, און דאָס איז געווען אויף אַזוי פיל אמת, וואָס ער האָט געהאַט אַ העפט אויף דער וויִע און וואָס די אַרויסשטאַרנדיקע גאָמבע האָט אים צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון ענערגיע, וועלכע עס האָט לחלוטין סותר געווען די איבערשטשע טייל געזיכט, אַזאַ דעליקאַטע, אַ

קמעט אַ פּרויישע. תּחילת האָט פּרוי ביגעל געזוכט אין אים אַן אָריגינאַל, ער האָט אָבער צופֿיל באַוווּסטזיניק געמאַכט אַלץ, און דעריבער אויך זיך, אַז ער זאָל קענען אָנגיין פֿאַר אַן אָריגינאַל. ער איז בלויז נישט גלייך געווען מיט זיין אומדרייסטקייט, אַ גרויסער בעל־התפּעלות און אַ מענטש נישט אָן באַהאַלטענער גאווה.

בשעתן מיטאָג האָט מען אים דערציילט וועגן אָסנאָווסקין, וועגן איר אַטעניש־רוימיש־פֿלאָרענטישע אָוונטן, וואָס זיי האָבן בדעה איינצואָרדנען, וועגן פֿריילין קאַסטעלי און וועגן דער ביי־געריקייט, וואָס ער האָט אין די דאַמען אַרויסגערופֿן.

דערהערנדיק דאָס, האָט ער אַ זאָג געטון:

— יאָ, דאָס איז גוט צו וויסן, וועל איך שוין אַהין פֿאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט גיין.

— פֿריִער וועט איר זיך מיט זיי באַ אונדז באַקענען — האָט אַ זאָג געטון מאַרינאַ.

ער האָט פֿאַרלייגט די הענט:

— מאַדאַם, איך וועל אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרצימער!

— פֿאַרוואָס? — האָט אַ פֿרעג געטון פּאָלאַניעצקי — מען דאַרף זיין דרייסט נישט בלויז אויס זיינע איבערצייגונגען, נאָר אויך מיט זיינע לידער.

— פֿאַרשטייט זיך — האָט אַ זאָג געטון פּרוי ביגעל — וואָס איז דאָ די בושה! איר זענט מחויב דרייסט צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין און זאָגן זיי: איך שרייב, ווייל איך שרייב!

— איך שרייב, ווייל איך שרייב! — האָט דרייסט איבער־געחזרט זאַווילאָווסקי, אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ און לאַכנדיק.

מאַרינאַ אָבער האָט ווייטער גערעדט:

— איר וועט אייך באַ אונדז מיט זיי באַקענען, דערנאָך וועט איר באַ זיי איבערלאָזן אַ קאַרטע, און שפּעטער וועלן מיר אַמאָל צו זיי אין אָוונט אַהינפֿאָרן.

ער ווידער האָט געזאָגט:

— איך קען נישט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין שניי, ווייל ער איז נישטאָ, דאַך וועל איך געפֿינען עפּעס אַ באַהעלטעניש.

— און אויב איך וועל אייך זייער בעטן?

— וועל איך גיין — האָט אין אַ ווײַלע אַרום געענטפערט זאַווילאָווסקי, ווערנדיק לײַכט פאַררויטלט.

און ער האָט אויף איר אַ קוק געטון. אַ ביסל אַ בלאַסערע צוליב דעם ליגגורן ליגן אין בעט, איז איר פּנים נאָך קלענער געוואָרן און אויסגעזען ווי אַ פּנים פון אַ זעכצניעריק מיידל. זאַווילאָווסקין האָט עס זיך אויסגעוויזן אַזוי וווּנדערלעך, אַז ער האָט קיין זאַך איר נישט געקענט אָפּזאָגן.

אין אָוונט האָבן די פּאָלאַניעצקיס געוואָלט אים נעמען צוריק אין שטאָט אַריין, פּריִער אָבער האָט מאַריניאַ צו אים אַ זאָג געטון:

— מען דאַרף איצט אייך נעמען איבערגעוואַלט, ווײַל איר האָט נישט געזען נאָך ליגעטאַ קאַסטעלי, אַז איר וועט זי אָבער נאָר דערזען, וועט איר זיך אין איר פאַרליבן.

— איך, מאַדאַם! — האָט אויסגעשריגן זאַווילאָווסקי, צולייגנדיק די האַנט צו דער ברוסט — איך, און פרײַלין קאַסטעלי?

און ס'איז געווען אַזוי פיל אמת אין דער פראַגע, אַז ער האָט זיך ווידער צעטומלט, אָבער דאָס מאָל האָט זיך אויך פרוי פּאָלאַניעצקאַ צעטומלט

דערווײַל האָט פּאָלאַניעצקי פאַרענדיקט מיט ביגעלן דעם שמועס וועגן דער סכנה פון איינאָרדנען געלט אין ערד, און זיי זענען אוועקגעפאָרן מאַריניאַ האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט זיך אַמאָל אומגעקערט מיטן פאָטער, מיט פרוי עמיליאַ, ליטקאָן און פּאָלאַניעצקין פון די ביגעלס, אויך אין אַזאַ לבנהדיקע נאַכט, ווי „הער סטאַניסלאַוו" האָט זיך אַמאָל געליבט אין איר און ווי גליקלעך זיי זענען דאַמאָלס געווען, ווי שטרענג זי איז דאַמאָלס געווען צו אים — און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט רחמנות צו דעם „הער סטאַניסלאַוו", וואָס האָט דאַמאָלס אַזוי פיל זיך געהאָט אָנגעליטן. ס'האָט זיך איר איצט געוואָלט צו אים צוטוליען און איבערבעטן פאַר יענע אַמאָליקע שלעכטע מינוטן — און

װען נישט זאַװילאָװסקיס אַנװעזנהייט, װאָלט זי עס געװען גע־טון.

אָבער יענער אַמאָליקער הער סטאַניסלאַװ איז זיך איצט אַ רוזיקער און אַ זיכערער געזעסן לעבן איר און געררייכערט אַ ציגאַר. זי איז דאָך געװען זיין, ער האָט דאָך זי גענומען און געהאַט, האָט זיך אַלזאָ אַלץ געענדיקט.

— װעגן װאָס טראַכסטו אַזוי, סטאַך? — האָט זי אַ פרעג געטון.

און אָפּשאָקלענדיק דאָס אַש פון ציגאַר, האָט ער אים גע־נומען אין מויל אַריין און אַזוי אַ צי געטון, אַז דאָס רויטע פּײַ־ערל האָט באַלויכטן זיינע װאָנסעס און אַ טייל געזיכט.

זאַװילאָװסקי װידער האָט, קוקנדיק אויף מאַרינאַס געזיכט, אַ טראַכט געטון אין זינגן האַרץ, אַז װען זי װאָלט געװען זיין װייב, װאָלט ער איצט קיין ציגאַר נישט געררייכערט און װעגן קיין געשעפטן נישט געטראַכט, פון װעלכע מען רעדט מיט ביגעלן, נאָר ער װאָלט געקניט פאַר איר און זי פאַרגעטערט אויף די קני.

און פאַמעלעך, אונטער דער װירקונג פון דער נאַכט און דעם זיסן פרויען־געזיכט, װאָס ער האָט פאַרגעטערט, האָט אים אָנגעהויבן באַהערשן אַן עקסטאַז. אין אַ װיילע אַרום האָט ער אָנ־געהויבן דעקלאַמירן, תחילת שטילערהייט, װי צו זיך אַליין, שפּע־טער װאָס אַמאָל העכער, זיין ליד, אונטערן נאָמען: „שנייען אין די בערג". ס'איז געװען אין דעם ליד עפּעס אַ מין גרויסע בענק־שאַפט צו עפּעס אומדערגרייכלעכעס און אומבאַפּלעקטס. זאַװי־לאָװסקי האָט אַליין נישט געװוסט, װען זיי זענען געקומען אין שטאָט אַריין, און װען די לאַמטערנעס האָבן אָנגעהויבן פינקלען אויף ביידע זייטן גאַס.

— אַלזאָ איבערמאָרגן, אויפן „פּייף אָקלאָק"?

— יאָ — האָט ער געענטפערט, קושנדיק אין דער האַנט.

פרוי פאַלאַניעצקאַ איז געװען אַ ביסל צעטרוימט אונטער דער װירקונג פון דעם פאָרן, פון דער נאַכט, און אפשר אויך פון דעם ליד. זינט זיי זענען אָבער געװען אין רוים, האָט זי מיטן מאַן צוזאַמען געזאָגט די אָװנט־תפילה. און נאָך דער תפילה האָט

די פלוצלינג באַהערשט אַזאַ האַרציקייט, עפּעס אַזאַ מין צופלוס פון געפילן, וואָס איז אַ רגע פאַרדעקט געווען מיט אַנדערע איינ־דרוקן. דערנענטערנדיק זיך, האָט זי אַרומגענומען פּאַלאַניעצקיס האַלדז און אָנגעהויבן שעפּטשען:

— מיין סטאַך! ווי גוט אונדז איז צווישן זיך? אמת!

ער ווידער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געענטפערט מיט אַ געוויסער באַכלעסיקער באַר־מערישקייט.

און ס'איז אים אין קאָפּ אַריין אפילו נישט געקומען, אַז אין דער פראַגע איז געווען עפּעס אַ מין שאָטן פון צער און יאוש, וואָס זי האָט אין דער נשמה נישט געוואָלט צולאָזן — און האָט געוואָלט, ער זאָל זי באַרויִקן און פאַרזיכערן.

אויף צומאָרגנס האָט זאַווילאָווסקי געגעבן פּאַלאַניעצקין אין ביוראָ אַן אויסשניט פון עפּעס אַ צייטונג מיט די „שנייען אין די בערג". פּאַלאַניעצקי האָט באַם מיטאָג אים איבערגעלייענט אָבער באַם געקלאַנג פון די גאָפּלען האָט זיך אים דאָס ליד אויס־געוויזן נישט אַזוי שיין, ווי אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, באַ דער שיין פון דער לבנה.

— זאַווילאָווסקי האָט געזאָגט — האָט זיך אָנגערופן פּאַלאַ־ניעצקי, — אַז אינגיכן וועט אַרויסגיין אַ באַנד, ער האָט אָבער צוגעזאָגט, אַז ער וועט פריִער צונויפקלויבן אַלץ, וואָס עס איז געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייט־שריפטן און דיר ברענ־גען.

מאַריניאַ ווידער האָט געענטפערט:

— ניין, מען דאַרף, ער זאָל עס באַהאַלטן פאַר ליבע־טאָן.

— אַך! מאָרגן דאַרפן זיי זיך דאָס ערשטע מאָל טרעפן. איר ווילט דורכאויס מאַכן אַן עפּאָכע אין זאַווילאָווסקיס לעבן?

— מיר ווילן — האָט מיט אַ געוויסער פוסטקייט געענט־פערט מאַריניאַ — אַנעטאַ האָט תחילת מיך פאַרחידושט — אָבער פאַרוואָס טאַקע נישט!

דאָס טרעפן זיך איז געווען צומאָרגנס. די אָסנאַווסקאַס, פרוי בראַניטש און פריילין קאַסטעלי זענען געקומען זייער פּינקטלעך

פינף אַ זייגער, זאַווילאָווסקי איז געקומען נאָך פריִער, כדי אויסצומיידן דאָס אַריינקומען אין זאַל צווישן גאַנצן געזעלשאַפט. ער איז געווען נישט בלויז אָנגעשראָקן, נאָר אויך אומגעלומפערטער ווי אַלעמאָל, און קיינמאָל האָבן זיך אים נאָך זיינע אייגענע פיס נישט אויסגעוויזן אַזוי לאַנג, ס'איז אָבער געווען אַ מין דיסטינקץ אַפילו אין זיין אומגעלומפערטקייט, און פרוי אָסנאָווסקאַ איז מסוגל געווען זיך דערויף צו דערקענען. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע סצענעס פון דער מענטשלעכער קאָמעדיע, אין וועלכער די דאַמען, אַלס גוט־דערצויגענע פערזאָנען, האָבן, אויסהיטנדיק זיך פון יעדער פרעך קוקן אויף זאַווילאָווסקין, עפעס אַנדערש ווי דאָס, נישט געטון; ער ווידער, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער זעט עס כלומרשט נישט, האָט נישט געטראַכט וועגן עפעס אַנדערש, ווי, אַז מען קוקט זיך צו צו אים און מע משפט וועגן אים. דאָס האָט אים געשטעלט אין גרויס פאַרלעגנהייט, וואָס ער האָט זיך באמת צו פאַרדעקן דורך קינסטלעכע פרייקייט, מחמת ער האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל אייגנליבע, אַז עס איז אים געגאַנגען אין דעם, דער משפט זאָל אויספאַלן לטובת אים. די דאַמען אָבער זענען געווען פאָרויס אַזוי געשטימט, אַז דער משפט האָט שלעכט שוין נישט געקענט אויספאַלן און ווען זאַווילאָווסקי זאָל זיך געווען אַרויסווייזן פאַר אַ באַרישן און פלאַכן, וואָלט מען עס אָנגענומען פאַר חכמה און פאָעטישע אָריגינאַליטעט. גלייכגילטיקער פאַר אַלץ האָט זיך פאַרהאַלטן פריילין לינעטאַ, וועלכע עס האָט אַ ביסל געחידושט, וואָס אין דער רגע איז נישט זי די זון און זאַווילאָווסקי די לבנה, נאָר פאַרקערט. דער ערשטער איינדרוק, וואָס זאַווילאָווסקיס געזיכט האָט אויף איר געמאַכט, איז געווען: „וואָס פאַר אַ גלייכן צו דעם שוטה קאָפאָווסקי!" און דאָס אומפאַרגלייכלעכע, וווּנדערלעכע פנים פון דעם „שוטה" — האָט זיך ווי אַ לעבעדיקס געשטעלט פאַר אירע אויגן, צוליב וואָס אירע ווייעס זענען געוואָרן נאָך שווערער, און דער אויסדרוק פון געזיכט האָט נאָך מער ווי אַלעמאָל דערמאַנט אָן אַ ספינקס... פון פאָרצעליי. עס האָט זי אָבער געאַרט, וואָס זאַווילאָווסקי לייגט נישט קיין שום אַכט, נישט אויף איר פיגור פון יעגאַנאַן, נישט אויף דעם „עפעס געהיימ־

גיספולן און פּאַטעטישן", וואָס עס האָט, נאָך פרוי בראָניטש נאָך, צוגעשמידט פון ערשטן קוק. פּאַמעלעך האָט זי אויך אָנגעהויבן קוקן אויף אים און האָבנדיק, אַ חוץ דער פּאַטעטישער שטימונג, אַ שטאַרק אַ טוויקלטן חוש פון וועלטלעכער באַאָבאַכטונג, האָט זי באַמערקט, אַז ער האָט טאַקע אַ סך אויסדרוקן, נאָר אַז דער סורדוט ליגט אויף אים שלעכט, און אַז ער מוז זיך אָנטון בײַ אַ ליאַדע שניידער און אַז די שפּילקע אין זײַן קראַוואַט איז פּשוט „מאָווע זשאַנר". דערווײַל האָט ער, וואַרפנדיק אַמאָל אַ בליק אויף מאַריגניאַן, ווי אויף דער איינציקער באַנטער און פֿײַנטלעכער נשמה, גערעדט מיט פרוי אָסנאָווסקאַ, וועלכע האָט, האַלטנדיק פאַרן העכסטן אויסדרוק פון טאַקט נישט צו רעדן דאָס ערשטע מאָל וועגן פּאָעזיע, און דערוויסנדיק זיך, אַז זאַווילאָווסקי האָט די ערשטע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אין דאָרף, אָנגעהויבן טשווישטשען וועגן איר נטיה צום דאָרפישן לעבן. איר מאַן איז אַלעמאָל ליבער געווען די שטאָט, מחמת ער האָט אין שטאָט געהאַט זײַנע הנאות און פרײַנט, וואָס שייך אָבער איר... „אָך, כ'בין אויפריכטיק און כ'וועל זיך אָן לאַנגע שהיות מודה זײַן, אַז כ'קען נישט לײַדן קיין פּולוואַרק, קיין ווירטשאַפט און חשבונות, פאַר וועלכע איך פלעג מיך נישט איינמאָל זידלען... אַ חוץ דעם בין איך אַ ביסל אַ לײַדיקגייערין, האָב איך ליב געהאַט אַזאַ אַרבעט, בײַ וועלכער מען קען לײַדיקגיין: תיכף, וואָס וואָלט איך עס ליב געהאַט?

דאָ האָט זי צעלייגט אירע לענגלעכע פינגערלעך, כדי אויף זיי לײַכטער אויסצורעכענען די אַרבעטן, וואָס וואָלטן בײַ איר נושא חן געווען.

— קודם כל וואָלט איך ליב געהאַט פּאַשען גענדז!

זאַווילאָווסקי האָט זיך צעלאַכט; זי האָט זיך אים אויסגעוויזן באַטירלעך, און אַ חוץ דעם האָט אים געווייַלט דאָס בילד, ווי פרוי אָסנאָווסקאַ פּאַשעט גענדז.

אירע פּיִאָלעטע אויגן האָבן אויך אָנגעהויבן לאַכן, און זי איז אַרײַנגעפאַלן אין טאָן פון אַ פרײַ און פרײלעך מיידעלע, וואָס רעדט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט איר אין קאָפּ אַרײַן.

— און איר וואָלט ליב געהאַט? — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטון זאַווילאָווסקין.

ער ווידער האָט געענטפערט:

— געוואַלטיק!

— זעט איר!... וואָס נאָך? אַהאַ! כ׳וואָלט ליב געהאַט צו זיין אַ פישער, אינדערפרי איפּן וואַסער מוז דער באַגינען זיך אָפּשלאָגן גרויסאַרטיק... אַ חוץ דעם די נאַסע נעצן פאַר ד״ר באַטע, מיט בלעזלעך וואַסער אין די אייגעלעך, דאָס איז אַזוי שיין!... כ׳וואָלט וועלן לכל־הפּחות זיין, אויב נישט קיין פישער, איז אַ צאַפּלע און טראַכטן מיט איין פוס איבערן וואַסער אָדער אַ מעווע איבער די לאָנקעס. ניין! אַ מעווע איז עפּעס אַ טרויעריקער פויגל! אמת? ווי ער וואָלט זיין אַן אבל!

דאָ האָט זי זיך געווענדט צו פריילין קאַסטעלי.

— און דו, ליבעטקאַ, וואָס וואָלסטו וועלן זיין אין דאָרף?

— אַ שפּינוועבס.

זאַווילאָווסקיס פאַנטאַזיע, אַלס פּאָעט, האָט זיך אַ ריר געטון פון דער תּשובה. פּלוצלינג האָבן זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן גרויסע העלע שטחים תּבואה און זילבערנע פעדעם, וואָס באָדן זיך אין רויטן הימל און אין דער זון.

— ס׳אַ שיין בילד — האָט ער אַ זאָג געטון.

און ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף פריילין ליבעטאַן, זי ווידער האָט אַ שמייכל געטון, ווי מיט דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס ער האָט דערפילט די שיינקייט פונם בילד.

אָבער באותו הרגע זענען אָנגעקומען די ביגעלס, זאַווילאָווסקין ווידער האָט געגומען אין דער אַרבעט אַריין פרוי בראַניטש און אים אַזוי פאַרשטעלט מיט דער שטול, אַז ער האָט זיך נישט געקענט רירן. ס׳איז לייכט געוועזן זיך משער צו זיין וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, מחמת זאַווילאָווסקי האָט פון צייט צו צייט אויפגעהויבן די אויגן אויף פריילין קאַסטעלי, ווי ער וואָלט וועלן פעסטשטעלן, צי זי איז טאַקע אַזוי, ווי ער הערט וועגן איר רעדן. ענדלעך, הגם דער שמועס איז געפירט געוועזן מיט אַ ביסל אַ געשטילטער שטים, האָבן די אָנוועזנדיקע אינגיכן דערהערט די

ווערטער, וואָס זענען ווי דורכגעזייעט געוואָרן דורך אַ שטיקל צוקער.

— איר ווייסט, אַז נאַפּאָלעאָן... דאָס הייסט, כ'האָב גע־וואָלט זאָגן: וויקטאָר הוגאָ... האָט זי געבענטשט...

בכלל האָט זאַווילאָווסקי זיך אָנגעהערט אַזוי פיל אומגע־ווייניטלעכע זאַכן, אַז ער האָט געקענט מיט אַ געוויסער בייגערי־קייט זיך צוקוקן צו פריילין קאַסטעלי. זי איז, לויט די מעשיות, געוועזן דאָס מאָדנעסטע קינד אויף דער וועלט, תמיד זייער אַ ווילדס, אָבער נישט צום דערגיין. בשעת זי איז אַלט געווען צען יאָר, איז זי זייער קראַנק געווען, מען האָט זי געהייסן אָטעמען מיט ים־לופט, און די דאַמען האָבן לאַנג געוווינט אויף סטראָמ־באָלי...

— דאָס קינד האָט געקוקט אויפן ווולקאַן, אויפן ים און געפּאַטשט מיט די הענטלעך, חזרנדיק: „שיין! שיין!" מיר זענען צופעליק אָהינגעקומען, בלאָנדזשענדיק אין אַ געדונגענעם יאַכט אָן אַ ציל; לענגער איז שווער געווען צו בלייבן, מחמת ס'איז געווען אַ פּוסט אינדזעלע און ס'איז נישט געווען ווו צו וווינען און נישט אַ סך צו עסן, זי האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אַרויספאָרן, ווי זי וואָלט געפילט, אַז דאָרט וועט זי געזונט ווערן. אין אַ חודש אַרום, אויב נישט אין אַ חודש איז אין אַ צוויי חדשים אַרום, האָט זי אָנגעהויבן קומען צו זיך, און קוקט ווי זי איז אויס־געוואַקסן, ווי אַ רור־שטעקעלע.

באמת טאַקע פריילין קאַסטעלי, הגם אַ שטאַלטנע און נישט קיין געפערלעכע מיט איר הייך, איז געווען אַ ביסל העכער אפילו פון פרוי אָסנאָווסקאַ. זאַווילאָווסקי האָט געקוקט אויף איר מיט וואַקסנדיקן אינטערעס. פאַרן פונאַנדערגיין זיך פון די געסט האָט ער, אָן אַרויסגעלאָזטער ענדלעך פון געפעגנעניש, זיך דערנענט צו איר און געזאָגט:

— כ'האָב קיינמאָל נישט געזען קיין ווולקאַן און כ'האָב נישט קיין באַגריף, סאַראַ איינדרוק ער קען מאַכן.

— איך קען נאָר דעם וועזוו — האָט זי געענטפערט —

אָבער ווען מיר האָבן אים געזען, איז קיין אויסברוך נישט גע־ווען.

— און סטראָמבאָלי?

— קען איך נישט.

— האָב איך אודאי פאַרהערט, ווייל — די מומע אייע־רע...

— יאָ — האָט געענטפערט פריילין קאַסטעלי — איך גע־דענק נישט. כ'בין משמעות זייער קליין געווען.

און אויף איר פּנים האָט זיך אָפּגעשלאָגן אומאָנגענעמקייט און צעמישונג.

פרוי אָסנאָווסקאַ האָט, נישט אַרויסגייענדיק ביזן סוף פון דער ראָל פון אַ צויבערנדיקער קלאָפּערין, פאַרבעטן פאַר אָפּ־פאָרן זאַווילאָווסקין צו זיך, „איינעם פון די אָוונטן, אָן צערעמאָ־ניעס און אָן אַ פראַק, מחמת מען קען אַזאַ פריילינג האַלטן פאַר זומער און זומער איז די אָנגענעמסטע פרייהייט". זי האָט דערביי דערקלערט, אַז זי פאַרשטייט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי ער, האָבן נישט ליב קיין נייע קאָנטשאַפט, ס'איז אָבער פאַרהאַן דערצו אַ פשוטע עצה, דהיינו: האַלטן זיי פאַר אַלטע באַקאַנטע. זיי זיצן אָפטער פאַר אַלע אַליין: לינעטקאַ לייענט עפּעס, אָדער רעדט, וואָס עס גייט איר פאַרביי דורכן קאָפּ, און איר גייען אַזעלכע זאַכן פאַרביי דורכן קאָפּ, אַז עס איז כדאי צו הערן, בפרט נאָך עמעצן, וואָס איז מסוגל עס בעסער צו פילן און פאַרשטיין, ווי יעדער אייבער.

פריילין קאַסטעלי האָט גאַנץ פעסט אים געדריקט צום גע־זעגענען די האַנט, ווי זי וואָלט באַשטעטיקן, אַז זיי קענען און זענען מחויב זיך צו פאַרשטיין. זאַווילאָווסקי, אַ נישט געוויינטער צו מענטשן, איז געווען אַ ביסל פאַרשיכורט: מיט ווערטער, מיטן שאַרך פון די קליידער, מיט די אויגן, מיטן איריס־ריח, וואָס די דאַמען האָבן געלאָזן נאָך זיך. ער האָט געפילט דערביי אַ ביסל מידעקייט, מחמת אין דעם שמועס, הגם אַ פרייען און אויסערלעך פול מיט פשטות, האָט געפעלט די רו, וואָס איז תמיד געווען אין פרוי פּאָלאַניעצקיס אין פרוי ביגעלס ווערטער; בײַ זאַווילאָווסקין איז געבליבן אַ ביסל אַ געפיל פון אַ חלום אָן אַ סדר.

די ביגעלס האָבן געזאָלט בלייבן אויף מיטאָג, האָט דערי־בער פּאָלאַניעצקי פאַרהאַלטן אויך זאַווילאָווסקין. דערווייל האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן, וועגן די דאַמען.

— נו, ווי געפעלט אייך פריילין קאַסטעלי? — האָט אַ פרעג געטון מאַריניאַ.

— זיי האָבן ביידע אַ סך פאַנטאַזיע — האָט נאָך אַ רגע טראַכטן געענטפערט זאַווילאָווסקי — איר האָט באַמערקט, ווי ליכט זיי רעדן מיט בילדער?

— אמת, אָן אינטערעסאַנט מיידל לינעטאַ?

פּאָלאַניעצקי, אויף וועלכן פריילין קאַסטעלי האָט קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט, און וואָס איז געווען הונגעריק און זיך נעיאָגט צום מיטאָג, האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געוויסער אומגע־דולדיקייט.

— וואָס זוכט איר דאָרט! אינטערעסאַנט, כל־זמן זי וועט נישט וואַכעדיק ווערן!

פרוי פּאָלאַניעצקאַ ווידער האָט געענטפערט:

— ניין, לינעטאַ וועט נישט וואַכעדיק ווערן... עס ווערן וואַכעדיק בלויז פשוטע, פּראָסטע נפשות, וואָס קענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי ליב האָבן.

זאַווילאָווסקין, וואָס האָט אין דער רגע אויף איר אַ קוק נעגעבן, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט באַמערקט אין איר אַ שאָטן פון טרויער. זי איז דערביי געווען אפשר אַ ביסל אָפּגע־שוואַכט, מחמת איר פנים האָט געהאַט פשוט ליליע־קאָלירן.

— איר האָט זיך פאַרמאַטערט? — האָט ער אַ פרעג גע־טון.

— אַ ביסל — האָט זי שמייכלענדיק געענטפערט.

זיין יונג, איינדריקלעך האַרץ האָט אָבער אָנגעהויבן קלאַפּן צו איר מיט גרויס מיטגעפיל. „דאָס איז באמת אַ ליליע" — האָט ער אַ טראַכט געטון — און אין פאַרגלייך מיט איר זיסן חן, האָט פרוי אָסנאָווסקאַ באַ אים אויסגעזען, ווי אַ שרייענדיקע סאָיקע, און פריילין קאַסטעלי, ווי אַ טויטער קאָפּ פון אַ סטאַטוע. פריער האָט ער געפלעגט נאָך יעדן זען זיך מיט פרוי פּאָלאַניעצקאַ

טרוימען וועגן אַזאַ פרוי, ווי זי איז; דעם אָוונט האָט ער אָנגעהויבן טרוימען נישט וועגן אַזעלכע, ווי זי איז, נאָר וועגן איר אַליין. היות ער האָט זיך שנעל אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם, וואָס עס האָט זיך אין אים געטון, האָט ער באַמערקט, אַז זי הייבט אָן צו זײַן נישט בלויז אַ „פעלד־בלום, נאָר אויך אַ געליבטע בלום.

פּאָלאַניעצקי ווידער האָט, טרעפנדיק אויף צומאַרגנס אים אין ביוראָ, אַ פרעג געטון:

— נו, און די שלאָפנדיקע בת־מלכה? ס'האָט זיך אייך געחלומט? וואָס?

— ניין! — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי, רויט ווערנדיק.

פּאָלאַניעצקי האָט, באַמערקנדיק זײַן פנים, אָנגעהויבן לאַכן און אַ זאָג געטון:

— האַ, שווער! יעדער מוז עס דורכגיין: איך בין עס אויך דורכגעגאַנגען '

XXII

מאַריניאַ האָט אַפּילו פאַר זיך אַליין זיך נישט באַ=
קלאָגט אויפן מאַן. ס'איז ביז איצט צווישן זיי נישט פאָרגעקומען
די קלענסטע טענה ומענה. זי האָט בלויז געמוזט מודה זיין, אַז
דאָס אמתע גרויסע גליק, בפרט נאָך די זייער גרויסע ליבע, וועגן
וועלכער זי האָט געטרוימט, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט גאַנץ אַנ=
דערש. וועגן דעם האָט זי כמעט יעדער טאָג באַזונדער איבער=
צייגט. אַנדערש זענען געווען די האַפנונגען, אַנדערש האָט זיך
אַרויסגעוויזן די ווירקלעכקייט. מאַריניאַס ערלעכע נאַטור האָט זיך
אָנגעהויבן קעגן דער ווירקלעכקייט צו בונטעווען ס'איז אָבער גע=
פאַלן אויף איר אַ שאָטן פון טרויער, צוזאמען מיטן געפיל, אַז דער
שאָטן קען אַמאָל ווערן דער פאָן פון איר לעבן.

האָבנדיק אַ פול האַרץ גוטן ווילן, האָט זי תחילת געפרוווט
זיך דערווייזן, אַז דאָס איז איר אייגנס אַן איינרעדעניש, וואָס האָט
איר דען געפעלט און מיט וואָס האָט פּאָלאַניעצקי זי געקענט אַנ=
טוישן? ער האָט בכיוון איר קיינמאָל קיין עגמת=נפש נישט פאַר=

שאפט; וויפיל מאָל עס פלעגט אים קומען אין קאָפּ אריין, אַז עס וואָלט איר עפּעס געקענט זיין אָנגענעם, האָט ער זיך באַמיט עס איר צו פאַרזיכערן. ער איז געווען פאַר איר מילד, געדאַנקט ווען איר געזונט, מינוטנווייז געפלעגט איר אויסקושן דאָס פּנים און די הענט — מיט איין וואָרט, ער איז גיכער געווען אַ גוטער, ווי אַ שלעכטער. און דאָך האָט עפּעס געפעלט דערינען.

מאַריניאַן איז עס שווער געווען צו באַשטימען אין איין אָדער עטלעכע ווערטער, אָבער דער שכל אירער איז געווען צו קלאָר, זי זאָל נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס האַרץ פלעגט יעדן טאָג לעבעדיקער און טרויעריקער פילן. ס'האָט איר עפּעס געפעלט! נאָכן גרויסן און פייערלעכן יום־טוב פון ליבע האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי וואָכעדיקע טעג. איר איז אָבער אַ שאָד געווען דער יום־טוב, זי האָט מיט צער געזען, אַז דעם מאַן אירן האָט דווקא די וואָכעדיקייט אויסגעוויזן אַלס נאַרמאַל און געגאַרט. אַזוי ווי ס'איז געווען, איז געווען נישט שלעכט, דאָס איז אָבער נישט געווען דאָס הויכע גליק, וואָס „אַזאַ מענטש" האָט באַדאַרפט פילן, באַשאַפן און געבן. אַחוץ דעם איז געגאַנגען אין עפּעס אַנדערש. זי האָט געפילט, אַז זי איז מער זיין, ווי ער אירס — און אַז ווען זי גיט אים אָפּ איר גאַנצע נשמה, גיט ער איר צוריק פון זיינעם בלויז דאָס חלק, וואָס ער האָט פאַרויס באַשטימט פאַר היימישן געברויך.

זי האָט זיך עס לעולם פאַרענטפערט, אַז ער איז אַ מאַנסביל און האָט אַ חוץ איר נאָך אַ גאַנצע וועלט אַרבעט און געדאַנקען; זי האָט זיך אָבער געריכט אַמאָל, אַז ער וועט זי נעמען פאַר דער האַנט און אין דער וועלט אַריינפירן. אַז אין דערהיים לכל הפּחות וועט ער זיך מיט איר טיילן, דערווייל אָבער האָט זי אַפילו נישט געקענט חלומען, ס'זאָל זיין אַזוי. די ווירקלעכקייט איז געווען ערגער, ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. פּאַלאַניעצקי — ווי ער פלעגט זיך אַליין אויסדריקן — האָט זי גענומען און געהאַט, און ווען זייער געמיינזאַם געפיל איז געוואָרן גלייכצייטיק אַ פּשוטע געמיינזאַמע פליכט, האָט ער געמיינט, אַז ער דאַרף נישט אַנדערש ווען איר דאַנקען און נישט אַנדערש זיך באַמיען ווי

וועגן אַלע אַנדערע פּליכטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. ס'איז אים פּשוט נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז פאַר אַזאַ פייער איז נישט געבוג צוצולייגן געוויינטלעך האָלץ, ווי מען לייגט אין קוי־מען אַריין, נאָר אַז מען דאַרף דעריבער אַריינשיטן בּורשטין און מור־בּשמים, פּונקט ווי מען שיט עס פאַרן אַלטאַר. ווען עמעץ זאָל עס אים געוועהן זאָגן, וואָלט ער אַ ציק געטון מיט די אַקסלען און אים געהאַלטן פאַר אַ ראָמאַנטיקער. דערפאַר אפשר האָט ער געהאַט אין זיך אַ זאָרגעוודיקייט פון אַ מאַן, אָבער נישט דאָס דאהגן פון אַ געליבטן, נישט דאָס דורכנעמען זיך, נישט דאָס וואַך זיין, נישט דעם פּחד, וועלכער איז אין דעם קלענערן מאַסשטאַב פון ערדישע געפילן דאַס, וואָס עס איז די אימה פאַר גאָט אינם רעליגיעזן געפיל. אַמאָל, ווען מאַריניאַ איז נאָך דעם פאַרקויפן קזשעמיען געווען צו אים גלייכגילטיק, האָט ער געפילט און איז דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען, אָבער איצט, און אפילו פון ליטקאָס טויט אָן, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין לחלוטין זיכער, אַז זי איז זיין אייגנטום, האָט ער מער וועגן איר נישט געטראַכט, ווי עס שטייט אָן צו טראַכטן וועגן אַן אייגנטום. זיין געפיל, וואָס איז דער עיקר געווען געשטיצט אויף איר פיזישער שיינקייט, האָט באַזיצן אַלץ, וואָס ער האָט גע וואָלט — און ער איז געווען רויק. בּיז די צייט האָט עס געקענט אין דער צוקונפט וואַכעדיק מאַכן, אָפּקילן, אָפּ־טעמפּן.

דערווייל שוין איצט, הגם עס איז נאָך געווען פריש, האָט איר געפעלט למשל אַזאַ וואַכזאַמע און פּישטשעגדיקע האַרציקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין באַציונג צו ליטקאָ. מאַריניאַ האָט דאָס באַמערקט. פאַרוואָס עס איז אַזוי געווען? — האָט זי קיין תשובה נישט געקענט געבן, דאָך האָט זי קלאָר געפילט, אַז זי איז פאַר דעם מענטש, פאַר וועלכן זי האָט געוואָלט זיין אַלץ, געווען עפּעס געוויינטלעכעס און וויניקער טייער, ווי יענץ פאַר־שטאָרבן קינד.

ס'איז איר נישט געקומען אין קאָפּ אַריין און ס'האָט בשום אופן נישט געקענט זיך איר לייגן אויפן שכל, אַז די איינציקע סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס יענץ קינד איז נישט געווען

זיין, און זי האָט אים אָפּגעגעבן איר ליבע און זעל. זי האָט געהאַלטן, אַז וואָס מער זי גיט זיך אָפּ, דאַרף זי אַלץ מער באַקומען און האָבן. די צייט האָט אָבער אין דעם פּרט געבראַכט איר אַ סך אַנטוישונגען. זי האָט אויך נישט געקענט נישט באַמערקן, אַז אַלע שעצן זי, ליבן, אַז שווירסקי, ביגעל, זאַווילאָווסקי און אפילו הער אָסנאָווסקי קוקן אויף איר נישט בלויז מיט באַוווּנדערונג, נאָר אפילו מיט אַנטציקונג, און אַז ווייניקער פון אַלע מאַכט זיך פון אירע מעלות — ער — „סטאַך". ס'איז איר אפילו קיין רגע אויפן רעיון נישט געקומען, אַז ער זאָל נישט מסוגל זיין זיך צו דערקענען אויף איר און אָפּשאַצן דאָס, וואָס אַנדערע פלעגן אין איר באַמערקן און אַזוי לייכט אָפּשאַצן. וואָס איז אַלזאָ געווען די סיבה? די שאלות האָבן זי איצט טאָג און נאַכט געפּייניקט. דאָס, וואָס זי האָט באַמערקט, אַז פּאָלאַניעצקי מאַכט אין אַלעם אַן אָנשטעל פון אַ קאַלטערן און מער ניכטערנעם כאַראַקטער, ווי ער האָט באמת געהאַט, איז פאַר איר געווען אַ קנאַפּע תשובה. ס'איז איר ליידער געבליבן בלויז איין תשובה: „ער האָט מיך נישט ליב אַזוי, ווי ער וואָלט געקענט, און דעריבער שעצט ער מיך נישט אַזוי, ווי עס שעצן מיך אַנדערע". ס'איז געווען דערינגען אַזוי פיל אמת, ווי צער און טרויער.

דער פרוילעכער אינסטינקט, וואָס נאַרט אין אַזעלכע פאַלן קיינמאָל נישט, האָט מזהיר געווען מאַריניאַן, אַז זי האָט אויף זאַווילאָווסקין געמאַכט אַן אומגעווייטלעכן איינדרוק. און אַז דער איינדרוק האָט זיך מיט יעדער מאָל טרעפן פאַרגרעסערט. און דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי נישט פאַרדראָסן, זי האָט נישט אויפגעברויזט מיט כעס אין אַ פראַגע: „ווי וואַגט ער?!" — מחמת ער האָט אַגב קיין זאַך נישט געוואַגט — פאַרקערט, עס האָט איר צוגעגעבן אַ געוויסע האָפּערדיקייט, אַ געוויסע אמונה אין איר שיינקייט, וואָס זי פלעגט מינוטנווייז פאַרלירן, גלייכצייטיק אָבער האָט עס דערוועקט אין איר נאָך אַ גרעסער עגמת-נפש, אַז אַזאַ האַרציקן כבוד, אַזאַ אַנטציקונג האָט בנוגע צו איר אַרויסגעוויזן אַ פרעמדער, נישט „סטאַך". וואָס שייך זאַווילאָווסקין, האָט זי צו אים קיין זאַך נישט געפילט, אַ חוץ גרויסע סימפּאַטיע און וויל-

נייגונג, דעריבער זענען די מחשבות אירע געבליבן ריין, זי וואָלט נישט מסוגל געווען אויס גאווה זיך צו ווילן פון פרעמדע יסורים, און דעריבער האָט זי, נישט װעלנדיק ער זאָל צו וויט פאַרקריכן, זיך פאַרייניקט צו פרוי אָסנאַ סקאָס פלאַן, צו דערנענטערן זאַווילאָווסקין מיט פריילין קאַסטעלי, הגם דער פלאַן האָט זיך איר אַרויסגעוויזן אַזוי פּלוצלינג, אַז אַזש אומפאַרשטענדלעך. איבעריקנס איז איר האַרץ און מוח געווען לחלוטין פאַרנומען מיט די פראַגן: פאַרוואָס וויל דער גוטער, דער קלוגער און דער געליבטער סטאַך נישט אַרויף מיט איר אין די הויכן? פאַרוואָס שעצט ער זי נישט אַזוי, ווי ער וואָלט געקענט? פאַרוואָס האָט ער זי בלויז ליב אין נישט ער ליבט זיך אין איר? פאַרוואָס האַלט ער איר ליבע בלויז פאַר עפּעס, וואָס געהערט צו אים, אָבער נישט פאַר עפּעס טייערס? פונוואַנען האָט זיך עס גענומען און ווי ליגט די סיבה דערפון?

יעדע פלאַכע, עגאָיסטישע נאַטור וואָלט די גאַנצע שולד געפונען אין אים — מאַ יניאַ פּאָלאַניעצקאַ האָט זי געפונען אין זיך. זי האָט אמת די אַנטדעקונג געמאַכט מיט פרעמדער הילף, זי איז אָבער תמיד אַזוי גרייט געווען אַראָפּצונעמען די אַחריות פון איר „סטאַכן" און נעמען זי אויף זיך, אַז צוזאַמען מיט דער שרעק האָט עס איר כמעט פאַרשאַפן פרייד.

איינמאָל נאָכמיטאָג, בשעת זי איז געזעסן אַליין און מיט פאַרלייגטע הענט אויף די קני פאַרזונקען אין איר רעיונות און שאלות, אויף וועלכע זי האָט קיין תשובה נישט געקענט געפינען, האָט זיך פּלוצלינג געעפנט די טיר און ס'האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער שלייער און טונקל קלייד פון אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער.

— עמילקאַ! — האָט מיט שמחה אויסגעשריגן פרוי פּאָלאַניעצקאַ.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט געענטפערט די שוועסטער — כ'האָב היינט אַ פרייען טאָג און כ'וואָלט וועלן אייך באַזוכן. ווו איז הער סטאַניסלאַוו?

— סטאַך איז בא די מאַשקאָס, כ'מיין אָבער, אַז ער וועט

קומען. זאָג, ווי צופרידן ער וועט זיין! זעץ דיך, רו זיך אָפּ!

פרוי עמיליאַ האָט זיך געזעצט און אָנגעהויבן רעדן.

— איך וואָלט צו אייך אָפטער געקומען — כ'האָב אָבער קיין צייט נישט. היינט איז אָבער אַ פרייער טאָג; כ'בין געווען באַ ליטקאַן. זאָלסט זען, ווי גרין דאָרט איז און וויפיל פייגל!

— מיר זענען דאָרט געווען מיט עטלעכע טעג צוריק. אַלץ בליט — און אַזאַ רו... סאַראַ שאָד, וואָס סטאַך איז נישטאָ!

— יאָ. ער האָט אַ חוץ דעם ליטקאָס עטלעכע בריוו; איך וואָלט אים וועלן בעטן, ער זאָל זיי מיר לייען, איבער אַכטאָג זונטיק וועל איך זיך ווידער אַרייַנכאַפּן און אים זיי אָפּברענגען.

פרוי עמיליאַ האָט גערעדט שוין רויִק וועגן ליטקאַן. אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל פון איר אַליין איז געבליבן בלויז אַ שאָטן פון אַ לעבעדיק וועזן, וואָס האָט אינגיכן באַדאַרפט צעשווומען ווערן — דערווייל אָבער האָט זי געהאַט אין זיך נישט געשטערטע מילדקייט. איר געדאַנק איז שוין נישט געווען פאַרשלונגען בלויז פון אומגליק, און די אַמאָליקע גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס עס איז נישט געווען ליטקאַ, איז פאַרביי. ווערנדיק אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער, איז זי ווידער געקומען צווישן מענטשן און זיך אויסגעלערנט פילן אַלץ, וואָס עס איז געווען זייער מזל און אומגליק, שמחה אָדער טרויער, אפילו הנאה אָדער אומאָנגענעמלעכקייט.

— ווי שיין דאָ איז תמיד באַ אייך! — האָט זי אַ זאָג געטאָן אין אַ ווײַלע אַרום — נאָך אונדזערע ווייסע ווענט, ווייזט מיר דאָס אַלץ אויס אַזוי רויִק. הער סטאַניסלאַוו איז אַמאָל געווען אַ גרויסער עצלן; ער פלעגט קומען צו די ביגעלס און צו אונדז; ווייטער פלעגט זיך אים אין ערגעץ נישט גלוסטן צו זיין, איצט אָבער האָט ער זיך מסתמא צערודערט און איר מוזט אויפנעמען אַ סך מענטשן.

— ניין — האָט געענטפערט מאַריניאַ — מיר קומען בלויז צו די מאָשקאָס, בראַניטשס ון צו די אָסנאָווסקאָס.

— אַ, וואַרט! פרוי אָסנאָווסקאַ קען איך. כ'האָב זי נאָך געקענט אַלס מיידל. כ'האָב אויך געקענט דאָס פּאָרל בראַניטש און זייער שוועסטער־טאָכטער, זי איז דאַמאָלס נאָך נישט געווען קיין דערוואַקסענע. הער בראַניטש איז געשטאָרבן מיט זעקס יאָר צוריק. זעסט, ווי איך ווייס אַלץ.

מאַריניאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— באַנית מער פאַר מיר. איך האָב זיך באַקאַנט מיט די אָסנאָווסקאָס ערשט אין רוים.

— איך ווייס דאָך אַזוי לאַנג אין וואַרשע, האָט מיר שוין אַלץ געזשומעט אין די אויערן. כ'פלעג פּלומרשט זיצן כסדר אינדערהיים, די וועלט פלעגט מיך אָבער אינטערעסירן, אַזאַ גלאַטערל בין איך געווען! איבעריקנס דיין הייַנטיקער סטאַף האָט אויך געקענט די פרוי אָסנאָווסקאַ...

— ער האָט מיר געזאָגט דערפון. זיי פלעגן זיך טרעפן אויף ענטלעכע בעלער.

— זי האָט דאַמאָלס געוואָלט חתונה האָבן מיט הער קאָפּאָווסקין. ס'זענען געווען טרערן און פאַרצווייפלונג, ווייל דער פאָטער אירער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט. זי האָט אָבער גוט געטראָפן? — נישט אמת? הער אָסנאָווסקין האָט מען תמיד געהאַלטן פאַר אַ גוטן מענטש.

— און ער איז טאַקע פאַר איר דער בעסטער. וועגן דעם אָבער, אַז זי האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט הער קאָפּאָווסקין האָב איך נישט געוווסט, און ס'חידושט מיך, אַזאַ אינטעליגענטער.

— געלויבט איז גאָט, זי איז גליקלעך; זי זאָל עס נאָר וועלן שעצן. גליק איז אַ זעלטענע זאַך, מען דאַרף זיך אַזוי גוט דערמיט קענען באַגיין! איך האָב זיך איצט אויסגעלערנט קוקן אויף דער וועלט אַזוי אָביעקטיוו, ווי עס קענען נאָר מענטשן, וואָס קוקן שוין פאַר זיך גאָרנישט אויס — ווייסטו, וואָס עס איז מיר

נעקומען אין קאָפּ אריין? אַז גליק, איז ווי אויגן: אַ ליאַדע שטוי־בעלע — און תיכף הייבן אָן צו רינען טרערן.

מאַריניאַ האָט אַ ביסל טרויעריק אַ שמייכל געטון און גע־ענטפערט.

— אי דאָס, דאָס איז אַ גרויסער אמת!

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ רגע פון שווייגן, דערנאָך האָט פרוי עמיליאַ, אַ קוק טוענדיק אויפמערקזאַם אויף מאַריניאַן, לייכט אַרויפגעלייגט איר דורכזיכטיקע האַנט אויף יענערס האַנט און געפרעגט...

— אָבער דו, מאַריטקאַ, ביסט גליקלעך? — יאָ?

מאַריניאַן האָט פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ חשק צו וויינען, זי האָט זיך אָבער מיט כל אמצי כוחות איינגעהאַלטן, דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז איין אויגנבליק. איר גאַנצע ערלעכע נשמה האָט פּלוצלינג אַ צאַפּל געטון באַם געדאַנק, אַז אירע טרערן אָדער טרויער וואָלט געווען אַ מין באַקלאָגן זיך אויפן מאַן, האָט זי דע־ריבער מיטן קראַפט פון ווילן באַהערשט איר אויפרעגונג און גע־ענטפערט:

— אַבי סטאַך זאָל נאָר זיין גליקלעך!

און זי האָט אויפגעהויבן די שוין אינגאַנצן לויטערע אויגן אויף פרוי עמיליאַ, וואָס האָט אַ זאָג געטון:

— ליטקאַ וועט פאַר אייך זיין אַ גוטע מליצה! כ׳האָב זיך גע־פרעגט בלויז דערפאַר ווייל, ווען כ׳בין אַריין, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַ ביסל פאַרמרה־שחורהט. איך ווייס אָבער צום בעסטן, ווי ער האָט דיך ליב געהאַט און ווי אומגליקלעך ער איז דאַמאָלס געווען, ווען דו ביסט געווען אויף אים אין כעס צוליב קזשע־מיען.

מאַריניאַס פּנים האָט אָנגעהויבן שיינען מיט אַ שמייכל. ס איז איר אַזוי ליב געווען יעדער וואָרט וועגן זיין אַמאָליקער ליבע, אַז זי איז גרייט געווען צו הערן די מינים מעשיות אָן אַ שיעור און אָן אַן עק.

פרוי עמיליאַ ווידער האָט גערעדט ווייטער, אָנרירנדיק דערביי איר האַנט.

— און דו, מיאוס קינד איינס! ביסט געווען אַזוי אומברחמנותדיק, האָסט אַזוי נישט געקענט גוט אָפּשאַצן, נישט שוינען זיין אמתע צוגעבונדקייט, אַז איך פלעג צייטנווייז זיין אויף דיר אין כעס. צייטנווייז פלעג איך מורא האָבן פאַר הער סטאַניסלאַוון, עס זאָל אים נישט נמאס ווערן דאָס לעבן, ער זאָל זיך נישט אויסלעבן, נישט ווערן קיין פּרא־אדם. ווייל, פאַרשטייסטו מיך, אַז עס מאַכט זיך עפּעס אַ פּעלבל ערגעץ אין דער טיף פון האַרץ, קען מען עס שוין נישט דאָס גאַנצע לעבן אויסגלייכן.

מאַריניאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן, ווי עס וואָלט זיי עפּעס אַ פלוצלינגע שיין אָנגעהויבן אַרן.

— עמילקאַ! עמילקאַ! — האָט זי אויסגעשריגן — ווי קלוג דו רעדסט!

פרוי עמיליאַ האָט איצט געהייסן „שוועסטער אַניעליאַ", מאַריניאַ אָבער האָט זי תּמיד גערופן באַם אַמאָליקן נאָמען.

— עט, וואָס דאַרט קלוג! — האָט זי געענטפערט — אָט רעד איך מיר אַזוי פאַר די אַמאָליקע יאָרן. ליטקאַ אָבער וועט פאַר אייך אויסבעטן גליק, און גאָט וועט אייך געבן, מחמת איר זייט עס ביידע ווערט.

און זי האָט אָנגעהויבן זיך קלויבן. מאַריניאַ האָט זי געפּרוּווט פאַרהאַלטן ביזן מאַנס קומען, ס'איז אָבער געווען בחנם, מחמת אין אַנשטאַלט האָט אויף איר געוואַרט אַרבעט. דאָך האָבן זיי נאָך אַ ביסל אייגעטענהט, לויטן ווייבערישן מנהג, אַן ערך אַ פערטל שעה אין דער טיר; ענדלעך איז פרוי עמיליאַ אַוועק, צוזאָגנדיק זיי צו באַזוכן דעם קומענדיקן זונטיק.

מאַריניאַ פּאָלאַניעצקאַ האָט זיך אומגעקערט אויף איר שטעל אונטערן פענסטער און, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דער האַנט, האָט זי אָנגעהויבן באַטראַכטן פרוי עמיליאַס ווערטער, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטון מיט אַ האַלבער שטים:

— יאָ, דאָס איז מיין שולד!...

ס'האָט זיך אויסגעדאַכט איצט, אַז זי האָט דעם שליסל צום רעטעניש.

זי האָט נישט געקענט שוינען אַזאַ אמתע און גרויסע קראַפט ווי ליבע, און איצט האָט אין איר דערשראָקן האַרץ די ליבע אויסגעזען, ווי עפּעס אַ באַליידיקטער גאָט, וואָס שטראָפט. דאַמאָלס איז פּאָלאַניעצקי געווען פאַר איר אויף די קני. וויפיל מאָל זיי פלעגן זיך טרעפן, האָט ער געקוקט אַיר אין די אויגן, אויסקוקנדיק דערבאַרעמונג פון איר האַרץ און פון די נישטיקע, קליינע, אָבער טייערע זכרונות, וואָס האָבן זיי געבונדן. ווען זי זאָל דאַמאָלס נעווען האָבן אין זיך פשטות און גרויסמוטיקייט, ווען זי זאָל געווען אויסציען צו אים די הענט, ווי עס האָט איר געבאָטן דאָס פאַרבאָרגענע געפיל — וואָלט ער געווען איר דאָס גאַנצע לעבן דאַנקבאַר, ער וואָלט געווען זי געאַכט, געאַכט און ליב געהאַט אַלץ מער האַרציק, וואָס מער ער וואָלט געווען געפילט זיין אייגענע שולד, און איר גוטסקייט. זי האָט דאַמאָלס אָבער גיכער געוואָלט פלעגן און צעבלאָזן איר פאַרדרוס, און אַגב צוציען מאַשקאָן. בשעת מען האָט געדאַרפט פאַרגעסן, ווען מען האָט באַדאַרפט מוחל זיין, האָט זי נישט געקענט מוחל זיין. ס'איז איר ליבער געווען אַליין צו ליידן, אַבי ער זאָל אויך ליידן. פּאָלאַניעצקין האָט זי אָפּגעגעבן די האַנט ערשט דאַמאָלס, ווען זי האָט אַנדערש שוין נישט געקענט, ווען נישט געבן זי, וואָלט געהייסן פשוט אומערלעכע און נאַרישע האַרטנעקיקייט. אמת, אַז דאָס געשטיקטע ליב האָבן איז דאַמאָלס אַנטשטאַנען אין זיין גאַנצער אומבאַזיגלעכער קראַפט, און אַז זי האָט ליב געקריגן מיט האַרץ און נשמה — אָבער דאָס איז געווען צו שפּעט. די ליבע איז געוואָרן באַליידיקט. עס איז עפּעס צעבראָכן געוואָרן, עס איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען; אין זיין האַרץ האָט זיך געמאַכט אַ בייז־באַשערטע פאַלב, ווענן וועלכער פרוי עמיליאַ האָט דערמאַנט — און איצט שניידט זי, מאַריניאַ, בלויז דאָס, וואָס זי האָט פאַר,ייעט.

ער איז דאָ גאָרנישט שולדיק — און אויב עס האָט ווער

עמעצן אַ תּל געמאַכט פון לעבן, איז נישט ער איר, נאָר זי אים.

ס'האָט זי באַ דעם געדאַנק אַזאַ פּחד און אַזאַ צער אַרומגענומען, אַז זי האָט ממש אויס אימה אַ רגע געקוקט אין דער צוקונפט. גלייכצייטיק האָט זיך איר געוואָלט וויינען, ווי אַ קליין קינד. ווען פרוי עמיליאַ זאָל נישט האָבן אַוועקגעגאַנגען, וואָלט זי עס געווען געטון אין אירע אָרעמס, זי איז אַזוי געווען דורכגענומען מיט דער משא פון אירע אייגענע חטאים, אַז עמעץ זאָל געווען אָנקומען אין דער ווילע און פּרוון אַראָפּנעמען פון איר די משא, ווען ער זאָל געווען איר זאָגן: ביסט אַזוי פיל שולדיק, ווי אַ טויב — וואָלט זי געהאַלטן, אַז ער רעדט אומערלעך. דאָס שרעקלעכסטע און דער גייסטיקער פּיין איז געווען דאָס, וואָס די ערשטע רגע האָט זיך איר די צרה אויסגעוויזן אָן תּיקון, און וואָס עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין דער צוקונפט קען בלויז זיין ערגער און ערגער, אַז „סטאַף" וועט זי וואָס אַמאָל ווייניקער ליב האָבן, מיט אייז וואָרט: זי האָט פאַר זיך קיין רעטונג נישט געזען.

די לאָגיק האָט איר געזאָגט: היינט איז נאָר גוט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס קען זיין מאָרגן, איבערמאָרגן, אין אַ חודש, אין אַ יאָר אַרום... און דאָ גייט אין אַ גאַנץ לעבן.

און זי האָט אָנגעהויבן אָנשטרענגען איר אָרעמען, באַצערטן מוח, כּדי צו געפינען, אויב נישט קיין וועג, איז לכל הפּחות, אַזאַ מין שטעגל, אויף וועלכן זי וואָלט קענען אַרויס פון די בלענדוועגן פון אומגליק. ענדלעך, נאָך לאַנגער אָנשטרענגונג, נאָך גאָט ווייסט וויפיל „אַראָפּגעשלונגענע" טרערן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט פאַר זיך עפּעס אַ שיין.

און די שיין, וואָס מער זי האָט זיך צוגעקוקט, איז זי אַלץ מער געוואַקסן.

ס'איז געווען אָבער עפּעס שטאַרקערס פון אומגליק-לאָגיק, [illegible] שטאַרקערס פון באַגאַנגענע חטאים און פון באַליידיקן גאָט, וואָס קען בלויז נקמה נעמען — גאָטס גענאָד!

זי האָט זיך פאַרזינדיקט, ווענדט זיך אָן איר דעם חטא צו פאַרריכטן. מען דאַרף דעם „סטאַכן״ ליב האָבן אַזוי, אַז ער זאָל געפינען אַלץ, וואָס עס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען אין האַרץ. מען דאַרף האָבן סבלנות און נישט בלויז נישט האָבן קיין תרעומות אויף איר הייגטיקן מזל, נאָר פאַרקערט, דאַנקען גאָט און „סטאַכן״, וואָס עס איז אַזוי, ווי עס איז. ווען עס זאָל קומען אַ גרעסערער צער און שווערקייטן, דאַרף מען זיי שטילערהייט באַהאַלטן אין האַרץ — און אויסהאַלטן לאַנג, זייער לאַנג, גאַנצע יאָרן, כּל־זמן עס וועט נישט קומען גאָטס גנאָד.

דאָס שטעגל האָט איצט זיך אָנגעהויבן בייטן אויף אַ שליאַך. „כ׳וועל נישט פאַרבלאָנדזשען״ — האָט געזאָגט צו זיך מאַריניאַ. — ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט אויך איצט וויינען פון גרויס שמחה, זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז זי קען זיך דאָס נישט דערלויבן. איבעריקנס, אַ ליאַדע רגע האָט סטאַך געקענט אָנקומען, און מען האָט באַדאַרפט, ער זאָל זי טרעפן מיט טרוקענע אויגן.

אינגיכן איז ער געקומען. מאַריניאַ האָט די ערשטע רגע געוואָלט זיך אים וואַרפן אויפן האַלדז, זי האָט זיך אָבער געפילט פאַר אים אַזוי שולדיק, אַז עפּעס אַ פּלוצלינגע אומדרייסטקייט האָט זי אָפּגעהאַלטן.

ער ווידער האָט אַ קוש טוענדיק איר אין שטערן געפרעגט:

— נישט געווען קיינער?

— עמילקאַ איז געווען, זי האָט אָבער לענגער נישט געקענט בלייבן. איבעראַכטאָג זונטיק וועט זי קומען.

ער איז דאַמאָלס געווען אויפגערוימט.

— אַך, גאָט מייַנער! דו ווייסט, ווי אָנגענעם מיר איז זי צו זען — פאַרוואָס האָסטו מיר נישט מודיע געווען? האָסט דאָך געוווּסט, ווו איך בין? פאַרוואָס האָסטו נישט אַ טראַכט געטון וועגן מיר?

און זי האָט ווי אַ קינד, וואָס פאַרענטפערט זיך, אָנגעהויבן

רעדן מיט אַ שיטם, אין וועלכער עס האָבן געציטערט טרערן, אָבער גלייכצייטיק אויך עפּעס אַ האַפּערדיקייט:

— ניין, סטאַף! — אדרבה! — ווי כ'האָב דיך ליב, אַזוי האָב איך כסדר געטראַכט וועגן דיר

XXIII

— זעט איר, אַז כ'בין געווען — האָט פריילעך אַ זאָג געטון זאַווילאָווסקי באַ די ביגעלס — מען האָט געקוקט אויף מיר אַ ביסל ווי אויף אַ פּאַנטערע, אָדער אויף אַ וואָלף, איך האָב אָבער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ היימיש געוואָרן באַשעפעניש; כ'האָב קיינעם נישט צעגראַטשעט, גאָרנישט צעבראָכן, געענטפערט מער ז דער ווייניקער מיט קאָפּ. ניין, כ'האָב עס דאָך לאַנג שוין באַמערקט, אַז מיט מענטשן איז לייכטער צו לעבן, ווי עס דאַכט זיך, — און בלויז די ערשטע מינוטן האָב איך תמיד חשק צו מאַכן פּיס. די דאַמען זענען אָבער באמת זייער פרייע.

— איך בעט אונדז נישט אָפּצוקומען מיט קליינגעלט, נאָר דערציילן אַלץ, ווי עס איז געווען — האָט זיך אָנגערופן פרוי ביגעל.

— ווי עס איז געווען? פריִער בין איך אַריין הינטער די קראַטן פון דער וועלט און כ'האָב נישט געוווסט, וואָס ווייטער צו טון, נישט ווו עס וווינען די אָסנאָווסקיס, נישט די פרוי בראַ-

ניטש — און צו מאַכן באַ זיי מיטאַמאָל אַ וויזיט, אָדער מען דאַרף באַזונדער באַ די און באַ יענע.

— באַזונדער — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי — פרוי בראַניטש האָט אַ באַזונדערע דירה, הגם זיי האָבן איין זאַל, וואָס זיי האַלטן פאַר אַ שותּפותדיקן.

— איך האָב אַלע געפונען אין דעם זאַל און פרוי אָסנאָווס־סקאַ האָט די ערשטע מיך אַרויסגעפירט פון פאַרלעגנהייט, מחמת זי חאָט מיר געזאָגט, אַז זי טיילט זיך מיט מיר מיט פרוי בראַ־ניטש און אַז איך מאַך מיט איינמאָל צוויי וויזיטן. כ׳האָב דאָרט געטראָפן פרוי מאַשקאָ און הער קאָפּאָווסקין — און דאָס איז עפּעס אַ הער, אַזאַ שיינער, אַז ער דאַרף האָבן אויפן קאָפּ אַ פּו־דעלע מיט סאַמעט אין דערמיט, ווי עס טראָגן יובילערן. ווער איז עס דער הער קאָפּאָווסקי?

— אַ שוטה! — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי — אין דעם פאַכט זיך איין דער נאָמען, דער אופן פון האַלטן זיך, די אַרבעט און די באַזונדערע סמנים. קיין אַנדער באַשרייבונג דאַרף ער אפילו אין גאַנצן נישט האָבן.

— איצט פאַרשטיי איך — האָט אַ זאָג געטון זאַווילאָווסקי — און אַ טייל ווערטער, וואָס איך האָב געהערט, זענען מיר קלאָר געוואָרן. דער הער האָט פּאָזירט און די יונגע דאַמען האָבן אים געמאָלט: פרוי אָסנאָווסקאַ גלייך מיט אייל־פאַרב און פריילין קאַסטעלי אַקוואַרעל פון פּראָפיל. ביידע זענען זיי געגאַנגען אָנ־געטון אין פערקאַלענע פאַרטעכלעך אויף די קליידער און זע־נען געווען שיין. פרוי אָסנאָווסקאַ האָט משמעות ערשט אָנגע־הויבן זיך לערנען, אָבער פריילין קאַסטעלי איז שוין שטאַרק גע־ניט.

— וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט?

זאַווילאָווסקי תּאָט זיך געווענדט צו מאַריניאָן.

— קודם־כּל האָבן די דאַמען געפרעגט, וואָס די מאַדאַם מאַכט, און איך האָב געענטפערט, אַז די מאַדאַם זעט וואָס אַמאָל בעסער אויס.

ער האָט אָבער נישט דערמאָנט, אַז באַ דער געלעגנהייט

איז ער רויט געוואָרן, ווי אַ סטודענט און אַז ער האָט זיך איצט נעטרייסט בלויז מיטן געדאַנק, אַז אַלע זענען אַזוי געווען פאַרנומען מיטן מאָלן, אַז קיינער פון זיי האָט עס נישט באַמערקט, אין וואָס ער האָט אגב אַ טעות געהאַט.

ער האָט זיך אפילו איצט נאָך אַ ביסל פאַרדרויטלט און, וועלנדיק דאָס פאַרדעקן, האָט ער אָנגעהויבן ווייטער רעדן:

— שפּעטער, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר גערעדט וועגן מאָלן און פּאָרטרעטן. איך האָב באַמערקט, אַז פריילין קאַסטעלי האָט אַ ביסל אַראָפּגענומען פון קאַפּאָווסקיס קאָפּ, זי אָבער האָט מיר געענטפערט: „נישט איך, נאָר די נאַטור!“

— אַ פלינקע מויד!

— און זי האָט עס גאַנץ הויך געזאָגט. איך האָב אָנגעהויבן זאַכן, אַלע איבעריקע אויך און צוזאַמען מיט אַלע הער קאַפּאָווסקי. דאָס מוז זיין אַ לייכטער כאַראַקטער. ער האָט דערנאָך דערקלערט, אַז אויב ער זעט היינט ערגער אויס, ווי אַלע מאָל, איז עס דערפאַר, ווייל ער איז נישט אויסגעשלאָפן און דאַרף ביטיק אַריינפאַלן צו אַרפינען אין די אָרעמס.

— אָרפינען?

— יאָ. פרוי אָסנאָווסקאַ האָט אים אָן צערעמאָניעס פאַריכט, ער האָט אָבער נישט מסכים געווען מיט דעם תיקון־טעות, זאָגנדיק, אַז ער איז אַמאָל צען געווען אויף אָרפינען — אין געדענקט עס גוט. די דאַמען ווילן זיך אַ ביסל מיט אים, ער איז אָבער אַזאַ שיין יינגל, מאָלן זיי אים מיט פאַרגעניגן. סאַראַ קינסטלערין עס איז אָבער די פריילין קאַסטעלי! אַז זי האָט מיר אָנגעהויבן ווייזן פאַרשידענע פלאַכן און ליניען מיט אַ פענזל אויף הער קאַפּאָווסקיס אָנגעהויבן בילד, האָט זי אַזש באַקומען קאָלירן: „סאַראַ ליניע“ — „און כאַראַ קאָלירן!“ כ'מוז מודה זיין, אַז זי האָט אויסגעזען דערביי ווי אַ מוזע. זי האָט מיר געזאָגט, אַז קודם כל האָט זי ליב צו מאָלן פּאָרטרעטן, אַז וועגן יעדער געזיכט טראַכט זי פריער, ווי וועגן אַ מאָדעל, און אַז די קעפּ, אין וועלכע עס איז פאַרהאַן עפּעס אויסגעוויינטלעכס, הלומען זיך איר.

— אהאַ! איר וועט זיך איר אויך פריִער חלומען, און דערנאָך פּאָזירן — כ'בין זיכער! — האָט געענטפערט מאַריניאַ — און דאָס וועט זיין גוט.

זאַווילאָווסקי ווידער האָט געענטפערט אַ ביסל מיט אַ נישט זיכערער שטים:

— זי האָט אַפילו געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שטייער, וואָס זי האָט ליב צו נעמען פון גוטע באַקאַנטע, אַליין אָבער גלייך צו מיר מיט אַ פאָדערונג האָט זי זיך נישט געווענדט — און, ווען נישט פרוי בראָניטש, וואָלט וועגן דעם קיין רייד נישט געווען.

— פרוי בראָניטש האָט אַרויסגעהאָלפן דער מוזע? — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

מאַריניאַ אָבער האָט איבערגעחזרט:

— יאַ, דאָס וועט גוט זיין.

— פאַרוואָס, מאַדאַם? — האָט אַ פרעג געטון זאַווילאָווסקי.

און ער האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט אַ הכנעהדיקן און אומרויִקן בליק. דער געדאַנק, אַז זי וויל אפשר פּרוּוון אים אַ שטויס טון צו אַן אַנדערער, ווייל זי האָט געטראָפן, וואָס עס טוט זיך בײַ אים אין האַרץ, האָט אים צוגעצויגן, אָבער גלייכצייטיק דורכגענומען מיט פחד.

— מחמת — האָט געענטפערט מאַריניאַ — איך קען כמעט נישט פריילין ליגנעטאַ און משפט בלויז נאָך די ערשטע איינדרוקן און נאָך דעם, וואָס איך הער וועגן איר, מיר ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס איז אַן אומגעווייגטלעכע נאַטור און אַז עס איז פאַראַן עפּעס טיפס אין איר האַרץ — איז דעריבער גוט, וואָס איר וועט אייך באַקענען.

— איך משפט אויך נאָך די ערשטע איינדרוקן — האָט געענטפערט זאַווילאָווסקי, אַ באַרויִקטער — און אמת, פריילין קאַסטעלי ווייזט זיך מיר אויס ווייניקער אויבערפלעכלעך, ווי פרוי אַסנאַווסקאַ, בכלל זענען זיי שיינע און ליבע פרויען — נאָר — אפשר קען איך עס נישט אָנרופן בײַם ריכטיקן נאָמען, ווייל איך

קען נישט געבוג די וועלט, באַר אַרויסגייענדיק פון זיי, האָב איך געהאַט אַ געפיל, ווי איר וואָלט האָבן געפאָרן אין וואַגאָן מיט זייער ליבע אויסלענדערינס, וואָס ווילן זיך, רעדן זייער פלינק — אָבער מער נישט. עס פילט זיך אָבער אין זיי עפעס פרעמדס. פרוי אָסנאָווסקאַ, למשל, איז אינגאַנצן ווי אַן אַרכידיי. זייער אַ שיינע און פיינע בלום, אָבער עפעס אַ פרעמדע. פריילין קאַסטעלי — אויך דאָס אייגענע. יאָ!... זי האָט אויך נישט אין זיך גאָר קיין היימישס נישט. באַ זיי האָט מען נישט דאָס געפיל, אַז מען איז אויף איין פעלד אויפגעוואַקסן, אונטער איין רעגן און אונטער איין זון...

— וואָס פאַר אַ חוש דער פאָעט האָט עס! — האָט אַ זאָג געטון פּאָלאַניעצקי.

זאַווילאָווסקי ווידער איז אַזוי לעבעדיק געוואָרן, אַז אויף זיין איידעלען שטערן האָבן בולטער זיך אויסגעצייכנט די אָדערן אין דער פאָרם פון אַ . ער האָט געפילט, אַז אין זיין פלאַטשיק מאַכן יענע דאַמען איז פאַרהאַן עפעס אַ מין שבח פאַר מאַריניאַן און דאָס האָט אים געגעבן לשון.

— אַ חוץ דעם — האָט ער ווייטער געזאָגט — איז פאַר־האַן עפעס אַ מין אינסטינקט, וואָס אַנטפלעקט די אמתע מענטש־לעכע פריינטלעכקייט. דאָרט אַנטפלעקט זיך דאָס נישט. זיי זע־נען ליב, ליבנסווירדיק, — דאָס זעט אָבער אויס מער פאָרם, און דעריבער מיין איך, אַז אַן אמתער מענטש, וואָס קלעבט זיך גיך צו צו די לייט, וואָלט זיך שטאַרק געקענט אַנטוישן. ס׳איז אַזאַ אומאָנגענעמע און דערנידערנדיקע זאַך אָנצונעמען געזעלשאַפט־פלע־ווען פאַר זוימען! וואָס שייך מיר האָב איך דעריבער טאַקע מורא פאַר מענטשן; הגם הער פּאָלאַניעצקי זאָגט, אַז כ׳האָב אַ חוש, איך ווייס אָבער אויסגעצייכנט, אַז אין תוך גענומען בין איך באַזוי, און אַזעלכע זאַכן טון מיר שטאַרק וויי. מיינע נערוון פאַרטראָגן עס ממש נישט. איך געדענק, אַז ווען כ׳בין נאָך געווען אַ יינגל, האָב איך באַמערקט, אַז מענטשן זענען צו מיר אַנדערש אין קעגנ־וואַרט פון די עלטערן, און אַנדערש, ווען זיי זענען נישטאָ. דאָס זענען געווען איינע פון די גרעסטע אומאָנגענעמלעכקייטן אין מיין

קינדהייט. דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן נידערטרעכטיק. און ס'האָט מיך אַזוי געפּייניקט, ווי איך וואָלט אַליין באַגאַנגען עפּעס אַ געמיינהייט.

— ווייל איר האָט אַן ערלעך האַרץ — האָט אַ זאָג געטון פרוי ביגעל.

ער ווידער האָט אויסגעצויגן זיינע לאַנגע הענט, מיט וועלכע ער האָט אַ טבע געהאַט צו מאַכן ווען ער פלעגט פאַרגעסן אָן זיין אומדרייסטקייט און רעדן פריי, און ער האָט אויסגעשריגן:

— אַך, ערלעכקייט! דאָס איז אין קונסט, ווי אין לעבן די איינציקע זאַך!

פרוי פּאָלאַניעצקאַ אָבער האָט אָנגעהויבן פאַרטיידיקן יענע דאַמען. מענטשן, דערהויפּט מאַנסלייט, זענען אָפטמאָל נישט יושרדיק און נעמען זייערע אייגענע חשדים און אפילו השערות אָן פאַר ווירקלעכקייט. וואָס שייך פרוי אָסנאָווסקאַ און פריילין קאָסמעלי, ווי קען מען זיי נאָכן צווייטן מאָל זען חושד זיין? זיי זענען פריילעכע, גוטע, ליבנסווירדיקע, פון וואַנען-זשע זאָל שטאַמען די ליבנסווירדיקייט, אויב נישט פון ערלעכן האַרץ?

— נאָכדעם, ווענדנדיק זיך צו זאַווילאָווסקין, האָט זי זיך אָנגעהויבן מיט אים רייצן, אַ ביסל אין שפּאַס, און אַ ביסל אויפן רעכטן אמת:

— אָבער איר האָט נישט אַזאַ ערלעך האַרץ, ווי עס זאָגט פרוי ביגעל, מחמת די דאַמען ליובן אייך, און איר באַרעדט זיי!...

פּאָלאַניעצקי אָבער האָט איר איבערגעריסן מיט זיין געוויינטלעכער פריינטלעכקייט

— אַך, דו ביסט אויך נאַיִוו און אַלע מעסטן מיט דיין אייגענער מאָס. ווייס-זשע, אַז די אומגאַנגס-גוטסקייט און ליבנסווירדיקייט קענען שטאַמען אויך פון עגאָיִזם, וואָס וויל, עס זאָל אים זיין פריילעך אין רויִק.

נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטון צו זאַווילאָווסקין:

— אויף איר האָט אַזוי ליב ערלעכקייט — איז אָט! דאָ האָט איר דעם אמתן טיפּ.

— איך ווייס! איך ווייס! — האָט אַ זאָג געטאָן זאַווילאָוו־סקי מיט התלהבות.

— וואָלסט וועלן, עס זאָל זיין אַנדערש? — האָט אַ פרעג געטאָן מאַריניאַ לאַכנדיק.

— ניין; כ׳וואָלט נישט וועלן, אָבער פון דער צווייטער זייט ווידער, וואָס פאַר אַ גליק איז עס, למשל, וואָס דו ביסט נישט צו קליין און דאַרפסט נישט טראָגן קיין קאָרקעס. ווייל, ווען דו זאָלסט זיי טראָגן, וואָלסטו כסדר געהאַט אַ געוויסן־אָנצינדונג, וואָס דו גאַרסט אָפּ מענטשן.

מאַריניאַ אָבער, זעענדיק, אַז זאַווילאָווסקיס בליק האָט זיך געווענדט אויף אירע פיס, האָט זי זיי נישט ווילנדיק באַהאַלטן אונטערן טיש, און ענדערנדיק דעם שמועס, האָט זי אַ זאָג גע־טאָן:

— אייער באַנד וועט, דאַכט זיך, די טעג שוין אַרויס?

— ער וואָלט שוין געווען אַרויס — האָט געענטפערט זאַ־ווילאָווסקי — כ׳האָב אָבער צוגעגעבן נאָך איין ליד — און דאָס וועט פאַרציִען דאָס דערשיינען.

— מען קען וויסן דעם נאָמען פונם ליד?

— ליליע.

— נישט ליליע־ליגעטאַ אַמאָל?

— ניין, מאַדאַם. נישט ליליע־ליגעטאַ.

מאַרינאַס געזיכט איז געוואָרן ערנסט. פון דער תשובה איז איר לייכט געווען זיך משער צו זיין, אַז דאָס איז אַ ליד צו איר און וועגן איר, דעריבער איז איר פּלוצלינג אומאָנגענעם געוואָרן, וואָס בלויז זי איינע און דער צווייטער זאַווילאָווסקי פאַרשטייט זיך אויף דעם, און וואָס צוליב דעם אַנטשטייט צווישן זיי אַ מין געהיימניש, וואָס איז בלויז זיי באַוווּסט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פּאַסט זיך עפּעס נישט מיט איר ערלעכקייט, וועגן וואָס מען האָט ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק גערעדט, און אַז דאָס איז עפּעס אַן עבירה בנוגע צו „סטאַכן”. דאָס ערשטע מאָל האָט זי

באַמערקט אין וואָס פאַר אַ גייסטיקער פאַרלעגנהייט עס קען אַריין אַ פרוי, וועלכע איז אַפילו צום שטרקסטן פאַרליבט אינעם מאַן און די אומשולדיקסטע, אויב עס וועט נאָר פאַלן אויף איר דער נישט גלייכגילטיקער בליק פון אַ מאַנסביל. מחמת דערציילן דעם מאַן אירע השערות האָט זי פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר אַן אומגליקלעכע זאַך. דאָס ערשטע מאָל האָט זי באַהערשט עפּעס אַ כעס אויף זאַווילאָווסקין, ער ווידער האָט תיכף דערפילט מיט זיינע נערוון פון אַ קינסטלער, פונקט, ווי אַ באַראָמעטער דערפילט די שינויים פון וועטער, היות אָבער ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום דערפאַרונג, האָט ער די זאַך גענומען טראַגיש. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מאַריניאַ וועט פאַר אים פאַרמאַכן די טיר, אַז זי וועט אים פיינט קריגן, אַז ער וועט זי נישט קענען מער זען — און די גאַנצע וועלט האָט זיך אים תיכף געמאָלט אין טרויעריקע פאַרבן. אין זיין אַרטיסטישער נאַטור האָט עקזיסטירט אַן אמת געמיש פון עגאָיזם, דמיון און אמתע האַרציקייט, כמעט פרוילעכע, וואָס האָבן באַדאַרפט האָבן וואַרעמקייט און ליבע. באַקענענדיק זיך מיט פרוי פּאָלאַניעצקאַ, איז ער צוגעקלעבט געוואָרן צו איר מיט דעם אמתן עגאָיזם פון אַ סיוואַריט, וועלכן אַזאַ געפיל איז ליב, און וועלכער טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש נישט; שפּעטער האָט זיין פאַנטאַזיע זי אויפגעהויבן אויף פּאָעטישע הייכן און, פאַרגרעסערנדיק הונדערט מאָל איר חן, האָט ער געמאַכט פון איר אַ נישט־ערדיש וועזן, ענדלעך האָט די איינגעבוירענע האַרציקייט, וואָס די איינזאַמקייט און דאָס פעלן פון אַ נאָענט האַרץ האָט איר פאַרשאַפט אמתע יסורים, אַזוי גערירט געוואָרן פון דער גוטקייט, מיט וועלכער מען האָט אים צוגעטוליעט, אַז פון דעם אַלעם איז געבוירן געוואָרן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע סימנים פון ליבע. דעם געפיל האָט אָבער געפעלט רעאַלע יסודות. זאַווילאָווסקי, ווי בכלל דאָס רוב קינסטלער, האָט צוזאַמען מיט אַזעלכע אידעאַלע אויפברויזן. ווי אידעאַליש עס איז די נשמה אַליין, אויך געהאַט אין זיך אַ תאווה פון אַ סאַטיר. די תאווה איז דאָס מאָל אין אים געשלאָפן. ער האָט מאַריניאַן באַקליידט מיט אַזאַ גלאַנץ, מיט אַזאַ הייליקייט, אַז ער האָט

קיין שום גלוסטן צו איר נישט געהאַט. ווען זי זאָל, קעגן יעדער מעגלעכקייט אומגעריכט זיך וואַרפן אים אויפן האַלדז וואָלט זי עסטעטיש או פגעהערט צו זיין פאַר אים דאָס, וואָס זי איז געווען און וואָס ער האָט געוואָלט אין איר האָבן, דאָס הייסט: אַן אומבאַפלעקט ווען. און דעריבער האָט ער נאָך מער געהאַלטן, אַז ער קען זיך אַזאַ געפיל דערלויבן צו האָבן, און דעריבער איז אים נאָך מער אַ שאָד געווען די הנאה, וואָס האָט אַזוי שיין געוויגט זיינע מחשבות און פול געמאַכט דעם חלל פון לעבן. אים איז אַזוי גוט געווען מיט דעם, אַז אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער געזען עפּעס אַ פרויען־געשטאַלט, וואָס ער האָט צו די פיס אירע געלייגט די נשמה זיינע, אַז ער האָט געהאַט ווענן וועמען צו חלומען און צו וועמען צו שרייבן לידער. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויך פרוי פּאָלאַניעצקאַ וועט זיך קלאָר משער זיין, וואָס עס טוט זיך אין אים, און אויב ער וועט נישט מסוגל זיין אַליין עס בעסער צו פאַרבאָרגן, ווי ביז איצט, וועט זייער באַציונג נישט קענען ווייטער בלייבן, און דער פריערדיקער חלל, איצט נאָך אַ אַ ווייטיקלעכער, וועט אים ווידער אַרומנעמען. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן אָנצושטרענגען דעם מוח, ווי ער וואָלט עס וועלן פאַרהיטן און נישט בלויז פאַרלירן פון דעם, וואָס ער האָט ביז אַהער געהאַט, נאָר פאַרקערט, נאָך אָפטער זען מאַריניאַן. אין זיין לעבעדיקן דמיון האָט נישט געפעלט קיין מיטלען, און דורכקוקנדיק זיי בחפזון, האָט ער געפונען און אויסגעקליבן איינס, וואָס האָט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, געפירט דורכן גלייכסטן וועג צום ציל.

— איך וויל מיך כלומרשט פאַרליבן אין פרייליין קאַסטעלי — האָט ער געזאָגט צו זיך — איר ווידער וועל איך זיך פאַרטרויען מיט מיינע יסורים. דאָס וועט נישט בלויז נישט דערווייטערן אונדז, נאָר דערנענטערן, איך וועל זי מאַכן פאַר מיינס אַ פּאַטראָנין.

און ער האָט תיכף זיך אָנגעהויבן די זאַך צונויפשטעלן, פונקט ווי ער וואָלט צונויפגעשטעלט אַ ווערק, פאַרגעשטעלט האָט ער זיך, אַז ער ליבט זיך באמת אין יענער „שלאָפנדיקער בת־מלכה",

אַז ער איז אומגליקלעך און פֿאַרטרויט זײַן סוד מאַריניאַן, וואָס הערט זיך איין צו אים אַן אײַנגעבויגענע מיט פֿייכטע אויגן פֿיל רחמנות און, ווי אַן אמתע שוועסטער, לייגט זי אים די האַנט אַרויף אויפֿן שטערן. דאָסדאָזיקע שפּיל פֿונם רוח האָט זיך אים אויסגע־וויזן אַזוי וואַרשײַנלעך, און זײַן אײַנדריקלעכקייט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט קאָמבינירט ווערטער, מיט וועלכע ער וועט זיך מתוודה זײַן פֿאַר מאַריניאַן — ער האָט אויסגעזוכט פּשוטע און האַרצרײַסנדיקע — און געטון עס מיט אַזאַ געפֿיל, אַז אים האָט עס אמתדיק גערירט.

מאַריניאַ ווידער, אומקערנדיק זיך אַהיים מיטן מאַן, האָט געטראַכט וועגן דעם ליד, וואָס האָט געהייסן „ליליע" און האָט פֿאַרהאַלטן דאָס דערשײַנען פֿונם ביכל. ווי אַן אמתע פֿרוי, איז זי געווען אַ ביסל בײַגיריק, און אַ ביסל האָט זי מורא געהאַט. זי האָט אויך מורא געהאַט בכלל פֿאַר די צרות, וואָס האָבן גע־קענט געבוירן ווערן להבא פֿון דער באַציִונג מיט זאַווילאָווסקין.

און אונטער דער השפּעה פֿון דערדאָזיקער מורא, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דו ווייסט וועגן וואָס איך טראַכט? אַז אַזאַ ליבעטאַ וואָלט פֿונדעסטוועגן געווען אַ גליק פֿאַר זאַווילאָווסקין.

— זאָג מיר — האָט געענטפֿערט פּאָלאַניעצקי — וואָס איז אײַך עפּעס געקומען אין קאָפּ אַרײַן מיט דעם זאַווילאָווסקין און מיט יענער איטאַליענישער גידיע?

— איך, סטאַך מײַנער, שדכן דאָך נישט, נאָר כ'זאָג בלויז, אַז עס וואָלט נישט געווען שלעכט. בײַ אַנעטאַ אָסנאָווסקאַ ברענט עפּעס אין מוח, דאָס איז אמת, זי איז אָבער אַזוי לעבעדיק, ווי אַ פֿונק.

— אַ משוגענע, נישט קיין לעבעדיקע. גלייב מיר, זי איז גאָרנישט אַזוי נאַיִוו, ווי דיר דאַכט זיך, און האָט אין אַלץ אירס אַ פּלאַנעכל. אַמאָל טראַכט איך, אַז פֿרײַלין קאַסטעלי גייט זי אַזוי פֿיל אָן ווי מיך, און אַז אויפֿן דנאָ פֿון דעם אַלעם איז פֿאַראַן עפּעס אַנדערש.

— וואָס קען דאָ אַזוינס זיין דען?

— כ'ווייס אַליין נישט, און ווייס עס נישט אפשר דערפֿאַר, ווייל עס גייט מיך ווייניק וואָס אָן. בכלל האָב איך נישט קיין איבעריקן צוטרוי צו די ווייבער.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט זיי איבערגעריסן מאַשקאָ, וואָס איז גראָד צוגעפאָרן צו זייער הויז אין אַ דראָזשקע, און באַמערקנדיק זיי, האָט ער זיך צוגעאײַלט צו באַגריסן מאַריניאַן, און נאָכדעם אַ זאָג געטון צו פּאָלאַניעצקין:

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן, ווייל מאָרגן פֿאָר איך אַוועק אויף עטלעכע טעג, און היות היינט איז דער טער-מין, האָב איך דיר געבראַכט געלט.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדעט צו מאַריניאַן:

— איך בין גראָד געווען בײַ אייער פֿאָטער. הער פּלאַ-וויצקי זעט אויס אויסגעצייכנט, ער האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ער בענקט אין דאָרף אַרײַן און נאָך דער ווירטשאַפֿט, און איז זיך דעריבער מיישב, צי זאָל ער נישט קויפֿן עפּעס אַ שטיקל גוט הינטער דער שטאָט. כ'האָב אים געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן געווינען דעם פּראָצעס, קען ער בלײַבן בײַ פּלאָשאָוו.

מאַריניאַן האָט דער שמועס, דורך וועלכן אגב עס האָט זיך געפֿילט אַ לייכטע איראָניע, נישט געשמעקט, האָט זי דערי-בער נישט געוואָלט אים אונטערהאַלטן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּאָלאַניעצקי אַרײַנגענומען מאַשקאָן צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן.

— גייט, הייסט עס, אַלץ כשורה? — האָט ער אַ זאָג געטון.

— אָט איז די ראַטע — האָט געענטפֿערט מאַשקאָ — וואָס עס קומט דיר פֿון דיין סומע. זיי מוחל, קוויטיר מיר.

פּאָלאַניעצקי האָט זיך געזעצט צום שרייב-טיש און אָנגע-שריבן אַ קוויט, מאַשקאָ ווידער האָט אַ זאָג געטון:

— און איצט ווידער אַן אַנדערער ענין. כ'האָב דיר אַמאָל פֿאַרקויפֿט דעם דעמבענעם וואַלד אין קזשעמיען, בתנאי, אַז איך וועל אים קענען אָפּקויפֿן פֿאַרן קרן מיט פּראָצענט. אָט האָסטו

דעם קרן מיטן פּראַצענט. איך האָף, אַז האָסט נאָרנישט צוצוגעבן, איך ווידער קען דיר נאָר דאַנקען, מחמת האָסט מיר דאַמאָלס געטון אַן אמתע טובה און — איב וועסט אַמאָל באַדאַרפן עפּעס פון מיר — בעט איך דיך — אָן שום צערעמאָניעס! — בעט איך דיך צו מיר ווי צו זיך אַליין — אַ טובה פאַר אַ טובה! ווייסט דאָך, אַז כ'האָב ליב צו זיין דאַנקבאַר!

— די מאַלפּע הייבט מיר אָן גאָר פּראָטעזשירן! — האָט אַ טראַכט געטון פּאָלאַניעצקי.

און ווען ער זאָל נישט געווען זיין באַ זיך, וואָלט ער דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט הויך, ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן און געזאָגט:

— כ'האָב גאָרנישט צוצוגעבן, ווייל מיר האָבן געהאַט אַזאַ אָפּמאַך. איך האָב עס קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר קיין געשעפט.

— שעץ איך עס נאָכמער. — האָט מאַשקאָ גנעדיק געענטפערט.

— און וואָס הערט מען באַ דיר בכלל? — האָט אַ פרעג געטון פּאָלאַניעצקי. — איך זע, אַז דו שווימסט אויף אַלע זעגלען. ווי איז מיטן פּראָצעס?

מצד די צדקה-חברות טרעט אַרויס עפּעס אַ יונג אַדוואָקאַטל, וואָס הייסט „שליעדזש"*) אַ שיינער נאָמען, אמת? ווען כ'זאָל אַ קאַץ אַזוי אָנרופן, וואָלט זי דריי טעג געמיאַוקעט. איך וועל אָבער דעם הערינג איינפּעפּערן און אויפעסן. דו פרעגסט, ווי ס'איז מיטן פּראָצעס? דער פּראָצעס האַלט אַזוי, אַז נאָכן פאַרענדיקן וועל איך מסתמא קענען ווערן אויס אַדוואָקאַטל, וואָס איז אגב פאַר מיר קיין פּאַסיקע אַרבעט נישט — און זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין קזשעמיען.

— מיט מזומנים אין קעשענע?

— מיט מזומנים אין קעשענע — און צו דעם מיט גרויסע. גענוג שוין געווען אַדוואָקאַט. איבעריקנס, ווער עס שטאַמט פון

---

*) אַ הערינג.

דער ערד, דער ציט צוריק צו דער ערד. דאָס קומט בירושה צוזאַמען מיטן בלוט, אָבער גענוג גערעדט. מאָרגן, ווי כ׳האָב דיר געזאָגט, פאָר איך אַוועק און כ׳גיב אייך איבער מיין מאַדאַם, בפרט ווען פרוי קראַסאָווסקאַ איז ערשט די רגע געפאָרן צו אַן אויגן־דאָקטאָר קיין ווין. איך קלויב זיך נאָך אויך צו די אָסנאָווסקיס צו בעטן, זיי זאָלן אויך אָן איר געדענקען.

— מיט פאַרגניגן, — אדרבה! — האָט געענטפערט פּאָלאַניעצקי.

שפּעטער איז אים געקומען אויפן רעיון דער שמועס מיט מאַריניאַן, און ער האָט אַ פרעג געטון:

— דו קענסט שוין לאַנג די אָסנאָווסקיס?

— גאַנץ לאַנג. מיין ווייב קען זיי נאָך בעסער. ער איז אַ גרויסער עושר; ער האָט געהאַט אַן איינאיינציקע שוועסטער, וואָס איז געשטאָרבן, און אַ קאַצן אַ פעטער, נאָך וועלכן ער האָט געירשנט אַ גרויס פאַרמעגן. וואָס שייך איר — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — זי פלעגט לייענען נאָך מיידלווייז, וואָס עס איז איר נאָר געקומען אין דער האַנט אַריין, האָט געהאַט פּרע־טענזיעס אויף שכל, אויף קונסט — מיט איין וואָרט, אויף אַלץ, צו וואָס מען קען האָבן פּרעטענזיעס, און האָט זיך געליבט פון דער צווייטער זייט אין קאַסאָווסקין — אָט איז זי אינגאַנצן.

— און פרוי בראַניטש און פריילין קאַסטעלי?

— פריילין קאַסטעלי געפעלט גיכער פרויען, ווי מאַנסלייט, בכלל אָבער ווייס איך וועגן איר מער נישט ווי דאָס, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז דער זעלבער קאַסאָווסקי האָט זיך געשדכנט, אָדער שדכנט זיך צו איר, און פרוי בראַניטש...

דאָ האָט מאַשקאָ אָנגעהויבן לאַכן:

— די פרוי בראַניטש האָט דער קעדיוו אַליין געפירט אויף כעאָפּס פּיראַמידע, דער פאַרשטאָרבענער אַלפאָנס פון שפּאַניע האָט איר יעדן טאָג געזאָגט אין קאָן: „באָנזשור מאַדאַם לאַ קאָנטעס!*) פּיוסע האָט אין זעקס און פופציקסטן יאָר איר גע־

*) גוט מאָרגן, פרוי גרעפין!

שרײַבן לידער אין אַלבום אַרײַן, און מאַלטקע פלעגט בײַ איר אָפּזיצן אויפן קופּערטל אין קאַרלסבאַד — מיט איין וואָרט: זי איז בכיוון געווען בײַ אַלע קסרים; איצט, ווען פריילין קאַסטעלי איז אויפגעוואַקסן, אָדער ריכטיקער אויפגעשפּראָצט אויף פינף פוס מיט עפּעס צאָל אינדערהייך, מאַכט די מומע: „די פּאַרזיסערקע" אירע רייזעס בכיוון, שוין נישט אויפן אייגענעם חשבון, נאָר אויף דער שוועסטערנטאָכטערס, און וואָס עס העלפט איר פון אַ געוויסער צייט אָן פרוי זאַסנאַווסקאַ אַזוי פלייסיק, אַז ס'איז ממש שווער צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ציל זי האָט אין דעם. אָט, איז זאַלץ, סיידן דו ווילסט עפּעס ידיעות וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם מיט זעקס יאָר צוריק, ווער ווייסט אויף וואָס פאַר אַ קראַנקייט, הער בראָניטש, מחמת יעדעס מאָל זוכט פרוי בראָניטש אויס אַן אַנדערע, צוגעבנדיק, אַז ער איז געווען דער לעצטער פון די רוריקאָוויטשעס, נישט דערמאָנענדיק אָבער דעם פאַרלעצטן, דאָס הייסט, דעם פאָטער זײַנעם וואָס איז געווען אַ פאַרוואַלטער בײַ די רדזוילטאָווסקיס, און האָט דאָרט געמאַכט דאָס פאַרמעגן. נו, כ'האָב געענדיקט... Vanity s fair זײַ מיר איצט געזונט, האָט זיך גוט, אַז וועסט דאַרפן, האָף אויך מיר. ווען כ'זאָל זײַן זיכער, אַז וועסט מיך אײַנגיכן באַדאַרפן, וואָלט איך דיך געצוווּנגען מבטיח צו זײַן מיר, אַז דו וועסט זיך צו קיינעם נישט ווענדן אַ חוץ מיר. צום ווידערזען.

זאָגנדיק דאָס, האָט מאַשקאָ אַ דרוק געטון פּאַניעצקיס האַנט מיט אומבאַשרייבלעכער גנעדיקייט — און איז אַרויס, פּאַניעצקי ווידער האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסל, און אַ זאָג געטון:

— נאָך גוט, וואָס דו האָסט מיר נישט קיין קלאַפּ געטון אין פּלייצע! Vanity s fair...! Vanity's fair! כלומרשט אַ פּלינק מענטשל, און זעט נישט אין זיך די זעלבע גאווה, וואָס ער לאַכט אויס בײַ יענעם. ווי אַנדערש! ער איז ערשט נישט לאַנג געווען! ער האָט שיִער נישט אויפגעהערט צו מאַכן דעם אָנשטעל, די צרות זענען אַוועק, איז שוין דער טײַוול ווידער אויפן פערד.

און אים איז געקומען אויפן רעיון, וואָס וואַסקאָווסקי האָט אַמאָל געזאָגט וועגן גאווה, וועגן קאָמעדיע, נאָכדעם האָט ער אַ טראַכט געטון:

— דאָך גייט אַזעלכע מענטשן באַ אונדז גוט.

XXIV.

פרוי אָסנאָווסקאָ האָט אַזוי געהאַט פאַרגעסן אירע „פלאָ־ דענטיש־רוימישע” אָוונט׳, אַז זי האָט זיך ממש פאַרחידושט, ווען דער מאַן האָט זי וועגן דעם דערמאַנט. וואָס פאַר אַ אָוונטן! איר ליגט אפילו אין קאָפּ נישט! זי האָט איצט אַן אַנדערע אַר־ בעט, וואָס זי רופט אָן דאָס „היימיש מאַכן אַן אָדלער”. „אויב עמעץ זעט נישט, אַז דער אָדלער און ליגעטאַ זענען פאַר זיך באַשאַפן, האָט ער, זאָל ער עס מוחל זיין אַלס העראון מאַן, זייער אַ שלעכטע ראיה, אָבער אויף דעם איז קיין עצה נישאָ. מאַנס־ לייט זענען בכלל אַ סך זאַכן נישט משיג, מחמת עס פעלט זיי אויס געפיל! זאַווילאָווסקי איז אפשר אין דעם פּרט אַן אויס־ נאַם, ווען מאַריניאַ פּאָלאַניעצקאַ זאָל אים אָבער זאָגן אַלס גו־ טער פריינט, ער זאָל זיך לייטישער אָנטון און פאַרלאָזן אַ באָ־ד, וואָלט עס געווען אויסגעצייכנט! די קאָסטעלקע איז אַזוי דורך און דורך עסטעטיש, אַזאַ ליאַדע קליינינקייט אַרט זי, הגם פון דער צווייטער זייט, רייסט ער זי מיט — ס׳איז ווייניק! — ער

היפנאָטיזירט זי ממש!... און באַ איר בײַטור — וואָס איז דאָ דער חידוש!"

הער אָסנאָווסקי, הערנדיק אַזאַ טשוויטשעריי, פלעגט צעגיין פון נחת און, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, באַמיט זיך צו באַהערשן דער פרויס הענט, כדי זיי אויסצוקושן ביז די עלנבויגנס; איינמאָל האָט ער אָבער גאַנץ בתמימותדיק איבערגעשטעלט די פראַגע, וואָס פּאָלאַניעצקי האָט אויך געשטעלט מאַריניאַן:

— זאָג מיר, וואָס גייט עס דיר אַזוי אין לעבן?

פרוי אַנעטאַ אָבער האָט קאָקעטיש געענטפערט:

— la reine s'amuse! ביכער איז נישט קיין קונץ צו שרייבן. אַ ביסעלע טאַלענט — און פטור; אָבער דורכפירן אין לעבן דאָס, וועגן וואָס עס רעדן די ביכער, איז אַ סך אַ גרעסערע קונץ און צו דעם, וואָס פאַר אַ פאַרוויילונג!...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— אפשר האָב איך אין דעם באַך עפעס אַ פערזענלעכן ציל, און אויב יאָ, זאָל זיך יוזשאָ כשער זײַן.

— כ'וועל עס אײַנרוימען אין אויער אַרײַן — האָט געענטפערט אָסנאָווסקי.

זי ווידער האָט אונטערגעשטעלט דאָס אויער מיט ממזרישע מינעס, מרוגנדיק באַ דעם פון נײַגיריקייט מיט אירע פײַלכן־אויגן.

אָסנאָווסקי האָט בלויז צוליב דעם דערנענטערט די ליפּן צום אויער, כדי ער זאָל עס אַ קוש טון, און אַלס דעם גאַנצן סוד איבערגעחזרט:

— la reine s'amuse!

און ס'איז געווען ריכטיק, פרוי אָסנאָווסקאַ האָט זיך געקענט האָבן אירע פערזענלעכע צילן און דערנענטערן זאַווילאָווסקין מיט „קאַסטעלקאַן", פון דער צווייטער זײַט אָבער האָט דאָס שאַפן אַ ראָמאַן אין לעבן און איר ראָל פון אַ קליגעם גורל זי געוואַלטיק אינטערעסירט און געווײַלט.

מיט די גורל־כוונות פלעגט זי אָפטמאָל אַרײַנפאַלן צו מאַ־

ריניאַ פּאָלאַניעצקאַ, כּדי זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן „אָדלער“ און פלעגט על־פּי־רוב צוריקקומען אַ האָפּערדיקע, מחמת זאַווילאַווסקי האָט וועלנדיק איינשלעפן מאַריניאַס חשדים, וואָס אַמאָל מער גערעדט מיט איר וועגן פריילין ליבעטאַ. זיין דיפּלאָמאַטיע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ גוטע, בשעת פריי אָסבאָווסקאַ האָט פּשוט אַ פרעג געטון מאַריניאַן, צי זאַווילאַווסקי ליבט זיך אין איר, האָט זי לאַכנדיק געענטפערט:

— מיר מוזן מיט דעם שליסן שלום, מיין אַנעטעלע, אָבער נישט אין מיר, און נישט אין דיר. דאָס עפּעלע איז געוואָרן באַשטימט פאַר ליבעטאַן, און אונדז בלייבט גאָרנישט מער, ווי צו וויינען, אָדער זיך צו טרייסטן.

פון דער צווייטער זייט ווידער האָט פריילין קאַסטעלי כּסדר געלעבט, זיך איינרעדנדיק און אונטעררוקנדיק אַזעלכע געדאַנקען, אַזעלכע געפילן, וואָס די אייגנליבע אַליין האָט איר געהייסן נישט פאַרבאָרגן. פון דער פרי ביז אין אָוונט האָט זי געהערט, אַז דער „אָדלער“ מיט די ברייטע פליגל ליבט זיך אין איר, אַז ער ליגט בײַ אירע פיס, און אַזאַ אויסדערוויילט, אַזאַ אומגעוויינטלעך וועזן, ווי זי, טאָר נישט זיין אומפילנדיק צו דעם. דאָס האָט איר פאַרשאַפט צופיל גדלות, זי זאָל בלייבן אומפילנדיק. מאָלנדיק קאַפּאַהאָסקין, האָט זי טאַקע באַוווּנדערט תּמיד די „פּראַכטפולסטע פלעק“ אויף זיין געזיכט און אים ליב געהאַט, מחמת ער האָט איר צוגעשאַנצט אַ פעלד פאַר פאַרשידענע זאָגונגען, וואָס מען האָט שפּעטער געחזרט אַלס ראיה פון פלינקייט און שאַרפזין; זי האָט אים ליב געהאַט אויס כּמה־טעמים, זאַווילאַווסקי איז אָבער אויך נישט קיין מיאוסער בחור, הגם ער האָט קיין באָרד נישט געהאַט און זיך נישט אָנגעטון אַזוי לייטיש, אַ חוץ דעם האָט מען גערעדט אַזוי פיל וועגן זיינע פליגל און וועגן דעם, אַז אַ נשמה, ווי אירע, דאַרף אים משיג זיין! אַלע האָבן עס געזאָגט, נישט בלויז אַנעטקאַ! פרוי בראַניטש, וואָס האָט אַמאָל נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי עמעץ האָט געקענט זיך נישט ליבן אין איר, האָט שפּעטער איבערגעטראָגן די גליקלעכע זיכערקייט אויף דער שוועסטערנטאָכטער — און מיט דעם

דעם גופא זיך פאַרייניקט מיט פרוי אָסנאָווסקאַס מיינונג, אויס־העפּטנדיק באַ דעם די קאַנווע פון ווירקלעכקייט מיט בלומען פון דער אייגענער המצאה. ענדלעך האָט זיך אויך הער אָסנאָווס־קי פאַרשריבן אין כאָר. אויס ליבע צום ווייב, האָט ער אויך ליב געהאַט „קאַסטעלקען", פרוי בראָניטש און איז גרייט געווען ליב צו האָבן אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט אַ נאָענטערן אָדער ווייטערן שייכות צו „אַנטעקאַן". ער האָט דעריבער זיך גענומען צום האַרץ דעם ענין זאַווילאָווסקי האָט באַ אים נושא־חן געווען; די ידיעות ווידער, וואָס ער האָט וועגן אים צוזאַמענגענומען זענען געווען גינסטיקע. ער האָט בכלל זיך דערוווּסט וועגן אים בלויז דאָס, אַז ער איז געווען אַן אוממענטש, אַן אַמביציעזער און אַן עקשן אין אַלע זיינע כוונות... אַ חוץ דעם זייער אַ באַהאַלטע־נער און זייער אַ פעיקער; בשעת די דאַמען איז דאָס אַלץ גע־פעלן, האָט הער אָסנאָווסקי גאַנץ ערנסט גענומען טראַכטן: „וואָלט עס אַמאָל נישט גלייך געווען?" זאַווילאָווסקיס באַציונג האָט אַ ביסל באַרעכטיקט דעם ערנסטן קוק אויף דער זאַך, מחמת ער פלעגט פון אַ געוויסער צייט אָן אָפטער באַזוכן דעם „שותפותדיקן זאַל" און מער רעדן מיט פריילין ליגעטאַ. דאָס ערשטע האָט ער געטון לעולם תמיד לויט דער ליבנסווירדיקער בקשה פון פרוי אָסנאָווסקאַ, דאָס צווייטע אָבער האָט געשטאַמט פון זיין ווילן. פרוי אַנעטאַ האָט אויך באַמערקט, אַז זיין בליק פאַרהאַלט זיך וואָס אַמאָל אויפמערקזאַמער אויף קאַסטעלקעס גאָלדענע האָר און שלאָפנדיקע וויעס, און די אויגן זיינע באַגלייטן זי, ווען זי גייט דורך דעם זאַל. ער ווידער האָט באמת אָנגע־הויבן זיך צוצוקוקן צו איר, אַ ביסל אויס דיפּלאָמאַטיע, אַ ביסל אויס בייגיריקייט.

די זאַך איז אָבער געוואָרן אַ סך ערנסטער, ווען עס איז אַרויס זיין ערשטער באַנד לידער. פריער האָבן שוין די לידער געהאַט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און מען האָט אַ סך וועגן זיי גערעדט, דאָך האָט דער איינדרוק זיך צעברעקלט, ווייל זיי פלעגן אַרויסגיין פון צייט צו צייט און צעזייטערהייט. איצט האָט זיך דאָס ביכל געוואָרפן מענטשן אין די אויגן אַריין.

ס'איז אין דעם געווען גלאַנץ, קראַפט און אויפריכטיקייט. די שפּראַך האָט אין זיך געהאַט די שטאַרקייט און וואָג פון מעטאַל און דאָך האָט זי זיך געהאָרכזאַם געבויגן און באַקומען כּל־המינים אייִדלסטע פאָרמען. דער איינדרוק איז געוואַקסן, אײַנגיכן האָט דער געמורמל פון שבחים זיך געענדערט אין רייד פון באַוווּנדערונג. ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן האָט מען מגזם געווען, איבערגעשאַצט דאָס ווערק און מען האָט אין דעם יינגן דיכטער אָנגעהויבן זען דעם קומענדיקן יורש פון גרויסן רום. זיין נאָמען איז אַריבער פון די רעדאַקציע־קאַבינעטן צום ברייטן עולם. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אים אומעטום, זיך אינטערעסירן מיט אים און אים זוכן, די בייגיריקייט איז נאָך מער געוואַקסן דערפאַר, ווייל פּערזענלעך איז ער ווייניק געווען באַקאַנט. דער אַלטער, רייכער הער זאַווילאָווסקי, פריילין העלענאַס פאָטער, וואָס האָט אַ טבע געהאַט צו זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן צוויי גרעסטע מכּות אויף דער וועלט, פּאָדאַגרע און אָרימע קרובֿים, האָט איצט געחזרט פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט אים געפרעגט: „Mais oui, mais oui — c'est mon cousin!“ און אַזאַ דערקלערונג האָט געהאַט איר געזעלשאַפטלעכע וואָג פאַר אַסך פּערזאָנען, און צווישן זיי אַן ערשטקלאַסיקע פאַר פרוי בראָניטש. פרוי אָסנאָווסקאַ צוזאַמען מיט פריילין קאַסטעלי האָבן אויפגעהערט לייִרן אפילו צוליב דער ווייניק „געשמאַקפולער“ שפּילקע אין זאַווילאָווסקיס קראַוואַט, מחמת איצט האָט אַלץ שוין געקענט באַ אים אָנגיין פאַר אָריגינעל. עס האָט זיי נאָך שטילערהייט וויי געטון, וואָס ער הייסט איגנאַצי. זיי וואָלטן ליבערשט וועלן ער זאָל הייסן אַן אַנדערן נאָמען, וואָס זאָל גיכער זיך פּאַסן צו רום און פּאָעזיע. אָבער, ווען אָסנאָווסקי האָט זיי דערקלערט, אַז דאָס איז טייטש „אַ פייערדיקער“, האָבן זיי דערקלערט, אַז אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש — און האָבן שלום געשלאָסן מיט איגנאַצי.

אַן אמתע און גרויסע שמחה האָט צוליב דעם רום פון בוך געהערשט באַ די ביגעלס, באַ די פּאָלאַניעצקיס און אין ביוראָ. אין ביוראָ זענען קיין בעלי־קנאה נישט געווען. דער אַל־

טער קאַסיר, וואָלקאָווסקי. דער אַגענט אַבדולסקי און דער צווייטער בוכהאַלטער פּוזשנאַקאָווסקי זענען געווען שטאָלץ מיט זייער חבר, גלייך ווי זיין רום וואָלט באַשטראַלט אויך דאָס הויז. וואָלקאָווסקי האָט אפילו געזאָגט: „מ ר האָבן געזען לייטן, ווער מיר זענען". ביגעל האָט צוויי טעג באַטראַכט די זאַך, צי זאַווילאָווסקי קען נאָך אַלעם דעם בלייבן אויף דער באַשיידענער שטעל אין האַנדלס הויז אונטער דער פירמע „פּאָלאַניעצקי און ביגעל", זאַווילאָווסקי אָבער האָט אויף זיין נאָכפראַגע געענטפערט:

— ס'איז גוט! מיין ליבער הער! פאַרדעם, וואָס לייט רעדן אַ ביסל ווילט איר בײַ מיר אָפּנעמען דאָס שטיקל ברויט און די ליבסטע חברשאַפט אין דער וועלט. קיין פאַרלעגער האָב איך נישט געפונען און ווען איך זאָל נישט זיין אייער בוכהאַלטער, וואָלט איך נישט בכוח געווען דאָס ביכל צו רויסצוגעבן.

אויף אַזאַ אַרגומענט איז נישט געווען וואָס צו ענטפערן — און זאַווילאָווסקי איז געבליבן אין ביוראָ. ער פלעגט בלויז זיין וואָס אַמאָל אַן אָפטערער גאַסט הן בײַ די ביגעלס, הן בײַ די פּאָלאַניעצקיס. בײַ די אָסנאָווסקיס האָט ער זיך נישט געוויזן, זינט דאָס ביכל איז אַרויס אַ גאַנצע וואָך אַן ערך, גלייך ער וואָלט עפּעס אָפּגעטון אַ מיאוס שטיקל אַרבעט. פרוי ביגעל אָבער און מאַרינקאַ האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל גיין, ער אַליין האָט געהאַט אַ באַהאַלטענעם חשק, האָט ער זיך איינמאָל צו זיי אַריינגעכאַפּט.

ער האָט אָבער געטראָפן די דאַמען פונקט, ווען זיי האָבן גראָד געהאַלטן בײַם פאָרן אין טעאַטער, זיי האָבן דורכויס געוואָלט בלייבן, אָבער ער האָט נישט מסכים געווען, ביז ס'איז ענדלעך געבליבן בײַ דעם, וואָס האָט פאַרשאַפט אַן אמתע הנאה הן אַנעטאַן, הן פרײַלין קאַסטעלי, אַז ער וועט פאָרן מיט זיי צוזאַמען. אַזוי איז אויך געשען: „יושאָ, אויב ער וועט וועלן, וועט ער זיך נעמען אַ בילעט צווישן די שטולן", און יושאָ האָט זיך טאַקע גענומען אַ בילעט צווישן די שטולן. בשעת דער פאָרשטעלונג איז זאַווילאָווסקי געזעסן פאָרנט אין

דער לאָזשע, ווייל צוזאַמען מיט ליבעטאַן האָט פרוי אָסנאָווסקאַ זיך אייגעקשט, אַז זי וועט צוזאַמען מיט פרוי בראָניטש זיין „זייער מאַמע”. — „איר רעדט אייך וועגן וואָס איר ווילט, און איב עמעץ וועט קומען, וועל איך אים אַזוי דעם קאָפּ פאַרהאַקן, אַז ער וועט אייך שוין נישט קענען שטערן.” לייטנס אויגן האָבן זיך אָפּט געווענדט אויף דער לאָזשע, ווען מען האָט זיך דערווסט, ווער עס זיצט דאָרט. און פריילין קאַסטעלי האָט געפילט, אַז עס רינגלט זי אַרום עפּעס אַ שיין, זי האָט געפילט, אַז מענטשן קוקן נישט בלויז אויף אים, נאָר זיי פרעגן אויך, ווער איז עס דער קאָפּ מיט די גאָלדענע לאָקן און די שלאָפנדיקע ווִיעס, צו וועלכן ער בייגט זיך צו און רעדט? זי אַליין ווידער, קוקנדיק מינוטנווייז אויף אים, האָט צו זיך געזאָגט, אַז ווען נישט די צופיל אַרויסשטאַרנדיקע גאָמבע, וואָלט ער געווען אַ גאַנץ שיינער, אַ זייער איידעלער פּראָפיל, און אַז די גאָמבע וואָלט געקענט פאַרדעקן אַ באָרד... פרוי אָסנאָווסקאַ, פון איר זייט ווידער, האָט טיכטיק געהאַלטן איר צוזאָג און ווען קאָפּאָווסקי איז צוגעקומען, האָט זי אים אַזוי פאַרקלאַפּט, אַז ער האָט קיין צייט געהאַט זיך צו באַגריסן מיט פריילין קאַסטעלי און אַ זאָג טון צו הער זאַווילאָווסקי:

— און איר שרייבט לידער?

נאָכן מאַכן דידאַזיקע דערקלערונג, האָט ער נאָך באַוויזן צוצוגעבן, אָבער ריכטיקער אויסצודריקן זיך אין אַ פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג:

— איך וואָלט געוואַלטיק ליב געהאַט לידער, נאָר אַ מאָדנע זאַך, קוים הייב איך אָן לייענען אַ ליד, מוז איך תּיכּף טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

פריילין קאַסטעלי, אויסדרייענדיק צו אים דאָס געזיכט, האָט אויף אים געוואָרפן אַ לאַנגן בליק — און נער ווייסט, וואָס עס האָט אין דעם בליק איבערגעוויגן: די רשעות פון אַ פרוי, אָדער דאָס פּלוצלינגע באַוווּנדערונג פון אַ קינסטלערין — מחמת ער קאָפּ, וואָס האָט קיין מוח נישט געהאַט, האָט אַרויסבייגנדיק

זיך פון דער טיף לאָזשע אויסגעזען אויפן רויטן פאָן פון די ווענט, ווי עפּעס אַ מייסטערהאַפטער איינפאַל פון אַ מאָלער.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט פרוי אָסנאָווסקאַ נישט געוואָלט אָפּלאָזן זאַווילאָווסקין — און זיי זענען צוזאַמען געפאָרן אויף טיי. תיכף ווי זיי זענען אַהיימגעקומען, האָט פרוי בראָניטש אָנגעהויבן צו מאַכן אים פאָרוואורף:

— איר זענט אַ מיאוסער מענטש. און אויב לינעטקאַן וועט עפּעס געשען, וועט עס ליגן אויף אייער געוויסן. דאָס קינד, נישט עס עסט, נישט עס שלאָפט, נאָר עס האַלט אייך אין איין לייענען, אין איין לייענען...

פרוי אָסנאָווסקאַ ווידער האָט תיכף צוגעגעבן.

— יאָ! איך האָב זיך אויך וואָס צו באַקלאָגן: זי האָט צוגענומען אייער ביכל און וויל עס קיינעם אויף קיין איין מינוט נישט געבן, און אַז מיר בייזערן זיך, ווייסט איר, וואָס זי ענטפערט? — „ס'איז מיינס! ס'איז מיינס!“

פריילין קאַסטעלי, הגם זי האָט אין דער מינוט נישט געהאַט דאָס ביכל אין דער האַנט, האָט עס צוגעדריקט צו איר ברוסט, ווי זי וואָלט עפּעס ווערן און געענטפערט מיט אַ שטילער ווייכער שטים:

— ווייל ס'איז מיינס! מיינס!...

זאַווילאָווסקי האָט אויף איר אַ קוק געטון און דערפילט, אַז עס האָט אין אים עפּעס אַ ציטער געטון.

אומקערנדיק זיך אָבער שפּעט, איז ער פאַרבייגעגאַנגען לעבן די פּאָלאַניעצקיס פענסטער, אין וועלכע עס האָט זיך נאָך געלויכטן. נאָך דער פאָרשטעלונג און דעם שמועס בײַ די אָסנאָווסקיס, האָט ער געפילט עפּעס ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים. איצט האָבן אים די פענסטער צוריק אויפגעמונטערט. ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַזאַ גליקלעך געפיל, וואָס מען לעבט איבער, ווען מען טראַכט וועגן עפּעס זייער גוטס און טייערס. דאָס געוואַלטיק רייצנע פאַרגעטערן מאַריניאַן האָט זיך אין אים אָפּגערופן מיט דער אַמאָליקער קראַפט. אים האָט באַהערשט אַזאַ מילדער

עקסטאַז, אין וועלכן די חושים שלאָפֿן איין, אין דער מגיש ווערט כמעט אינגאַנצן זעל — און ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, שעפּטענדיק אויסצוגן פֿון ליד „ליליע", דעם התלהבות דיקסט, וואָס ער האָט וועלן אין לעבן אַנגעשריבן.

באַ די פּאַלאַניעצקיס האָט זיך געלויכטן נאָך דערפֿאַר, ווי געשען איז עפּעס אַזוינס, וואָס מאַריניאַן האָט זיך אויסגעוויזן, פֿאַר דעם אויסגעקוקטן גאָטס-גנאָד.

אין אָוונט, נאָכן טיי, איז זי געזעסן, ברעכנדיק זיך, ווי תמיד, דעם קאָפּ איבער די טאָג-חשבונות, פּלוצלינג אָבער האָט זי אַוועקגעלייגט די בלייפֿעדער. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי בלאַס געוואָרן — גלײַכגילטיק אָבער איז איר דאָס פּנים ליכטיק געוואָרן — און זי האָט מיט אַ ביסל אַ פֿאַרענדערטער שטים אַ זאָג געטאָן:

— סטאַך!...

אים האָט די שטים אַ ביסל פֿאַרחידושט, ער האָט זיך דעריבער דערנענטערט און געפֿרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? ביסט אַ ביסל בלאַס.

— קום נענטער, כ׳האָב דיר עפּעס צו זאָגן.

און אַרומנעמענדיק מיט די הענט זײַן קאָפּ, האָט זי אים אָנגעהויבן עפּעס אײַנצורוימען אין אויער — ער האָט זיך צוגעהערט, נאָכדעם איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט:

— רעג דיך נאָר נישט אויף, ווײַל דאָס קען דיר נאָך פֿאַרשאַטן...

אָבער גלײַך אין זײַנע ווערטער האָט זיך געפֿילט אַ געוויסע אויפֿרעגונג... ער האָט אַ ווײַלע געשפּאַנט אַ בערן צימער — צוריקקערנדיק זיך צום ווײַב — ענדלעך האָט ער איר ווידער אַ קוש געטאָן אין שטערן:

— מענטשן ווינטשן זיך געוויינטלעך צו האָבן צום ערשט אַ זון — האָט ער אַ זאָג געטאָן — דו געדענקסט אָבער, ס׳זאָל זײַן אַ טאָכטער. מיר וועלן איר אַ נאָמען געבן ליסקאַ.

די האָבן אָבער ביידע די נאַכט נישט געקענט איינ־שלאָפן — עס פאַרהאָס וואַחילאַחסקי האָט אין זייערע פענסטער געזען אַ שיין.

סוף פון צווייטן טייל.